STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06458

GEKLIBENE SHRIFTN

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאָלאָמב

גנעקליבענע שריפטן

דריטער באַנד

אונדזער גאַנג דורך דער אייביקייט

דריטער באַנד
קאָמיטעט אַרויסצוגעבן געקליבענע שריפטן פון
א. גאָלאָמב

A. GOLOMB

OBRAS ESCOGIDAS

Tomo 3

NUESTRA MARCHA HACIA LA ETERNIDAD

Copripriglit Ley A. Golomb

COMITE PARA EDITAR OBRAS
ESCOGIDAS DE A. GOLOMB
MEXICO, 1945-1946.

[illegible]

אונדזער גאנג דורך דער אייביקייט

...מיט איין פוס שטייט ער ווייט הינטער
דעם דור פון די מיצרישע פּיראַמידן און מיט
דער צווייטער — ווייט איבער דעם דור פון
ראַדיאָ, אַעראָפּלאַנען און אַטאָם באָמבעס.
און אין דעם שטאָט איז צונויפגעראָלט גאָר
די געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט.
און ער גייט פאָרויס זיין אייגענעם וועג.

קורצע הקדמה

אין דעם באנד, דעם דריטן אין דער אויסגאַבע בכלל און דעם ערשטן נישט פעדאַגאָגישן האָב איך אַריינגענומען אַ סעריע אַרבעטן וואָס באַמיען זיך אויפצוקלערן דאָס אייגנטימלעכע, דאָס כאַראַקטעריסטישסטע אין אונדז און אין אונדזער לאַנגן לעבן. לויט מיין גלויבן זענען דאָס נישט קיין דרויסנדיקע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע באַדינגונגען נאָר אינעווייניקסטע אייגנשאַפטן פון דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אונדזערן. דאָס זענען די גענאָטיפּישע אָרגאַנישע אייגנשאַפטן וואָס ענדערן זיך נישט כאָטש זיי קענען צומאָל זיין פאַרטושט און פאַרדעקט מיט אַנדערע צופעליקע אייגנשאַפטן און דערשיינונגען. עס איז מיין גלויבן אַז אָט די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון אונדזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער — זיי זענען דער הויפּט פאַקטאָר אין אונדזער לעבן, אין אונדזער געשיכטע. לאָמיר דערקענען זיך אַליין.

די אויפגאבן פון יידישן געדאנק

(אריינפיר)

אין די איצטיקע פינצטערע און ביטערע צייטן קען פרייהייט פון געדאנק אויסזען ווי א לוקסוס. פרייהייט, אינדיווידואליזם, יעטווידער יחיד פארטיפט זיך אין זיינע יחידישע ניואנסן, בעת לעבן קען מען בלויז מיט געמיינזאמע, אויפגעזאמלטע און קאנצענטרירטע כוחות, מיט אן איינהייטלעכן געדאנק, וואס שטאמט פון א קאלעקטיוון געפיל, פון א קיבוץ־ווילן צו לעבן און אנטוויקלונג.

פון דער צווייטער זייט אבער שטייען מיר אין מיטן פון דער וועלט־מגיפה, וואס האט ווי א קללה פון אשמדאי פארפלייצט אלע וועלטן און פארוואנדלט פעלקער אין גרויזאמע, פארשאלטענע גולמס, אן א זינען און אן א ווילן, וואס קענען פארלאנגען און באוועגן זיך נאר לויטן טייטל פונם אשמדאי. און די דאזיקע מגיפה צעגיסט זיך ווי גיפטיקע גאזן — א פראדוקט פון דער „העכסטער" אייראפעאישער קולטור. און טייער ווערט די פרייהייט פון דענקען — דער איינציקער קעגנגיפט קעגן אט דער גייסטיק־מאראלישער מגיפה.

איז דאס טאקע א שווערע דילעמע. פונדעסטוועגן גלויב איך באמונה שלמה, אז אין די פארבארגענע טיפענישן פון די נשמות איז ביים היינטיקן דור יידן פאראן אן אלגעמיינער, קאלעקטיווער ווילן פון יידישן לעבן. ער איז ערגעץ־ווו פארווארפן, פארשאטן מיט כל־המינים ברוכווארג פון געדאנקען און אידעען פון אלע לענדער און פון אלע

קולטורן. אַט דער יידישער ווילן איז אין אונדזערע נשמות דעפּאַרמירט דורך דער מאַסע פון אַלערליי גלאַנציקע וועלט־אידעען, וואָס מיר האָבן מיט גיריקייט און קנאה פון בעטלער אָנגעקליבן אין פרעמדע ווינקע־לעך, כדי זיך אָנצוקליידן אין זיי און צו פאַרשטעלן אונדזער אייגענעם ווילן און אונדזער אייגענעם „איך".

אָבער אַט דער יידישער ווילן מוז איצט אַנטפּלעקט ווערן, ער מוז אויסגעפורעמט ווערן צו דער אידעע פון אונדזער יידיש לעבן, ער מוז ווערן די אַקס, וואָס פאַרייניקט, וואָס פאַרבינדט, וואָס דערנענטערט אינעווייניק, גייסטיק און מאָראַליש. עס דאַרף זיך אויסשמידן דער „אחד", וואָס צו אים קומען אַלע פון אַלע פאַרשיידענע בלאָנדזשענישן. און כדי צו קומען צו אַט דער געמיינזאַמקייט, דאַרף מען טאַקע האָבן פרייהייט. אָבער נישט בלויז אויסנווייניקסטע, צענזור־פרייהייט, מען דאַרף אויך פאַרמאָגן אייגענע מוטיקייט צו קענען ברעכן די אייגענע געצן, אָפּשיילן אַלע פאַרהייליקטע שאַלעכצן, כדי צו דערגיין צו דעם אמת. עס איז אַ צייט, וואָס צווינגט נישט צו צערטלען יחידישע שפּליטערן פון געדאַנק, נאָר צו פורעמען דאָס אַלגעמיינע אין די הערצער און מוחות פון יחידים. אַניט — לוינט אינגאַנצן נישט די טירחה.

לאָמיר גיין כסדר. דער זינען פון לעבן איז לעבן. דער זינען פון יידישן לעבן איז אין דער גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פון יידישן לעבן דורך דורות, צייטן, וועלטן און לענדער — איינהייטלעכע יידישקייט דורך צייט און רוים. צי מיר ווילן עס, צי מיר ווילן עס נישט, אַזוי איז דאָס. די, וואָס ווילן אַנטלויפן, זיך ראַטעווען, אַנטרינען פון אַט דער אייגענער יידישקייט — זאָלן זיי לויפן. זיי וועלן, אומגליקלעכע און דערשלאָגענע, קומען צוריק. דעם אייגענעם גאָט אין האַרצן לאַנג אַרויסגעוואָרפן, פונם פרעמדן נעץ באַרויבט געוואָרענע, קלאַפּן זיי, די אומגליקלעכע „עמאַנציפּירטע", אין די טירן פון דער אַקטיווער יידישקייט און בעטן הילף, ווי פאַרבלאָנדזשעטע נאָך אַ שיף־בראָך. הונדערטער יאָרן האָבן און גלויבן אין חסד און פיינקייט פון פעלקער האָבן באַנקראָטירט און זיי וועלן ווייטער באַנקראָטירן אומעטום, ווייל די טבע פון מענטשן און פעלקער איז שוין אַזאַ פיינט צו האָבן דעם אייגנבעטענעם, אפילו ווען מען האָט אויף אים רחמנות. דער יצר הרע

איז אייביקער פונם יצר טוב מיט זיינע שוואכע, אָנגעשטרענגטע גוטע כוונות.

נישטאָ קיין אַנטרינונג פאַר יידן אויסער אין אָרגאַניזירטער, אין באַוווסטזיניקער און געטרייער יידישקייט. קיינער, קיינער וועט נישט אויסלייזן די, וואָס ווילן אַליין נישט אויסגעלייזט ווערן. בלויז אַ באַוווסטזיניקער, אַ קלאָרער און דייטלעכער ווילן און שעפערישע יידיש־קייט וועלן אויסלייזן יידן. פאַשיזם קען איבערגיין, פינצטערע כמארעס קענען זיך צעגיין (כאָטש ווער ווייסט ווען?) — און מיר וועלן נישט געראַטעוועט ווערן סיידן דורך זיך אַליין. די גאולה פון יידן איז אין יידישקייט גופא. נישט עמאַנציפאַציע איז די גאולה. נישט אויטאָעמאַנ־ציפאַציע. נאָר אויפהערן יאָגן זיך נאָך גלייכקייט פון רעכט דאַרף מען. מען דאַרף זיך אויסהיילן פון דער בענקשאַפט נאָך איר, פון דעם שטרעבן צו זיין „מיט ליטן גלייך". די גאולה וועט קומען, ווען מען וועט זי אויפהערן צו זוכן ערגעץ איבער אַלע וועלטן און מען וועט זיך ווענדן, ווי שטאָלצע יחידים פון אַ שטאָלצן קאָלעקטיוו, צו אָרגאַ־ניזירן די גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פון אַ וועלט מיט יידן, ווען מען וועט, באַפרייטע פון יעטווידן דראַנג נאָכצוטאָן, זיך פאַרטיפן אין דעם גאַנג, אין דעם זינען און מהות פון דער אייביקייט פון פאָלק און זוכן צו געפינען דעם אויסדרוק פון דער יידישער אייביקייט אין פאַר־מען פון היינט, פון נעגעבענעם דור. אויב דער אייביקער סימבאָל פון יידישקייט איז „שמע ישראל, ד' אלהינו ד' אחד", איז דער פירוש פון דעם אין היינטיקן דור — אייביקע, אַלוועלטלעכע, אָרגאַניזירטע און שעפערישע יידישקייט. יעטווידער דור האָט זיין פירוש, זיין זינען פון יידישן „אחד".

עס דוכט זיך מיר, אַז אַט די זעלביקע אָדער ענלעכע געדאַנקען לעבן אין אַ סך יידישע הערצער. עס איז בלויז שווער זיי אַרויסצו־ברענגען, אַרויסצוזאָגן. נישט אומזיסט האָבן מיר דאָך הונדערט און פופציק יאָר זיך געבוקט צו אייראָפּע און האָבן פאַרן יידישן געוויסן געזוכט יוצא צו זיין מיט עפעס אַ „צונאָב" צו אייראָפּעאישקייט. איז דאָס פריער געווען רעליגיע; שפעטער — רעפאָרם־קולט, נאָך שפעטער און אַנדערשוואו — קולטור, בילדונג (השכלה בלע"ז), שפראַך, לי־

טעראַטור, וויסנשאַפט... הונדערט און פופציק יאָר מאַטערן מיר זיך צו שלעפן „יפיפיתו של יפת באהלי שם", נאָך היינט איז ביי אונדז צו שטאַרק דער אינערטער גלויבן אין דער כלומרשטער קולטור פון אייראָפּע, אַז מיר זאָלן קענען פריי „בוגד" זיין אין אייראָפּע און אָפּן פאַר די אייגענע אויערן אַרויסזאָגן דעם אינטימען געפיל צו אַ גאַנצער, אָרגאַנישער, פון זיך וואַקסנדיקער יידישקייט. דערצו איז אויך נויטיק פרייהייט אין דענקען. אָבער סוף־כל־סוף מוז דאָס געזאָגט ווערן, פאָרמולירט ווערן: מיר דאַרפן אין אונדזער היינטיקן וועלטלעכן לעבן אַזאַ כולו יידישקייט, ווי דאָס רעליגיעזע לעבן בשעתו. אַ וועלטלעכע יידישקייט פאַרן שטוב און מישפּחה. פאַרן יחיד און פאַר דער געזעלשאַפט, פאַר דער וואָך און פאַרן יום־טוב. מיר דאַרפן אַ יידיש לעבן. בלויז אַזאַ כולו־יידישקייט־לעבן איז מסוגל איבערצוגיין בירושה פון דור צו דור און האָדעווען שטאָלצע יידישע מענטשן, מענטשן, וואָס לייַדן נישט פון געפאַלנקייט ביי זיך. עס פעלט דער נביא, וואָס זיין וואָרט זאָל אָפּפרישן ווי אַ שפּריירעגן די פאַרשמאַכטע נשמות: „זוכט נישט, יידן, אייער גאולה אין אַלע לענדער, בעט זי נישט ביי קיינעם און וואַרט נישט אויף איר פון ערגעץ. אין זיך, אין אייערע נשמות, אין אייער לעבן איז זי, די גאולה — שעפּט זי פון דאָרטן".

עס וועלן אַ סך איינזען אין די דאָזיקע ווערטער אַ רוף צוריק אין געטאָ אַריין, און זיי וועלן זיך דערשרעקן. אָבער אַזוי איז דאָס: איך רוף בפירוש צוריק אין געטאָ. „געטאָ" איז געווען אַ שרעק־וואָרט פאַר די דורות יידן, וואָס האָבן געגלויבט אין אייראָפּע, אין איר קולטור און בעווייזן, וואָס האָבן פאַר אַ חנדל פון אייראָפּע געוואָלט אוועקגעבן אַלץ מיט אַן אַנדער; „געטאָ" האָט געמאַכט ציטערן די יידן, וואָס האָבן פאַרמאַטערטע פון זייער יידישקייט, געגלויבט, אַז אָט אָט — און זיי וועלן אויסגעלייזט פון יידישקייט, נישט פון יידישע צרות, נאָר פון יידישקייט גופא. פאַר אונדז היינט איז „געטאָ", פאַרקערט, נישט קיין שרעק־וואָרט, נאָר דער סימבאָל פון אונדזער אייגענעם „איך", פון דעם, וואָס מיר זענען. „געטאָ" איז גייסטיקע, מאָראַלישע און קולטורעלע זעלבסטשטענדיקייט. „געטאָ" איז קיינעם נישט נאָכטאָן, קיינעם נישט נאָכלויפן, ביי קיינעם נישט בעטלען קיין קולטור־נדבות; „געטאָ"

אין זעלבסטווערדע און יידישער שטאָלץ, דרך־ארץ צו זיך אַליין, צום מענטשן אין יידן, צום יידן אין יידן. „געטאָ" איז דער סימבאָל פון אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן, וואָס מיר האָבן אייגנס. אַנטלויפנדיק פון געטאָ, האָבן מיר אַלץ פאַרלוירן, מיר האָבן זיך אַליין פאַרלוירן. אויב ס'איז עפּעס פאַראַן ביי היינטיקן טאָג אַ יידישקייט, אַ יידיש פאָלק, אַ ריכטונג, אַ ווילן, אַ וועג, אַן אָנשטרענגונג צו שאַפן עפּעס יידישעם — אויב ס'איז פאַראַן אַזוינס — שטאַמט דאָך דאָס אַלץ בלויז און גאָר פון דעם גרויסן געטאָ, פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. אַלע יידישע קיבוצים, די „גליקלעכע", באַפרייטע פון געטאָ, האָבן גאָרנישט, גאָרנישט פאַרמאָגט און גאָרנישט געראַטעוועט פון זייערע אייראָפּעס. יאָ, ס'איז די ריכטיקע צייט צו רופן: — „יידן, אין געטאָ אַריין!" אָבער מיטן גאַנצן האַרצן, געטריי, מיט ליב און לעבן. ס'איז דאָ אין אונדזער געטאָ גענוג וואָס צו בויען און גענוג פון וואָס צו בויען.

כדי צו קענען קומען צוריק אין געטאָ פרייע און באַפרייטע פון געטאָ־שרעק, כדי צו קומען אַהין ווי שטאָלצע „וואָס מיר זענען, זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר" — דאַרפן מיר זיך באַפרייען פון נאָך איין פאַלשן באַגריף, וואָס האָט זיך איינגעבירגערט ביי אונדז אין משך פון דעם עמאַנציפּאַציע־גלות. איך בין דאָ אויסן דעם „אתה־בחרתנו"־קאָמפּלעקס, וואָס מאַכט אַזוי ציטערן יעטווידער אינטעליגענטן יידן. און באמת, ווי קען ער, דער יידישער בעטלער פון קולטור־ברעקלעך פון גאָר דער וועלט, ווי קען ער זיך נישט דערשרעקן פאַר דעם „אתה בחרתנו"? „אתה בחרתנו" און כסדרדיקע נאָכמאַכעריי — זיי זענען טאַקע נישט קיין פּאָר.

פאַר אונדז אָבער איז „אתה בחרתנו" — אַ נאָרמע. יאָ די בעסטע, נישט די בעסטע — נישט אין דעם גייט עס. עס גייט אין דעם, וואָס מיר זענען אַנדערש, איינגאַרטיק, מיר פאַרמאָגן אונדזערס אין גייסט, אין מאָראַל, אין וועלט־באַנעם, אין די קולטור־פאַקטאָרן — און מיר זענען שטאָלץ מיט אונדזערס, ווי יעטווידער געזונטער מענטש אָדער קיבוץ מענטשן איז שטאָלץ מיט זיין אייגנס, מיט זיין „איך". אָט דאָס איז דער טייטש פון אונדזער „אתה בחרתנו"! און — צווישן אונדז גערעדט — ווען איך פּרוּוו אָפּשאַצן די קולטור־טענדענצן אונדזערע

און זייערע, די אָביעקטיווע ריכטונגען פון דער יידישער און נישט־יידישער קולטור — פאַל איך ביי זיך לגמרי נישט אראָפּ. איך קוק אויף אונדזער „אָרעמקייט" אָן אַ וואַסער עס איז ביטול־געפיל. איך זע די גרויסע און מעכטיקע וויסנשאַפטלעכע און ציוויליזאַציע־אויפטוען, וואָס באַהערשן אַ וועלט, וואָס קאָנקורירן מיט גאָט און — אַ שווידער כאַפּט מיך אָן: דען אַלץ דאָס איז דאָך דער קנין פון מולך דעם געץ, פון דעם אשמדאי, וואָס זוכט נאָר אומצובריינגען דעם מענטשן, דעם גאָט אין מענטשן, וואָס דאַרף די גאַנצע ציוויליזאַציע, די וויסנשאַפטן, נאָר כדי בעסער, שענער און פלינקער חרוב צו מאַכן גאָטס וועלט. וואָס מער שכלדיקע קונצשטיק, וואָס מער וויסנשאַפטלעכער פּראָגרעס — אַלץ ברוטאַלער ווערט די רשעות אין מענטשן, אַלץ סדומישער ווערט די וועלט און — אַלץ נענטער איז אויך סדומס סוף.

דען עס פעלט אין אָט דעם זינדיקן סדום אַ ביסל יידישער גייסט, אַ ביסל קולטור פון דעם מענטשנס נשמה, נישט פון גוף, נישט גשמיות. אויב די מענטשהייט וועט דאָך ווי עס איז געראַטעוועט ווערן פון דעם בלוט־מבול, צו וואָס עס פירט די אייראָפּעאישע קולטור, און אויב ס'וועט נישט מקוים ווערן די שטראָף פון דער היינטיקער נינוה, פון זינדיקער וועלט — וועט דאָס זיין אַדאַנק דער השפּעה פון אַ יידישן נביא...

דאָס ערשטע מאָל איז דאָס נישט געלונגען. דען זיי האָבן גענומען דעם נביא און אים געקרייציקט, אים געצוווּנגען צו ווערן איינער פון זייערע געצן, אים, דעם סימבאָל פון ליבע, געצוווּנגען גיין פאָרויס און בענטשן אַלע זייערע בלוט־באָדן און אַלע שחיטות: אים, דעם גאָט פון אָרעמע, האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין גאָלד און אין בריליאַנטן, אין מאַרמאָר און מאַלאַכיט, כדי נעצנדינעריש צו קרייציקן אַלץ ווייטער זיין יידישן גייסט... וואַרט איצט די אומגליקלעכע וועלט, גאָר די גאַנצע, אויף אַ גאולה, וואָס קען קומען נאָר דורך דעם פרייען יידישן גייסט. אָט אַזאַ איז מיין „אתה בחרתנו"...

* *
*

אָבער אַט די גאולה קען קומען נאָר ווען מיר אַליין וועלן נישט מורא האָבן אָפּצוּוואַרפן אַלע פרעמדע געצן און גיין אין אונדזערע אייגענע וועגן. דערווייַלע איז נאָך ווייט פון דעם. דערווייַלע שטייען באַזונדערע און אָפּגעזונדערטע קליינע מנינים יידן און דאַווענען זיך יעדערער באַזונדער און האָבן מורא אייַנצוזעען, אַז אייגנטלעך דינען זיי שוין איצט אַלע צו איין און איינציקן יידישן גאָט. איין מנין דאַווענט אין סידור פון יידישער וויסנשאַפט, דער צווייטער — איז פאַרדבקהט אין יידישער דערציאונג, דער דריטער — אין ספרים, יענער גאָר — אין ענציקלאָפּעדיע, אַ ווייטערדיקער זוכט גילוי שכינה אין טעאַטער, אין קונסט... אַלע — באַזונדער. דאָס פאַרערט ווינציקער רעוואָלוציאָנערן מוט, מען קען זיך האַלטן מיט שטיקלעך פון אמת און ס׳פעלט דער מאָראַלישער כוח אַרויסצוזאָגן מיטן פולן מויל און פון גאַנצן האַרצן דעם גאַנצן אַלט־נייעם „שמע ישראל, ד׳ אלוהינו ד׳ אחד", וואָס בלויז דאָ איז דער זינען, די אידעע פון אַלע באַזונדערע קולטור־קרייזן, קולטור־קלויזן און מנינים. דען באמת: צוליב וואָס יידישע שולן? — נישט שוין־זשע מחמת עס זענען דאָ קינדער, וואָס ריידן נאָך יידיש? מחמת עס זענען דאָ עלטערן, וואָס האָבן סענטימענטן צו דער „אַלטער היים" און צו דער היימישער שפּראַך? אָדער נישט שוין־זשע צוליב דעם, וואָס אין יידיש פילן מיר זיך מעשה באַלעבאָס? צו וואָס יידיש טעאַטער? — כדי מיר זאָלן קענען זיך איינרעדן, אַז מיר זענען צו לייטן גלייך? נישט שוין־זשע צוליב דעם, מחמת מיר פאַרבענקען זיך נאָך אַ שטיקל טשאָלנט מיט חזנות? און צי איז יידישע ליטעראַטור טאַקע באמת אַ מיטל צו „בילדן" אונדזער „פּראָסטן" פאָלק און אים געבן צו געניסן די רייכקייטן פון דער וועלט? און צי דאַרף מען פּראַווען יידישע וויסנשאַפט נאָר צוליב דעם, מיר זאָלן זיך קענען פאַרמעסטן מיט די „רייכע פעלקער"? נישט שוין־זשע און נישט שוין־זשע? — ס׳איז נישט אמת! די, וואָס רעדן אַזוי, נאַרן זיך אַליין, פאַרשרייען אין זיך דעם גאַנצן אמת! — ווייל שוואַכמוטיקע, שרעקן זיי זיך פאַר דעם גאַנצן אמת. אַלע, אַלע קולטור־אונטערנעמונגען, אַלע געזעלשאַפטלעכע אויפטוען האָבן אַלע דעם איין און איינציקן צוועק — צו שמידן פון דעם אייזן פון עבר דעם שטאָל פון עתיד, דעם מאָרגן פון פאָלק. ווילנ־

דיק, נישט־ווילנדיק, אָבער אַלע, אפילו די, וואָס לייקענען, דינען דעם צוועק פון קיום פון פאָלק. זיי טוען די אַרבעט, אָבער קיין מזל־ברכה איז אין דער אַרבעט נישטאָ, ווייל עס פעלט די ריכטיקע כוונה, דער „לשם יחוד". עס קען נישט זיין קיין שאַפונג אָן אַ גרויסן און טיפן „לשמה" פון פולן הארצן. יעטווידער אַרבעט, יעטווידער טואונג, וואָס ווערט נישט באַגלייט מיט אַ טיפן גלויבן אין דער אַלגעמיינער אידעע פון דער זאַך, איז בלאַנדזשעניש. אַ סך, אַ סך שיפן, אַ גאַנצער פלאָט מיט שיפן גייען, די קאָמפּאַסן בכיוון צעבראָכן, און קיינער וויל נישט וויסן, אַז אייגנטלעך שווימען אַלע שיפן צו איין ברעג, צו איין אידעע פון יידישער יידישקייט.

עס גייט נישט אין די לאָזונגען, אין די אויסרופן. פאַרקערט. היי־ליקע אידעען טאָר מען נישט ארויסזאָגן, ווייל ווערטער פאַרשוועכן זיי. „זאָלסט נישט דערמאָנען גאָטס נאָמען אומזיסט". ווערטער מאַכן וואָ־כעדיק, אויסרופן טעמפּן אָפּ; דער געקלאַנג פון לאָזונגען טויט אָפּ די נשמה. עס רעדט זיך אָבער וועגן אָט דער נשמה פון אַלץ, וואָס בלייבנ־דיק פאַרהוילן און אינטים איז זי דער „רוח חיים" פון אַלץ. די נשמה מוז מען דערשפּירן, באַגרייפן, איינלעבן זיך מיט איר. די גאולה אונ־דזערע האָט אַ סך מדרגות און די ערשטע איז — מוטיקייט דורכצופירן און אַנטפּלעקן פאַר דעם אייגענעם באַוווסטזיין דעם אייגענעם יידישן „איך". וועט דאָס קומען, וועלן שוין די ווייטערדיקע מדרגות במילא קומען. דערווייל פּלאָנטערן מיר זיך געפּענטעט אין אַ פּלאָנטער פון פאַרעמדע פאָרמולעס. און מיר האַלטן אין איין קריגן און שפּאַלטן זיך צוליב אַ קוצו של יוד פון אָט די פאָרמולעס.

וזענען מיר צעשפּאָלטן אויף פראַנטן און פראַנטעלעך, צעטיילט מיט אויסגעטראַכטע באַריקאַדעס — און מיר קריגן זיך צווישן זיך. בשעת באמת איז דער פראָנט נאָר איינער: אַלע די, וואָס פאַר זיי איז פאַראַן בלויז אַ „יידן־פראַגע", בלויז אַ פראַגע פון רעכט פאַר מענטשן, וואָס שטאַמען צופעליק פון יידן — אַלע זיי, אין אַלע זייערע געשטאַלטן, שטייען פון איין זייט. אַלע פאַרקערט, פאַר וועמען יידישקייט איז אַ גאַנצע און אויסגעהאַלטענע אין זיך פּראָגראַם פון שאַפן און בויען — אַלע די שטייען אויף דער צווייטער זייט פון פראָנט. דעמאָלט, ווען

מיר וועלן זיך באפרייען פון דעם פחד צו דערזאגן דעם „לשב יחוד" פון אונדזער זיין און דענקען ביזן סוף, דעמאלט וועלן די פארשיידענע ניואנסן און אלערליי קנייטשן נישט שטערן, אז אלע באזונדערע און קליינע יידישע טייכעלעך זאלן זיך צונויפגיסן אין איין גרויסן און מעכטיקן שטראם פון אייביקער און אלוועלטלעכער יידישקייט.

* *
*

באמערקונג: די אויבן געבראכטע שורות זענען געשריבן געווארן אין אקטאבער 1938 אויף דער שיף צווישן חיפה און מארסעל. ווער האט דעמאלט געקענט זיך פארשטעלן דעם חורבן וואס איז אויף אונדז געקומען מיט א יאר שפעטער, ווען משוגענע פאנטאזיע האט עס נאר געקענט אויסטראכטן! איך לייען איצט אין אקטאבער 1945 די ווערטער און געפין דא גארנישט וואס אויסצומעקן, וואס צו ענדערן. „דאס פארוואס מיר האבן מורא געהאט איז אויף אונדז געקומען". די בייזסטע אונדזערע היינטיקע נביאים האבן אבער אזא חורבן נישט גע־קענט פאראויסזען. און היינט ווי מיט זיבן יאר צוריק זענען די ווערטער נאך ריכטיקער ווי זיי זענען דעמאלט געווען. עס שרעקט מיך דאס ווארט „געטא" וואס איך נוץ אין דער ארבעט מיט אלע קאשמאר־אסאציא־ציעס וואס די ציוויליזירטע וועלט האט פאר אונדז צוגעטראכט. איך האב באשלאסן דאך דאס ווארט צו לאזן. א געטא אן אייגענע, א היים פאר זיך געבויט; צו זיך, פאר זיך, אין זיך. און קודם כל אין גייסט. דא און נאר דא איז אונדזער גאולה. קען זיין אז דער דראנג צו פאר־זיכיקייט אין ארץ ישראלדיקן לעבן האט מיר געגעבן די מוט צו חלומען וועגן אזא פארזיכיקייט אומעטום. צו ווייט פון דעם זענען די יידן אין אמעריקע. צו פארגלויבט זענען זיי אין זייער לאנד־נעץ, זיי זאלן וועלן און קענען באנעמען אזוינע געדאנקען. נישט אומזיסט האט דער „נביא פון הייגט" און פון דעם „נישט זארגן פאר דעם מארגן" צביון אין „פארווערטס" בשעתו מיך שטארק אויסגעלצעוועט פאר דעם ארטיקל. מיט די אייביקע בארואיקער איז נישטא וואס צו פאלעמיזירן: כל זמן

א. גאָלאָמב

די צייטונג צאָלט נאָך האָנאָראַרן דאַרף זיין „שאַ שטיל, מאַכט נישט קיין געוואַלד". אָבער דאָס לעבן גייט פאַרביי זיי און אויך דער אַקטי־ווער יידישער געדאַנק מוז זיי פאַרבייגיין. וווהין? — צו דעם איינציקן אויסוועג — צו זוכן די גאולה פון זיך אין זיך גופא.

שמועסן וועגן יידישער געשיכטע

פּאָרבאַמערקונג: די אַרבעט איז אויסגעוואַקסן פון שמועסן און לעקציעס מיט די עלטסטע תּלמידים פון וויניפּעגער פּרץ שול און פון די העכערע קורסן ביי דער יידישער שול אין מעקסיקע.

די שמועסן פּרעטענדירן לגמרי נישט צו זיין אַ קורס פון יידישער געשיכטע, נישט וועגן אָביעקטיווער און „ריכטיקער" וויסנשאַפטלעכקייט גייט מיר דאָ. עס איז אַ סך מער אַ פאַרלאַנג דורכצופילטרירן דעם גאַנצן עבר פון אונדזער פאָלק דורך דעם פילטער פון אונדזער איצטיקייט, פון אונדזער היינטיקן נאַציאָנאַלן גלויבן, דעם גלויבן אין אונדזער אייביקער אייגנאַרטיקייט און אונדזער פאַרזיכיקן גאַנג דורך דער אייביקייט פון דער גאָרער וועלט פון די פּיראַמידן אין מיצרים און ביז די וואָלקנקראַצערס אין ניו יאָרק, פון דעם פיילנבויגן ביז צו דער אַטאָם באָמבע און נאָך ווייטער.

ס'איז אַ פאַרלאַנג צו זען אונדזער עבר מיט אויגן פון היינט: דעם היינט — אין שיין פון אַמאָל.

איך גלויב אַז היסטאָריקער וועלן געפינען אַ סך גרייזן קעגן דעם „היסטאָרישן אמת" איך האַלט אָבער אַז דער אמתער אמת איז דאָס אין וואָס מיר גלייבן, און ער, אונדזער גלויבן, גיט אונדז דעם רעטראָספּעקטיוון קוק אויף אונדזער לעבן אין צייטן געוועזענע און דעם פּראָספּעקטיוון אויסקוק אויף אונדזער לעבן אין צייטן וואָס קומען. די שמועסן זענען נישט קיין געשיכטע, עס איז אַ פּראָיעקציע פון אונדזער גלויבן אין דער געשיכטע.

אונדזער גאנג אין אייביקייט

* *
*

1. וואס איז געשיכטע? „געשיכטע" נעמט זיך פון ווארט „געשען". עס וואלט אבער געוועןצו קינדיש אנצונעמען אז געשיכטע איז א „רעקארד פון פאקטן, פון אלע געשעענישן, וואס זענען ווען עס איז געוועןֹ". מיט טויזנט יאר צוריק איז געווען א מענטש מיט דעם נאמען משה און ער האט געגעסן מיטאג. איז דאס געווים א פאקט און א געשעעניש, אבער צו געשיכטע קומט עס נישט. פארוואס? — עס לערנט אונדז גארנישט אויס; מיר קענען פון דעם פאקט קיינע אויספירן נישט מאכן.

הייסט דאס אז געשיכטע איז דער סכום אויספירן וואס מיר מאכן פון די פאקטן, פון דעם וואס איז געשען. איטלעכע וויסנשאפט איז בלויז דאן א וויסנשאפט ווען זי קען פון די געהעריקע פאקטן מאכן אויספירן, כללים. און די כללים דארפן איר העלפן צו קענען פאררויסזאגן דערשיינונגען אין איר געביט. געשיכטע איז די אויסגעפונענע געזעצמעסיקייט אין לעבן פון דער מענטשהייט. זי זוכט די סיבותדיקע שייכות צווישן דערשיינונגען. דאס לעבן פון דער מענטשהייט און פון אירע טיילן איז א קייט פון פראצעסן וואס איינער איז א סיבה פאר דעם צווייטן. איטלעכער סכום געשעענישן געבירט א נייע, דער נעכטן איז א קינד פון דעם אייערנעכטן און א טאטע פאר דעם היינט ווי דער היינט — פאר דעם מארגן. דאס לעבן דורך דורות איז געגליכן צו א בוים וואס האלט אין וואקסן. אויף די עלטערע צווייגן וואקסן אן נייע און אויף זיי וואקסן ווידער אן נייע און נייע. און ווי דער באטאניקער קוקט אויף דעם בוים און זעט די געזעצמעסיקייט פון זיין וואקסן און ער קען פארויסזאגן ווי ער וועט זיך ווייטער צעוואקסן אזוי קוקט דער געשיכטלער אויפן בוים פון לעבן, זעט אויך דא באשטימטע געזעצן אין גאנג פון דערשיינונגען און ער קען — אין באשטימטע ראמען אויך פאררויסזאגן דאס וואס עס דארף אנקומען.

פאראן אויך לערערס וואס נעמען אויף די פארגאנגענהייט ווי א גרויסן אוצר פון „פאסילן", פון געוועזענע, אמאליקע, שוין אפגעשטאר-

בענע זאכן און די געשיכטע דאַרף דאָס אַט די פאַסילן אויססדרן ווי אין אַ מוזיי לויט יאָרהונדערטער, לויט געביטן. דאָס איז נישט קיין וויסנשאפטלעכע געשיכטע.

געווען אַמאָל אויך באַטאַניקער וואָס האָבן נאָר געוואוסט צו זוכן פאַרמען און זיי צו באַשרייבן. אַזוי זענען פאַראַן געשיכטלער וואָס וויסן נאָר אויסצוזוכן אַמאָליקע געשעענישן, פאַקטן וואָס זענען גע־ווען דאַמאָלט און ווען עס איז און דאָס באַשרייבן „פאַרן זיכרון פון דורות". די געלערנטע און לערערס וואָס מיינען אַז געשיכטע איז אַ „רעקאָרד פון פאַקטן", — זיי זענען נאָך נישט דערוואַקסן צו דער אמתער געשיכטע וואָס איז נאָר דערמיט אַ וויסנשאַפט ווייל זי זוכט דורך די פאַקטן און פון די פאַקטן צו באַנעמען די פאַקטאָרן, וואָס זיי זענען די געזעצמעסיקייט אין לעבן פון פעלקער. נישט די פאַקטן אינ־טערעסירן אונדז, נייערט די פאַקטאָרן פון לעבן.

אָבער אויך אַט די וויסנשאַפטלעכע געשיכטע איז נישט אונדזער וועג.

* *
*

היסטאָריזאַציע אָדער אַקטואַליזאַציע

ביי אונדז יידן, ביי דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט איז געווען נאָר אַן אַנדער צוגאַנג צו דער פאַרגאַנגענהייט פון פאָלק. פון איין זייט האָט דאָס פאָלק כסדר און נאָכאַנאַנד געלעבט מיט זיין אַמאָל, מיט זיינע פאַרגאַנגענע דורות, מיט זיינע העלדן. זיין דאַוונען, זיין לערנען, זיינע יום טובים און זיינע טרויער טעג, זיינע אַלע מנהגים און זיטן, זיינע שמחות און זיין אומעט — אַלץ איז געווען אַ „זכר" פון אַמאָל. און אין דער זעלביקער צייט האָט דאָס פאָלק זיין געשיכטע נישט געלערנט, פאַרעקשנט נישט געוואָלט פאַרשן דעם אָביעקטיוון גאַנג פון זיין פאַר־גאַנגענהייט. די יידישע געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען ערשט אין אָנהייב פון דעם 19־טן י"ה. און די ערשטע געשיכטע שריי־

בער אונדזערע זענען געווען אסימילאטאָרן, וואָס האָבן געהאַלטן און געלערנט אין זייערע ווערק אַז די יידן זענען געווען אַ פאָלק נאָר ווען זיי זענען געווען אין זייער לאַנד, פאַר זיך. אין גלות זענען יידן מער קיין פאָלק נישט נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע און — דער עיקר — מער דאַרפן זיי נישט זיין קיין פאָלק. יידן דאַרפן זיין בלויז טיילן פון דעם פאָלק וואָס הערשט אין דעם לאַנד וו זיי לעבן. פאַר זיי איז דאָס יידישע פאָלק געווען אַ זאַך פון פאַרגאַנגענהייט, וואָס ווי אַ פאָלק איז ער שוין געשטאָרבן. זיי האָבן שטודירט די געשיכטע פון יידישן פאָלק אָט ווי אַן אנאַטאָם שטודירט דעם בוי פון אַ קערפּער פון אַ חיה וואָס איז שוין געשטאָרבן. ערשט אין צווייטן העלפט פון 19־טן י״ה זענען אויפגעקומען יידישע היסטאָריקער וואָס באַטראַכטן יידן אויך איצט ווי אַ לעבעדיק פאָלק מיט אַן אייגענעם לעבן. אָבער אויך זייער צוגאַנג איז פאַר דער טראַדיציע געווען אינגאַנצן פרעמד.

די טראַדיציע האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט דער פאַרגאַנגענהייט ווי זי איז געווען נאָר אַזוי ווי זי וואָלט געדאַרפט זיין איצט. לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל. דער ערשטער ייד אברהם אבינו. די געשיכטע וואָלט קודם כל זיך באַמיט אויסצוזוכן צי איז טאַקע אין דערווירקלעכקייט געווען אַזאַ פּערזאָן, זי וואָלט געוואָלט נענוי באַשטימען דעם אָרט און די צייט ווען דער מענטש האָט געלעבט, וואָס ער האָט אין דער ווירקלעכקייט געטאָן און ווי אַזוי ער איז געוואָרן דער פאָטער פון יידישן פאָלק. אַלע לעגענדעס וואָס קענען נישט פּאַסן מיט אָט דער אויסגעפונענער ווירקלעכקייט דאַרפן אָפּגעוואָרפן ווערן ווי אומגעשיכטלעכער מאַטעריאַל און בכן נישט אמת. די טראַדיציע איז געגאַנגען פונקט אויף דעם פאַרקערטן וועג: מיט אַלע פראַגעס וועגן דער ווירקלעכער, היסטאָרישער פּערזאָן מיט דעם נאָמען אברהם, מיט די פאָרמען פון זיין ווירקלעכן אַמאָליקן לעבן האָט די טראַדיציע זיך נאָר נישט אינטערעסירט. פאַר איר איז געווען וויכטיק אַנצוקניפּן אָן דעם נאָמען אַלע וויכטיקע אייגנשאַפטן פון יידישקייט. פאַר דער טראַדיציע איז די פּערזאָן געווען בלויז ווי אַ פּאָקוס וואָס קאָנצענטרירט שטראַלן פון ליכט: נישט דער פונקט איז וויכטיק, נאָר די שטראַלן וואָס זאַמלען זיך אָן אין אים. נישט די פּערזענלעכקייט פון אברהם איז וויכטיק, נאָר

די אַלע אייגנשאַפטן וואָס די טראַדיציע האָט צו אים צוגעשריבן ווי צו דעם ערשטן יידן. זי האָט לכתחילה געקוקט אויף אים ווי אויף אַ סימ־באָל פון קאָנצענטרירטער יידישקייט. קיין שום קולט צו דער עצם לע־בעדיקער פּערזאָן ווי אַ מענטש, קיין שום פאַרהייליקונג פון זיינע לעבנס מאָמענטן. — דאָס האָט יידישקייט זיך באַמיט אויסצומיידן.

אברהם טענהט זיך אוים מיט גאָט פאַר סדום, ער זאָגט אים אַז ער טאָר נישט טאָן קיין עוולה. „חלילה לך, השופט כל הארץ לא יעשה משפּט!״... פון שטאַנדפּונקט פון וויסנשאַפטלעכער געשיכטע איז דאָס נישט קיין אמתער פאַקט: גאָט פירט דאָך נישט קיין געשפּרעכן מיט קיינע מענטשן. פון שטאַנדפּונקט אָבער פון היסטאָרישער יידיש־קייט, פון דעם כאַראַקטער פון דעם יידישן פאָלק אין זיין לאַנגן לעבן אין אַלע צייטן און אין אַלע וועלטן איז אָט די אויסגעטראַכטע מעשה דווקא דער אמתער אמת: האַלטן דאָך יידן אין אייביקן איבערחזרן די זעלביקע טענה צו גאָט אין אַלע דורות — דורך די נביאים, דורכן תלמוד ביז צו בערל דעם שניידער און טביה דעם מילכיקער. די צווייטע אייגנשאַפט — געטרייקייט צו גאָט — צו יידישקייט — קומט אין דער מעשה עקדה. די און נאָך אייניקע שטריכן זענען אין דעם פאָלקס אויגן אויסגעקומען צו זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פאָטער פון יידישן פאָלק, פאַר דעם ערשטן אידעאַלן יידן.

שפּעטער, אין די צייטן פון תלמוד איז צו דעם באַגריף יידישקייט צוגעקומען די פאַרקשנטע נעגאַציע פון יעטווידער מאַטעריאַליסטיש־קייט אין דעם באַגריף פון גאָט. האָט די טראַדיציע אויך די אייגנשאַפט צוגעשריבן צו דעם ערשטן יידן און עס איז געוואָרן די לעגענדע ווי אַזוי אברהם צעברעכט די געטער ביי זיין פאָטער אין הויז. איז די לעגענדע היסטאָריש גענומען נישט מער ווי אַ לעגענדע. פון נאַציאָנאַל־געשיכט־לעכן שטאַנדפּונקט אָבער איז אין דער לעגענדע פאַראַן נישט אין פאַר־גלייך מער אמת איידער אין אַלע פאַקטן פון לעבן פון דער פּערזאָן אברהם בן תרח וואָס זאָל אין דעם און דעם יאָר זיך לאָזן וואַנדערן קיין כנען.

אַזוי אויך וועגן דער לעגענדע מיטן קאַלך אויוון. קיין ראַציאָנעלע געשיכטע קען נישט די מעשה ווי אַ פאַקט. כ'מיין אָבער אַז די מחברים

פון דער לעגענדע האָבן אויך געוווּסט דעם פּיזיאָלאָגישן אמת, אַז אַ מענטש קען נישט בלייבן לעבן אין אַ ברענענדיקן אויוון... שוין זיי האָבן אין דער מעשה געזען אַ סימבאָל פון אַן איינגעשאַפּט פון דעם יידישן פאָלק אין זיין געשיכטע. און איז דען אויב אַזוי די לעגענדע נישט קיין אמת? איז דען דער וועג פון דעם „אייביקן יידן" צווישן די פעלקער פון דער וועלט נישט קיין לאַנגער, לאַנגער שפּאַציר דורך אַ קאַלך אויוון?...

מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָבן אייניקע געשיכטע פאָרשער גע־נומען אָפּלייקענען די פיזישע עקזיסטענץ פון דער פּערזאָן משה רבינו. אויף דעם האָט אחד העם געענטפערט מיט אַ רעפעראַט „משה", און דאָרטן ברענגט ער אַרויס דעם יידישן צוגאַנג צו דעם: ס'איז דען וויכ־טיק צי עס אין דער אמתן געווען די פּערזאָן משה און ביי וועלכן שניי־דער ער האָט זיינע בגדים גענייט? איז דען נישט וויכטיקער וואָס שוין 4000 יאָר לעבט אַ פאָלק לויט די נאָרמען און געזעצן וואָס דאָס פאָלק שרייבט זיי צו צו דעם משהן? איז דאָך וויכטיק וואָס אָט דער, לאָמיר זאָגן, נישט אמתער משה, דער אויסגעטראַכטער איז דורך דעם גאַנצן לאַנגן לעבן פון פאָלק אַ כוח וואָס נאָרמירט און פורעמט דאָס לעבן פון מיליאָנען פּאַקטישע יידן, וואָס צעמענטירט זיי צוזאַמען אין איין פאָלק!

משה די פּערזאָן קען זיין איז יאָ געווען און עס קען זיין אַז זי איז נישט געווען. אָבער דאָס ענדערט גאָרנישט און גיט גאָרנישט צו. משה דער סימבאָל פון דעם פאָלקס אייגנטימלעכקייט, פון זיינע דיסצי־פּלינירנדיקע נאָרמען און געזעצן, — דער משה איז אינגאַנצן אומ־אָפּהענגיק פון אַלע אַרכעאָלאָגישע אויסגעפינסן, אַפילו אויב אין די אָריגינעלע מעטריקאַלישע ביכער פון גאַנץ מצרים זאָל מען נישט קענען געפינען אַזאַ נאָמען ווי דער משה. די יידישע פאָלקסטימלעכקייט פּטרט אָפּ די גאַנצע היסטאָרישע גריבלענישן וועגן דער פּערזאָן פון משהן מיט אַ וויץ ווי זי טוט עס געוויינטלעך:

— „האָסטו, יאָסל, געהערט, וואָס מען זאָגט? זיי האָבן אויסגעפּונען, אַז די תורה האָט געגעבן נישט משה, נאָר אַן אַנדער ייד מיטן נאָמען משה...

די זעלביקע באַציאונג קען מען געפינען בנוגע צו אַלע אַנדערע היסטאָרישע פּערזאָנען. די טראַדיציע האָט זיך אינטערעסירט נישט מיט זיי, זי האָט אָבער זיך באַמיט זיי אויסצונוצן און אַנקליידן זיי מיט סימבאָלן וואָס דאַרפן אָפּשפּיגלען דאָס כאַראַקטעריסטישע אין לעבן פון גאַנצן פאָלק.

ענלעך איז די באַציאונג צו ערטער און פּלעצער: אויף דעם באַרג סיני איז געגעבן געוואָרן די תורה. דאָך האָט דער באַרג ווי אַזאַ, זיין שטיינערנער גוף נישט געשפּילט קיין שום ראָלע אין דער יידישער געשיכטע. קיין שום פאַרהייליקונג, קיינע צערעמאָניעס, קיינע יום טובים, קיינע רייזעס צום באַרג. פאַרקערט איז איטלעכער ייד, וואָס היט אָפּ יידישקייט פאַררעכנט ווי ער וואָלט געשטאַנען אויפן הר סיני און איטלעכע תורה איז פּונקט אַזוי הייליק, און איטלעכער ייד וואָס טראָגט אין זיך אַ סך תורה איז געגליכן צום באַרג סיני. אָט דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז איינער פון די כאַראַקטעריסטישסטע שטריכן פון דעם יידישן צוגאַנג צו דער פאַרגאַנגענהייט: קיין שום מאַטעריעלס, — התפשטות הגשמיות — קיין שום פּערזאָן ווי אַזאַ איז נישט הייליק, נישט וויכטיק. גייט אונדז נישט אָן איר געשיכטע, איר ביאָגראַפיע, איר פּערזענלעך לעבן, איר גענעאַלאָגיע, איר אָפּשטאַם, איר צייט און איר אָרט, איר פּאַקטישע עקסיסטענץ — אויף וויפל מען קען דאָס אַלץ נישט פאַרבינדן מיט דעם וואָס איז ספּעציפיש פאַרן פאָלק ווי אַ גאַנצס.

די זעלביקע באַציאונג איז געווען ביי יידן אַפילו צו גאָט אַליין: די טראַדיציע האָט זיך אָנגעשטרענגט נישט צו דערלאָזן קיינע ספּעקולאַציעס וועגן דעם מהות פון גאָט. אַ ייד דאַרף נישט פאָרשן „וואָס העכער און וואָס נידעריקער", עס איז נישט גוט זיך אָפּצוגעבן מיט פאָרשונגען אין „מעשי מרכבה". קענען גאָט מיינט וויסן די וועגן וואָס אַ מענטש דאַרף אויף זיי גיין. „הלוואי וואָלטן זיי מיך פאַרלאָזן און מיינע תורות געהיט" — די פראַזע שרייבט די יידישע טראַדיציע צו דעם יידישן גאָט אַליין. בכן וואָלט מען אָט דעם צוגאַנג געקענט פאָרמולירן בערך אַזוי: נעגאַציע פון אַלץ וואָס פּערזענלעך אין געשיכטע און אין רעליגיע. ביי אַנדערע פעלקער איז דווקא דאָס פּערזענלעכע, די פּערזענלעכקייט פון די היסטאָרישע העלדן, פון גאָט דאָס וויכטיקסטע,

דער עיקר־אינהאַלט פון זייערע רעליגיעס, פון זייער פּאַרשן און דאָס וואָס זיי האַלטן פאַר נייטיק אָפּצוהיטן אין זיכרון פון פאָלק. אָבער ביי יידן — קיינע געבורטסטעג און קיינע הייליקע קברים, קיינע יום טובים פאַרבונדן מיט פּערזאָנען.

קיין שום פּערזאָנען־קולט!

קיין שום קולט פון מאַטעריעלע הייליקייטן!

מיט די נעגאַטיווע שטריכן איז פאַרבונדן איינער פון די גרונד־טיקסטע פּאָזיטיווע כאַראַקטער שטריכן פון יידישן פאָלק אין אַלע דורות: אַט אַזוי נעמט אויף דאָס יידיש פאָלק זיין פאַרגאַנגענהייט, זיין גאָט און אַלע זיינע העלדן. אמת, אין פאַרלויף פון אונדזער אומ־געהייער לאַנגער געשיכטע האָבן פאַרשיידענע דרויסנדיקע השפּעות געפּרובירט אָנקניפּן אונדז אַן אַנדער צוגאַנג צו די זאַכן. דאָ און דאָרט, אין פאַרשיידענע צייטן ווערן שטאַרקער עלעמענטן פון פּערזאָנען קולט, אָבער ארייַנוואַקסן אין יידישקייט קענען זיי נישט. זיי בלייבן ווי פרעמ־דע עלעמענטן.

און מיט דער אייגנשאַפט איז פאַרבונדן אַ צווייטע: אויב די פּער־זאָנען זענען נישט וויכטיק, זענען אויך די פאַקטן פאַר זיך נישט וויכ־טיק. וויכטיקער זענען די אידעען וואָס זענען פאַרבונדן מיט די פאַקטן און פּערזאָנען. אידעען זענען אָבער תמיד פאַרבונדן מיט פּראָבלעמען פון דעם היינטיקן לעבן, מיט אויסזיכטן פאַר דער צוקונפט. פון דאַנען האָט זיך גענומען אַ נטיה צו זען די פאַרגאַנגענהייט נישט ווי זי איז געווען, נאָר ווי זי וואָלט געדאַרפט זיין היינט אין אונדזער איצטיקער לאַגע. עס האָבן גערעדט נביאים. איטלעכער אין זיין צייט אין זיין אָרט, אין זיינע באַדינגונגען, לויט זיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט. האָבן אָבער דורות יידן נישט געוואָלט פון דעם וויסן! האָבן זיי געוואָלט די רייד פון זייערע נביאים צופּאַסן צו זייער צייט, צו זייערע פּראָבלעמען. זיי האָבן געוואָלט זייערע אַלע העלדן אריבערפירן פון היסטאָרישן אַמאָל אין אַקטועלן היינט, מאַכן זיי אַקטועל און יעדן היינט. איז די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט נישט אויסגעסדרט לויט יאָרהונדערטער און עפּאָכעס, — ניין, די פאַרגאַנגענהייט מיט אירע אַלע העלדן מוז מיטמאַכן דאָס לעבן פון היינט, זיי מוזן מיטגיין מיט דעם לעבעדיקן פאָלק אין זיין

מאַרש דורך צייטן. און אויב דאָס לאָזט זיך נישט אַלע מאָל, האָט דאָס פאָלק צוגעפּאַסט זיין פאַרגאַנגענהייט צו זיינע פאָרשטעלונגען אין איטלעכן דור. יידן האָבן זייער פאַרגאַנגענהייט נישט היסטאָריזירט נאָר אַקטואַליזירט. האָבן די העלדן, פּערזאָנען געדאַרפט אַקטיוו מיטמאַכן אַלע ווייטערדיקע עטאַפּן פון דער יידישער געשיכטע. פאַרשטייט זיך, נישט ווי פיזישע פּערזאָנען, נאָר ווי טרעגער פון אַקטועלע אידעען אין אַקטועלן לעבן פון דער צייט. די פיזישע פּערזאָנען וואָס האָבן געלעבט און געווירקט אין זייער פיזישן לעבן ווערן נאָך זייער טויט אין באַוווסטזיין פון פאָלק צענטרען וואָס אַקומולירן גייסטיקע לעבנס ענערגיע אין איטלעכן דור און אין יעדער צייט. צייטן גייען, צייטן בייטן זיך, סיטואַציעס ענדערן זיך, עס ענדערן זיך אַלע פאָרמען פון לעבן און די אַמאָליקע העלדן זענען פאַרן פאָלק נישט קיין געשטאָרבענע העלדן, זיי גייען מיט און ענדערן זיך צוזאַמען מיט די צייטן. דאָס פאָלק וויל פאַרעקשנט נישט וויסן אַז זיינע באַליבטע העלדן זענען אַמאָל דאָך געשטאָרבן, ער וויל נישט געדענקען זייער קערפּערלעכן יאָרצייט. געשטאָרבן — נישט געשטאָרבן, זייער גייסט ווירקט דאָך ווייטער אין די יידן וואָס לעבן היינט, טאָ צו וואָס ריידן וועגן טויט? נישט ביי זיין לעבן איז דער קערפּער פון העלד געווען הייליק, גייט אונדז אויך נישט אָן דער טויט פון דעם קערפּער. און בכן — כל זמן עס לעבט דאָס פאָלק, כל זמן אין פאָלק לעבן די אידעען וואָס די אָדער יענע פּערזאָן האָט סימבאָליזירט, — לעבט זי און זי ווירקט. איז אליהו דער אויסגעהאַלטנסטער קעמפער פאַר יידישקייט, דער ערשטער קעמפער פאַר יידישער נאַציאָנאַלער טראַדיציע אוודאי נישט געשטאָרבן. מוז דאָך זיין גייסט כסדר באַגלייטן די יידן וואָס ציען ווייטער זיין קאַמף, זיין וועג צו אייגנס, זיין פאַראַכטן פרעמדס. ער האָט זיך כסדר געענדערט. געוויס: אויף וויפל עס ענדערן זיך די פאָרמען ווי אַזוי זיין אידעע ווערט אויפגעהאַלטן, ווי עס ענדערן זיך די וועגן איינצוהאַלטן יידישקייט, — אַזוי ענדערט זיך אויך אליהו הנביא. און אַזוי אַלע, אַלע, אפילו דער רבש״ע אַליין — אויך ער האָט זיך געענדערט פון דעם „איש מלחמה״ ביז „אוי, ווי, די הענט נישט געוואַשן, טאַטע האַרציקער״.

אַ פאָלק מיט אַזאַ צוגאַנג צו זיין פאַרגאַנגענהייט קען נישט האָבן

א. גאָלאָמב

קיין געשיכטע אין דעם וויסנשאַפטלעכן זינען פון וואָרט. דען געשיכטע איז דאָך וואָס עס איז שוין געשען, געווען, פאַרגאַנגען און במילא מער נישטאָ. און דאָ איז דאָך אַל דאָס געוועזענע ווידער און ווידער דאָ צוריק. נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון, און אַלץ איז ווידער אַקטועל. אָדער אַקטואַליזאַציע אָדער היסטאָריזאַציע!

* * *

פאַקטאָרן זענען פאַראַן פון צוויי מינים; איין מין נעמט אַרום אַלע סיבות און פאַקטאָרן פון דער אַרומיקער וועלט, וואָס זענען נישט אָפּהענגיק פון דעם מענטשן, פון זיינע פעאיקייטן און כאַראַקטער. דאָס זענען די דרויסנדיקע פאַקטאָרן, עקסאָגענע; און פאַראַן פאַקטאָרן וואָס זענען אין די מענטשן גופא, זייער כאַראַקטער, דער טעמפּעראַמענט, די פעאיקייטן, די נייגונגען און די געוווינהייטן וואָס זענען איינגעפלאַנצט אין אינדיוויד אָדער — דורך דורות — אין דעם גאַנצן קאָלעקטיוו. דאָס זענען די אינעווייניקסטע פאַקטאָרן, ענדאָגענע. אין סאָציאָלאָגיע ווי אין דער ביאָלאָגיע האָט מען געגלייבט אַז אַ באַשעפעניש איז אַזאַ און נישט אַנדערש ווייל די דרויסנדיקע לעבנס־באַדינגונגען האָבן עס אַזוי אויסגעפורעמט. דער קאַמף פאַרן קיום אין די געגעבענע באַדינ־גונגען האָבן עס אַזוי און נישט אַנדערש אויסגעשטאַלטעט. אַזוי אויך אין לעבן פון אַ פאָלק, פון אַ סאָציאַלן קאָלעקטיוו. איצט איז דער גלויבן אין די דרויסנדיקע פאַקטאָרן אַ סך אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די ביאָלאָגיע ווייס אַז זיי קענען מאָדיפיצירן בלויז מער אָדער ווייניק צייט־ווייליק די לעבנספאָרמען פון דעם באַשעפעניש אָדער פון דעם קאָלעק־טיוו. דער אַלגעמיינער כאַראַקטער בלייבט אָבער אַזאַ ווי עס דיקטירן די אינעווייניקסטע גערשנטע אייגנשאַפטן, די גענאָטיפּישע ווי די ביאָלאָגיע רופט זיי אָן. דרויסנדיק זעען אויס די יידישע קיבוצים אין איטלעכן לאַנד אַנדערש, זיי זענען צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען און לעבנס פאָרמען אין לאַנד. עס אונטערשיידן זיך זייער די יידן פון אַמע־ריקע פון די יידן אין אַרגענטינע אָדער פון פראַנקרייך. אָבער די אייגנ־שאַפטן, דערוואָרבענע צוזאַמען מיט דעם לשון אין דעם אָדער אין

צווייטן לאַנד זענען לגמרי נישט דויערנדיקע, נישט קיין בלייבנדיקע. זיי זענען נישט קיין געגנאַטיפישע, די ביאָלאָגיע וואָלט זיי אָנגערופן „פּענאָטיפּישע פאַקטאָרן”, און נישט זיי געשטאַלטן אויס דעם גורל פון פאָלק. אפילו אַזוינע איינגעוואָרצלטע איינגנשאַפטן ווי די „ליטוואַקישע” און „פּוילישע” וואָס האָבן אין משך פון אַזוי פיל דורות אָפּגעשיידט די צוויי שבטים יידן, אויך זיי ווערן אָפּגעמעקט אין משך פון איין דור צוזאַמענלעבן.

דערפאַר אָבער זענען פאַראַן שטריכן און אייגנשאַפטן וואָס זענען נישט אָפּהענגיק פון לאַנד, פון סביבה, פון הערשנדיקן פאָלק, יידן ווו זיי קומען ברענגען זיי מיט זיך די אייגנשאַפטן און אָט די זענען בלייבנ־דיק, זיי פורעמען אויס דעם כאַראַקטער פון די נייע יידישע ישובים אין אַלע לענדער. קיין קאַנאַדע זענען איינצייטיק אריינגעקומען יידישע און אוקראַינישע אימיגראַנטן. די באַדינגונגען זענען פאַר אַלעמען גע־ווען די זעלביקע, די פאָדערונגען פון דער רעגירונג און מעגלעכקייטן צו פאַרדינען אויף חיונה — אויך, די נאָרמען און פאָרמען פון דער־ציען די קינדער אין דער אַלגעמיינער עפנטלעכער שול, אין דער זעל־ביקער שפּראַך — אַלץ איז געווען ענלעך פאַר ביידע פעלקער גרופּעס, — און דאָך האָט דאָס לעבן אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר גרונ־טיק געענדערט די זאַך און ביי היינטיקן טאָג זענען אַלע לעבנס פאָר־מעס פון די אוקראַינער אנדערש ווי פון די יידן, און אויך זייער גורל איז שוין אַנדערש. די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס דער־לעבן די לעצטע שטופּע פון זייער אונטערגאַנג; די אוקראַינישע שטאַרקן זיך און קאָנצענטרירן זיך אין ראַיאָנען; אין די שטעט שאַפן די אוקראַי־נער שטאַרקע קאָאָפּעראַטיוון, די יידן צעשפּרייטן זיך אין פרייע פּראָ־פעסיעס... דאָס לעבן פון ביידע פעלקער גרופּעס ווערט ביסלעכווייז ענלעך צו דעם ווי עס האָט אויסגעזען אין דער אַלטער היים, — און דאָס — נישט געקוקט אויף דעם וואָס א גרויסער טייל פון דער יידישער ווי פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג האָט שוין דורכגעמאַכט דעם אַזוי גערופענעם „שמעלצטאָפּ” און מען רעדט ענגליש. דאָס זעלביקע איז אויך אין אַנדערע אימיגראַציע לענדער. יידן זענען געקומען אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט צוגלייך מיט שפּאַניער. די לעצטע האָבן

געשאַפן מדינות. די יידן האָבן אומעטום געשאַפן מינדערהייטן. אין משך פון דער גרויסער אימיגראַציע קיין אַמעריקע אין ערשטן פערטל פון צוואַנציקסטן י"ה האָבן די יידן געקאָנט גרינג שאַפן פאַר זיך אין די שטאַטן איינעם אָדער עטלעכע שטאַטן מיט אַ יידישער מערהייט, און במילא מיט אַ גנזעצגעבונג און פּאָליטיק פון אַ יידישער מערהייט. דאָס איז נישט געשען נישט דערפאַר ווייל די דרויסנדיקע באַדינגונגען האָבן עס נישט דערלאָזן, נאָר פשוט דערפאַר, ווייל די יידן האָבן עס נישט געוואָלט לויט זייערע מיטגעבראַכטע און אפשר איינגעבאָרענע נייגונגען און געוואוינהייט. די ענדראַגענע, גירשנטע איינגנשאַפטן פון יידישן פאָלק האָבן געפירט דאָס לעבן אונדזערס אין דער ריכטונג און נישט אין אן אנדער. איטלעך פאָלק האָט אין אַ נייעם לאַנד זיין גורל און זיין באַשטימונג וואָס מיט זיי איז עס אָנגעקומען. די גענאָטיפּישע, ענדראַגענע איינגנשאַפטן פון פאָלק, זיין כאַראַקטער, זיין פּסיכיק, זיינע דורותדיקע געוואוינהייטן זענען שטאַרקערע פאַקטאָרן איידער דאָס זענען די דרויסנדיקע באַדינגונגען, די עקסאָגענע ווירקונגען.

די ענדראַגענע ווירקער, פאַקטאָרן ווייזן זיך שטאַרקער אַרויס אין די גלויבונגען און פאַרשטעלונגען, אין די לעגענדעס און באַגריפן פון אַ פאָלק, איידער אין די פאַקטן. מיר וועלן אין דער אַרבעט, אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך מערער זיך אָפּשטעלן אויף די אינעוויינינקסטע ענדראַגענע פאַקטאָרן פון אונדזער געשיכטע וואָס זיי זענען אויך די פאַקטאָרן פון אונדזער לעבן היינט און מאָרגן.

פאַר די פעלקער וואָס היסטאָריזירן זייער פאַרגאַנגענהייט איז געשיכטע ענלעך צו אַ גראָדער ליניע וואָס ציט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער און איטלעכער פונקט דערווייטערט זיך פון יעדער פריערדיקן אַלץ ווייטער און ווייטער. דאָס פאָלק וואָס ציט זיין לעבן מיט דער גראָדער ליניע פון זיין געשיכטע, קומט קיינמאָל נישט צוריק צו פונקטן וואָס עס האָט שוין איינמאָל איבערגעלעבט.

פאַר יידן אָבער איז זייער געשיכטע געגליכן צו ספּיראַל־ליניעס. ציימן בייטן זיך, לענדער בייטן זיך, שכנים, פריינד און שונאים קומען כסדר אויף נייע — און די פּראָבלעמען וואָס שטייען אין צענטער פון

אַט די לעבנס קרייזן — זיי בלייבן פון דור צו דור, ווי עס בייט זיך נישט די אַקס פון דער ספּיראַל.

און בכן וווּ איז די צענטראַלע אַקס פון דער יידישער געשיכטע וואָס אַרום איר דרייט זיך דאָס לעבן פון יידישע דורות ווי אין קרייזן? וווּ איז די אַקס וואָס אַרום איר חזרן זיך כסדר איבער דערשיינונגען, פּראָצעסן, קאַמפן, ירידות און עליות?

* *
*

2. דער קולטור קאַמף אין פאָלק גופא איז די אַקס פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק

די גאַנצע יידישע געשיכטע איז אין איר תוך איין קייט פון אינע־ווייניקסטע קאַמפן פאַר דער אייגענער טראַדיציע וואָס וואַקסט אין פאָלק און קעגן איר. אַט דער קאַמף האַלט זיך אין איין איבערחזרן. אין פאַרשיידענע לענדער, אין פאַרשיידענע צייטן, נעמט ער אַן אַנדערע פאָרמען, אָבער דער קאַמף איז דער זעלביקער. אַט דאַכט זיך, אַז דער קאַמף איז געענדיקט. איין צד — דער באַזיגטער — איז מער נישטאָ אין יידישן לעבן. עס בלייבט בלויז דער זיגער — די ריכטונג וואָס האָט אין קולטור קאַמף געקעמפט פאַר דער ריכטיקער אידעע, — און באַלד ווערט דער קאַמף ווידער, עפּעס וואַקסט ער אויס ווי פון דאָס ניי. עס זענען נייע פאָרמען פון לעבן, נייע לענדער, נייע סיטואַציעס, די אַרגומענטן אין קאַמף זענען נייע. קיינער וויל גאָרנישט איבערחזרן די אַלטע אידעען וואָס האָבן באַנקראָטירט אין אַ פריערדיקער תקופה, — און דאָך איז דאָס בלויז אַ נייע געשטאַלט, אַ נייע פאָרמע פון דעם קאַמף וואָס איז שוין געווען, וואָס איז שוין אויסגעקעמפט. איטלעכער דור חזרט איבער דעם זעלביקן קאַמף אין זיין געשטאַלט, אויף זיין אופן. עס איז, ווי פרץ וואָלט עס געזאָגט, אַ ניגון וואָס איטלעכער דור זינגט אים אַנדערש, אויף זיין שטייגער. איז אונדזער גאַנצע געשיכטע „אַ גילגול פון אַ ניגון" — אַ גילגול פון איין באַשטימטן ניגון —

א. גאָלאָמב

דער ניגון פון קאַמף פאַר אָדער קעגן דער אייגענער קולטור אין לעבן, אייגנס אָדער פרעמדס; צי לעבן מיר מיט אונדזער אייגענער טראַדיציע אָדער מיר דאַרפן קאָפּירן אנדערע אין אונדזער לעבן. אייביק איז דאָס יידיש פאָלק און אייביק נייט אָן אין אים אָט דער קולטור קאַמף.

* *
*

לאָמיר קודם כל מאַכן אַ שפּאַציר דורך דער יידישער געשיכטע כדי צו זען דעם דאָזיקן קאַמף אין זיינע גילגולים. דערביי וועלן מיר נעמען די פאַקטן, געשטאַלטן און געשעענישן נישט ווי זיי זענען אפשר געשען אין דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט לויט ווי עס שטעלן זיך פאָר פאָרשערס, נאָר מיר נעמען זיי אַזוי ווי זענען זיכער פאָרגעקומען אין דער פאָרשטעלונג פון פאָלק, ווי זיי האָבן געווירקט אין לעבן פון פאָלק. דען אַ ווירקנדיקער כוח אין לעבן פון פאָלק איז געווען נישט די אָביעקטיוו „ריכטיקע" היסטאָריש פאָרגעקומענע געשעניש, נאָר די פאָרשטעלונגען פון פאָלק, ווי דאָס פאָלק האָט געגלייבט און ווי עס האָט געוואָלט די דערשיינונגען זאָלן האָבן געדאַרפט זיין. זיי, אָט די סוביעקטיווע פאָרשטעלונגען וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, זיי האָבן אין זיך געטראָגן די לעבנס ענערגיע פון פאָלק און זיי האָבן געמאַכט זיין געשיכטע.

נאָך דער קורצער הקדמה קערן מיר זיך אום צו אונדזער עקסקורסיע אין דער יידישער געשיכטע און מיר וועלן זען אָט די צעשפּאַלטונג אויף צוויי ריכטונגען — פאַר דער אייגענער טראַדיציע אין לעבן און קעגן איר. גייען מיר כסדר.

אברהם דער ערשטער ייד הייבט אָן זיין יידישקייט, דעם וועג פון זיין פאָלק מיט דעם צעברעכן אַלע מאַטעריעלע געטער פון זיין סביבה. און געטער מיינט נישט דווקא רעליגיעזע, — אַלץ וואָס אַ קאָלעקטיוו, אַ פאָלק האַלט פאַר דעם וויכטיקסטן אין זיין לעבן, דאָס איז גאָט. קען דאָס זיין אין רעליגיע אויב דאָס פאָלק האַלט זי פאַר דעם עיקר אין זיין לעבן, קען זיין דאָס לאַנד, די מדינה, זיינע רייכטימער, — מיט איין וואָרט: אַלץ צו וואָס אַ פאָלק דינט, דאָס איז זיין גאָט. און שוין

דער ערשטער ייד האָט אָפּגעוואָרפן אַלע מאַטעריעלע געטער און ער האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף געצן, פאַלשע געטער. די קריסטן באַ־רימען אונדז יידן ווייל מיר האָבן געשאַפן דעם מאָנאָטעיזם — דעם גלויבן אין איין גאָט. אָבער כל זמן אויך דער איינציקער גאָט קען זיין אין פאָרשטעלונג פון מענטשן אַ גוף, אַ מאַטעריע, אַ שטאָף אַ טויטע אָדער אַ לעבעדיקע וואָס מען קען טויטן, איז דאָס ווידער נישט מער ווי אַ געץ. אויך אַן איינציקער גאָט קען זיין אַ געץ. דער אויפטו פון יידן איז נישט מאָנאָטעיזם, נייערט די אימאַטעריאַליזאַציע פון דעם גאָט־באַגריף. נישט אומזיסט האָבן שפּעטער די גריכן געקוקט אויף אונזערע אבות ווי אויף אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין גאָט. זיכער, אַזאַ גאָט ווי זיי האָבן, האָבן מיר נישט.

ער לאָזט זיך איבער דער וועלט, דער ערשטער ייד־„לך לך" דורך אַן אייביקן קאַלך אויוון, ער גייט זוכן גערעכטיקייט אפילו פון גאָט אַליין. ביי אַנדערע פעלקער איז דאָס געזעץ געשאַפן פון מענטשן וואָס האָבן די מאַכט און זיי צווינגען ארויף אויף אַנדערע זייערע געזעצן. דאָס יידיש פאָלק האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז געזעצן זענען פריער פאַרן מענטשן, זיי מוזן ליגן אין יסוד פון דעם באַשאַף. ווי די נאַטור געזעצן קענען זיך נישט ענדערן און נישט בייטן אַזוי זענען אויך די מאָראַלישע נאָרמעס אין לעבן, די געזעצן פון גערעכטיקייט. נישט אומזיסט זאָגט אַ יידישע פילאָסאָפיע אין פאָרמע פון אַ לעגענדע אַז די תורה איז ביי גאָט געוועזן לאַנגע דורות פריער איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. די תורה איז דאָך די געזעצן פון דעם וועלט־פּיר.

אברהם, דער ערשטער ייד איז שוין „גר ותושב" — ער וווינט לאַנג אין זיין אָרט, דאַכט זיך אַ תושב, אַ בירגער, און דאָך אַ גר, אַ פרעמדער . . .

ער גייט ראַטעווען זיין פריינט לויטן, און מען זאָגט אים: את הנפש תן לי ואת הרכוש קח לך — דו נעם זיך געלט, קאַפּיטאַל, די נשמה אָבער דאַרפסטו אונדז אָפּגעבן . . .

שוין ביי דעם ערשטן יידן זענען די עלעמענטן פון דער געשיכטע פון גאַנצן פאָלק. אַזוי האָט דאָס פאָלק זיין געשיכטע, זיין לעבן צוגע־

שריבן צום ערשטן יידן שוין, און געלערנט אַז מעשי אבות סימן לבנים.

דער ערשטער ייד אברהם האָט געהאַט צוויי זין — יצחק און ישמעאל. פון זיי איז בלויז איינער געוואָרן אַ ייד. כדי צו זיין אַ ייד איז לגמרי נישט גענוג געבאָרן צו ווערן ביי אַ טאַטן אברהם, — מען דאַרף אין אייגענעם לעבנס פיר אנהאַלטן אַ יידישן שטייגער. זיין אַ ייד איז נישט קיין זאַך פון גורל, עס איז אַ וואָלונטאַרישער אַקט, אַן אָנגע־שטרענגטער באַשטימטער אינהאַלט אין לעבן: אַז אַזוי פיר איך מיין לעבן און נישט אַנדערש, — און דער וואָס קען נישט (אָדער ער וויל נישט) פירן אַזאַ אויסגעהאַלטענעם יידישן לעבן, — דער איז נישט קיין ייד. ער קען זיין אַ פּאַסיווער ייד, אַ קרבן פאַרן יידישן גורל צו ליידן יידישע צרות. קיין אַקטיווער, שעפערישער ייד קען ער נישט זיין. אויף צוויי וועגן זענען אַוועק אברהמס קינדער: איינער האָט ווייטער געצויגן אברהם־ריכטונג „כי ביצחק יקרא לך זרע" — די געשיכטע פון יידישן פאָלק. דער צווייטער האָט איבערגעריסן, אָפּגעריסן זיך פון דער יידישער געשיכטע און פאַרלאָרן געגאַנגען. המשך און כרת — דאָס זענען די צוויי וועגן.

און דער צווייטער ייד האָט ווידער צוויי זין וואָס צעגייען זיך אויף צוויי פּיינטלעכע וועגן: עשו ווערט ביי יעקבן אין די אויגן דער סימבאָל פון אַלץ וואָס איז „על חרבך" און „הידים ידי עשו". ישמעאל ווערט דער סימבאָל פון יענע טיילן פון יידישן פאָלק וואָס ווערן אַסי־מילירט צווישן די אַראַמיש־אַראַבישע איינוווינער פון דעם האַלב־מידבר־דיקן פאָדער אַזיע. עשו איז דער סימבאָל פון יענע יידן וואָס אַסי־מילירן זיך מיט דעם גריכיש־רוימישן מערב, ביז זיי ווערן איינס מיט אים און פאַרלירן אין גאַנצן יעדן צוזאַמענבונד מיט יידן, זיי פאַרגעסן לגמרי זייער אָפּשטאַם פון אברהמען, און די נעמען עשו און ישמעאל סימבאָליזירן ווייטער די רוימישע און פאָדעראַזיאַטישע וועלטן בכלל, אָן שייכות צו יידן.

און יעקב הייבט אָן שוין דאַן „ביים שיין פון טאָגן", אין גרויען פאַרצייטן זיין וואַנדער וועג: די שנאה פון עשון טרייבט אים פון זיין איינגעזעסענער היים און ער לאָזט זיך זוכן גליק ביי לבנען. דער נעמט

אים אויף אזוי פריינדלעך, מעשה קרוב, א פעטער אן אמתער! אָבער ווי נאָר יעקב ווערט אַ ביסל באַלעבאַטיש, גלייך דערפילט ער, אַז אַלע קוקן אויף אים מיט שנאה: אַ קליינינקייט, יעקבס ווייבער פוצן זיך צו פיל!... ס'איז אונדזערס אַלץ וואָס דער יעקב פאַרמאָגט!... און יעקב וואַנ־דערט ווייטער. ער לויפט צו עשון. איין זאַך פאַרשטיי איך נישט אין אַט דער געשיכטע: פאַרוואָס האָט יעקב נישט געקענט געפינען פאַר זיך קיין פּלאַץ אַליין? איז דאָך די וועלט געווען גענוג גרויס און גראָם אויסער דער ממשלה פון לבנען און עשון. פאַרוואָס האָט יעקב נישט געקענט זיך געפינען אַן אָרט פאַר זיך, בויען אַ היים באַזונדער? איז דאָס תיקו — אַ פראַגע אָן אַ תירוץ.

אפשר איז דאָס פאַרבונדן מיט יעקבס נעגאַציע פון אַלץ וואָס עס איז מאַטעריעל, אפשר דערפאַר וואָס ער, יעקב, פאַרמעסט זיך גאָר צו ראַנגלען זיך מיט גאָט און ער חלומט וועגן אַ „לייטער וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערגרייכט אין הימל"... ווי דאָס זאָל נישט זיין וואַנדערט יעקב פון עשון צו לבנען און צוריק.

שפּעטער קומט דער ערשטער גלות. די יידן קומען אַהין פריוויליק, מען נעמט זיי אויף ווייליס, פריינדלעך. אויך לבן האָט דאָך אויפגענומען יעקבן גאָר פריינדלעך, אויך עשו האָט זיך דאָך געלאָזט באַגעגענען יעקב זייער ברידערלעך. אָבער גאָר גיך פאַרגעסט מצרים די פריינד־שאַפט, מען פאַרגעסט וואָס די יידן האָבן אויפגעטאָן, „אשר לא ידע את יוסף" — פאַרגעסן לגמרי, און „הבה נתחכמה" — לאָמיר זוכן ווי פּטור צו ווערן פון זיי. דאָ איז קענטיק די סכעמע פון איטלעכן גלות: עס הייבט זיך אָן גליקלעך, פריידיק, אָבער פריער צי שפּעטער ווערט מינאָר, טרויעריק, מען זוכט מיטלען פּטור צו ווערן — הבה נתחכמה. יידן וויינען און קלאָגן פון אונטער דעם שווערן גלות יאָך. אָבער ווען עס קומט צו באַפרייען זיך ווערט דער ענטוזיאַזם אָפּגעקילט. יידן דער־שרעקן זיך פאַר די שוועריקייטן פון אַ לעבן פאַר זיך.

מיר האָבן קיינע אינפאָרמאַציעס נישט וויפל יידן עס האָבן נישט געוואָלט אַרויסגיין פון מצרים. עס דערציילט זיך אָבער וועגן אַן „ערב רב", וואָס ווערט נישט גערעכנט אין דער צאָל „יידן", — אַ געמיש, אַ גרויסע צאָל מענטשן וואָס דאָך זענען זיי קיין פאָלק. פּונקט אַזוי

קענען אַמאָל גאָר אַ סך בײמער דאָך נישט זײַן קײן װאַלד; עס מוז זײַן אַ געמײנזאַמקײט און אַ קענגזײַטיקע װירקונג צװישן די יחידים פֿון אַ פֿאָלק. מיליאָנען מענטשן װאָס זענען צונױפֿגעטריבן אין אײן פּלאַץ זענען נישט קײן פֿאָלק. אין דעם מאָמענט װען מענטשן װערן אומאָפּהענגיק אײנער פֿון דעם צװײטן, הערט אױף צו זײַן אַ פֿאָלק, — עס װערט אַן „ערב רב".

משה װיל צונױפֿצעמענטירן אַ פֿאָלק

מיר לאָזן אָן אַ זײַט די גאַנצע פּלוגתא צי משה איז אַ היסטאָרישע פּערזאָן, װאָס האָט װירקלעך געלעבט אין אַ באַשטימטער צײַט, אָדער עס איז אַ העלד פֿון אַן אױסגעטראַכטער לעגענדע. אױב עס איז אַ לעגענדע איז עס פֿאַר אונדז נאָך בעסער.

מיט דעם נאָמען משה װעלן מיר דעמאָלט באַצײכענען אַלץ אין ײדישן פֿאָלק, װאָס באַמיט זיך צו שאַפֿן אַ צעמענטירט פֿאָלק. װי אַזאַ סימבאָל פֿון ײדישן פֿאָלק האָט משה געלעבט אין גלױבן און אין באַװוסטזײַן פֿון דער מענטשהײט בײַ פֿיר טױזנט יאָר און אָט די פֿאָרשטעלונג פֿון משהן אין פֿאָלקס לעבן איז די אמתע װירקנדיקע װירקלעכקײט, דאָס איז דער פֿאַקטאָר אין געשיכטע פֿון ײדישן פֿאָלק אױב אפֿילו אַזאַ פֿאַקט איז נישט געװען.

משה האָט געהאַט צו קעמפֿן אױף צװײ פֿראָנטן; ער האָט געדאַרפֿט אױספֿועלן בײַ מצרים מען זאָל די ײדן אַרױסלאָזן, ער האָט געדאַרפֿט אױספֿועלן בײַ די ײדן זײ זאָלן װעלן אַרױסגײן פֿון מצרים. דער ערשטער קאַמף איז געװען אַ גרינגער און אַ קורצער. צען מכות האָבן איבערגעצײַגט פּרעהן, און משה האָט זײַנס דערגרײכט, גאָר אַנדערש איז דאָס געװען מיט דעם צװײטן פֿראָנט: אױסצװאָרצלען די קנעכטשאַפֿט בײַ די ײדן גופֿא, מאַכן פֿון אַ מאַסע מענטשן װאָס זענען געװײנט געװאָרן צו לעבן לױטן באַפֿעל פֿון אַנדערע און אונטער זײער בײַטש, מאַכן פֿון דער מאַסע אַ פֿאָלק מיט אַן אָרגאַניזירטן אײגענעם לעבן, אײגענער דיסציפּלין און אײגענעם װילן — דאָס איז פֿאַר משהן געװען אַ לאַנגער פּראָצעס און ער איז אױך אים װײַט נישט געלונגען.

די צרות, באַליידיקונגען, די פּיין און קנעכטשאַפט אין מצרים האָבן די יידן נישט געוואָלט געדענקען, דערפאַר אָבער האָבן זיי נישט אויפגע־הערט צו דערמאָנען משהן און צו מאָנען ביי אים דאָס פלייש וואָס זיי האָבן געהאַט צו זאַט אין מצרים, די אומזיסטע פיש וואָס דער באַלעבאָס האָט זיי געגעבן, די ציבעלעס מיטן קנאָבל... משה דער סימבאָל פון יידישער פאַרזיכיקייט האָט געהאַלטן אין איין אויפקלערן די יידן: איר זייט געווען קנעכט און איר גייט צו ווערן אַ פאָלק פאַר זיך. די יידן האָבן געהאַלטן אין טענהן צו משהן: אונדז איז בעסער צו זיין קנעכט אין מצרים און האָבן פלייש מיט פיש צו זאַט איידער צו זיין אַ פריי פאָלק. זיי האָבן פאַרשטאַנען ווען איבער זיי הערשט אַ פּרעה, אַ קייסער אַ פרעמדער, אָבער אַז איינער אַ זייעריקער, אַ משה זאָל זיי זאָגן דעות — דאָס ווילן זיי נישט פאַרטראָגן: „מי שמך?" — ווער האָט דיך איבער אונדז געשטעלט? אַ פּאַליציאַנט, אפילו דעם נידע־ריקסטן וועט אַ ייד פאָלגן, ווייל עמיצער אַ „באַלעבאָס" האָט אים גע־שטעלט, אָבער פאָלגן אַ יידן, ווען אפילו דאָס איז משה, וואָס קיין פּרעה האָט אים נישט באַשטימט, דאָס האָבן יידן נישט געוואָלט. דאָ ליגט דער טיפערער, היסטאָרישער זינען פון קורחס אויפשטאַנד און פון די אַלע קלענערע אויפשטאַנדן וואָס דער חומש דערציילט וועגן זיי.

וואָס האָט דאָ געוואָלט פאַרקערט משה?

אים איז געגאַנגען אין שאַפן אַ פאָלק מיט איין איינהייטלעכער פּסיכיק און איינהייטלעכן ווילן און שטרעבן, מיט אַן איינענעם גאַנג און וועג, מיט אַן איינענעם „נאַציאָנאַלן פּרצוף". משה האָט זיין אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, ריינער זיטלעכקייט און איינגעהאַלטנקייט געשטרעבט צו מאַכן פאַר די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון יידישן פאָלק, אַט די סאָציאַל־עטישע נאָרמעס פאַרוואַנדלען אין דער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין פון זיין פאָלק. אויפן פאָן פון דער אַרומיקער געצנדינערײַ, פון רעליגיעזער פּראָסטיטוציע, פון מענטשלעכע קרבנות פאַר געטער, פון בלוטיקער נקמה (גאולת הדם), פון הערשן דורך שטאַרקייט, פון מאַכן פון די אינסטינקטן אַ קולט מיט צערעמאָניאַלן פּוץ, האָט משה געטרוימט וועגן אַ „ממלכת כוהנים וגוי קדוש", וועגן דעם אַז זיין פאָלק וועט נישט נאָכטאָן די „אומווירדעקייטן פון די פעלקער", וועט

נישט גיין אין זייערע וועגן, און עס וועט ווערן א „נס לגויים" — א מוסטער פאָלק, וואָס קוקנדיק אויף אים וועלן אויך אַנדערע אפשר ביסלעכווייז זיך ענדערן און דערגרייכן דורך דעם צו דעם וואָס שפּע־טער איז פאָרמולירט געוואָרן אין דעם זאַץ „לתקן עולם במלכות שדי" דורך געטלעכע נאָרמירונגען אויספאַררעכטן די וועלט.

דאָס איז דער זינען פון דער גאַנצער תורת משה, דער געזעצגעבונג. נישט קיין רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר איז משה געווען, נאָר א סאָציאַ־לער אין די ראַמען פון זיין פאָלק. אין די צען געבאָט, וואָס זענען פאַר־רעכנט געוואָרן אין פאָלק פאַר גאָטס ווערטער (מפי הגבורה) רעדט זיך וועגן גאָט נאָר אין דריי געבאָטן, די איבעריקע זיבן זענען אַלע נאָר־מירונגען פון עטישע פּרינציפּן, וואָס דאַרפן איינהאַלטן אַלע אינס־טינקטן: ערלעך האַלטן אַלטע עלטערן (פאַרגלייך מיט דער באַציאונג צו אַלטע און שוואַכע ביי די ספּאַרטאַנער אין גריכנלאַנד); א רו טאָג פאַר אַלעמען, אפילו פאַר דיין אָקס און אייזל, נישט נאָר פאַר דער דינסט און קנעכט, נישט גנבענען, אאז"וו.

די דריי געבאָטן וואָס ריידן וועגן גאָט, זענען אַפּצושוואַכן דעם עלעמענט פון טעאָלאָגיע: נישט דערמאָנען גאָטס נאָמען, נישט מאַכן קיין געטער, ווייל „איך בין דיין גאָט", נישט דורך דינען דירעקט צו מיר, נייערט דורך דער סאָציאַלער עטיק און נאַציאָנאַלער פאַרזיכיקייט וועט איר דינען צו גאָט, וואָס „מען זעט אים נישט". נישט נאָר אויף דעם פּאָן פון אַמאָליקע פעלקער איז די פּראָגראַם משהס געווען אַן אוני־קום. מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער איז דאָס נאָך אויך וויט נישט באַ־גרייפלעך פאַר דער גרעסטער טייל פון דער מענטשהייט.

מיר וועלן דאָס נאָך אַמאָל פאָרמולירן: נישט קיין טעאָלאָגישע רע־ליגיע פון א נאַציאָנאַלן, אייגנעם גאָט האָט משה געגעבן די יידן, נייערט ער האָט פון א אידעאַלן סאָציאַל־עטישן קאָדעקס געוואָלט מאַכן א נאַציאָנאַלע רעליגיע. נישט אומזיסט האָט די שפּעטערדיקע טראַדי־ציע געמאַכט משהן פאַר דעם אדון הנביאים. מער נישט וואָס אַלע נביאים האָבן זיך באַנוגנט מיט רייד, און משה האָט זיך באַמיט צו רעאַ־ליזירן זיין אידעאַל אין לעבן פון זיין פאָלק. נאָך ספּינאָזאַ האָט געזאָגט

אז די תורה דאס איז די נאציאנאלע קאנסטיטוציע פון יידישן פאלק (געבראכט לויט מאקס ווינער, ייווא בלעטער 23, 1, ז' 60).

אבער משהן איז אויסגעקומען צו פירן א פארביטערטן קאמף מיט זיינע קעגנער אין יידישן פאלק גופא. די אנהענגערס פון דער „זאַ־טער קנעכטשאפט", אט די וואס האבן בשום אופן נישט געוואלט אנער־קענען אז משה, א ייד וואס נישט די גויים האבן אים באשטימט, זאל זיין א פירער, אט די קורח ועדתו, וואס האבן רעוואלטירט קעגן מעשהן, האבן געפירט נישט נאר א פערזענלעכן קאמף, נייערט אויך א אידעישן. זיי ווילן נישט באנעמען אן אבסטראקטע גאטהייט, וואס א מענטש קען נישט זען, וואס האט נישט קיין געשטאלטן, קיין מאטעריעלע סימבאלן, — זיי ווילן א גאט א ממשותדיקן ווי „ביי אלע פעלקער", און ווי נאר משה דערווייטערט זיך אויף א שטיקל צייט, מאכט מען זיך אן „אמתן" גאט פון גאלד, די גאלדענע קאלב, מן הסתם לויטן פאסאן פון עם מיצרישן אקס־גאט אפיס. און דאס פאלק איז פריילעך, מען טאנצט ארום דעם געמאכטן גאט און מען פרייט זיך: מען מיינט צו זיין פטור פון דעם שטרענגען משהס גאט וואס נאר ער צאמט איין און הייסט באהערשן די אינסטינקטן, נישט נאכגעבן זיי. פארוואס דארפן זיי זיין אנדערש פון אלע אנדערע „קולטורעלע" פעלקער? אט טרעפט מען זיך מיט פעלקער, וואס האבן אזא „זיסן" קולט ווי דער פון בעל פעור (רע־ליגיעזע פראסטיטוציע), — און דער משה מיט זיין גאט זענען אזוינע שטרענגע און אלץ ער האלט אין איין פארווערן, פארבאטן, אלץ ער הייסט זיין אנדערש פון אלע אנדערע פעלקער. „מען טאר נישט, און מען טאר נישט, און מער טאר נישט"...

עס איז אזוי גרינג און אנגענעם צו זיין א נישט־ייד, צו גיין מיטן שטראם, צו מאכן א קולט פון די אינסטינקטן, פארפוצן אלץ וואס עס גלוסט זיך מיט צערעמאניעס, פירן זיך ווי לייט, „זיין ווי אלע פעלקער".

עס איז אזוי שווער צו זיין א ייד, גיין קעגן שטראם, אפהאלטן זיך און איינהאלטן זיך, גובר זיין די אינסטינקטן, זיין אנדערש פון אלעמען.

אט שוין דעמאלט, אין באגינען פון דער יידישער געשיכטע האט זיך אנגעהייבן דער לאנגער קאמף אין יידישקייט: דער געראנגל צווישן

די פונצענטרישע און צוצענטרישע כוחות אין פאלק. און אט דער קאמף איז די אקס פון דער גאנצער וועלטערדיקער געשיכטע פון יידישן פאלק.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז אינטערעסאנט צו באהאנדלען נאך א פראגע: צווישן דעם פירער און זיין פאלק איז א גייסטיקער תהום. ער לעבט מיט דער וויזיע פון אן „עם סגולה מכל העמים”, און זיי לעבן מיט דער גערעכעניש און בענקעניש נאך די ציבעלעס און קנאבל, די אומזיסטע שקלאפן-פארציעס פון פיש און פלייש. איז די פראגע צי דער פירער דארף זיך צופאסן צום פאלק, אדער ער דארף זיין אויסגעהאלטן אין זיין פיר און אין זיין גאנג? אין אונדזער צייט האט מען די פלוגתא אנגערופן „מאקסימום אדער מינימום יידישקייט”. משה איז געווען א „מאקסימאליסט”, אהרן זיין ברודער איז געווען א „מינימאליסט” — דאס פאלק שרייט און פאדערט א גאט, וואס מען קען זען און טאנצן ארום אים, איז זאל זיין, נאט אייך א גאט און פרייט זיך. נישקשה „זיי וועלן עלטערן ווערן וועלן זיי זיין קלינגער”. „משה האט אזא אומ-אויסגעהאלטנקייט נישט געקענט פארטראגן. דאס איז א שטריך פון א נביא (זע אחד העם „כוהן ונביא”).

יידן אסימילירן זיך אויך ביי זיך אין לאנד

און אט זענען יידן, א טייל פון זיי, די מער אויסגעהאלטענע גע-קומען קיין כנען און זיי נעמען איין דאס לאנד, זיי ווערן די הערשער פון דעם לאנד. דער תנך באקלאגט זיך אבער וואס עס זענען נישט אויסגעראטן געווארן אלע שכנים, וואס עס זענען געבליבן רעשטלעך, און זיי זענען א שטער פאר די יידן צו גיין זייער אייגענעם וועג. אויך ביי זיך אין לאנד זענען די יידן נאכמאכער, קאפירער. די גאנצע צייט וואס יידן זענען געווען אין ארץ ישראל גייט אן אויפהער א קאמף: פארזיכיקייט אדער נאכמאכונג. און גענומען אין אבסאלוטע צאלן איז קענטיק דער לאגער פון נאכמאכער תמיד געווען גרעסער און שטאר-קער. די אויסגעהאלטענע פארזיכיסטישע יידן זענען זייער אפט געווען א קליינע און א שוואכע מינדערהייט, אזוי אז דער איינדרוק איז גע-

ווען, אַז דאָס „גאַנצע פאָלק" גייט אין פרעמדע וועגן. און אַזוי האָט עס תמיד אויפגענומען דער כראָניק־שרייבער, דער פאָלקס זינגער, דער נביא און מוסר זאָגער. פון זיי איז עס שפּעטער געקומען אין תנך אריין. די פאָרמולע איז געווען: „און די יידן האָבן געטאָן שלעכטס אין די אויגן פון גאָט און זיי זענען געגאַנגען נאָך די פרעמדע געטער פון די פעלקער וואָס אַרום, און גאָט האָט זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון זייערע פיינט, און זיי האָבן נישט געקענט ביישטיין פאַר די פיינט".

אָט דער קרייז חזרט זיך איבער די גאַנצע צייט פון די שופטים. דער קרייז באַשטייט פון אָט די מאָמענטן: עס לעבט זיך גוט; די יידן נעמען איבער פרעמדע זיטן און פירונגען (זיי גייען אין פרעמדע וועגן), זיי ווערן אָפּגעשוואַכט מאָראַליש; זיי קענען נישט ביישטיין קעגן זייערע שונאים; זיי ווערן אונטערגעדריקט; זיי דערמאָנען זיך אָן יידישקייט (זיי קערן זיך אום, זיי טוען תשובה); זיי שטאַרקן זיך (גאָט ראַטעוועט זיי). די פאָרמולע איז אין תנך געשריבן אין רעליגיעזע טערמינען: פאַרגעסן גאָטס וועגן, גאָט שטראָפט זיי, זיי ווענדן זיך צו גאָט, ער הערט זייער בקשה און ער שיקט זיי זיין הילף. אָבער דער אינהאַלט פון דער פאָרמולע איז ריכטיק דווקא אויך נישט פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. און אָט פאַר וואָס: דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין לעבן איז דער גלויבן אין זיך. דאָס איז אַזוי אין אינדיווידועלן און אויך אין סאָציאַלן לעבן. קיין מענטש און קיין פאָלק קען נישט געווינען קיין מלחמה, קען נישט גובר זיין קיין שוועריקייטן, קען נישט ביישטיין קיין שטערונגען, כל זמן מען גלייבט נישט אין זיך, כל זמן מען פילט נישט מיט אַלע גלידער, אַז „מיר און אונדזער זאַך מוזן געווינען". כל זמן איך גלייב נאָך, בין איך נישט באַזיגט. דאָס איז ריכטיק אין לעבן פון קאָלעקטיוון ווי אין לעבן פון יחידים. דאָס איז וואָס מען רופט אין אַ מלחמה טערמינאָלאָגיע „די מאָראַל" פון פאָלק, אָדער פון דער ארמיי. נאָכמאַכונג איז אָבער תמיד פאַרבונדן מיט אַ געפיל פון אייגענער קנאַפּווערטיקייט לגבי דעם וועמען מען מאַכט נאָך. און אין קאָנקורענץ פון לעבן מוזן אַזוינע נאָכמאַכערישע גרופּעס זיין שוואַכער, — וואָס ווייניקער גלויבן אין אייגענעם ווערט, אַלץ ווייניקער מוט אין קאָנקורענץ מיט די וועמען מען האַלט העכער פון זיך; וואָס ווייניקער גלויבן אין דעם ווערט פון

דעם אייגענעם איך, — אַלץ ווייניקער מוט און כוח צו אָרגאַניזירטקייט, אַלץ ווייניקער „מאָראַל" אין פּיזישן און אין סאָציאַלן קאַמף.

האָבן די דייטשישע יידן נישט געקענט זיך קעגנשטעלן די נאַצים אפילו איידער די נאַצים זענען געוואָרן אַ מלוכה מאַכט: כדי זיך קעגנ־צושטעלן דאַרף מען דאָך האָבן אין נאָמען פון וואָס, אין נאָמען פון וואָס שטעלט מען זיך קעגן. פאַר וואָס קעמפן מיר. די דייטשישע יידן אָבער האָבן דאָך געגלייבט אין דייטשנטום נישט ווייניקער ווי די דייטשן אַליין, האָבן זיי דאָך געקוקט אויף זייער יידישקייט אפשר נישט בעסער ווי די נאַצים... ווי פאַר די דייטשן אַזוי אויך פאַר די דייטשישע יידן איז דאָך די יידישקייט געווען אַ פרעמדע אָנשיקעניש. האָבן די דייטשן געוואָלט פאַרניכטן „די יידישע מגפה צוזאַמען מיט אירע טרעגער". די יידן אָבער האָבן אָט דעם לעצטן אויספיר נישט געקענט מיטמאַכן צוליב דעם ריין פיזיאָלאָגישן לעבנס אינסטינקט. נישט מער. אָבער פון דעם נישט וועלן אומגעבראַכט ווערן ביז דעם ווילן אַקטיוו צו קעמפן איז דאָך אַ זייער אַ ווייטער מהלך! האָט געקאָנט אין פוילן זיין אַ פאַר־צווייפלטער קאַמף קעגן דעם פוילישן אַנטיסעמיטיזם, האָט דאָ געקענט זיין אַ שווידערלעכער קאַמף פאַרן טויט, נישט פאַר אַ לעבן אין געטאָ. די יידן האָבן געהאַט זייער אייגענעם „פאַרוואָס", זייער גלויבן אין זייער יידישקייט.

און אין אַלטערטום איז עס געווען נישט אַנדערש. ווען די יידן זענען געווען נאָכמאַכעריש, קאָפּירער אין זייער לעבן און אין זייערע זיטן, האָבן זיי נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן קיין כוח, קיין מוט אויסצוהאַלטן קיין קאָנקורענץ און נאָך מער — קיין קאַמף. דאָס איז דער היסטאָרישער זינען פון דער רעליגיעזער פאָרמולע וואָס חזרט זיך אַזוי פיל מאָל איבער אין תנך.

* *
*

אַ שטיקל אָפּנייג פון דעם אידעען קאַמף איז געווען די יידישע מלוכהשאַפט.

דאָס עצם גרינדן די מלוכה איז געווען טיילוויַיז קעגן דעם ווילן פון די נביאים, קעגן דער פאַרשטעלונג זייערער וועגן יידנטום, ווי וועגן א געטלעכן פאָלק, וואָס לעבט אנדערש פון אלע אנדערע פעלקער, נישט מיט לאַנד אינטערעסן און מדינה־פּאָליטיק. (שמואל א׳ ח׳). דאָ איז טיילוויַיז געווען א דראַנג צו זיין ענלעך צו אנדערע פעלקער (שמואל א׳ח׳ כ׳) (גמרא: „אבל עמי הארץ שבהם קלקלו" — סנהדרין כ׳ב׳).

א קורצע צייט האָט ביי יידן געגאָלטן דער דראַנג צו גרויסמלוכהש־קייט — דאָס איז די צייט פון דוד און שלומה. דאָ איז פאַראַן אַן ענ־לעכקייט צו דעם אויפקום פון אנדערע גרויסע מדינות אין פאָדער אזיע.

עס וואָלט אפשר געקענט דערגיין צו דעם אז אַט דער גרויסמאַכט דראַנג זאָל ווערן די אַקס פון דער יידישער געשיכטע, א געשיכטע פון מלחמות, פון דעראָבערונגען, פאַרטיליקן שטעט און פעלקער און באַ־רימען זיך מיט רויב און מאָרד וואָס „דער שטאַרקער מעג". האָבן אָבער די נביאים נישט דערלאָזן. נאָך איידער שאול האָט געקענט נע־מען טראַכטן פון מאַכט און הערשאַפט, האָט אים שוין שמואל אלע זיינע מענגלעכע חלומות געמאַכט צו גאָרנישט. דורן האָט זיך מער איינגעגעבן, האָבן אָבער אויך די נביאים נתן און גד געפירט זיינע מאָראַלישע חשבו־נות און נישט געלאָזט זיך פאַרגעסן אז ער איז א קעניג ביי יידן, נישט דער נאַציאָנאַלער געוויסן פון דער יידישער טראַדיציע, וואָס דער גע־קיין דעספּאָט ביי אנדערע. די נביאים זיינען די טרעגערס פון דעם גע־לייטערטן ספּעציפיש־יידישן געפיל צו יושר און גערעכטיקייט, זיי זענען דער נאַציאָנאַלער געוויסן פון דער יידישער טראַדיציע, וואָס איז דער גע־וויינלעכער סינאָנים פאַר אים איז „גאָט". און אין נאָמען פון אַט דעם יידישן נאַציאָנאַלן גאָט האַלטן זיי כסדר אין איין אָפּשניידן די פליגלען פון „גרויסמאַכט־דראַנג". דוד קען נישט בויען קיין בית המקדש ווייל ער האָט צו פיל בלוט פאַרגאָסן. ווי ווייט דאָס איז פון די באַגריפן און פאַרשטעלונגען ביי אנדערע פעלקער דאַמאָלט און אויך איצט! איז דאָך דאָס בלוט געווען איבערהויפּט פון יידישע שונאים, זענען דאָך דאָס געווען כסדרדיקע העלדנטאַטן, נאַציאָנאַלע אויפטוען. פאַר אזא בלוט־פאַרגיסונג קרוינט מען דאָך ביי לייטן מיט הויכע טיטולן אויף לאַנגע

דורות און אויף אייביק. די יידישע טראַדיציע האָט זיך מיט אָט דער העלדישקייט געמיאוסט און זיך כסדר באַמיט צו מאַכן פון דודן דעם העלד, — עפּעס אַ מין רב אין אַ שטעטל וואָס פּסקנט שאלות — דאָס איז ביי דער יידישער טראַדיציע געווען אַ סך אַ גרעסערער יחוס איי־דער די מלחמה־העלדישקייטן.

צו קיין גרויסמלוכהשאַפט וואָלט סיי ווי ביי יידן נישט געקענט דערגיין, ווייל דערצו איז נייטיק אַן אַנטוויקלטער שלאָג און קאַמף אינס־טינקט, וואָס ביי יידן איז ער נישט אַנטוויקלט, און מהאי טעמא זענען די אַלע פּרוּוון פון גרויסמלוכהשאַפט געווען פאַרבונדן מיט אימיטאַ־ציע און נאָכמאַכן, דאָס ווידער מוז תמיד זיין פאַרבונדן מיט אַ גרינג־שעצונג צום אייגענעם איך. און מיט אַזאַ באַציִאונג צום אייגענעם נאַציאָנאַלן איך קען מען נישט באַהערשן קיינעם נישט. די געשיכטע פון אַ פאָלק איז נישט קיין סכום דרויסנדיקע סיטואַציעס און באַדינ־גונגען, נייערט די אַנטפּלעקונג פון דעם פאָלקס כאַראַקטער, אייגנשאַפטן און זיין פּסיכיק אין לעבן. דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער האָט אונדזער פאָלק נישט געלאָזט ווערן קיין גרויסמאַכט. און דער נאַ־ציאָנאַלער כאַראַקטער איז תמיד געקומען צום אויסדרוק אין די רייד פון אונדזערע נביאים. מער נישט וואָס זיי האָבן אָט דעם נאַציאָ־נאַלן גייסט אָנגערופן מיטן נאָמען „גאָט". דאָס האָבן זיי אפשר באַ־וווסטזיניק אויסגעקליבן גייסטיקע אייביקייט אַנשטאָט צייטווייליקער מאַטעריעלער מאַכטיקייט. מאַכט איז מאַטעריע, מאַטעריע קען נישט זיין אייביק. האָבן זיי אויסגעקליבן אייביקייט פון מאַכטיקן גייסט.

* *
*

די יידישע גרויסמאַכט האָט זיך נישט געהאַלטן, זי האָט זיך צע־שפּאָלטן. מלכות ישראל־שומרון איז געווען די גרעסערע, די רייכערע, די מער אַנטוויקלטע. יהודה — אַ קליינע מדינהלע שוין כמעט ביים סאַמע מדבר, אָט ווי אַנדערע מלוכה־ברעקלעך אין ארום. מלכות יש־ראל איז אַוועק אויפן וועג פון רעפאָרמעס: האַנדל, אַרכיטעקטור, רע־פאָרמען אין גייסטיקן לעבן. שוין דער ערשטער רעפאָרמאַטאָר ירבעם

בן נבט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם אומעטיקן „אַלטפּרענקישן" און „קליינשטעטלדיקן" קולט אָן אַ קערפּערלעכן גאָט און אָן פּריידיקע צע־רעמאָניעס ווי אין יהודה. האָט ער איינגעפירט די „קעלבער"־געטער, אָקסן הייליקע ווי אין מיצרים אָדער אין בבל... נאָר די אַלע רעפאָר־מעס האָבן קיין גוטס נישט געבראַכט... מלכות ישראל — די שטאַר־קערע און די רייכערע טייל איז אינעווייניק מאָראַליש געוואָרן אָפּגע־שוואַכט ערשטנס צוליב דער נאָכמאַכעריי וואָס איז תמיד פאַרבונדן מיט אַן אומאַכטונג צו זיך אַליין; צווייטנס, דורך די כסדרדיקע הויף רעוואָלוציעס און רייסערייען און ועל כולם — דורך דעם סאָציאַלן ווי־דעראַנאַד צווישן אָרעם און רייך, און „רייך" איז געוואָרן פאַרבונדן מיט אויסגעלאַסנקייט און צעלאָזנקייט וואָס האָבן נישט קיין איינהאַל־טערס. איינצאַמען, איינהאַלטן די אינסטינקטן און פאַרלאַנגען — דאָס פאַרלאַנגט דער שטרענגער גאָט פון דער יידישער טראַדיציע, פון יהודה דאָרטן, דער אָפּגעשטאַנענער, אָבער נישט די געטער פון דער „גרויסער ציוויליזירטער וועלט"...

און ישראל, שומרון איז אונטערגעגאַנגען אַ סך פריער ווי די שוואַכע יהודה. און אונטערגעגאַנגען אָן אַ שפור, אָן אַ רעשט, אָן אַן איבערבלייב. נישט דאָס לאַנד איז אונטערגעגאַנגען, נאָר ס'פאָלק. בלויז אין לעגענדע איז געבליבן אַ נעדעכעניש וועגן די עשרת השבטים פון ישראל. די פאַרטריבענע האָבן זיך גיך אַסימילירט. די געבליבענע זענען די שומרונים וואָס אויסער שנאה און האָס האָבן זיי מיטן יידישן פאָלק שוין גאָרנישט געהאַט. אָט איז דער טויט פון אַ פאָלק. אַזוי שטאַרבט אַ פאָלק, וואָס האָט נישט קיין גלויבן אין זיך אַליין. אַזוי זע־נען ביי יידן אָפּגעשטאָרבן אין משך פון דער געשיכטע אַ סך אַ סך שבטים און גרופּעס, און פון איינעם קען מען לערנען אַ גזרה שווה אויף אַלע אַנדערע. און דער טויט פון דעם ישראל פאָלק (נישט פון דער מלכות ישראל!) האָט זיך אָנגעהייבן גלייך מיט ירבעמס רעפאָר־מעס. פּונקט אַזוי האָט מיט אַ סך יאָרטויזנטער שפּעטער אין אונדזערע צייטן דער חורבן פון דייטש־יידישן שבט אָנגעהייבן זיך נישט מיט היט־לערן נייערט מיט מענדעלסאָנס רעפאָרמעס.

און די גאַנצע צייט פון מלכות ישראל איז אינעווייניק אָנגעגאַנגען

אַ דראַמאַטישער געראַנגל צווישן די צוויי ריכטונגען: די פונצענטרישע ריכטונג וואָס האָט געצויגן צו „וועלטקולטורן" פון די „גרויסע און קולטורעלע „פעלקער פון אַרום פון איין זייט און די צוצענטרישע ריכטונג, וואָס האָט געצויגן צו דער טראַדיציע פון אייגענער פאַרגאַנגענהייט פון דער צווייטער זייט. און די ערשטע ריכטונג ,די פונצענטרישע איז געווען די שטאַרקערע, די מאַכטיקע. צו איר האָבן געהערט די רייכע אין פאָלק, זיינע הערשער און זיינע הייפן, זייערע באַאַמטע און נאָכלויפערס, די אַלערליי נביאים פון מולך, פון בעל און בכלל אַלע וואָס גייען מיט דער מאָדע, מיטן שטראָם, וואָס פירן זיך „אַט ווי אַלע פירן זיך". די צווייטע ריכטונג, די צוצענטרישע האָט געקענט האָבן נאָר אַ קליינע צאָל אָנהענגער: כדי נישט מיטצוגיין מיטן שטראָם, דאַרף מען פאַרמאָגן באַוווסטזיין, ווילן, אויסגעהאַלטנקייט און פעסטקייט. אַזוינע זענען תמיד פאַראַן ווייניק, און נאָך ווייניקער זענען פעאיק צו קעמפן פאַר זייער געדאַנק. פאַרזיכיקייט און אַסימילאַציע, אייגנס אָדער פרעמדס אין לעבן, אימיטאַציע אָדער אָרגאַנישע אייגנטימלעכקייט — דאָס איז געווען די אַקס פון דעם אידעען קאַמף אין ישראל די גאַנצע צייט פון מלכות ישראל. בראש פון דער צוצענטרישער ריכטונג זענען געשטאַנען די נביאים, אָפט איינציקע און איינזאַמע, נאָר מיט זייער פאַרעקשנטער אויסגעהאַלטנקייט. דער אַפּאָגיי פון קולטור קאַמף איז געווען ביי אליהו הנביא. נישט אומזיסט האָט די טראַדיציע אויסגעקליבן דעם נאָמען פאַר אַ סימבאָל פון יידישקייט אין אַלע דורות. די אַסימילאַציע האָט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה אַ דאַנק דעם קעניג אחאב אין זיין ווייב דער פיניקישער פרינצעסין. די שטאַרקע דינאַסטיע האָט געהאַט דערפאָלג, און מען איז געווען גליקלעך מיט די נייע רעפאָרמען. דאָס גאַנץ פאָלק איז קענטיק גערן נאָכגעגאַנגען דעם פּוץ און גלאַנץ פון דעם קעניגס הויף מיט זיין פאַרטיי. קיין אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן אויך נישט געפעלט: אַ גאַנצער שטאַט נביאים איז געווען אָנגעשטעלט. דאָס זענען די נביאים פון בעל, וואָס דער תנך, ווי זייערער אַ קעגנער האָט זיי שפּעטער אָנגערופן פאַלשע נביאים, זיי זענען געווען אָנגעשטעלטע און גוט באַצאָלטע מיט דער ברייטער האַנט פון איזבל, וואָס האָט גוט געוווסט ווי צו פירן אַ קע־

ניגלעבן הויף. אנטקעגן זענען געווען געציילטע, פאראיינצלטע, טראַ־ריזירטע אויסגעהאַלטענע יידן. זיי האָבן זייער יידישקייט געמוזט באַ־האַלטן. די קעניגלעכע „רעפאָרמע" האָט נישט דערלאָזן עפנטלעך אָפּ־צוהיטן די „אַלטפרענקישע" לעבנספאָרמען. האָבן די פארעקשנטע טראַ־דיציע היטער זיך געדאַרפט באַהאַלטן אין מדבר אפילו. צווישן זיי ווערן אין תנך דערמאָנט די „בני רכב", זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ וואָס האָט א שייכות צו דער דעמאָלט נייער אגריקולטור, ווייל „אזוי האָט זיי פאַרזאָגט זייער פאָטער רכב".

אליהו אליין האַלט אויך נישט פון די „נייעסן". אָבער קעמפן קעמפט ער קעגן דעם פרעמדן בעל קולט, קעגן דער נייער „גרויסער" קולטור וואָס איז פרעמד און איבערגענומען. ער קעמפט קעגן די „רעכט פון דעם שטאַרקן" וואָס איז אָנגענומען ביי אַנדערע פעלקער, ווו גע־זעצן ווערן געשריבן און געגעבן דורך די שטאַרקע גופא. איזבל איז לויט אירע פאַרשטעלונגען וואָס זי האָט געבראַכט פון פיניקיע נישט באַגאַנגען קיין שום עוולה קעגן דעם אָרעמען נבותן וואָס האָט געהאַט די חוצפה זיך קעגנצושטעלן דעם פאַרלאַנג פון קייסער.

אודאי האָט נבות געלעסטערט דעם מלך! דאָס איז אזוי פאַר־שטענדלעך און אזוי נאָרמאַל יושרדיק פאַר איזבלן און זי זעט נישט קיין שום עוולה אין טויט שטראָף פאַר נבות, אָבער אליהו מיט זיינע פאַרשטעלונגען פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, אז געזעצן, די תורה איז אַן אַבסאָלוטע, זי איז עלטער פון דער וועלט, זי איז אין דעם וועלט באַשאַף, אָט ווי אַלע אַנדערע נאַטור געזעצן וואָס נישט מענטשן האָבן אויסגעטראַכט, די געזעצן פון לעבן זענען פון גאָט, — אליהו, דער היטער פון דעם יידישן טראַדיציאָנעלן גייסט, ער קען נישט מסכים זיין מיט די ספּעציפישע רעכט פון קעניג. דעם קעניגס אומרעכט רעגט אים נאָך מער אויף, ער שטעלט זיין לעבן אין סכנה, ער גייט אַליין קעגן מלך און — דורך אייביקע דורות האָט עס דורכגעקלונגען דער ספּע־ציפיש־יידישער „הרצחת וגם ירשת?!"... ווען מען זאָל אַנאַליזירן א סך האַנדלונגען פון היינטיקע אָרענטלעכע און גוטע מאַכטהאָבערס, וואָלט זיכער נישט צו איינעם פון זיי דער נביא געקענט האָבן די זעל־ביקע טענה.

דאָ קומט צום אויסדריק איינע פון אונדזערע יידישע ספּעציפיש־קייטן: ביי אַנדערע פעלקער גילט דער כּלל „די מאַכט האָט רעכט". ביי יידן אָבער איז עס תּמיד פאַרקערט: „די גערעכטיקייט איז די מאַכט", — און דער איינזאַמער נביא, וואָס איזבל זוכט אים צו טייטן, ער איז דאָך איינער אַליין שטאַרקער פון דעם קעניג, ער — די גערעכטיקייט איז גובר. ער איז איינער, דאָס פאָלק איז נישט מיט אים. ער איז אַזאַ בייזער, אַזאַ שטרענגער, מיט זיין בליק פאַרברענט ער מענטשן. זיין גלויבן, זיין גאָט איז אַזאַ שטרענגער: מען טאָר נישט, און מען טאָר נישט, און מען טאָר נישט! אָדער פאַרקערט: מען מוז, און מען מוז און מען מוז!, און די בעל געטער זענען אַזוינע גוטע און פריידיקע: די סאַמע לוסט און גלוסטיקייט! און די בעל געטער און בעל דינסט איז אַזוי איינגענעם און גלוסטיק, טאָ ווער זאָל עס פאָלגן דעם שטרענגן און דעם אָרעמען נביא?

און די בעל־מאַדעס און זיטן זענען דאָך אָנגענומען ביי די רייכע און פאַרנעמע, — און די אָרעמע זענען תּמיד געווען נאָכצוטאָן יענע, די מעכטיקע... ער, דער נביא נעמט זיך אָן פאַר די רעכט פון די געדריקטע און אָרעמע, פאַר די מענטשן פון מי און האָרעוואַניע, פאַר דעם „פּראָלעטאַריאַט" אַזוי צו זאָגן, און זיי, — די וואָס ער קעמפט פון זייערט וועגן, זיי לויפן גאָר נאָך נאָך זייערע באַדריקערס, נאָך זייערע אויסנוצערס. זיי לאַכן אויס זייער באַשיצער, דעם „צעדרייטן" נביא, וואָס וויל „איבערמאַכן די וועלט", וואָס וויל נישט מסכּים זיין מיט דעם וואָס אַלע האַלטן פאַר אַזוי גוט.

דער נביא וויים נישט פון קיין פּשרות, פון קיין האַלבקייט. אהער אָדער אהין: אָדער בעל איז אייער גאָט — טאָ גייט נאָך אים, אָדער אייער גאָט, דער גאָט פון אייער טראַדיציע, — איז אויס מיט בעלן, קיין טאַנצן ווי אַ מאַלפּע אויף צוויי צווייגן — דאָס פאַרשטייט נישט דער נביא און ער וויל נישט פאַרשטיין, ער קען נישט פאַרשטיין — ער איז דאָך דער נביא פון גאַנצקייט און אויסגעהאַלטנקייט!

פאַרשטייט זיך, אַז ער מוז אַלע טאָג האָבן אַנטוישונגען, ער פאַלט אַריין אין יאוש. אים דוכט זיך אַז זיין אַרבעט איז אַרויסגעוואָרפן, אַז קיינער הערט זיך צו אים נישט צו, אַז „זריתי לרוח אנחתי" (ביאַליק).

ער אנטלויפט אין מדבר אריין, ער וויל שטארבן, ער זעט מער נישט קיין זינען אין זיין לעבן. אָבער דאָ, אין שטילן מדבר דערשפירט ער ווידער זיין באַרוף. נישט אין שטורעם, נישט אין פייער דערשפירט ער גאָט, נייערט אין דעם „קול דממה דקה" — און ער גייט צוריק צו מענטשן, צוריק זיי וועקן, רופן, שטראָפן און מוסרן... דער יידישער נביא איז נישט קיין „פראָפאַגאַנדע מיניסטער". אפשר זענען די נביאים פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי אַזוינע, אָבער נישט דער אמתער נביא. דער איז נאָר אַ אימפּולסיווער קעמפער פאַר זיין אמת אָן קיינע פּאָליטיאישע אויסרעכענונגען און חשבונות. ער דינט זיין אייגענעם גלויבן און מער קיינעם נישט.

און גוט וואָס די יידישע טראַדיציע האָט אויסגעקליבן אליהו הנביא פאַר דעם העלד פון אייביקער און אומשטערבלעכער יידישקייט. דער גייסט פון אליהו, דער סימבאָל פון אויסגעהאַלטענער יידישקייט אָן קאָמפּראָמיסן באַגלייט דעם יידן פון זיין ברית אָן, ער העלפט אים לערנען תורה, ער גיט אים ביטחון אין שווערע מינוטן, ער מונטערט אים ווען ער איז געפאַלן, ער וועט אויך משיחן ברענגען. עס מאַכט נישט אויס, וואָס אין תנך איז ער אַזאַ שטרענגער און אַזאַ בייזער און אין דער לעגענדע אַזאַ גוטער און גוטהאַרציקער. דער ציל איז איינער און דערזעלביקער — אויסגעהאַלטענע יידישקייט — ווען מען דאַרף ביטער קעמפן איז ער גרייט אויף דעם. דאַרף מען אָבער גלעטן און טרייסטן איז ער ווידער דאָ.

די שריפט-נביאים

די נבואה איז אַ ספּעציפיש יידישע דערשיינונג. נבואה האָט נאָר נישט צו טאָן מיט דעם גריכישן אָראַקול, מיט דעם פּראָפעסיאָנעלן קענען פאָרויסזאָגן די צוקונפט. עס איז אַ פאַלשע און אַ באַליידיקנדיקע פאַרשטעלונג אויב מען רופט דעם וואָס רעכנט אויס דעם וועטער פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג „וועטער נביא". קיין שום שייכות נישט דערמיט. נאָר צום אנהייב זענען ביי יידן געווען אַזוינע „פאָרויסזעערס" (רואה שמואל א׳ ט׳ 9).

אָבער שוין אין תנך צייט האָט שוין נבואה מיט דעם נישט גע־האַט וואָס צו טאָן. שוין אין תנך זאָגט זיך וועגן דעם „לפנים בישראל" — פאַרצייטן ביי יידן. דער נביא איז גאָר עפּעס אַנדערש. ער איז אַ סאָ־ציאַלער קעמפער, דאָס קודם כל; אַ קעמפער פאַר זיין אידעאַל, וואָס ער גיט פאַר אים אַוועק זיין גאַנץ לעבן. ער קעמפט אָבער אָן מאַכט, אָן גוואַלט, אָן צוואַנג, ער איז אַ קעמפער אַ מאָראַלישער, איין געווער האָט דער נביא — דעם פייער פון זיין אייגענעם האַרצן, אַרויסגעשאָסן מיט ווערטער פון שטאַרקן גלויבן. דער נביא איז נישט קיין פּאָליטיקער, ער זוכט נישט צו שאַפן קיין שטאַרקע פּאַרטייען, ער זוכט נישט קיין פּאָליטישע מאַכט צו געווינען, קיין נאָכפאָלגערס, קיין נאָכלויפערס, ער פּרובירט נישט זיך אַראָפּלאָזן צו די השגות און פאָרשטעלונגען פון זיינע צוהערערס. ער האָט אָן אמת וואָס ער גלויבט אין אים, ער האָט זיין גלויבן און ער טוט אים ווי, שרייט ער פון ווייטאָג, קענען זיין ווילן, קעגן אַלע לאָגישע אויסרעכענונגען און פּריוואַטע חשבונות צי עס לוינט אָדער עס לוינט נישט... דער נביא איז אַ סך מער ענלעך צו דעם וואָס אין אַ סך שפּעטערדיקע דורות פלעגט מען רופן מגיד־זאָגער, מוכיח־שטראָפער, מוסר זאָגער. די אַלע פאָרויסזאָגונגען וואָס אין דער נבואה ביי יידן זענען נאָר וואָרענונגען, נאָר אַ ווייטאָקדיקער אַריינטראַכטן זיך אין דעם צוקונפט פון פאָלק וואָס איז דעם נביא טייערער ווי זיין אייגן לעבן, נאָר אַ גלויבן און אַ אומגעהייער שטאַרקער גלויבן אַז אָט דער פאַרהוילעטער היינט מוז ברענגען דעם אומגליק מאָרגן. אַזאַ פאָרויס־זאָגן פאַרמאָגט איטלעכער אידעישער אויסגעהאַלטענער מענטש, איט־לעכער אידעאַליסט, און דאָ איז גאָרנישט פאַראַן פון עפּעס אָן איבער־נאַטירלעכער פאָרויסזאָגעריי, ווי מען וויל דאָס וואָרט נבואה אויס־טייטשן. איטלעכער סאָציאַלער מאָנער, רופער, שרייבער, רעדנער, זאָ־גער — קען זיין אַ יורש פון די נביאים, אויב ער האָט נאָר דערביי קיינע פּריוואַטע חשבונות און פאַרלאַנגען פון קאַריערע וכדומה.

די נבואה איז אַ ספּעציפיש־יידישע דערשיינונג, ווייל זי איז דורך און דורך נאַציאָנאַל יידיש. אַלע נביאים אין אַלע דורות פון משה רבינו אָן האָבן אייגנטלעך גערעדט נישט פון אַ פּריוואַטער אידעע, פון אַ אינדיווידועלן אידעאַל, — זיי האָבן אַלע מיט אַנדערע ווערטער אי־

בערגעחזרט איין און דעם זעלביקן געדאַנק: מיט אייער סאָציאַלער גע־רעכטיקייט דאַרפט איר ווערן דער מוסטער פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. די נביאים האָבן געהאַלטן אין איין וואַריאירן דעם זעלביקן אידעאַל פון יושר און גערעכטיקייט וואָס איז שטאַרקער אַפילו פון גאָטס פאַר־לאַנג (אברהמס תפילה פאַר סדום), און דערמיט דאַרפן יידן ווערן א"נס לגויים" און דערמיט ברענגען די גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט, דעם באחרית הימים.

אויך אונדזער צוגאַנג צו דער נבואה דאַ איז אַ ספּעציפיש יידי־שער. אַנדערע פעלקער, וואָס ביי זיי איז אַלץ געבויט אויף דער מאַטע־ריע זוכן אויך דאָ קודם כל די מאַטעריע, דעם גוף פון נביא קלאָר צו מאַכן: ווען און ווו ער האָט עקסיסטירט, ווער ער איז געווען און אין וואָסערע באַדינגונגען ער האָט געזאָגט זיינע נבואות. שפּעטער דאַרף מען פעסטשטעלן די טעקסטן ווי זיי זענען געגעבן געוואָרן פון לכתחילה, — דער גוף פון נביא און דער גוף פון דער נבואה.

מיר אָבער אינטערעסירן זיך דאָ נישט מיט דער ביאָגראַפיע פון דעם נביא, מיט דער פּערזאָן פון דעם נביא בכלל. מיר זוכן נישט פעסט־צושטעלן די אָריגינעלע טעקסטן. דאָס זענען די פאַקטן. פאַר אונדז זע־נען וויכטיק די רייד פון דעם נביא ווי ווירקנדיקע פאַקטאָרן אויסער צייט און אויסער רוים, אין אַלע דורות פון דער אייביקייט. פאַר אונדז זענען וויכטיק די רייד פון די נביאים ווי זיי האָבן געווירקט אין פאָלק, אין לעבן פון פאָלק.

*   *
*

אין שומרון האָט זיך אַנטוויקלט די נבואה צו איר העכערער מדרגה, צו דער שריפט־נבואה. פון אליהון האָבן מיר אין תנך דערציי־לונגען, און אין זיי זענען פון צייט צו צייט אָנגעגעבן זיינע פראַזעס. זיכער אַז דאָס זענען טיילן פון אַ מונדלעכער טראַדיציע, פון פאָלקס דערציילונגען וואָס זענען שפּעטער פאַרשריבן געוואָרן. ביי די שפּעטער־דיקע נביאים פאַרקערט איז דער עפּאָס וועגן זיי כמעט אינגאַנצן נישטאָ.

עס זענען אין תנך געגעבן געוואָרן זייערע רייד אָבער נישט וואָס דאָס פאָלק האָט געדענקט וועגן זייער לעבן און פערזאָן, — און דער ערשטער פון זיי, פון די שריפט־נביאים, איז עמוס.

ווער איז ער און וואָס איז ער? — צופעליק דערציילט ער אונדז, ער איז נישט קיין פראָפעסיאָנעלער נביא, ער האַלט זיך נישט פאַר אַזאַ. ער האָט דאכט זיך גאָר קיין אָרט נישט אין פראַקטישן לעבן, ער איז זייער נישט „פראַקטיש" דער נביא אין לעבן. ער איז אומצופרידן, עס ברענקט אים אַלץ וואָס ער זעט אַרום זיך, און ער לעבט מיט אַ וויזיע פון אַ אידעעלן מאָרגן. דער גלויבן אין דעם גוטן מאָרגן גיט אים כוח צו קעמפן קעגן דעם שלעכטן היינט; די וויזיע פון דעם גערעכטן מאָרגן, פון דעם אייביקן און אַלוועלטלעכן יושר וואָס מוז קומען אויף דער וועלט דורך דעם „משיח־פאָלק" לאָזט אים נישט פאַרליידן דאָס אומ־רעכט פון זיין פאָלק. זיין גלויבן אין זיין וויזיע וואָס דאָס איז זיין גאָט מאַכט אים פאַר אַן „אייזערנעם זייל" און פאַר אַ „קופּערנער וואַנט" קעגן אַלעמען אַרום און ער גיט אים כוח איבערצוטראָגן די אינעווייניקסטע ספקות, יאושן און פאַרדרוסן. די וויזיע פון מאָרגן און דער גלויבן אַז זיין פאָלק מוז דאָס ברענגען אָט דעם מאָרגן גיסט אַריין אַ פייער אין זיינע רייד. דאָס איז דער נביאישער פאַטאָס וואָס איז נישט קיין אויסגעלערנטער לויט כּללים פון רעטאָריק, נאָר אַ סטיכיע אָן איינ־האַלטערס, עס איז נישט קיין צוגעטראַכטע ליטעראַטור, — עס איז נישט מער און אויך נישט ווייניקער ווי אַ פולוואָרטיקער אויסדרוק פון אַ פולן הארצן. ניטאָ און עס טאָר ניט זיין אין וואָרט עפּעס וואָס עס איז נישטאָ אין געפיל, אין איבערלעבונג — דאָס, וואָלט מען געקענט זאָגן איז אַ כּלל ביי די נביאים, אויב זיי וואָלטן געהאַט כּללים.

דער נביא עמוס רעדט נישט נאָר וועגן יידן, עס גייט אים וועגן דער גערעכטיקייט פון דער גאַנצער וועלט. אָבער מער ווי אַלע גייט אים וועגן דעם יידישן פאָלק, צו זיי האָט ער די גרעסטע טענות, מיט דעם פאָלק איז דאָך פאַרבונדן דער אידעאַל פון יושר און גלייכהייט פאַר דער גאַנ־צער וועלט. ביי אליהון איז דער מאָמענט פון נאַציאָנאַלער קולטור קעגן דער איבערגענומענער אויפן ערשטן פּלאַן, די מאַטעריאַליזאַציע און פערזאָניפיקאַציע פון גאָט באַגריף גייט אים נישט אָן. ביי עמוסן

איז אויפֿן ערשטן פּלאַן דער סאָציאַלער מאָטיוו. די אומגלייכהייט, די דיסטאַנץ צווישן אָרעם און רייך רעגט אים אויף. ווען ער זעט די שיינע רייכע געביידעס, קען ער נישט האָבן קיין עסטעטישע הנאה פֿון דעם, ווייל ער זעט פֿון אונטער דער שיינקייט די שוויים און די צוגערויבטע מי פֿון די בויערס. ווען ער זעט די אויסגערוטע, זאַטע יום טובדיקע פּרויען פֿון שומרון, זעט ער גאָר פּעטע, אויסגעפּאַשעטע „בשנער קי״, ער זעט אין זייער פּוץ און אין זייער גלאַנץ די קוים באַצאָלטע מי און שוויים פֿון די וואָס האָבן אויף דעם געאַרבעט... ער זעט דאָס וואָס עס האָבן נישט געזען קיינע גריכישע פֿילאָסאָפֿן, אַפֿילו נישט אריסטאָ; ער זעט דאָס וואָס עס זעען נישט אנצאַליקע דורות פֿון די טעאָרעטי־קערס פֿון עסטעטיק און עטיק. וואָס פֿאַר זיי איז נאָרמאַל און גערעכט און יושרדיק, — איז פֿאַר אים גרויליק און שווידערדיק. ער זעט דעם אונטערשלאַק פֿון רייכקייט און שיינקייט.

ער זעט די פּראַקטיקע אויסגעפּוצטע צערעמאָניעס פֿון גאָט דינען, די קרבנות און מזבחות, די פּאַראַדן און די גלאַנציקע פּאָלקס אונ־טערנעמונגען, — און ער האָט עס פֿיינט.

וואָלט דער נביא פֿאָרמולירט זיינע איבערלעבונגען אין אידעען און אין פֿאָרמולעס, וואָלט ער מן הסתם געזאָגט אַז דאָס אַלץ פֿאַרפֿינצטערט דעם פֿאָלקס באַוווסטזיין און פֿאַרשיכורט אים כדי ער זאָל נישט זען דאָס וואָס עס ליגט אונטער דעם אויבערסטן גלאַנץ. ביי די יידישע נבי־אים אָבער האָבן זיך זייערע איבערלעבונגען געפֿורעמט דירעקט אין עמאָציאָנעל־בילדערישע אַרויסזאָגונגען, נישט אין לאָגישע פֿאָרמולי־רונגען. דער נביא האָט פֿיינט די אַלע צערעמאָניעס, די מאַטעריעלע סימבאָלן, ווייל זיי קענען אין דער מענטשלעכער פּסיכיק אַרויסשטויסן זייער אַבסטראַקטע אידעע און פֿאַרנעמען איר אָרט, און דאָס איז שוין געשען. די נביאים האָבן נישט געהאַלטן אַז איטלעכע אידעע מוז זיך פֿאַרקערפּערן אין מעשים, אַז אָן אָט דעם פֿאַרקערפּערונג איז די אידעע — אַ בלאַנדזשענדיקער גייסט, אַ נשמה אָן אַ גוף און זי קען נישט האָבן קיין קיום. די נביאים האָבן נישט געטראַכט פֿון דעם. דאָס איז זיכער געווען די שוואַכע זייט פֿון דער נבואה, דאָ איז די סיבה וואָס די נבואה האָט נישט געווירקט שטאַרק און דירעקט. דאָס האָבן אויפֿגעטאָן די

שפּעטערדיקע אנשי כנסת הגדולה, די פּרושים. זיי האָבן געשמידט זייע־רע אידעען און אַלע נאַציאָנאַלע פאָרשטעלונגען אין מעשים, אין פאָר־מען פון פיר און לעבן. די ווירקונג פון דעם נביאישן וואָרט איז געווען ווייט נישט קיין באַלדיקע און נישט קיין דירעקטע דערפאַר ווייל עס איז געווען נאָר וואָרט.

עס זענען פאַראַן דרייערליי פאָרמען ווי אידעען פורעמען זיך: אין עמאָציאָנעל־פּאָעטישע ארויסזאָגונגען, אין מעשים און אין לאָגי־שע פאָרמולעס און דאָגמעס. ביי יידן זענען אנטוויקלט די ערשטע צוויי און מיר דאַכט זיך אז אין דעם ליגט טיילווייז דער סוד הקיום פון יידישן פאָלק. די דריטע פאָרמע איז ביי יידן נישט אנטוויקלט ביז צו דער לעצטער תקופה. די נביאים זענען די פלאַמיקע טרוימערס וועגן א וועלט פון צדק און יושר איבער אלע דורות, און זיי האָבן אין אַט דער וויזיע געלעבט, במילא איז זיי געווען שווער זיך צו קאָנצענטרירן אויף זייער ווינקל און אויף זייער מאָמענט. קיין פּראקטישע טוערס זענען די נביאים נישט געווען.

* * *

דעם גורל פון מלכות ישראל און פון די צען שבטים פון יידישן פאָלק האָבן די נביאים נישט געקענט ראַטעווען. עס איז אונטערגע־גאַנגען שומרון, ווי די נביאים האָבן פאָרויסגעזאָגט נישט אזוי צוליב דער גרויסער מאַכט פון די איינגעמער, נייערט צוליב דער צעלאָזנקייט און די אומאָרדענונגען אינעווייניק. אָבער נאָך טרויעריקער איז דאָס וואָס דער חורבן איז געווען א חורבן פון צען צוועלפטל פון יידישן פאָלק, די צען שבטים זענען אונטערגעגאַנגען אָן א זכר, אָן א שפּור און אָן רעשטל. מיט א צייט שפּעטער האָט ירמיהו מיט ווייטיק זיך דערמאָנט נישט דעם חורבן פון לאַנד שומרון, נאָר דאָס פאָלק אפרים, הבן יקיר לי אפרים. ווו איז אהינגעקומען דאָס פאָלק אפרים? — אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר האָבן זיך די יידן אויסגעמישט, אסי־מילירט ביז נישט צו דערקענען, ביז איינגעשמאָלצן צו ווערן אין די ארומיקע פעלקער אָן א שפּור. דאָס איז געווען א חורבן פון א פאָלק, אַן ענדגילטיקער חורבן וואָס נאָך אים איז נישטאָ קיין תחית המתים

שוין. מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער האָט עס אחד העם שטייענדיק פּסח 1891 ביי דעם כותל המערבי געטראַכט זיין קלאַסיש געוואָרע־נעם אויסדריק: "א לאַנד ווען עס ווערט חרוב און דאָס פאָלק לעבט נאָך וועלן קומען אן עזרא און נחמיה, וועט קומען דאָס פאָלק און וועט עס אָפּבויען, — א פאָלק אָבער אז עס ווערט חרוב, ווער וועט עם אויפבויען?" און ער גיט צו: „ווען ער וואָלט געהאַט די מוזע פון ר' יהודה הלוי וואָלט ער זיין קלאָג ליד אָנגעהויבן נישט מיט דעם וואָרט „ציון", נייערט „ישראל". נישט נאָר דאָס לאַנד ישראל איז חרוב געוואָרן נאָר דאָס פאָלק ישראל איז אומגעקומען. און דער חורבן, דער חורבן פון פאָלק האָט זיך אָנגעהייבן נישט מיט דער לעצטער מלחמה פון דעם לעצטן קיניג אין ישראל — הושע בן אלה, נייערט מיט די רעפאָרמעס פון דעם ערשטן קיניג, מיט ירבעם בן נבט. דאָס האָבן זיי ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט די אינעווייניקסטע מאָראַלישע כּוחות פון פאָלק, זיין גייסטיקן איך און זיין פעאיקייט צו בלייבן וואָס ער איז — אומעטום און אין אַלע סיטואַציעס. די פאַרטריבענע פון שומרון האָבן זיך אינגאַנצן אויסגעמישט מיט די פאַרטרייבערס. די געבליבענע אין שומרון זענען געוואָרן שומרונים — א פרעמדער שבט, וואָס האָט נישט ווייניק צרות אָנגעמאַכט די יידן און האָט אַי־בערגעלאָזט א קליין רעשטל פון עטלעכע צענדליק מענטשן אין א גע־סעלע פון אַראַבישן שכם ווי א לעבעדיקע מומיע, ווי א גייענדיקע מצבה אויפן קבר פון א פאָלק וואָס האָט מער נישט קיין נביאישן אידעאַל, וואָס האָט נישט קיין ציל אין זיין צוקונפט. אַזוינע אַטראָפירטע רעש־טלעך פון יידישע שבטים האָבן מיר אין אונזער געשיכטע געהאַט נישט ווייניק אין אַלטערטום און אין דער מאָדערנער צייט אין אייראָפּע. שבטים, טעריטאָריעלע גרופּעס וואָס האָבן אין א באַשטימטער צייט געבליט און געשאַפן זענען שפּעטער געוואָרן ווי פאַראַליזירט: עס זענען דאָ יידן, זייער יידישקייט האַלט זיך אויף דער געדעכעניש פון אַמאָל, אויף פאַרגליווערטע מנהגים, — עס פעלט אָבער א געמיינזאַ־מער אידעאַל פאַר דער צוקונפט און במילא פעלט אויך א זינען פאַר דעם קיום פון קאָלעקטיוו. בלייבט אַזא קאָלעקטיוו ווי א טויטער בוים, וואָס וואַקסט נישט און וואָס שאַפט נישט מער קיין נייע צווייגן, נאָר

ער שטייט נאָך אויף זיין וואָרצל ביז עס קומט א ווינט און וואַרפט אים איין. דאָס יידיש פאָלק אין שומרון איז אזוי אויסגעפּלוועוערט געוואָרן נאָך אין אייגענעם לאַנד, און דער פולווער האָט זיך צעשטויבט גלייך נאָכן הורבן. אין דעם גראַנגל צווישן די צוצענטרישע און פונצענטרישע כוהות אין שומרון האָבן די לעצטע גובר געווען, און איטלעכער נצחון פון די פונצענטרישע ריכטונגען איז ביי יידן תמיד אן אָנהייב פון סוף. „דעהיסטאָריזאַציע” האָט עס אָנגערופן פראָפ׳ דר׳ קלויזנער, און מיט רעכט.

אנדערש איז דאָס געווען אין יהודה. ארום זענען נישט געווען קיין שטאַרקע קולטורן וואָס זאָלן צוציען די אסימיליר־גיריקע שיכטן. יידן זיינען תמיד צו די זייטן און קולטור פון שטאַרקע, הערשערישע פעלקער. זעלטן ווען א יידישער קיבוץ האָט זיך נישט אסימילירט אין שכנות מיט א שטאַרקערן פאָלק. יהודה האָט ארום זיך געהאַט קליינע נישט קיין הערשערישע פעלקער. די פאַרבינדונגען מיט דער ארומיקער וועלט דורך מיסחר זיינען אויך דאָ געווען שוואַכער. דאָס אַלץ האָט אָפּגעשוואַכט די פונצענטרישע ריכטונגען אין יהודה. דאָס און נאָך עפּעס וואָס איז נאָך וויכטיקער: די פירונג פון לאַנד האָט געהאַט א געפיל פאַר דער טראַדיציע פון לאַנד. וואָס מער צוגעבונדנקייט צו ירושלים, אַלץ מער צוגעבונדנקייט צום לאַנד, צו דער מדינה, צו דער דינאַסטיע. און וואָס מער טראַדיציע, אַלץ מער געמיינזאַמקייט האָבן מענטשן, אַלץ מער דיסציפּלין אין לעבן, אַלץ פעסטער איז דער קאָלעקטיוו. און דערפאַר האָט זיך יהודה, די קלענערע און שוואַכערע מדינהלע דאָך געהאַלטן לענגער און איז אונטערגעגאַנגען שפּעטער פון דער „שוועסטער” שומרון. אויך דאָ ווי אומעטום אין דער יידישער געשיכטע זענען געווען ביידע ריכטונגען — די פונצענטרישע און די צוצענטרישע, אָבער די צוצענטרישע האָט דאָ געקענט זיין שטאַרקער און די פונצענטרישע — שוואַכער. איז דער קאַמף געווען אנדערש.

אויך דאָ האָבן די נביאים געהאַט פאַר זיך א שווערן קאַמף, א שוידערלעך שווערן, א טראַגישן פאַר א סך פון זיי, אָבער דאָ איז זייער השפעה געווען נישט אין פאַרגלייך שטאַרקער, ווירקנדיקער. די נבי־

אים זענען געווען אַרטיקע, נישט קיין געקומענע פון דער פרעמד, ס'הייסט, אז עס איז געווען אַ סביבה ווו די נביאים האָבן געקענט אויסהאָדעווען זיך, דאָ זענען זיי געווען אַ פּאָליטישער און געזעל־שאַפטלעכער כוח. מען האָט זיי שטאַרק באַקעמפט, צומאָל אַפילו גרויזאַם, אָבער ווירקן האָבן זיי געווירקט.

און ווײַטיקער ווי אַלץ איז דער פאַקט וואָס מיטן אונטערגאַנג פון דער מלוכה איז דאָס פאָלק נישט אונטערגעגאַנגען.

די גאולה וואַקסט אַרויס פון גלות

דאָס קליין פאָלק יהודה איז אַוועק אין גלות נישט מיט איין מאָל, נאָר ביסלעכווייז. אַ קורצע צייט פאַר דעם ענדגילטיקן חורבן פון ירושלים האָט נבוכדנצר מלך בבל אַרויסגעפירט פון ארץ ישראל דעם „גלות יכניהו" מיט אַ ווײַכטיקן טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. און דאָ איז איבערהויפּט די בעל מלאכות וואָס פּראָדוצירן געווען. בולט געוואָרן אַ גוואַלטיקער אונטערשייד אין באַציאונג צום גלות. איין ריכטונג האָט געהאַלטן, אַז מיטן פאַרלירן ארץ ישראל גייט פאַרלאָרן די ייִדישקייט, און דעריבער בלייבט פאַר די פאַרטריבענע נאָר איין וועג: אָדער וואַרטן זיך אומצוקערן קיין ארץ ישראל אָדער זיך אויסמישן מיט דער באַפעלקערונג פון לאַנד און אויס. אַזוינע „אַנטיגלותיסטן" זענען געווען נישט ווייניק, און זיי האָבן, קענטיק, געהאַט נאָר איין טרייסט פאַר אַרויסגעטריבענע: דער גלות וועט נישט געדויערן, און איר וועט גאָר באַלד זיך אומקערן אַהיים. צו דער צווייטער ריכטונג, דער „גלותיסטישער" אַזוי צו זאָגן, האָט געהערט דער טראַגישסטער פון אַלע נביאים און דער גייסטיק שטאַרקסטער פון זיי אַלעמען — ירמיהו; ער האָט אַזוי פיל געליטן אינעווייניק מאָראַליש און פיזיש פאַר זיין פאָרויסזען און איבערלעבן דעם חורבן פון זיין לאַנד און ער האָט אַזוי פיל און אַזוי שטאַרק געגלויבט אין קיום פון זיין פאָלק אַפילו אין גלות. צו דער ריכטונג האָט אויך געהערט דער צווייטער גרויסער גלות נביא יחזקאל. ערשטנס, זעען מיר דאָ אַז אין גלות איז אַוועק אַ פאָלק מיט אַ באַוווּסטזיין פון אַ

פאָלק. דאָס וואָס אין שומרון איז נישט געווען. מיטן חורבן פון לאַנד שומרון איז אונטערגעגאַנגען אויך דאָס פאָלק פון שומרון. מיטן חורבן פון לאַנד יהודה איז ווייט נישט אונטערגעגאַנגען דאָס פאָלק יהודה. מען קען אָננעמען אַז אין אָט דעם פאָלקס באַוווסטזיין זענען געווען שולדיק די נביאים מיט זייער דערציאונג. און עס וואָלט נישט געווען קעגן דעם אמת ווען מיר וואָלטן געקרוינט דעם גרעסטן באַ־וויינער פון חורבן, ירמיהו הנביא ווי דעם ערשטן מוטיקן און גלויביקן בויער פון גלותדיקער יידישקייט. עס האָט געמוזט זיין א גוואַלטיק שטאַרקע פערזענלעכקייט, וואָס איז זעלטן אפילו צווישן נביאים: אַזוי פיל צו ליידן צוליבן חורבן פון זיין לאַנד און אַזוי פיל צו גלייבן אין קיום פון זיין פאָלק. ער שיקט דערמוטיקנדיקע בריוו צו די פאַרטריבענע יידן אין גלות: לעבט אין גלות מיט אייער יידישקייט! ער שטעלט זיי, די פאַרטריבענע, העכער פון די וואָס זענען געבליבן אין זייער לאַנד. נישט לאַנד איז וויכטיק נאָר אויסגעהאַלטענע יידישקייט אפילו אין גלות. ער איז גאַליק בייז אויף די וואָס באַרימען זיך מיטן זייער ירושלים ווו עס איז נאָך דערווײַלע גאַנץ דער נאַציאָנאַלער צענטער פון פאָלק, דער בית המיקדש. ער קעמפט אויף צוויי פראָנטן: ער רייסט אָן רחמנות ביי די געבליבענע זייער גלויבן אין זייער לאַנד מיט זייער בית המקדש, און קעמפט קעגן די פאַריאושטע אין גלות, וואָס מיינען אגב אַז היות ווי מען איז שוין אַרויסגעטריבן פון לאַנד, ווערט מען שוין במילא פטור פון דער „שווערער יידישקייט" וואָס צאַמט איין, און וואָס דערלויבט נישט אַזוי פיל איינגענעמע זאַכן (ירמיהו כט' 23) פאַרקערט, קומט אויס, ווייל אין גלות, אין דער פרעמד, צווישן אַנדערע דאַרף מען נאָך פעסטער, נאָך שטאַרקער אָפּהיטן די נאַציאָנאַלע אַנדערשקייט, און דער־מיט וועט דער גלות זיין שטאַרקער און אייביקער איידער דער „איבער־בלייב" אין יהודה מיטן „היכל פון גאָט" וואָס איז נאָך נישט חרוב. זיי, די געבליבענע וואָס האַלטן זיך גרויס מיט זייער זיין אין אייגענעם לאַנד מיט זייער בית המקדש, — זיי זענען נאָר די שלעכטע פייגן וואָס טויגן נאָר אַרויסצוּוואַרפן, און פאַרקערט — די פאַרטריבענע וואָס זע־נען פאָליטיש אין גלות און מאָראַליש, אין זייער באַוווסטזיניקן לעבן, זענען זיי ביי זיך, — די זענען די גוטע פייגן, וואָס גאָט וועט אָפּהיטן

און פון זיי וועט ער אויסבויען דאָס פֿאָלק וואָס וועט צוריקקומען און אָפּבויען דעם חורבן (ירמיהו כד'). דאָס האָט געפֿאָדערט אַ גוואַלטיקן כוח, אַ כוח פון „אַ פעסטונג און פון אַ קופּערנעם זייל" צו קענען אַזוי דענקען קעגן אַלעמען אין זיין דור און אויך קעגן די פֿאַרשטעלונגען פון אַ סך אַנדערע דורות ביז אונדז. נישט אומזיסט האָט די יידישע טראַדיציע אַזוי ליב געקראָגן דעם נביא ירמיהו, אים און אליהון. דער איז געווען דער קעמפער פאַר אויסגעהאַלטענער יידישקייט אָן קאָמפּראָמיסן און אָן באַדינגונגען. דער צווייטער איז געווען דער ערשטער פּראַקטישער פֿריידיקער און שעפער פון אייביקער יידישקייט אפילו אין גלות. און זיין דרך איז געווען דער וואָס האָט געזיגט אין גאַנג פון דורות.

צוויי גרופּעס יידן זענען געווען אין צייט פון גלות בבל: די געבליבענע אין ארץ ישראל און די פּאַרטריבענע אין בבל. און אין משך פון אָט דעם קורצן גלות פּעריאָד איז דער גורל פון די צוויי גרופּעס געווען אַ היפּוכדיקער: ווען די שבי ציון זענען געקומען צוריק קיין ארץ ישראל, האָבן זיי געפונען די רעשטלעך פון די געבליבענע יידן אסימילירט און דעמאָראַליזירט, און זיי, די געקומענע פון גלות האָבן געדאַרפט פֿלאַנצן יידישקייט אין ארץ ישראל צווישן די וואָס האָבן די גאַנצע צייט פון גלות געלעבט דאָרטן. דער גלות האָט געבראַכט יידישקייט אין ארץ ישראל צווישן די וואָס האָבן די גאַנצע צייט פון גלות געלעבט דאָרטן. דער גלות האָט געבראַכט יידישקייט אין ארץ ישראל אריין. עס איז געווען אַזוי ווי עס האָט פאָרויסגעזאָגט ירמיהו: דער גלות האָט איינגעהיט יידישקייט און דאָרטן איז אויך אויסגעוואַקסן די גאולה פון לאַנד. נישט די יידן וואָס זענען געבליבן נאָכן גלות אין ארץ ישראל האָבן אויפגעבויט דאָס לאַנד, נאָר די געקומענע פון גלות מיט זייער פלאַמיקן באַנער און בענקעניש, וואָס עס האָבן לגמרי נישט פאַרמאָגט די ארץ ישראלדיקע יידן.

אָט די שעפערישע ראָלע פון גלות־יידישקייט האָט שוין גוט פאַרשטאַנען דער תלמוד. דאָרטן איז פאַראַן אַזאַ אפאָריזם: „צום אָנהייב ווען די תורה איז פאַרגעסן געוואָרן פון די יידן איז געקומען עזרא און ער האָט זי פאַרפעסטיקט; איז זי ווידער פאַרגעסן געוואָרן, איז געקומען הלל הבבלי און ער האָט זי פאַרפעסטיקט; איז זי ווידער אַמאָל פאַרגעסן

געוואָרן, זענען געקומען ר׳חייא און זיינע זין און זיי האָבן זי פון דאָס ניי פאַרפעסטיקט" (סוכה כ׳א׳). אין מאָמענט פון נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, ווען דער קיום פון פאָלק איז געבליבן אין ספק, האָט אים געראַטעוועט דער גלות, נישט ארץ ישראל. ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן — דער טייל פון גלות וואָס האָט געפאָלגט דעם נביא ירמיהו.

עס איז זיכער אַז אין בבל זענען נישט אַלע יידן געווען פון דעם מין אויסגעראָלטענע, וואָס האָבן געלעבט מיט יידישקייט און געבענקט נאָך פרייער יידישקייט פאַר זיך אין אַן אייגענעם היימלאַנד און וואָס האָבן געחלומט וועגן גאַנצער פאַרזיכיקער יידישקייט. עס זענען זיכער געווען אויך אַזוינע יידן וואָס האָבן זיך איינגעלעבט אין בבל, זיך אַסימילירט און גאָר נישט געטראַכט וועגן באַפרייען זיך פון גלות. דאָס זענען געווען יידן פון שומרון טיפּ. פון גלות זענען אַרויס נאָר עטלעכע און פערציק טויזנט יידן. אַ סך זענען געבליבן אין בבל און נישט איינגעהיט זייער יידישקייט און זייער באַזונדערן פאָלקישן כאַראַקטער. אָבער מיט די האָבן מיר דאָך נישט וואָס זיך צו פאַרנעמען: זיי האָבן אויפגעהערט צו עקסיסטירן אין יידישן לעבן. דאָס איז איינער פון די פילצאָליקע פאַלן אין דער געשיכטע ווען גרויסע שיכטן פון יידישן פאָלק שפּאַלטן זיך אָפּ, זיי צעגייען ווי זאַלץ אין וואַסער אין אַ פרעמדן פאָלק און ווערן פאַרלאָרן. דער זעלביקער גורל וואָלט געווים געשען מיט די יידן וואָס זענען געבליבן אין ארץ ישראל ווען נישט די עליות וואָס האָבן גענראַכט פאַר זיי יידישקייט פון גלות.

ווי אַזוי איז געשען דער נס, אַז אין גלות איז אויסגעפורעמט געוואָרן דאָס אייביק פאָלק ישראל?

* *
*

דאָס איז געוואָרן אַ דאַנק דעם דורכפירן אין לעבן פּראַקטיש דאָס וואָס די נביאים האָבן געלערנט טעאָרעטיש. די נביאים האָבן געלערנט אַז יידישקייט איז נישט אין לאַנד, נישט בית המקדש מיט זיינע צערעמאָניעס און קאָרבנות. אין גלות האָט מען זיך פון דעם נישט ווילנדיק געדאַרפט אָפּגעוווינען. אַנשטאָט דעם איז אויסגעוואַקסן אַ צווייטע

יידישקייט, א יידישקייט פון ווארט און מעשים. די יידן וואס האבן געבעט,קט נאך יידישקייט פלעגן זיך צונויפנעמען אויף פאלקס פארזאמ־לונגען כדי בציבור זיך פילן ווי יידן. זענען דאס געווארן דער פראטא־טיפ פון די יידישע שולן און בתי מדרשים וואס האבן געשפילט אזא שטא'קע ראלע אין אויפהאלטן דעם קיום פון פאלק. די פארזאמלונגען פלעגן פארקומען אין די טעג פון די יידישע יום טובים. פריער, אין אייגענעם לאנד איז דער שבת געווען א געוויינטלעכער רו טאג, קיין פארבינדונג מיטן נאציאנאלן קיום איז אין אים נישט געווען. דאס זעלבע איז געווען מיט די יום טובים. עס זענען געווען טעג פון אפרו און פארוויילונג. ערשט אין גלות איז צוגעקומען דער מאמענט פון נא־ציאנאלער סאלידאריזירונג, פון נאציאנאלער קאנצענטראציע און בא־ווסטזיניקן אפזונדערן זיך ווי א באזונדערע נאציאנאלע גרופע, וואס כאטש מען לעבט ביי יענעם אין לאנד, דאך שטרעבט מען זיך אן צו זיין אנדערש, איינצוהיטן און איינצוהאלטן דעם אייגענעם נאציאנאלן פרצוף. דאס וואס פריער — אין לאנד איז געווען סתם זיטן און מינהגים — געוויינהייטן פון א פאלק, וואס ווערן געטאן אן כוונה, אן וויסן און אן אנשטרענגונג פון ווילן, — דאס אלע איז אין גלות געווארן צו עלע־מענטן פון וויסיקן און וויליקן אנשטרענגען זיך צו זיין יידן און נישט צו זיין אזוי ווי אלע אנדערע. עס איז געווארן „יידישקייט שבמעשים".

אלע וואס עס האט דערמאנט אן דער פארזיכיקער פארגאנגענהייט איז געווארן א „מצווה" מען איז מקיים די מצווה מיט א בפירושער כוונה, ווי עס שפעטער געווארן א ספעציעלע פארמולע „הריני מוכן ומזומן לקיים... לשם יחוד". מען האט זיך אנגעשטרענגט איינצוהיטן די נאציאנאלע אנדערשקייט און בענקעניש נאך פארזיכיקייט און מיטן פארלאנג זוכה צו זיין צו איר. אט דא אין גלות האט זיך גענומען פור־רעמען דער קאדעקס פון „פירן זיך ווי א ייד". דער איינהייטלעכער פיר האט פארבונדן אלע יידן אין איין גאנצקייט נישט קיין פאליטישער, נאר אין א ריין קולטור־נאציאנאלער באזונדערער איינהייט. שפעטער האט עס געקראגן א כאראקטער פון רעליגיעזע געבאטן, אבער אין תוך אריין האט עס נישט צו טאן מיטן פראבלעם פון גאט און דינען צו אים, — עס איז גאר א סכום התחייבותן צו דינען דעם נאציאנאלן קיום. אי־

בעריקס איז אין דעם זינען די יידישע רעליגיע אַנדערש פון אַלע אַנ־דערע: זי איז אַ פאָלקסדינסט נישט קיין גאָטעסדינסט.

א ספּעציעלן אָרט אין דער נאַציאָנאַלער אָנשטרענגונג האָט פאַר־נומען די פאָלקס ליטעראַטור. אַ סך פון דעם איז שוין געווען פאַרשריבן פון פריער, נאָך אין היימלאַנד. נאָך מערער האָט געלעבט אין זיכרון פון פאָלק, ווי אַ תורה שבעל פה. מעשיות, העלדן־עפּאָס, רעליגיעזע און וועלטלעכע ליריק, געזאַנגען, נביאישע טראַדיציעס און אַזוי ווײ־טער. אַמאָל זענען דאָס געווען נייטראַלע, סתם אַזוי מעשיות פון פאַר־גאַנגענע צייטן, ווי אַ פאָלקס ליטעראַטור בכלל אומעטום און אַלע מאָל. ביי די יידן אין בבל איז דאָס געוואָרן די הייליקייט פון פאָלק. מען פלעגט עס לייענען און דערציילן אויף די פאָלקס פאַרזאַמלונגען, אין די יום טובים. עס איז געוואָרן די „תורה״ פון פאָלק. עס האָט זיך אויסגע־בילדעט אַ ספּעציעלער פאַך ביי יידן, די וואָס זענען געווען פעיק צו־נויפצוזאַמלען די פאָלקס ליטעראַטור, זי צו פאַרשרייבן און פאָרצולייע־נען און דערקלערן (סופרים, מבינים). עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ נאָרמירטע טראַדיציע וואָס, ווען און ווי פאָרצולייענען פון דער תורה אויף די פאָלקספאַרזאַמלונגען. דאָ אין גלות איז קאַנאָניזירט געוואָרן די תורה. דורך דעם כסדרדיקן לייענען איז זי פאַרשפּרייט געוואָרן אין וויסן פון פאָלק. מן הסתם צוליב טעכנישער באַקוועמלעכקייט האָבן די סופרים אין בבל אָנגעהייבן שרייבן די תורה מיט אַן אַנדער אלף בית, נישט דער וואָס די יידן האָבן גענוצט פריער אין ארץ ישראל, די אַלטהעברע־אישע שריפט, וואָס אויף איר זענען געשריבן אייניקע שטיינער און פאַר־צייטיקע דאָקומענטן און וואָס די שומרונים נוצן נאָך היינט אין זייער אַלטער ספר תורה. דער נייער אלף בית האָט געטראָגן דעם נאָמען „כתב אשורי״ — אסירישע שריפט.

די אַלע ליטעראַרישע שאַפונגען וואָס פלעגן אַמאָל דינען נאָר לשם פאַרווײַלונג, אפשר פלעגן זיי באַגלייטן טענץ און הולאַנקעס, זענען דאָ אין בבל געוואָרן אַ קוואַל פון פאַרזיכיקייט און נאַציאָנאַלער אויסגעהאַלטנקייט. מען האָט זיך פון דעם געלערנט ווי זיך צו פירן און דאָס איז די ספּעציפישע אויפגאַבע פון דער „תורה״ וואָס דאָס וואָרט אַליין באַטייט ״לערנען״, אָנווייזן.

איבערהויפּט האָט מען אָפּגעהיט די תורת משה, די פינף חומשים. אזוי ארום איז אין בבל געשאַפן געוואָרן סיי די תורה שבכתב און סיי די תורה שבעל פה — די נאָרמירנדיקע טראַדיציע ווי צו פירן זיך אין לעבן.

די ראָלע פון די נביאים האָט זיך דאָ אויך קאַרדינאַל געענדערט. נישט מוסרן און שטראָפן האָבן זיי דאָ געדאַרפט. די וואָס זענען אַוועק פון יידישקייט און זיך אויסגעמישט מיט די הערשנדיקע פעלקער, די האָט שוין דעם נביאס וואָרט נישט געקענט סיי ווי דערגרייכן. די פאַרקערט וואָס האָבן ווילּיק גענומען אויף זיך גאָר די שווערקייט צו זיין א ייד, — די האָט מען נישט געדאַרפט מוסרן און שטראָפן, נייערט מוטיקן און טרייסטן און דאָס האָבן טאַקע געטון די גלות נביאים, איבערהויפּט דער „גרויסער אנאָנים", וואָס זיינע מוטיקע האָפענונגס געזאַנגען זענען צוגעגעבן צו דעם ספר פון דעם נביא און ישעיהו פון דעם קאַפּיטל מ' אָן.

ביסלעכווייז איז די דאָזיקע ארבעט, די דרשות פון די נביאים געוואָרן אלץ ווייניקער נייטיק: די אויסגעהאַלטענע יידן האָבן אליין געגענוג מוט און געוואָרט האָבן זיי נישט אויף געזאַנגען און פּאַטאָסדיקע דרשות, נאָר זיי האָבן געגאַרט נאָך מעשים, זיי האָבן געוואָלט אָנווייזונגען, מען זאָל זיי לערנען ווי זיך צו פירן אין לעבן, — און דאָס האָבן זייער גוט געטון די סופרים און די כוהנים. דאָ האָט זיך געענדיקט טאַקע דער פּעריאָד פון די נביאים. מיטן סוף פון גלות בבל האָט זיך געענדיקט די נבואה ביי יידן. זייער אומצופרידנקייט מיט זיך איז אָבער געווען נישט בארעכטיקט. זייער אויפטו קען נישט געמאָסטן ווערן מיט די דירעקטע רעזולטאַטן באַלד. קיין מאָסן פירערס זענען די נביאים נישט געווען זיכער, קיין מאסן נאָכגייערס האָבן זיי נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן: איז דאָך א נביא תמיד א גייער קעגן שטראָם, און נאָר געציילטע קענען מיט דעם נביא מיטגיין, קענען אים נאָכגיין. אָבער דורך אָט די געציילטע ווירקן די נביאים דורך דורות אין דער אייביקייט אריין. די נביאים אין יהודה האָבן אויפגעוועקט דאָס שעפערישע אין גלות, די באַגייסטערטע און אויסגעהאַלטענע תלמידים וואָס האָבן זייערע אידעען געפּו־

רעמט אין מעשים האָבן דאָס געשאַפן די יידישקייט פון גלות, און זי האָט געבאָרן די גאולה. די אויסגעהאַלטענע יידישקייט אין גלות האָט אויסגעהאָדעוועט דעם כוח וואָס האָט אָפּגעבויט ארץ ישראל. לויט דער טראַדיציאָנעלער יידישער סימבאָליק מעג מען זאָגן: דער גלות האָט אויסגעהאָדעוועט די גאולה; אין דעם טאָג ווען די יידן אין גלות האָבן פאַלגנדיק ירמיהון געגומען שאַפן און היטן זייער גלות־יידישיים, אין דעם טאָג איז געבאָרן געוואָרן משיח. דאָס איז א זאַך וואָס אַלע טרוימער ווענן א גאולה אויך היינט מוזן געדענקען אויף שטענדיק. דאָס האָט מן הסתם אויך געזען ביאַליק אין זיין „מגילה פון פייער", ווען ער האָט דעם סימבאָלישן „צאַרטן בחור מיט די לויטערע אויגן" וואָס האָט גאָטס פייער, אָפּגעהיט פון חורבן און דורך דעם מאָרגנשטערן, אוועקגעטראָגן אין "א ווייטן לאַנד, אין א פרעמדן לאַנד, אין גלות לאַנד"... (מגילה פון פייער, אָנהייב פון קאַפּ' ח', י. י. שוואַרץ).

שיבת ציון — דער גלות בויט אָפּ ארץ ישראל

און אזוי האָט דער גלות גענומען בויען ארץ ישראל דורך כסדר־דיקע „עליות", עליות פון באַגייסטערטע בויערס, וואָס האָבן זיך מיט אַן עקסטאַזיש געלאָזט קיין ארץ ישראל. אזוינע עליות זענען געווען נישט איינע. די ערשטע איז די אונטער דעם אָנפיר פון זרובבל און יהושוע, גלייך ווי דאָס איז נאָר מיגלעך געוואָרן, ווען די הער־שאַפט איבער ארץ ישראל איז אריבער צו פּרס.

ווען די עליות זענען אָנגעקומען קיין ירושלים, האָבן זיי דאָרטן געפונען א גרויסע אסימילאַציע, געמישטע חתונות און אויסגעמישט־קייט מיט די אנדערע פעלקער. דאָס איז פאַר די עולם געווען א גרוי־סע אנטוישונג און טראַגעדיע. זיי וואָס האָבן אין גלות אזוי זיך אָנ־געשטרענגט אָפּצוהיטן אָפּגעזונדערטע יידישקייט האָט זייער גע־קרענקט וואָס די געבליבענע אין ארץ ישראל די „עם הארץ" האָבן אזוי לייכטזיניק זיך אויסגעמישט מיט אנדערע. די געקומענע זענען געווען זיכער אַז זיי זענען קינדער פון יהודה, זיי שטאַמען דירעקט פון די ארויסגעקומענע פון יהודה. זיי האָבן דערפאַר גערנער גערופן

זיך „יהודים”. פארקערט, ווענן די געבליבענע אין ארץ ישראל זענען זיי נישט געווען זיכער, צוליב דער שטארקער בלוט־אסימילאציע דורך געמישטע חתונות. עס איז געווען שווער אפצוטיילן די ריינע יידן פון די געמישטע, דא פלעגט מען אפטער נוצן דעם טערמין „עם הארץ”. די געקומענע האבן אנגעהויבן א שווערן קאמף פאר שטיינגערישער און געשלעכטלעכער אפגעזונדערטקייט פון די יידן. פאר די כוהנים און אנדערע האט מען גענומען זוכן זייערע יחוס בריוו, כדי קלאר צו מאכן די ריינקייט פון זייער יידישן אפשטאם. דער גלות האט זיך באמיט איינצושטעלן אין ארץ ישראל די יידישקייט וואס עס האט זיך איינגעשטעלט אין גלות. ארץ ישראל האט געדארפט ווערן די היים פאר דער גלות יידישקייט. דא איז געווען א קאמף צווישן דער אויסגעהאלטענער פארזיכיקער יידישקייט וואס האט זיך אידענטיפיצירט מיט די געקומענע פון גלות און צווישן דער רעזיגנירטער יידישקייט פון צופאסן זיך צום ארום. דער וועג האט זיך בולט אנגעזען צווישן די ארטיקע, אין ארץ ישראל געבליבענע יידן. פון דעם דארף מען נישט דרינגען אז אין גלות זענען אלע יידן געווען צווישן די אויסגעהאלטענע, פארזיכיקע יידן. עס איז געוויס פארקערט, אז די אויסגעהאלטענע זענען געווען אין דער מינדערהייט, אבער יענע, די וואס האבן זיך געהאלטן אין אסימילירן זיך, יענע זענען דאך נישט געווען צווישן די „שבי גולה”. געקומען זענען דאך נאר די אידעאיש אויסגעהאלטענע וואס האבן געזוכט א היים פאר זייער ריינער יידישקייט. דערפאר איז דער קאמף געווען אזוי שטארק צווישן די געקומענע און די עמי הארץ.

די ערשטע עליות האבן גארנישט אויפגעטון, און זייער געבראכטער פייער איז אויסגעלאשן געווארן, כדי די וואס וועלן קומען נאך זיי זאלן געפינען דעם זעלביקן טרויעריקן בילד אין לאנד. אזוי איז דאס געווען ביז עס איז געקומען נחמיה, דער מאן מיטן שטאלענעם ווילן, פלאמיקן גלויבן און קלוגן קאפ. א חוץ אט די פערזענלעכע מעלות פון אייגענעם כאראקטער האט ער נאך געהאט מיט זיך מאכט געגעבן פון דעם גרויסן פערסישן קייסער, ער האט דאן געווארפן זיין הויף קאריערע און ער האט זיך באווארנט מיט געגוג מאכט צו קע־

נען נישט מורא האָבן פאַר די שכנישע שונאים. עס איז פאַר מיר זיכער, אז דאָס האָט אים געגעבן אויך אויטאָריטעט ביי יידן גופא און ער האָט געקענט אויספירן דאָס וואָס ער האָט אזוי שטארק באַגערט. די מעמוארן זיינע וואָס זענען געבליבן פאר אונדז אין דעם ספר אונטער זיין נאָמען אין תנ"ך, אָטעמען מיט אזוי פיל עקשנות־דיקן גלויבן און מיט אומענדלעכער ליבע ווי אויך מיט מענטשלעכער אָפּנהאַרציקייט. ער מיט זיין באַנלייטער עזרא הסופר האָבן אויפגעבויט דאָס נייע ארץ ישראל. נחמיה האָט געבויט פּאָליטיש און עזרא — קולטורעל. איינער דעם צווייטן האָט געהאָלפן. נחמיה האָט אָפּגעבויט די ווענט פון ירושלים, האָט פּארפעסטיקט דעם יידישן קליינעם ישוב. ער האָט מיט אן אייזערנער האַנט דורכגעפירט רעפאָרמעס, איינגעשטעלט נאָרמעס: באַזייטיקט די פרעמדע ווייבער, איינגעשטעלט דעם שבת אויף דעם אופן ווי מען האָט אים געהיט אין גלות, אין בבל. רירנדיק איז זיין דערציילונג ווי ער האָט געצוואונגען די רייכע צו שענקען די חובות וואָס זיי האָבן גענומען פון די אָרעמע. דאָס וואָס אַלע נביאים האָבן פאַר דעם געקעמפט מיט אזוי פיל פּאַטעטישן פייער, האָט דער פּראַקטישער טוער אויפגעטאָן ריין פּראָזאַאיש.

עזרא האָט זיך גענומען פארשפרייטן די תורה, מאכן זי פאַר אן עלעמענט פון פאָלקס געברויך. ער איז געווען דער „סופר מהיר", דער גענייטער רעדאַקטאָר און איבערשרייבער, האָט ער מיט א שטאַט פּאַרטייטשערס און דערקלערערס אויף פאָלקספארזאמלונגען און אין יום טובים פאַרנעלייענט פאַרן פאָלק די תורה, און דער מנהג איז געבליבן ביי יידן ביז היינט. הלוואי וואָלטן מיר די נייע אָנוווקסן פון פאָלקס שאפונג אויך אזוי אריינגעפירט א מנהג עס צו נוצן אויף פאָלקס פארזאמלונגען און אויף יום טובים. נחמיה האָט געבויט און עזרא האָט אַל דאָס אויפגעבויטע פארבונדן מיט דער טראַדיציע פון פאָלק, מיט דער טראַדיציע, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון גלות.

און היסטאָריש איז עס געווען זייער ריכטיק: א פאָלק וואָס לעבט טעריטאָריעל אָפּגעזונדערט, אין אן אייגענעם לאַנד, און מיט אן איינגענער פּאָליטיש איינגעשטעלטער דיסציפּלין, קען און מעג פארגעסן די היתחיבותן פון פרט אין זיין פירונג צו זיין קאָלעקטיוו, צו זיין פאָלק — דאָס פאָלקישעס וועט בולט זיין במילא, פון זיך אליין;

— גאר אנדערש איז מיט א פאלק וואס אונטער א פרעמדן רעזשים, מיט פרעמדער דיסציפלין, — אזא פאלק מוז זיך אנשטרענגען אפצו־היטן דעם פאלקס טראדיציע. שפעטער וועט עס דער תלמוד קלאר פארמולירן: אין נארמאלע צייטן, ווען עס איז נישטא קיין סכנה פארן קיום פון פאלק, זענען פאראן אזוינע געבאטן וואס מען דארף זיך פאר זיי נישט מוסר נפש זיין; אבער אין דער צייט פון גזירות, ווען עס איז פאראן א סכנה אז יידן קענען פארגעסן זייער יידישקייט, דע־מאלט מוזן זיך יידן מוסר נפש זיין אפילו צוליב א בענדל פון א שוך (ערקתא דמסאנא). און עזרא מיט נחמיהן האבן איינגעשטעלט פאר יידן אין ארץ ישראל נישט קיין פאליטישע פארזיכיקייט, נייערט נאר א סאציאל־קולטורעלע אונטער דער פאליטישער הערשאפט פון פער־סיע.

אינטערעסאנט איז אז די יידישע טראדיציע האט געשטעלט הע־כער עזראס גייסטיקן אויפבוי ווי נחמיהס. נישט נאר וואס אין די תפילות ווערט דערמאנט כסדר עזרא הסופר אבער נישט נחמיה, אפילו דעם ספר פון זיינע מעמוארן רופט די טראדיציע אויף דעם נאמען פון עזרא. און זיין ספר, עזראס איז גאר מער ווי העלפט גע־שריבן אויף דער שפראך פון די יידן פון יענער צייט, אויף אראמיש. די טראדיציע האט זיך צו דער וואכעדיקער שפראך פון פאלק באצויגן מיט דעם זעלביקן פיעטעט ווי צום פאלק אליין, כל זמן עס איז נישט געווען די שפראך פון הערשנדיקן פאלק און זי האט גערינט ווי א שפראך פון פאלק אפצושיידן זיך מיט איר פון אנדערע פעלקער.

שוין די גמרא וואונדערט זיך פארוואס דער ספר פון נחמיה רופט זיך נישט אויף זיין אייגענעם נאמען, נאר איז צוגערעכנט ווי א טייל צו דעם ספר „עזרא". (סנהדרין צג:) אין דער זעלביקער צייט שטעלט די טראדיציע אוועק עזראן אין איין שורה מיט משהן. (ראוי היה עזרא שתנתן על ידו תורה לישראל אילמלא לא קדמו משה. (סנהדרין כב׳:) דאס איז זיכער אין איינקלאנג מיט דער פולער נעגירונג פון פאליטישן לעבן, פון סאציאל־פאליטישער פארזיכיקייט, וואס נחמיה האט געבויט. דערפאר האט די טראדיציע אויך פון נחמיהן אליין נישט געהאלטן. בעת די קולטורעל־גייסטיקע פארזיכיקייט איז פאר־בונדן מיט דעם נאמען פון עזרא, און דאס איז דאך „תורה". עס

איז אָבער א גרויסער ספק צי וואָלט עזרא געקענט איינשטעלן די פּאַרזיכיקייט, ווען אים ביי דער זייט וואָלט נישט געאַרבעט דער קלוגער און דער פעסטער נחמיה. זיי ביידע צוזאַמען האָבן אויפגעשטעלט די יידישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמע קהילה, צום גליק אָן פּאָליטישער מלוכהשער פאַרזיכיקייט.

א תקופה אָן געשיכטע

פון דער צייט פון די צוויי גרויסע אויפבויערס ביז דער צייט פון די חשמונאים ציט זיך אין דער יידישער געשיכטע א תקופה אָן קיינע ידיעות. נישטאָ קיינע דאָקומענטן. קיין נביאים זענען מער נישט פאַראַן פון יענער צייט, קיינע כראָניקעס זענען נישט געבליבן, א צייט אָן געשיכטע איז דאָס. עס זענען נישטאָ קיינע אינפאָרמאַציעס נישט וועגן מלחמות, נישט וועגן אָנפאַלן אָדער נצחונות, וועגן אינעווייניקסטע קריגערייען און מחלוקותן. גאָרנישט. מיר ווייסן נאָר ווי אַזוי די תקופה האָט זיך אָנגעהויבן און ווען און מיט וואָס זי האָט זיך געענדיקט. די תקופה פאַלט צונויף אין צייט מיט דער הערשאַפט פון פערסיע איבער ארץ ישראל און איבער דער קליינער און שוואַכער, אפילו נישט פּראָווינץ, נאָר קהילה. זי ענדיקט זיך מיט דעם פאַלן פון דער פערסישער הערשאַפט און דעם איבערגאַנג אונטער דער הערשאַפט פון דער נייער גריכישער וועלטמאַכט.

אָנגעהויבן האָט זיך די תקופה פאַר יידן מיט א קליינעם הייפל באַוווסטזיניקע נאַציאָנאַליסטן וואָס האָבן זיך כמעט אַלע קאָנצענטרירט אין איין שטאָט ירושלים און זיי האָבן ערשט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אינעווייניק א נאַציאָנאַלע דיסציפּלין אין די ראַמען פון דער נאַציאָנאַל קולטורעלער אויטאָנאָמיע וואָס זיי האָבן געהאַט פון דער פערסישער רעגירונג. צום סוף פון דער תקופה האָבן די יידן פאַרמאָגט ישובים אין גאַנצן לאַנד מיטן גליל ווו עס איז פריער געווען שומרון. דאָס פאָלק האָט געהאַט א פעסטע נאַציאָנאַלע דיסציפּלין, וואָס האָט געקאָנט גובר זיין די אַסימילאַטאָרן אינעווייניק און אויך פירן מיט דערפאָלג א קאַמף קעגן דער העלעניסטישער גרויסמאַכט. אין אָט דער תקופה אָן געשיכטע איז, הייסט עס, אויסגעוואַקסן דאָס

פאָלק פון א קליין קערנדל ביז א מעכטיקן בוים, פון א קליין קינד, וואָס שטעלט זיינע ערשטע טריט ביז א שטאַרקן מענטשן. ווי איז דאָס געשען? —

קיין דרויסנדיקע איבערפאַלן האָט דאָס קליינע און שוואַכע לענדל נישט געהאַט ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר זיין שטאַרקן באַלע־באָס (פערסיע). זי אַליין האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט דעם אי־נעוויינינקסטן לעבן פון דער קליינער און ווייטער פּראָווינץ. האָבן די יידן געהאַט א פולע אויטאָנאָמיע און א גוטע זיכערקייט. איז עס געווען אפשר די רואיקסטע צייט אין דער לאַנגער יידישער געשיכטע.

וויכטיקער איז אָבער דער צווייטער פאַקט — עס איז געווען א תקופה אָן אסימילאַציע. א צייט אָן אינעוויינינקסטע קאַמפן און קרי־זיסן. די אייביקע אַקס פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע — דער קאַמף צווישן די פונצענטרישע און צוצענטרישע ריכטונגען האָט אויפגעהערט פאַר דעם פּעריאָד. דאָס טאַקע האָט געגעבן די יידן די מיגלעכקייט אינעווייניק זיך צו פאַרפעסטיקן מאָראַליש און אויך פיזיש. א תקופה אָן אסימילאַציע־שטראָמען איז אויך די תקופה אָן געשיכטע. אויפגעבאַפט פון איר שלאָף האָט זיך די יידישע גע־שיכטע מיט דער שטאַרקער העלעניזאַטאָרישער אסימילאַציע־באַווע־גונג, — און ווידער איז אונדזער געשיכטע געוואָרן אַקטיוו. איז די פראַגע: וואָסערע פאַקטאָרן האָבן אָפּגעשוואַכט דעם אסימילאַציע דראַנג דווקא אין אָט דער תקופה?

דאָ קומען מיר צו זייער אן אינטערעסאַנטן געזעץ אין דער יידי־שער פּסיכיק: דער יצר הרע זיך צו אסימילירן איז פאַראַן ביי יידן נאָר בנוגע צו שטאַרקע מאַטכהאָבנדיקע פעלקער. מיט פּאָליטיש סוב־אָרדינירטע פעלקער אסימילירן זיך יידן נישט. ווען יידן לעבן אין שכנות אָדער אויסגעמישט מיט סובאָרדינירטע פעלקער. זענען זיי פאַרזיכיקער, וויניקער געניגט צו אסימילאַציע. לעבן זיי פאַרקערט אין שכנות אָדער אויסגעמישט מיט א הערשנדיקן פאָלק, וואָס האָט די פּאָליטישע מאַכט, ווערט דער דראַנג צו אסימילאַציע שטאַרקער, און נאָר געטרייע, אויסגעהאַלטענע יידן מיט א שטאַרקן ווילן קענען אים גובר זיין.

א. גאָלאָמב

מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער, אין 19־טן יאָרהונדערט נ"ק זענען די שעפעריסטע און אקטיווסטע יידישע שבטים געווען אין מזרח אייראָפּע. בילדונג, רעכט און מאטעריעלע רייכקייט איז געווען ביי די מערב אייראָפּעאישע יידן, אָבער קולטור, שעפערישקייט — נאָר ביי די „אָסט יודן" וואָס די מערבדיקע עמאנציפּירטע יידן האָבן זיך צו זיי באצויגן מיט ביטול און מיט שנאה. דווקא אָט די יידן האָבן געשאפן אלע יידישע באוועגונגען, דעם ציוניזם, דעם סאָציאליזם אין אלע זייערע פאָרמאציעס. דער מזרח אייראָפּעאישער יידישער קיבוץ האָט עס געשאפן דעם נייעם קיבוץ אין אמעריקע און אלץ וואָס עס איז דאָ אין ארץ ישראל. אין דעם שבט איז זיך צעוואקסן א יידישע ליטעראטור ווי אין העברעאיש אזוי אין יידיש. דער מזרח אייראָפּעאישער ישוב וואָס האָט אויסגעזען צו זיין שוואכער און געפלאָגטער פון אנדערע — ער האָט איבערגעלאָזן יידישקייט פון אלע מינים פאר אנדערע דורות. און פארוואָס? פארוואָס האָט זיך דער ישוב נישט אזוי אסימילירט ווי די מערב אייראָפּעאישע ישובים? דערקלערן דאָס מיט דער רעכטלאָזיקייט איז נישט ריכטיק. אָט איז דער יידישער ישוב אין רומעניע געווען נישט ווייניקער אונטערדריקט און דאָך א סך מער אסימילירט. די שטאנדהאפטיקייט און די פרוכטבארקייט פון דעם מזרח אייראָפּעאישן יידנטום דערקלערט זיך איבערהויפּט מיט דעם פאקט וואָס די יידן האָבן דאָ געלעבט צווישן אונטערדריקטע פעלקער. אין גאליציע האָט געהערשט א דייטשע קולטור און צו איר האָט עס געצויגן די יידן. געלעבט אָבער האָבן די יידן אין שכנות מיט אוקראַינער און פּאָליאקן. האָבן די יידן אין גאליציע יאָ זיך געדמאניזירט, אָבער זיך אסימילירן האָבן זיי נישט געהאט מיט וועמען. האָט מען דאָס איבערגענומענע פון לערנען געמוזט אויסלעבן צווישן יידן. נאָך מער און בולטער איז דאָס געווען אויף דעם געביט פון צארישן רוסלאנד. די יידן וואָס איז געלונגען אריינצודרינגען „טיף אין רוסלאנד" אויסער דעם בארימטן „תחום" האָבן זיך טאַקע אסימילירט נישט ווייניקער ווי דאָס איז געווען אין מערב אייראָפּע. די הויפּט מאסע פון יידישן פאָלק איז אָבער געבליבן נישט ווילנדיק (און גאָט צו דאנקען!) אָפּגעשלאָסן פון דעם הערשנדיקן פאָלק, צווישן אונ־

טערדריקטע פעלקער: צווישן די אוקראַינער, די פּאָליאַקן, די ליטווי־נער און ווייסרוסן. די יידן אין תחום האָבן טאַקע געלערנט די רוסי־שע קולטור און שפּראַך, און אַ סך געלערנט, אַריינגענומען אין זיך זייער פיל פון דעם וואָס מען קען קריגן פון שול און פון בוך, אָבער אין לעבן, מיט לעבעדיקע מענטשן האָט מען זיך באַגעגנט נישט מיט רוסן נאָר מיט די אונטערדריקטע פעלקער, סיידן מיט אַ שיכורן באַאַמטן אַ רוס.

האָבן די יידן אַלץ וואָס זיי האָבן געקראָגן פון דעם לערנען די ווי־סישע קולטור געמוזט ברענגען צו זיך, אין דעם יידישן לעבן אַליין. דאָס „גליק" זיך צו קענען אַסימילירן מיט אַן אמתן רוס, פאַרפירן אַ ראָמאַן מיט אַ רייכן אַקציז־באַאַמטן, אַזאַ „גליק" איז דאָך נישט ווילנדיק געווען אַ זעלטנקייט. סוף כל סוף קען מען זיך נישט אַסימי־לירן אין אַ קולטור וואָס מען קען פון שול, אפילו אויב מען ווערט שטאַרק באַגייסטערט פון איר. אָט דאָ איז געלעגן דער שעפערישער כוח פון דער מזרח אייראָפּעאישער יידישקייט. פון דעם כלל, אַז יידן אַסימילירן זיך צווישן דעם הערשנדיקן פאָלק נאָר, קענען מיר מאַכן באַשטימטע אויספירן בנוגע צו אונדזער צוקונפט אין דער וועלט אויך איצט. אָבער מיר מוזן זיך אומקערן צו יענער תקופה, וואָס האָט קיין געשיכטע נישט געהאַט און האָט שעפעריש צעמענ־טירט דאָס יידיש פאָלק אויף אַלע ווייטערדיקע דורות: די הערשערי־שע פערסיער זענען געווען ווייט, און די נאָנטע שכנים האָבן נישט געקאָנט די יידן, זיי זענען דאָך געווען סובאָרדינירט נישט ווייניקער פון זיי אַליין.

אין אָט דער שטומער תקופה האָט זיך פאַרפיקסירט אויף שטענ־דיק דער יידישער פאַרזיכיקער שטייגער לעבן, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן ביי יידן אַנשטאָט אַ רעליגיע. אין אָט דער תקופה האָט זיך אין פאָלק, אין גרויסע טיילן זיינע איינגעבירגערט דאָס געפיל פון נאַ־ציאָנאַלן דרך ארץ צו זיך אַליין, די אַכטונג צו זיך וואָס האָט געגעבן כוח צו פירן אַזאַ שווערן קאַמף קעגן דעם אַנגריף פון דער מעכטי־קער העלעניסטישער סיריע.

אָבער אין דעם מאָמענט נאָר ווי ארץ ישראל איז אַרונטערגעפאַלן

אונטער דער דירעקטער מאכט פון דער שכנישער העלעניסטישער מדינה, ווען אין ארץ ישראל גופא האָבן די הערשער איינגעשטעלט זייער קולטור, אזוי באלד האָט זיך ביי יידן אויפגעוועקט דער אלטער דראנג צו אסימילאציע און נאָכמאכעריי. יידן האָבן זיך גענומען העלעניזירן. אָבער די פאָלקסטימלעכע שיכטן זענען שוין געווען גענוג פארפעסטיקט און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בארימטער

חשמונאָים קאַמף

דאכט זיך אין פלוג, גאנץ אומשולדיקע זאכן: ספּאָרט און גימנאסטיק זענען נישט קיין שעדלעכע זאכן. זיי שטערן נישט דער יידישקייט. „מען קען זיין א ייד אויך ווען מען מאכט גימנאסטיק". מען קען זיין זיכער, אז די וואָס האָבן אזוי איבערגענומען די גריכישע שטייגער פאָרמען האָבן נישט געמיינט דערמיט צו ווערן אוים יידן. גראד פארקערט, זענען זיי מן הסתם געווען זיכער, אז זיי קומען פארשטארקן, פארשענערן, אויסבעסערן די יידישקייט, וואָס איז „אָפּגעשטאנען", פראָווינציעל, קליינשטעטלדיק און אזוי ווייטער. סוביעקטיוו האָבן זיי געוויס געוואָלט אריינטראָגן אין די געצעלטן פון יעקב די שיינקייט פון יפת (דאָס ווערטל גייט אין העברעאיש „יפיפיתו של יפת באָהלי שם"). אָט אזוי איז די איינשטעלונג פון דעם באוווסטזיין ביי אלע אסימילאטאָרן פון די ערשטע עגל מאכערס, פון די בעלפעור־קולטוריסטן ביז די משכילים און אלע זייערע היינטיקע יורשים און נאָכגייערס. און מיט א מאָדנעם ברען וואָס צייכנט אוים אלע אָסימילאציע־כוואליעס אין אלע דורות האָבן זיך יידן געלאָזט העלעניזירן זייערע נעמען, מושטרע, גימנאסטיק, קולט פון נאקעטן קערפּער, די שפּראך. — עס קלינגט אזוי שיין נישט ווי דער אלטפרענקישער און נישט פינקטלעכער יידישער לשון (העברעאיש).

דו רעד אויף דעם לשון המדינה
וואָס איז אזוי ריין און קלאָר" — האָט מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער געזונגען אין אן ענלעכער תקופה פון אסימילאציע, א משכיל (מיכל גאָרדאָן).

דער אנגריף אויף יידן און אויף זייער יידישקייט האט זיך אנ־געהויבן נישט פון אנטיאָכיע, נאָר פון ירושלים. עס איז געווען אן אינעווייניקסטער קאמף אין יידנטום גופא — פארזיכיקייט און אסי־מילאציע, השכלה און די „מורדי אור". עס איז אייגנטלעך דער זעל־ביקער קאמף וואָס פירט זיך אין יעדער דור אונטער אנדערע נעמען. עס איז א נייער גילגול פון יענעם קאמף וואָס עס האט געפירט דער אלטער אליהו הנביא אין די צייטן פון אחאבן. עס איז איינער פון די קרייזן וואָס דרייען זיך ארום דער אייביקער אַקס — דעם קאמף פאר און קעגן דער יידישער פארזיכיקייט. און אויב די טראַדיציע רופט דאָ עמיצן אַן רשע, דארף מען מיט רעכט די רשעים זוכן נישט ווייטער ווי אין ירושלים, צווישן דער אסימילאציע־גיריקער אַריסטאָקראטיע און אירע נאָכלויפערס. דאָס האָבן זיי דאָך זיך געווענדט צו דער „געבילדעטער און קולטורעלער" רעגירונג נאָך הילף קעגן דער אייגענער קעגנערישער ריכטונג. וויפל מאָל האָבן יידישע אסימילאַ־טאָרן אזוי געטאָן? האָט דען נישט די מאָדערנע השכלה זיך באמיט ארייננצוציען די רעגירונגען אין איר קאמף קעגן די חסידים? האָבן דען ווילנער משכילים זיך נישט געבעטן ביי דער צארישער רעגירונג זי זאָל צווינגען אויף גוואלט די יידן צו בייטן זייער קליידונג? ניין, אין דער כוואַליע פון העלעניזאציע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין ארץ ישראל איז נישטאָ קיין שום נייעס. „די אלטע געשיכטע וואָס בלייבט תמיד ניי" — ריכטיקער, וואָס חזרט זיך תמיד איבער פון דאָס ניי.

דאָס נייע איז דער קאמף וואָס די פאָלקסטימלעכע שיכטן האָבן אָנגעהויבן קעגן דער העלעניזאציע. כדי צו פירן דעם קאמף מיט אזא עקשנות און פארביטערטקייט האָבן די קרייזן אין פאָלק געדארפט האָבן א פעסטן גלויבן אין זיך און אן אכטונג צו דער אייגענער פאר־זיכיקייט. דאָס איז געווען די פרוכט פון דער תקופה אָן געשיכטע.

און דער קאמף איז פון אן אינעווייניקסטן געוואָרן א דרויסנדי־קער מיט דער הערשערישער מאכט פון לאנד. פון אַן אינעווייניקסטן קולטור קאמף איז ער געוואָרן א פאָליטישער אויפשטאנד קעגן דעם הערשערישן פאָלק און זיין מאכט. מיר האָבן נישט קיין אינפאָרמאַ־

ציע וועגן דעם ווי די יידישע העלעניזאַטאָרן האָבן זיך געפירט אין צייט פון דעם חשמונאים אויפשטאַנד, בכל אופן האָבן זיי נישט געקענט זיין מיטן גאַנצן הארצן מיט זייער פאָלק און מיט זיינע פאַר־טיידיקער. זיי האָבן דעם פייער אָנגעצונדן און שפּעטער זיכער נישט געקענט דערצידירן מיט וועמען זיי זאָלן גיין: מיט די העלעניסטישע „קולטור־פלאַנצער אין פּאַלעסטינע" וואָס האָבן מיט פייער און שווערד זיך געלאָזט „קולטיווירן" די יידישע „באַרבאַרן", וואָס האָבן געהאַט די חוצפּה נישט צו וועלן איבערנעמען „זייער גרויסע קול־טור"... אָדער זיי זאָלן גיין מיט זייערע ברידער וואָס האָבן אויפגע־הויבן די פאָן פון אַלגעמיינער באַפרייאונג. בכל אופן איז נאָך דעם חשמונאים אויפשטאַנד מער שוין נישט געווען קיין פּאַרטיי העלע־ניסטן ביי יידן. מען דאַרף אָננעמען לויט אַן אַנאַלאָגיע מיט אַנדערע אַסימילאַציע־כוואַליעס אַז א גרויסער טייל פון די יידן העלעניזאַטאָרן זענען אַוועק מיט די בלוטיקע קולטור־פאַרשפּרייטער. פון זייער פאָלק האָבן זיי זיך אָפּגעשניטן און מער נישט געקענט צוריקקומען, פּונקט ווי מען קען נישט צוקלעפּן צוריק אַן אָפּגעשניטענע האַנט צו א פוס. דאָס איז דער נאַטירלעכער סוף פון אַלע אַסימילאַציעס: מען הייבט אָן מיט שלעפּן קולטור „אין די געצעלטן פון שם" און מען פאַרענ־דיקט מיטן אייגענעם אַנטלויפן פון אָט די געצעלטן. אַזוי זענען אין לויף פון דער יידישער געשיכטע אָפּגעריסן געוואָרן פון יידישן פאָלק גרויסע טיילן. דאָס יידיש פאָלק איז ווי א בוים וואָס וואַרפט סיסטע־מאַטיש אַראָפּ נישט נאָר פאַרדאַרטע בלעטער נאָר אויך צווייגן גאַנ־צע. אין דער גרויסער באַפרייאונגס מלחמה אונטער דער פירונג פון דער העלדישער חשמונאים־משפחה האָבן אַנטייל גענומען נאָר די אויסגעהאַלטענע יידן פון יענער צייט.

און די מלחמה איז גלענצנד געלונגען: נישט נאָר זענען די יידן באַפרייט געוואָרן פון דער אַרויפגעצוווּנגענער קולטור־אַסימילאַציע, נאָר מען איז אויך פּאָליטיש געוואָרן זעלבסשטענדיק. ביז די חשמו־נאים האָבן די יידן דאָך נישט געהאַט קיין פּאָליטישע פאַרזיכיקייט, מען איז דאָך נאָר געווען אַן אויטאָנאָמע גרופּע סובאָרדינירט צו יענעם, און איצט איז מען געוואָרן אינגאַנצן פריי מיט אַן אייגענעם

קייסער און איינענער מלוכה. ס'איז אפשר די איינציקע מיליטערישע מלחמה וואָס די יידן האָבן געוווּנען. און דאָך, און דאָך האָט די יידישע טראַדיציע צו נישט געמאַכט דעם גאַנצן מיליטערישן נצחון; צו קליין געלט — די גאַנצע אויסערגעוויינלעכע העלדישקייט פון די שעפער פון דער חשמונאים־דינאַסטיע, זי האָט זיך באַמיט צו פאַר־געסן די נעמען אפילו פון די גרעסטע העלדן פון יידישן פאָלק. זי האָט דעם גאַנצן יום טוב אריבערגעפירט צו א סימבאָל פון אויסגע־האַלטענער ריינקייט אין יידישקייט, צו דעם נס מיט דעם קליינעם קריגעלע בוימל וואָס איז נאָר איינער געבליבן ריין און ער האָט גע־ברענט געַנוג פאַר אכט קריגלעך. דעם פּאָליטישן נצחון האָט די טראַ־דיציע לגמרי איגנאָרירט. בכלל האָט די יידישע טראַדיציע ליב דעם מאָטיוו פון קליין און שוואַך אנטקעגן גרויס און שטאַרק. „ורבים ביד מעטים, וגבורים ביד חלשים". דאָס איז דער זעלביקער מאָטיוו פון דעם גרויסן גליתן וואָס דער קליינער דוד באַזיגט אים. דערמיט האָט די טראַדיציע געוואָלט אונטערשטרייכן אז דער כוח פון יידן איז נישט קיין פיזישער. „לא בחיל כי אם ברוח".

און אין אמתן: דאָס קריגעלע ריינער יידישער בוימל האָט געברענט און געלויכטן זייער לאַנג. און אפשר לייכט עס נאָך אויך איצט. אָבער דער פּאָליטישער נצחון, — צו וואָס האָט ער געבראַכט? גאַנץ מיגלעך, אז אָן אים, אָן דער סוועריניטעט וואָס דער נצחון האָט געבראַכט וואָלט אויך דער חורבן נישט אזוי גיך געקומען. בעת פריער, זייענדיק א פּאָ־ליטיש־סובאָרדינירט פאָלק מיט אן איינענעם אויטאָנאָמען לעבנסשטיי־גער האָבן זיך די יידן כסדר געשטאַרקט, זענען זיי נאָך דעם נצחון פון די חשמונאים כסדר געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. די קינדער פון די העלדן האָבן פאַרפירט אן אומגליקלעכן ברודער קאַמף, אַלע צרות פון א דינאַסטיע מיט הויף רעוואָלוציעס מיט טיראַנעריי (הורדוס), — פון דעם אַלעם האָט דאָס פאָלק פריער נישט געוווּסט. דאָס האָבן זיך די קינדער פון דער חשמונאים דינאַסטיע זיך גענומען פריינדלען מיט רוים און אריינגעפירט דעם „גזלן אין שטוב אריין". איז די טראַדיציע געווּיס גערעכט וואָס זי באַמיט זיך צו פאַרגעסן די גאַנצע פּאָליטישע

זייט פון דעם חשמונאים קאַמף, איבערלאָזנדיק אין זכרון פון פאָלק נאָר דעם קאַמף פאַר דער אויסגעהאַלטענער יידישקייט קעגן אַסימילאַציע.

און ווען היינטיקע צייטן נעמען זיך פּראַווען דעם יום טוב חנוכה פאַרשידענע אַסימילאַטאָרישע ריכטונגען און קרייזן, דוכט זיך מיר, אַז דער אַלטער מתתיהו שטייט אויף פון זיין שטילן קבר און הייבט אָן אויפגערעגטער צו שרייען: „העלעניזאַטאָרן פון אַלע דורות, רוסיפיקאַטאָרן, אַמעריקאַניזאַטאָרן וואָס איר זייט, ווי וואַגט איר צו נעמען אונדזער אַנדענק מיט אים צו באַפּוצן אייער גוישקייט!” דאָס קען ווערן פון אַ יום טוב וואָס האָט פאַרלאָרן זיין אידעע און עס איז געבליבן נאָר די אויסערלעכע צערעמאָניע און מער גאָרנישט. פאַר אונדז, יידישע יידן איז חנוכה ווידער אַמאָל דער זעלביקער יום טוב פון דער טראַדיציע, דער יום טוב פון דעם נצחון פון אויסגעהאַלטענער יידישקייט קעגן דער אַסימילאַציע. חנוכה איז דער אייביקער יום טוב אין דעם אייביקן קאַמף אין יידישן פאָלק, אינעווייניק. און אַלע מאָל איז עס ורבים ביד מעטים, דען די אויסגעהאַלטענע יידן זענען תמיד אַ מינדערהייט אין פאָלק.

די פּאַרטייען אין פאָלק

צי האָט דער נצחון פון די חשמונאים אויסגעראָטן די אַסימילאַציע אויף שטענדיק? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. די העלעניזאַציע אין איר פריערדיקער פאָרמע איז אָפּגעשניטן געוואָרן. די העלעניסטן זענען אין אַ גרויסן טייל זיכער אָפּגעשניטן געוואָרן פון יידישן פאָלק. די אַסימילאַציע איז אויפגעשטאַנען תחית המתים אונטער אַן אַנדער נאָמען מיט אַנדערע לאָזונגען, אָבער דער אינהאַלט איז געבליבן דער זעלביקער — אַנטלויפן פון יידישקייט. אויך די צווייטע ריכטונג, די צענטרישע האָט זיך פאַרטיפט און געשטאַרקט. דער דראַנג צו פאַרזיכקייט אין קולטור־שטייגערישן זינען האָט זיך געשטאַרקט און איז געוואָרן די רעליגיע פון יידן. די גרופּעס אויסגעהאַלטענע יידן האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן אין איין קאָלעקטיוו. חברים — פלעגן זיי זיך רופן, אידעאָלאָגיש טיף געאייניקט, האָט מען זיך פאַרשטאַנען אַן גרויסע

טראַקטאַטן וועגן די צילן און וועגן פון יידישקייט. לויט דעם אַלטן גייסט פון די נביאים האָט מען נישט שטאַרק געהאַלטן פון דער מלוכה און נישט אין איר האָט מען געזען דעם וועג פון יידישן פאָלק. פון דער צווייטער זייט האָט מען אויך נישט שטאַרק געגלויבט אין קענען האָבן אַ ווירקונג אויף די אַרומיקע פעלקער אין גייסט פון די נביאישע אידעאַלן. די מעכטיקע און בלוטדורשטיקע רוים האָט אַריינגעשטעלט אין לאַנד איר לאַפּע, און דאָ האָבן די אויסגעהאַלטענע יידן געזען פאַר זיך דעם פולן קעגנזאַץ צו אַלץ וואָס זיי האָבן געטראָגן אין זייער גייסט. די אינסטינקטן פון מענטשן — צו זיי דאַרף מען דינען, בלוט־דורשטיקייט, מאַכטדורשטיקייט און אויסגעלאַסנקייט — דאָס איז דער זינען און דער ציל פון קאָלעקטיוון לעבן — פון דער פּאָליטיק און אויך פון יחידישן לעבן אין שטוב. רעכט און געזעצן דיקטירט דער שטאַרקער, און אים מוז מען פאָלגן, ער, דער מעכטיקער איז תמיד דער גערעכטער. אים דינט אויך דער קינסטלער, דער דיכטער און שרייבער. די וויסנשאַפט זוכט צו באַהערשן די וועלט אָבער בשום אופן נישט די אייגענע זינדיקע אינסטינקטן. — דאָס אַלץ איז געווען אַזוי ווייט פון די נאָרמעס וואָס זענען דורך דורות איינגעוואָרצלט געוואָרן ביי די אויסגעהאַלטענע יידן. דאָס אַלץ צוזאַמען איז פאַר זיי געווען איין טריפער קאָמפּלעקס, וואָס זיי האָבן פאַרשטעלט גערופן „אדום“ און פיינט געהאַט מיטן גאַנצן הארצן. אַרויסטרייבן אדום, אים באַזייטיקן האָבן זיי נישט געקענט, נישט געקענט אפילו האָפן אויף דעם, —האָט מען זיך אָנגעשטרענגט צו דערווייטערן פון דעם אַלעם גייסטיס. האָט מען פאַרהייליקט אין אייגענעם לעבן איטלעכע קליינקייט פון דער טראַדיציע, האָט מען דאָס אַלץ נאָרמירט און פעסטגעשטעלט; האָט מען זיך פאַרבאָטן אַלץ וואָס האָט עפּעס ענלעכס ביי זיי, ביי די „עכום“ (עובדי כוכבים ומזלות), זייערע פאַרווײַלונגען מיט זייער בלוטיקייט און אויסגעלאַסנקייט — די צירקוסן און טעאַטרן, זייער וויין און זייער ברויט. פון דעם אַלעם האָבן זיך די אויסגעהאַלטענע „חברים“ דער־ווייטערט ווי פון טמא זאַכן. דעמאָלט האָבן זיך דייטלעך אָנגעמערקט די צוויי וועגן פון מענטשלעכער קולטור — רוים און ירושלים, אדום־עשו און יעקב־ישראל; צוויי וועגן, צוויי ריכטונגען וואָס וועלן זיך שווין

אייביק נישט קענען צונויפגיין. אדום איז שטאַרק און זיין מאַכט איז אָן א גרעניץ און אָן א צאָם. און יעקב איז קליין און שוואַך, אָבער פאַרעקשנט און שטאַרק אין זיין אויסגעהאַלטנקייט. יעקב וועט נישט באַזיגן עשון, אָבער ער וועט זיין נשמה איינהיטן, זיין ריינקייט און זיין יידישקייט אָפּהיטן אין דעם סאַמע קאַלכאַויוון וואָס רוים־אדום האָט אָנגעצונדן איבער דער גאָרער וועלט. דאַמאָלט איז דאָס אַזוי ליב געוואָרן דער גלית־דוד מאָטיוו, דער ורבים ביד מעטים, — און עס האָט זיך געגומען שאַפן א גאַנצע ליטעראַטור פון לעגענדעס, האָפענונגען און גלויבונגען וועגן דעם ענדגילטיקן נצחון פון יעקבן איבער דער רויער מאַכט פון עשון. דאָס איז די אגדה וואָס איז שפּעטער צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין תלמוד. אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט ביסלעכווייז די ריכטונג פון אויסגעהאַלטענער יידישקייט וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען פרושים. זיי האָבן זיך פאַרטיפט אין זיך, אַרומגעבויט אַרום דעם איינגענעם לעבן א צאָם פון זיטן און פירונגען, א צאָם אַרום א צאָם. נישט נאָר די תורה וואָס עזרא האָט גענומען פאַרשפּרייטן אין פאָלק איז הייליק און מען מוז זי אַריינפירן אין איינענעם טאָג־טעגלעכן לעבן, נייערט אַלץ וואָס עס איז איינגעבירגערט געוואָרן אין פאָלק, איטלעכער מינהג און געוויינהייט, איטלעכער אויסשפּרוך און ווערטל. אָט אַזוי איז דער גאַנג פון יידישקייט אין דער וועלט פון אדום, דאָס איז די הלכה. איטלעכער פיר ביי יידן וואָס העלפט אָפּצושיידן זיי פון אדומס וועלט — אַלץ איז תורה און הייליק, און אויב אפילו עס איז נישט פאַרשריבן אין דער תורה, דאַרף מען געפינען א סמך, א רמז, א ווונק אין דער תורה, א דרש, אַן אַרויסדרינגעניש פון א זאַך, פון א וואָרט, פון אַן אות אין דער תורה, און אַז עס פעלט נאָך אַלץ א באַגרינדונג פאַר דעם מנהג אָדער שטריך, מאַכט אויך נישט אויס: איז עס דעמאָלט א „הלכה למשה מסיני" — עס איז אַזוי אָנגענומען ביי דורות יידן און מען פרעגט עס נישט אָפּ, מעג עס אפילו זיין „א באַרג וואָס האַלט זיך אויף א האָר".

יידן זענען שוין דעמאָלט געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט: אין בבל, אין דער העלעניסטישער אַלעקסאַנדריע, אפילו אין רוים גופא, און ווער ווייסט ווי ווייטער אין מערב און אין צפון,

אין אייראָפּע, אין מערב און אין דרום, אין אפריקע. וואָס קען זיי צו־זאמענהאַלטן, צונויפבינדן? די מלוכה? די אייגענע הערשער זענען שוין קיין אייגענע נישט געווען, די מלוכה איז שוין געווען א קליין ניסל אונטערן „האמער פון גאַר דער וועלט" (רוים). איז דאָס געוואָרן דער איינהייטלעכער פיר אין לעבן, דער שטייגער אין זיין אויסגעהאַלטענער אוניפאָרמע אומעטום ווו יידן האָבן געלעבט. דער איינהייטלעכער שטייגער, דאָס וואָס אַלע יידן איבער אַלע זייערע צעשפּרייטונגען האָבן זיך געפירט אויף דעם זעלביקן אופן אין זייער קליידונג, אין זייער עסן, אין זייער דינען גאָט און פּראַווען זייערע יום טובים, — אָט דאָס אַלץ איז געוואָרן דער רייף וואָס האָט ארומגענומען אַלע יידן איבער דער גאָרער וועלט. דאָס נאָרמירן, פעסטשטעלן און דעקרעטירן די נאָרמען פון לעבן דאָס איז געלעגן אין די הענט פון די אויטאָריטעטן אין די געזעצן, די תלמידי חכמים פון צווישן די פּרושים. אזוי האָט זיך גע־שאַפן אין לעבן די תורה שבעל פּה, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט גע־וואָרן אונטערן נאָמען פון תלמוד. דאָס איז געווען דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענבונד פון אַלע יידן און דאָס איז געוואָרן זייער רעליגיע. דער נאַציאָנאַלער אינהאַלט, דער קיום פון פאָלק — דאָס איז דער גלויבן פון פאָלק. יידן איבער דער וועלט זענען צוזאַמען דאָס יידנטום. דער אינהאַלט פון יידנטום איז זיין יידישקייט. יידישקייט איז דאָס אַלץ, וואָס שיידט אָפּ און וואָס עס צייכנט אוים די יידן אין זייער לעבן פון אַלע אַנדערע פעלקער אויף דער וועלט. קיין אַנדער רעליגיע, קיין איבערנאַציאָנאַלע און אנאַציאָנאַלע קאָנצעפּציע וועגן א גאָט, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו יידישקייט — אזא רעליגיע האָבן די יידן נישט פאַרמאָגט. איז דאָס טאַקע אויסגעקומען אויסטערליש פאַר די פרעמדע: זיי האָבן עס געזען צום ערשטן מאָל, אז א פאָלק זאָל לעבן אָן אייגנאַרטיק און פאַרזיכיק אויסגעהאַלטן לעבן, און מען זעט נישט ביי אים קיין „אמתע", ממשותדיקע געטער, נישט קיין סימבאָלן, נישט קיין ספּעציעלע גאָט־קולטן. האָבן זיי טאַקע געהאַלטן אז יידן זענען א פאָלק אָן א גאָט. „למה יאמרו הגויים, איה אלוהיהם?". ניי זוך ביי יידן א גאָט, אז ער איז אזוי אבסטראַקט, און זיי, די גויים זענען אזוינע מאַטעריאַליסטן און קענען באַנעמען נאָר דאָס וואָס זייערע קערפּער־

לעכע חושים באַנעמען. אויך דאָ איז עס געלעגן דער טיפער תהום צווישן יעקבן און אדומען, צווישן רוים און ירושלים.

א ספּעציעלע ראָלע האָט אויך דאָ געשפּילט די שפּראַך פון די יידן. עס איז געווען נישט העברעאיש. ווען און ווי אזוי די יידן האָבן אויפגעהערט צו רעדן זייער אייגענע שפּראַך — העברעאיש איז קענטיק א לאַנגע געשיכטע. נאָך אין בבל האָבן די יידן גערעדט אראַמיש, און צוויי ספרים אין תנ״ך (דניאל און עזרא) זענען כמעט אין גאַנצן געשריבן אין אראַמיש. נחמיה באַקלאָגט זיך אז א העלפט פון די קינדער רעדן „אשדודית" און זיי פאַרשטייען נישט צו רעדן יידיש (יהודית). עס איז נישט קלאָר וואָסערע שפּראַכן ער האָט דאָ געמיינט. אשדוד איז דאָך געווען דאָס אלטע פּלישתים־שטעטל אין דרום יהודה. אין די צייטן פון נחמיה זענען שוין די פּלישתים נישט געווען און קיין זכר פון זיי איז נישט געווען. איז עס נישט אָנצונעמען אז די יידן זאָלן האָבן גערעדט מיט זייערע קינדער אן אלטע פאַרגעסענע שפּראַך. גיכער האָט מיט דעם נאָמען נחמיה אָנגערופן סאטיריש די לשונות פון די ארומיקע פעלקער, וואָס האָבן באַוווינט יענע געגנטן. אויך איז נישט קלאָר צי מיטן וואָרט „יהודית" מיינט נחמיה העברעאיש אָדער עס קען גרייגלעך זיין אז ער מיינט דערמיט דעם לשון פון די יידן וואָס איז אין יענער צייט גענוצט געוואָרן פון די יידן. געוויס איז אין איבערנעמען א שפּראַך פון א צווייטן פאָלק פאַראַן דער דראַנג צו אסימילאַציע. אָבער אויך דאָ קענען זיין צוויי פאַרשידענע פאַלן. לאָמיר עס בעסער קלאָר מאַכן מיט א משל. — ווען פרומע און אויסגעהאַלטענע יידן קלייבן זיך צונויף ביי זייער רבין און זיי זינגען דאָרטן קאָזאַקישע לידער און וואַלאַכישע ניגונים מיטן געפיל און פאַרלאַנג אויסצוזינגען דורך דעם זייער יידישן געמיט, זענען זיי „מגייר", זיי אדאָפּטירן די פרעמדע עלעמענטן און פאַריידישן זיי. דאָס זעלביקע לאָזט זיך זאָגן וועגן די האלב יידישע און האלב אוקראַינישע געזאַנגען פון יידן, פאַרוואָרפענע ווייט אין אוקראַינישע דערפער, ווי אויך למשל געזאַנגען און האלב רוסישע זאָגעכצן פון די קאַנטאָניסטן. אויך דאָ איז פאַראַן אסימילאַציע, אָבער צום סוף באַקומט זיך א פאַרקערטע ריכטונג: מען אסימילירט פרעמדן שטאָף אין אייגנס. גאָר אנדערש איז ווען מען נעמט

איבער עלעמענטן און פאָרמען כדי זיך אויסצוגלייכן מיט דעם הער־שער פאָלק... ווען יידן קלייבן זיך צונויף צו פראַווען א ניי יאָר פאַרטיע למשל, מעגן זיי דאָרטן זינגען אפילו קאַפּיטלעך תהלים — איז דאָס פאָרט דירעקטע אסימילאַציע: מען אסימילירט זיך אין יענעם. די יידן האָבן ביסלעכווייז אריינגענומען אין זייער לעבן די אראַמישע שפּראַך. און ווען זיי האָבן געלעבט אין דער ספערע פון דער גריכיש־רוימישער קולטור, האָט דווקא די אראַמישע שפּראַך געדינט ווי די יידישע שפּראַך וואָס דורך איר האָבן זיך די יידן אָפּגעטיילט פון די נישט־יידן פון ארום. במילא איז זי געוואָרן א יידישער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר, א טייל פון יידישקייט. אין אלעקסאַנדריע פון מצרים האָבן די יידן גערעדט גריכיש צוזאַמען מיט דער העלעניסטישער גרונט־באַפעלקערונג, איז דאָ די פרעמדע שפּראַך געוואָרן ווי א בריק פאַר דעם אסימילאַציע־פּראָצעס. אין ארץ ישראל און אין בבל ווו די יידן האָבן גערעדט אויך אן איבער־גענומענע שפּראַך (ריכטיקער — אן אדאָפּטירטע) און די שפּראַך האָט זיי אָפּגעטיילט פון דער גרונט־באַפעלקערונג, דאָרטן האָט די אדאָפּ־טירטע פרעמדע שפּראַך געשפּילט א נאַציאָנאַליזירנדיקע ראָלע. די אויסגעהאַלטענע יידן האָבן זיך גאָרנישט געפריינט מיט דער איבערזע־צונג פון דער תורה אין גריכיש. זיי האָבן אָבער פארהייליקט די אראַ־מישע איבערזעצונג כמעט ווי דעם העבּרעאישן טעקסט. איז אראַמיש ביז צו היינטיקן טאָג געבליבן ביי יידן ווי אן אוצר, ווי א היטערין פון גוואַלטיק רייכע אוצרות פון יידישן גייסט. דער גאַנצער תלמוד און א סך תפילות און ספרים זענען גאַנגבאַר ביי יידן ביז היינטיקן טאָג אין דער שפּראַך.

פון דאַנען קענען מיר אויספירן א געשיכטלעכן געזעץ. לאָמיר אים פרובירן פאָרמולירן: אַלע מאָל ווען יידן רעדן א שפּראַך פון א צווייטן פאָלק כדי צו זיין ענלעך צו אים איז עס אסימילאַציע און עס פירט צום אומקום פון יענעם יידישן קיבוץ. אָבער ווען יידן אדאָפּטירן א פרעמדע שפּראַך און זיי נוצן זי כדי זיך אונטערצושיידן פון דעם הויפּט־פאָלק איז לאַנד, איז עס אסימילאַציע אין דער פאַרקערטער ריכטונג: מען אסימילירט פרעמדס אין אייגענעם און די שפּראַך ווערט א יידיש־נאַ־ציאָנאַלער פאַקטאָר.

אזוינע אייגענע שפּראַכן האָבן די יידן געהאַט אין זייער געשיכטע עטלעכע. דאָס איז אין דער ערשטער ריי, פאַרשטייט זיך, העברעאיש, דאַן קומט אַראַמיש אין בבל און אין העלעניסטיש־רוימישער קולטור סביבה. אזוי אויך יידיש אין פּוילן און רוסלאַנד און טיילווייז דער שפּאַנישער לאַדינאָ ביי די יידן אין טערקיי און אַנדערשוואו. און באמת האָבן אַלע אַנדערע יידישע שבטים וואָס האָבן גערעדט די שפּראַך פון דעם הערשנדיקן פאָלק, אַלע אָט די שבטים זענען אזוי אָדער אַנדערש אונטערגעגאַנגען. דערמיט שעפּט זיך אויס דער גאַנצער היסטאָרישער צוגאַנג צו דעם שפּראַכן פּראָבלעם אין אַלע דורות און צייטן. אַראַמיש ביי יידן האָט אויפגעהאַלטן אַ סך יידישקייט און במילא אויך העברע־איש. די אויסגעהאַלטענע יידן, די פּרושים האָבן זיך געהאַלטן אָן אַראַ־מיש נישט צוליב וואָסערע עס זאָלן נישט זיין באַזונדערע סימפּאַטיעס צו דעם לשון אָדער ווייל זיי האָבן געהאַט אַן אַנטיפּאַטיע צו העברע־איש. חס ושלום! דאָס האָט געשטאַמט פון זייער פאַרהייליקן דעם פאָלקס טראַדיציע. מען מעג זיין זיכער, אַז די פּרושים האָבן חלילה נישט געוואָלט מבזה זיין לשון קודש, נאָר קוים איז דאָס פאָלק געוווינט צו נוצן די אַראַמישע שפּראַך און עס האָט אין דעם אריינגעלייגט זיין האַרץ און נשמה, איז במילא די שפּראַך שוין אויך הייליק מיט דער הייליקייט פון פאָלק. דאָס האָבן די פּרושים געמאַכט אַ קולט און פאַר־הייליקט אַל דאָס פאָלקסטימלעכע ביי יידן, אַל דאָס וואָס עס טיילט זיי אויס פון צווישן די אַרומיקע פעלקער און שבטים. די פּרושים זע־נען געווען די „פאָלקיסטן" פון פאַרצייטן. מער נישט וואָס זיי האָבן עס פאַרשטאַנען נישט נאָר אין פּאָליטישן זינען נייערט איבערהויפּט אין שטייגערישן זינען. אָט די פאָלקסטימלעכקייט פאַרמולירט אין גע־זעצן און אין נאָרמעס איז געוואָרן די יידישקייט פון פאָלק, דער אינ־האַלט וואָס האָט געמאַכט פון יידן אַ יידיש פאָלק.

די פּרושים האָבן געהאַט קעגן זיך שטאַרקע קעגנערס. מיר וועלן נישט רעדן וועגן פאַרשידענע סעקטעס ביי יידן. מיר וועלן נאָר נעמען די הויפּט קעגנערס. דאָס זענען געווען גרופּעס וואָס האָבן גאָרנישט געהאַלטן פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט. פאַרקערט, איז זי ביי זיי אין די אויגן געווען גאָר מינדערווערטיק. סוביעקטיוו האָבן זיי געוואָלט

זיין יידן, און אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי געליטן פון א געפיל זיך צו דערווייטערן פון יידישקייט. האָבן זיי געפונען אן אויסוועג: יאָ יידישקייט, זיכער! אָבער נאָר דאָס וואָס עס איז שוין מער נישט פאָלקסטימלעך, וואָס עס איז שוין נישטאָ אין לעבן פון יידן. דעריבער האָבן זיי אָנגענומען די תורה שבכתב פאר זייער הייליקייט — דאָס און נישט מער. מען קען זייער גוט האלטן פון דער תורה שבכתב און זיך דערווייטערן פון די „פשוטע" פאָלקס שיכטן און פון זייערע פאָרמען אין לעבן. די תורה שבכתב שטערט נישט אין לעבן אָנצונעמען פאָר־מען פרעמדע, איבערגענומענע פון „קולטורעלע" פעלקער. דאָס זענען געווען די צדוקים. צו זיי האָבן געהערט די אריסטאָקראטן פון פאָלק, די וואָס זענען תמיד און אלע מאָל די מער אסימילאציע־גיריקע עלעמענטן. דאָס איז אויך געווען אן אסימילאציע־כוואליע, אָבער נישט קיין אָפּע־נע ווי די העלעניזאציע איז דאָס געווען פאר די חשמונאים. די איז גע־ווען פארדעקט מיט א מאנטל פון א נאציאָנאלער פראזעאָלאָגיע. מען האָט זיך אָנגענומען דעם כבוד פון דער יידישער גרויסער תורה וואָס מען „פארשוועכט" מיט די רייד פון נייע אויטאָריטעטן און וואָס זענען גאָרנישט געגעבן פון סיני. כדי צו דערנידערן דאָס פאָלקסטימלעכע אין יידישקייט האָט מען געהאלטן אין איין שרייען וועגן דער גרויסקייט פון דער תורה שבכתב וואָס איז נישט מער פאָלקסטימלעך.

און דער קאמף איז געווען א הארטער, א דורותדיקער, אן אייבי־קער קאמף וואָס האָט נישט אויפגעהערט אויך היינט: איז יידישקייט א פיקסירטע און איין מאָל פאר אלע מאָל פארענדיקטע און פאָרמולירטע גאנצקייט, אָדער זי האלט אין איין וואקסן און אנטוויקלען זיך ווייטער און ווייטער אָן אויפהער. עס איז די פראגע וועגן די כסדרדיקע נייע פאָלקסטימלעכע אָנוווקסן, צי זענען זיי פאָלק אָדער נישט. די פראגע איז היינט אקטועל נישט ווייניקער ווי דעמאָלט: עס איז קלאָר און עס מוז זיין דער אָנגענומענער אמת אז אלץ וואָס א פאָלק שאפט נייעס אין זיין קולטור מוז דורכגיין די מדרגה פון פאָלקסטימלעכקייט. ווי ביי א יחיד וואָס שאפט אָרגאניש מוז אלץ זיך אָנהייבן פון דעם אומ־באוווסטזיניקן און נאָכדעם ווערט עס באוווסטזיניק, — אזוי אויך ביי א כלל איז נישטאָ קיין שאפונג וואָס איז פריער נישט געווען אין לעבן

פון פאָלק „שלא מדעת”, אומבאוווסט. און דאָס איז דאָס פאָלקסטימ־לעכע. ווער עס לייקנט אין דעם פאָלקסטימלעכן פון זיין פאָלק, דער לייקנט אין דעם פאָלק, אין זיין מהות, אין אלע שעפערישע כוחות פון פאָלק. נישטאָ קיין לעבעדיק פאָלק אָן פאָלקסטימלעכקייט. און גערעכט זענען געווען די פרושים אין זייער צייט וואָס זיי האָבן זייערע קעגנער די צדוקים נישט געוואָלט רעכענען פאַר קיין יידן, און געשטעלט די פראגע צי מען מעג חתונה האָבן מיט זייערע טעכטער. און עס איז אזוי: אין משך פון דער צייט האָבן די צדוקים זיך אסימילירט אין גאנצן און עס איז פון זיי קיין זכר נישט געבליבן. נאָך א שיכט, נאָך א צווייג איז אָפּגעפאלן פון יידישן בוים, ווי פריער די מתייוונים (העל־לעניסטן), די שומרונים און נאָך און נאָך; און ווי שפּעטער איז דאָס פאָרגעקומען מיט אלע אנדערע ריכטונגען וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם כסדרדיקן שטראָם פון פאָלקסטימלעכן שאפן, מעגן זיי האָבן דאָס געטאָן אין נאָמען פון אלערליי פארהייליקטע לאָזונגען און טעאָריעס. ווענן די אנדערע פארטייען וואָס זענען מערער געווען סעקטעס, גרופּעס רעליגיעזע נזירים ווען מיר דאָ נישט רעדן.

די צוויי פּארטיין זענען היסטאָרישע. עס איז נישט קיין איינמאָליקע דערשיינונג אין דער יידישער געשיכטע. פּונקט ווי מיט חנוכה אזוי אויך מיט דער דערשיינונג איז דאָס א קרייז וואָס חזרט זיך בסדר אי־בער. איין פּראָבלעם וואָס נעמט אָן אלע מאָל אָן אנדער געשטאלט און אָן אנדער אויסזען, אָבער עס איז דאָס זעלביקע. די גאנצע יידישע גע־שיכטע איז א „גילגול פון א ניגון”, א איבערחזרונג פון דעם קאמף פּאַר און קעגן אסימילאציע.

דריי יידישקייטן, דריי צענטערן און דריי גורלות

אין דער צווייטער העלפט פון צווייטן בית המקדש האָבן זיך אויס־געבילדעט דריי באזונדערע יידישע צענטערן מיט זייער א פארשידענעם כאראקטער. עס איז געווען דער ישוב אין ארץ ישראל, אין אלעקסאנדר־ריע פון מצרים און אין בבל. איטלעכער פון זיי האָט זיך טיף אונטער־געשיידט פון צווייטן. דער רייכער און קולטורעלער יידישער ישוב אין אלעקסאנדריע דערמאָנט אין א סך הינזיכטן אָן די היינטיקע יידי־

שע ישובים אין אמעריקע. דאָס איז געווען דער רייכסטער יידישער קיבוץ אין אלטערטום און, מן הסתם, אויך דער קולטורעלסטער. דער ישוב פלעגט שטיצן ארץ ישראל, אין דעם ישוב זענען געווען געלערנ־טע פילאָזאָפן־יידן, וועלט בארימטע (פילאָן). און אָט דער ישוב איז אונטערגעגאנגען אָן א שפור. אלע יידישע ישובים פון אמאָל זענען אונטערגעגאנגען. קיין מאָל איז נאָך א יידישער ישוב נישט געווען אייביק. עס איז אָבער אן אונטערשייד צווישן אונטערגאנג און אונ־טערגאנג: פאראן ישובים וואָס זענען אונטערגעגאנגען צוזאמען מיטן יידנטום זייערן, געשטאָרבן אָן יורשים. זייער יידישקייט איז אין ערגעץ נישט איבערגעגאנגען. און פאראן אנדערע ישובים, וואָס ווען זיי זע־נען אונטערגעגאנגען, איז זייער יידישקייט איבערגעטראָגן געוואָרן אין אן אנדער לאנד, אין אן אנדער קיבוץ. מיטן לשון פון דער יידישער טראדיציאָנעלער סימבאָליק וואָלט מען דאָ געקענט זאָגן „די שכינה" פון פאָלק האָט איבערגעוואנדערט, זיך אריבערגעטראָגן. דער ישוב איז אונטערגעגאנגען, אָבער נישט זיין יידישקייט. אין די ישובים פון דעם ערשטן מין איז די יידישקייט אָפּגעשטאָרבן, אין די ישובים פון דעם צווייטן מין איז די יידישקייט געבליבן, זי האָט נאָר געמוזט זיך איבערטראָגן, געפינען פאר זיך אנדערע ערטער. די ישובים פון דעם ערשטן מין זענען געגליכן צו א בוים וואָס האָט שוין לאנג אויפגע־הערט צו וואקסן און צו געבן פרוכט מיט זאָמען. ער שטייט און דאַרט אויף זיין וואָרצל, ביז ער ווערט אויסגעפּוילוועט פון אינעווייניק אָדער א ווינט ווארפט אים איין. און פאראן ביימער וואָס ווען א האַק מיט א זעג שניידן זיי אונטער, וואקסן פון די וואָרצלען אָפּ נייע יונגע ביימער, זייערע זאמען צעטראָגן זיך און צעוואקסן זיך ווער ווייסט אין וואָסע־רע נייע פלעצער. קיין אייביקע ישובים זענען נישט געווען ביי יידן און זיי וועלן מן הסתם אויך ווייטער נישט זיין — נישטאָ קיין אייבי־קייט אויף דער וועלט. עס איז אָבער פאראן המשכדיקייט און טראנס־פערירונג, איבערוואנדערונג און איבערוואנדלונג. אין תלמוד זענען פאראן פאר די ביידע פראָצעסן פיינע אויסדרוקן: א) פושט צורה ולובש צורה — איבערוואנדלונג, ב) משקעה שמשה של ארץ ישראל זרחה שמשה של בבל — איבערוואנדערונג. אין דעם באשטייט די יידישע

אייביקייט דורך דורות און איבער לענדער, איבער צייטן און איבער קולטורן. ווייט אָבער נישט אַלע יידישע ישובים וואָס זענען געווען האָ־בען זוכה געווען צו אָט דער המשכדיקייט. א סך פון זיי זענען נישט נאָר אונטערגעגאנגען נאָר אָפּגעמעקט געוואָרן, אויסגעמעקט געוואָרן פון דער יידישער געשיכטע, און נישטאָ פון זיי אין יידישן לעבן קיין שפור. דאָס זענען אָפּגעמעקטע ישובים. יהודה איז אונטערגעגאנגען, שומרון איז אָפּגעמעקט געוואָרן. און דערביי דאַרף מען זאָגן: די אונ־טערגעגאנגענע ישובים זענען אַלע מאָל אונטערגעגאנגען צוליב א פּי־זישן דרוק פון דרויסן. אָפּגעמעקט קענען יידישע ישובים ווערן אינגאנ־צען אָן א דרוק, אָן א חורבן, פון זיך אליין — עס שטאַרבט אָפּ די יידישקייט פון ישוב, עס הערט אויף זיין ספּעציפישע אנדערשקייט, און ער הערט אויף צו זיין. איך וויל דאָ נישט ברענגען קיין דוגמאות פון אונדזער היינטיקער געשיכטע, באנוגן איך זיך מיט דער איין דוגמא פון ישראל און יהודה.

דער רייכער און שטאַרקער, און קולטורעלער יידישער קיבוץ אין אַלעקסאנדריע איז אָפּגעמעקט געוואָרן. נישטאָ פון אים אין דער יידי־שער געשיכטע קיין זאַך וואָס מען זאָל קענען זאָגן „אָט דאָס איז א ירושה, א רעשטל פון אלעקסאנדריער יידנטום. מיר וויסן פון די מקו־רים אז עס איז געווען א ישוב, אָבער אין לעבן פון די שפּעטערדיקע דורות פון דעם יידישן פאָלק איז גאָרנישט געבליבן — קיין שפור און קיין רעשט.

און פארוואָס? — נישט איין היסטאָריקער האָט געשטעלט די פרא־גע. שמחוני מיינט אז דאָס איז געשען ווייל זיי האָבן פארגעסן העברע־איש. אָבער עס איז נישט ריכטיק: אָט האָט מען דאָך אין בבל אויך נישט גענוצט מער קיין העברעאיש און ערשט פון דאָרטן שטאמט דאָך די גאנצע יידישקייט פון אַלע ווייטערדיקע דורות און קיבוצים.

ווען איך פּרווו צוזאמענשטעלן מערער פאקטן פון דעם מין, דאכט זיך מיר, אז:

— אַלע יידישע ישובים וואָס האָבן איבערגענומען די שפּראך און די קולטור פון הערשנדיקן פאָלק, אַלע זענען זיי אָפּגעמעקט געוואָרן, צי דורך א חורבן צי אָן א חורבן, פון זיך אליין. און פארקערט:

— אלע יידישע קיבוצים וואָס האָבן זיך אָפּגעשיידט פון דעם הערשנדיקן פאָלק מיט זייער שפּראַך — די זענען די טרעגער פון דער יידישער אייביקייט. איז עס געווען אין יהודה העברעאיש, אין בבל — אַראַמיש און אין מזרח אייראָפּע — יידיש.

די יידן אין אלעקסאנדריע האָבן געהאט זייערע קווארטאלן, זיי האָבן געלעבט קאָמפּאקט צוזאמען פונקט אזוי ווי דאָס איז געווען אין בבל. זיי זענען געווען נאציאָנאל באוווסטזיניק און האָבן געקעמפט קעגן אנטיסעמיטיזם ווי מיט ליטעראטור אזוי אויך מיטן פויסט ווען מען האָט געדאַרפט. זיי האָבן קענטיק רייך געשטיצט מיט געלט ארץ ישראל, — און דאָס אלץ האָט גאָר נישט געהאָלפן.

פילאָן איז טאקע א באַרימטער פילאָזאָף פון אלטערטום. ציווילי־זירטע יידן פון היינט אז זיי ווילן זיך באַרימען מיט גרויסע לייט פון אמאָל, רופן באַלד אָן דעם נאָמען פילאָן, אָבער אויף דעם יידישן לעבן פון דורות איז זיין השפעה געווען נישט אין פארגלייך קלענער ווי די השפעה פון א וואָסער עס איז קלענסטן אמורא, רב אָדער פוסק. פילאָן איז אפשר א כבוד פאר יידן, פאר די וואָס זוכן מיט וואָס און מיט וועמען זיך גרוים צו האַלטן. ער איז אָבער בשום אופן נישט קיין יידי־שער כבוד. פונקט אזוי איז דאָס אויך מיט היינטיקע גרויסע לייט וואָס זענען צופעליק געבאָרן געוואָרן ביי יידישע עלטערן, און יידן, איבערהויפּט אמעריקאנער, האַלטן זיי אין איין ארויסשטעלן אין די „פראָנט־פענצטער”: קוקט וואָס פאר געהויבענע סחורות מיר האָבן!...

נישט פילאָן און נישט צענדליקער אנדערע גרויסע מענטשן און נישט זייערע רייכע נדבות האָבן נישט געקאָנט אויפהאַלטן דעם קיום ן פאָלק, פון דעם קיבוץ, קוים נאָר איז דער שטוביקער קולטור־שטיינער און די שפּראַך געווען די זעלביקע וואָס פון דעם שכנישן הערשערישן פאָלק.

א משל, צו וואָס עס איז געגליכן, — צו א צווייג פון א בוים וואָס איז אָפּגעבראָכן. געווים קען מען דערקענען פון וואָס פאר א בוים דער צווייג איז — פון א בערעזע, צי פון א דעמב, צי פון א מירטע. אָבער ווי באַלד דער צווייג איז שוין אָפּגעבראָכן און נישט באהעפט צו דעם גאנצן בוים, וועט שוין פון אים קיין נייער צווייג מיט נייע בלעטער

מיט נייע בלומען און פרוכט נישט וואקסן מער. אזא אָפּגעבראָכענער צווייג בלייבט זיך שוין וואלגערן ביז ער — ווערט צעפוילט און צע־פּולווערט.

מיט דעם רייכן און קולטורעלן שבט יידן אין אלעקסאנדריע איז עס געשען ווי עס איז פריער געשען מיט שומרון און ווי עס איז שפּעטער געשען מיט א סך אנדערע יידישע שבטים.

גאָר אנדערש איז געווען דער גורל פון דעם שבט יידן אין בבל.

יידן אין בבל זענען געווען נאָך פון דעם גלות אָן, און כאָטש די אקטיווערע און אויסגעהאַלטענערע טיילן זענען אוועק מיט די שיבת ציון גרופּעס צוריק קיין ארץ ישראל זענען דאָך אין בבל געבליבן גע־נוג יידן אויפצוהאלטן א פעסטן יידישן לעבן. דער ישוב אין בבל האָט כסדר אונטערגעהאלטן א פארבינדונג מיט ארץ ישראל, און בבלער יידן האָבן געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער קולטור פון ארץ ישראל. אזוי אז די גמרא נעמט זיך דאָס רעכט צו זאָגן — אלע מאָל ווען יידן אין ארץ ישראל פארגעסן די תורה קומען יידן פון בבל און באנייען זי ווידער, אז „די בתי מדרשים פון בבל וועלן פארפעסטיקט ווערן אין ארץ ישראל". אין תלמוד זענען אויך פאראן ערטער וו עס ווייזט זיך ארויס די קאָנקורענץ צווישן די צוויי שבטים — ווער איז חשובער און וועמעס יידישקייט איז בעסער. בכל אופן האָט אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק און אין דער אייביקייט פון יידישקייט בבל נישט קיין קלענערן חלק ווי ארץ ישראל, אויב נישט קיין גרעסערן. די יידן האָבן אין בבל געהאט זייער שפּראך, נישט די שפּראך פון הערשנדיקן פאָלק. זיי האָבן גערעדט אַן אראמישן יידיש. אין דער שפּראך האָבן זיי אפילו געשאפן זייערע תפילות און דעם תלמוד שפּעטער.

אין א צייט שפּעטער ווען די יידן האָבן שוין אין אנדערע לענדער גערעדט אנדערע שפּראכן האָט מען נאָך אלץ צומאָל גענוצט אין שריפט אראמיש, און ביז היינט צו טאָג ווערט נאָך אראמיש געדאוונט, גע־זאָגט, געזונגען א סך, א סך הונדערטער יאָרן נאָך דעם ווי יידן האָבן אויפגעהערט צו נוצן די שפּראך אין רעדן. דאָס מיינט אז אין אונדזער לעבן זענען פאראן אָן א שיר עלעמענטן וואָס שטאמען פון יענער צייט און פון יענער יידישקייט.

קלאָר — נישט די שפּראַך איז די סיבה. דאָס אַראַמיש פאָלק, וואָס האָט געשאַפן די שפּראַך איז נישט געבליבן. געבליבן איז נאָר דער דיאַלעקט וואָס די יידן האָבן גענוצט פאַר זייער אָפּגעזונדערטער אַנדערשקייט, פאַר זייער ספּעציפישער יידישקייט. און פון דאַנען קען קומען דער אויספיר:

— כל זמן יידן לעבן זייער לעבן אַנדערש, כל זמן זיי פירן אַ באַזונדערן שטייגער, אָפּגעשיידט פון דעם הערשנדיקן פאָלק און זיי נוצן אַ שפּראַך (פון וואָסער אָפּשטאַם זי זאָל נישט זיין) וואָס שיידט זיי אָפּ פון דעם הויפּט פאָלק, — היטן זיי איין דעם קיום פון פאָלק און זיי לאָזן נאָך זיך אַ המשך.

דער יידישער קיבוץ אין בבל האָט געקענט איינהיטן זיין אייגנטימלעכן אָפּגעזונדערטן כאַראַקטער דערפאַר וואָס ער איז אויך פּאָליטיש, יורידיש געווען אַנערקענט ווי אַ באַזונדערער איינס. איטלעכער יחיד האָט קודם כל געמוזט געהערן צו דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פאָלק אין בבל. עס איז געווען דאָרטן וואָס מען האָט אין אונדזער צייט אָנגערופן מיטן נאָמען „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע" אונטער דער אָנפירונג פון דעם ריש גלותא. איטלעכער ייד האָט געמוזט געהערן צו אָט דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע און זיך אונטערוואַרפן איר דיסציפּלין. און אָט די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין אין פאָרמע פון דינים, הלכות און מנהגים, זי האָט אוניפיצירט דאָס פאָלק אין גלות, זי האָט איינגעהיט זיין נאַציאָנאַלע אַנדערשקייט, זיין אייגנטימלעכן כאַראַקטער. נישט אומזיסט האָבן אַלע יידן וואָס האָבן געשטרעבט וויסיק צי נישט וויסנדיק זיך אָפּצורייסן פון יידישן פאָלק צייט פון דער עמאַנציפּאַציע אָן אַלע זייערע קאַנאָנען אָנגעשטעלט קעגן דער יידישער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין. מען האָט געזוכט, געבעטן, תחנונימדיק געבעטלט „גלייכע רעכט" פאַר יידן. נישט פאַר דעם יידישן פאָלק האָט מען געבעטן, נאָר פאַר יחידים. און דער אָביעקטיווער פאַרבאָרגענער זינען פון די שטרעבונגען איז געווען — רעכט פאַר דעם יידישן יחיד צו אַנטלויפן פון דעם יידישן כלל! רעכט פאַר יעדן יידן צו ווערן אויס ייד. אויב נישט מיט איין מאָל (אויף דעם האָט נישט אַלע מאָל געקלעקט מוט) איז לכל הפּחות אין עטלעכע דורות. דער יידישער קיבוץ אין

בבל האָט געהאַט די מוסטערהאַפטע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פאָלק אין גלות: אָן פּאָליטישער מאַכט אָן טעריטאָריעלע גרעניצן, און דאָך פאַר זיך אויטאָנאָם. און דערפאַר איז דאָס דער קיבוץ געווען דער וואָס האָט פאַרפלאַנצט יידישקייט אומעטום. מיר אַלע היינט זענען די דירעקטע יורשים פון דער בבלישער יידישקייט. און דאָס זענען געווען די דריי פאַקטאָרן פון יידישער אייביקייט פון דעם קיבוץ:

א) אייגענער, טראַדיציאָנעלער און פאָלקסטימלעכער שטייגער אין לעבן, אַנדערש און אָפּגעשיידט פון דעם הויפּט פאָלק.

ב) באַזונדערע אייגענע שפּראַך וואָס איז מיטן שטייגער צונויפגעוואַקסן, וואָס איז אַנדערש און אָפּשיידנדיק פון דעם הויפּט פאָלק.

ג) סאָציאַל־קולטורעלע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע וואָס לאָזט נישט פריי די הפקר טענדענצן און די פונצענטרישע שטרעמונגען ביי יחידים.

אָט פאַרוואָס דער גורל פון אָט די צוויי גרויסע יידישע קיבוצים — פון אַלעקסאַנדריע און פון בבל איז עם אַזוי פאַרשיידן: פאַרזיכיקייט אין בבל און קולטור אימיטאַציע אין אַלעקסאַנדריע. איז די יידישקייט פון אַלעקסאַנדריע אָפּגעמעקט געוואָרן און אין בבל האָט זיך די יידישע אייביקייט אויסגעשמידט.

א מאָדנער מזל איז געווען פאַר יידן אין בבל. אין דעם קורצן ערשטן גלות האָט זיך דאָרטן אויסגעפורעמט די גאולה און די יידישקייט, וואָס איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אין ארץ ישראל. און שפּעטער, ווען ארץ ישראל איז ווידער אויסגעגאַנגען אין בלוט און אין חורבן איז שוין דאָ, אין בבל געווען אויסגעפורעמט א שטאַרקע און אַן אייביקע יידישקייט. דערפאַר איז מעגלעך געווען אַז אין דער אַרמיי פון רוים וואָס האָט חרוב געמאַכט ירושלים, איז געווען אויך א „יידישער" גענעראַל, איינער וואָס האָט געשטאַמט פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע אין אַלעקסאַנדריע. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען שוין געווען מער רוימער איידער יידן. און צי איז דאָס נאָר דעמאָלט געווען די דערשיינונג? וויפל פון די קעמפערישע אַנטיסעמיטן, די פאַרביסנסטע שונאי ישראל אין פוילן זענען געווען קינדער און אייניקלעך פון יידן? צי זענען די אייניקלעך פון דעם באַרימטן יידישן שתדלן שעריף בער נישט

קיין אקטיווע באקעמפער פון יידן? צי האָט נישט דער אייניקל פון דעם ערשטן משומד אין רוסלאנד, גריגאָרי פּרץ, דער אוראייניקל פון דעם בארימטן יידישן שקלאָווער שר יהושוע ציטלין, געשאפן דעם ערשטן פּראָיעקט ארויסצוטרייבן יידן פון רוסלאנד?... וויפל פאַקטן אזוינע וואָלטן היסטאָריקער געקענט אָנציילן אין אלע דורות. אלע מאָל אין דער יידישער געשיכטע איז ריכטיק דער געזעץ:

קולטור־אסימילאציע מוז ברענגען צו דעמאָראליזאציע. דעמאָראַ־ליזאציע פירט צו אויסוואָרצלונג און אומקום קולטורעל און שפעטער אויך פיזיש.

און איצט וועגן דעם דריטן צענטער — אין ארץ ישראל. דער שעפערישער און פארזיכיקער פעריאָד אין גלות בבל האָט זיך געהאלטן א סך לענגער ווי די זעלבסשטענדיקייט פון יידישן ארץ ישראל. אין דער תקופה ביז די חשמונאים, ווען ארץ ישראל האָט נישט געהאט קיין פּאָליטישע פארזיכיקייט, איז געווען גוט: — יידישקייט איז אלץ גע־גאנגען בארג ארויף ווי מיר האָבן דאָס געזען אין א פריערדיקן קאפּיטל. נאָך די חשמונאימישע נצחונות זענען אָנגעקומען עטלעכע צרות מיט איין מאָל:

א) דער אומגליקלעכער ברודער־קאמף פאר דער מאכט.

ב) דער רוימישער וואָלף, וואָס מוז נישט אנדערש איינשלינגען אלע שוואכע שאָף און

ג) דער דראנג ביי יידן גופא צו אימיטירן דעם שטארקן באלעבאָס. ביידע ריכטונגען — די אלעקסאנדרישע אזוי אויך די בבלישע האָבן געלעבט אין דעם ארץ ישראלדיקן יידנטום. די פּרושים האָבן נישט געמאכט קיין אונטערשייד צווישן יידישקייט אין ארץ ישראל און אין בבל. פאראן זיכער מצוות התלויות בארץ, אָבער דער קולטור פארקער צווישן די צוויי יידישע קיבוצים איז געווען א פּערמאנענטער. נישט נאָר מענטשן בייטן זיך מיט פלעצער פון זייער ארבעט, נייערט די יידישקייט פון בבל דארף איינגעפלאנצט ווערן אין ארץ ישראל און פארקערט. יידישקייט איז איינע, און יידן מוזן זיין די זעלביקע אומע־טום ווו זיי זאָלן נישט זיין, אין ארץ ישראל צי אין גלות — אומעטום. איין פאָלק און איין יידישקייט אומעטום. אומעטום ווו יידן זענען אויס־

געהאַלטן — איז א „קליין ירושלים" — א „ירושלים דבבל", „ירושלים דליטא אאז"וו. דאָס איז דער זינען פון דעם תלמודישן זאָץ „עתידה ארץ ישראל, שתתפשט בכל הארצות". פון דער צווייטער זייט האָט די יידישע אריסטאָקראַטיע ווי מיט צוואַנגען געצויגן צו דער רוימישער אסימי־לאציע, ממש ווי אין אלעקסאנדריע, ווי אין פאריז, בערלין און אַנ־דערשווו אין די צייטן פון עמאַנציפּאַציע, ווי אין רוסלאַנד אין דער צייט פון דער קאָמוניסטישער עמאַנציפּאַציע, ווי אין אמעריקע און אומעטום. די פּאָליטישע פּאַרזיכיקייט פון דער יידישער מלוכה האָט דעם „אלעקסאנדרישן" אסימילאציע שטראָם נישט אָפּגעהאַלטן. און דעריבער איז דאָס מיגלעך געווען, אַז דער כלומרשט יידישער קיניג זאָל האָבן זיין מיליטער אין דעם לאַגער פון דעם שונא פון זיין פאָלק. דע־ריבער איז מיגלעך אַז דעם קייסערס שוועסטער זאָל זיין די געליבטע פון טיטוסן, וואָס האָלט אין חרוב מאַכן דאָס לאַנד פון איר פאָלק מיטן פאָלק צוזאַמען. דאָס פאָלק אין ירושלים מאַכט די לעצטע אנשטרענגונגען, קעמפט אויף לעבן און טויט. די פרושים וואָס האָבן זיך שוין מייאש געווען פון דער מלוכה זוכן אַנדערע וועגן צו פאַרהיטן דאָס פאָלק פון אומקום: יבנה איז דאָך אויסגעוואַקסן נישט אין איין דור. און אין דער זעלביקער צייט איז דער קיניג פון די יידן אויף קעסט ביי רוים, זיין שוועסטער זוכט די ליבע פון איר פאָלקס גזלן און דער אריסטאָקראַט יוסף הכוהן זיצט אויף קעסט ביי אים, נעמט איבער זיין נאָמען (פלאַ־וויוס) און שרייבט פאַר אים געשיכטע — און זיי זענען נישט געווען די איינציקע. ביידע שטראָמען: בבל און אלעקסאנדריע זענען געווען אין ירושלים. דער אייביקייט געהערט נאָר דער בבל־שטראָם. די מלוכה האָט גאָרנישט צוגעגעבן פאַרן קיום פון יידישן פאָלק. און אויב נישט נאָך ווייניקער ווי גאָרנישט. יבנה איז געווען דאָס בבלישע וואָס איז נעבראַכט געוואָרן קיין ארץ ישראל.

אסימילאַציע-כוואַלעס ביי יידן אין אַלטערטום

גאַנץ אָפט קומט אויס צו הערן פון אַלערליי זייטן א שטאַרק פייערלעכן טאָן וועגן דער יידישער אייביקייט. — „אָ, מיר יידן זענען דאָס איינמאָל א פאָלק, פון אייביק ביז אייביק". מיט איין פוס שטייען מיר הינטער די מצרישע פיראַמידעס און מיט דער צווייטער — אין דער תקופה פון ראַדיאָ און עראָפּלאַנען, און מיר שמידן מיט אַלע יונגע פעלקער צוגלייך דעם מאָרגן פון דער קינפטיקער מענטשהייט. ...דער אייביקער ייד, וואָס האָט פון זיין קליין־פּיצינקן כנען אַרויס א וועלט תורה געלערנט, איבער גאָרער וועלט און וועלטן זיך צעשפּרייט, אומעטום מיטגעלעבט, אַלעמאָל מיטגעשטרעבט.

...אונטער אַלע הימלען,
אונטער אַלע קעלער־שימלען
אויסגעשטאַנען
און דערברויזט ביז דאַנען.

(ד. האָפּשטיין).

און אז מען נעמט אָט־אַזוי דעקלאַמירן וועגן דעם „אייביקן יידישן פאָלק", קען זיך באמת אויסדוכטן, אז אָט־דאָס יידיש פאָלק ווי אַזאַ ווי א גאַנצעס איז א מין גראַניט־מאָנאָליט, וואָס פון אַזאַ האַקט מען אייביקייט...

אָבער נעמט מען ביסלעכווייז צעוויקלען אָט־דעם באַגריף „אייביקייט פון יידישן פאָלק", צערינט זיין גאַנצקייט און זיין פעסטקייט כמעט

איינגאנצן. נישטאָ נאָך אזא פאָלק, דאכט זיך, וואָס זאָל אזוי גרינג זיך צעברעקלען, צעשמעלצן, צערונען ווערן, וואָס זאָל אזוי זיך כסדר אסי־מילירן, אזוי ווי יידן. שווער צו געפינען אזא אסימילאציע־געריקייט און אסימילאציע־פעאיקייט ווי ביי אונדז יידן. נישט אומזיסט האָט אמאָל דער הארציקער ייד אַנ—סקי אָנגעשריבן א דערציילונג, ווו בלויז א „גוישער קאָפּ" קען זיך נישט אפילו אונטערשמדן אביסל, ווען מען דאַרף. עס איז שווער צו געפינען אין דער יידישער געשיכטע ציטן, ווען יידן האָבן זיך נישט געהאלטן אין אסימילירן, אין אויסיידישן זיך.

— טאָ ווער איז דאָס אייביק פאָלק?

— געוויס יידן.

— און ווער האָט זיך כסדר אסימילירט?

— ווידער יידן.

— טאָ ווי קען עס זיין?

עס קען זיין, ווייל עס איז קיינמאָל נישט געווען און עס איז אויך איצט נישטאָ (און עס וועט מן־הסתם אויך נישט זיין ווייטער) קיין איין גאנץ יידיש פאָלק. אין אָט דעם פאָלק זענען תמיד פאראן אלערליי ריכ־טונגען — פאר גאָט און פאר אלע טייוואָלים, און סתם „יידיש פאָלק" איז בלויז א שיין וואָרט, אן אבסטראקציע, וואָס זאָגט כמעט גאָרנישט.

און די אייביקע אסימילאציע אין יידישן פאָלק איז געגאנגען כוואַ־ליעסווייז — דאָ שטארקער, דאָ שוואכער, דאָ אָפן מיט א געהייבענעם קאָפּ ווי צום טאנץ און דאָ פארבאהאלטן, פארשטיקט, אונטער אלער־ליי שילדן און לאָזונגען. אזוי ארום, אז די געשיכטע פון די יידישע אסימילאציעס האָט שוין אירע געזעצן, וואָס קענען אונדז דינען ווי קריטעריומס צו באגרייפן, צו פארשטיין די וועגן־שטעגן פון הײַנטיקן יידנטום.

און די געזעצן זענען בערך אזוינע:

א) אלע ליבעראלע תקופות אין דער געשיכטע ווערן באגלייט מיט יידישע אסימילאציע־באוועגונגען. דאָס זענען די שטייגנדיקע כוואליעס. זיי זענען אלעמאָל באפאָרבן אָפּטימיסטיש, מען איז האָפערדיק, שטאָלץ און, בעיקר, אָפן „מיר ברעכן דאָס אלטע, פארעלטערטע און מיר גייען אין דער גרויסער וועלט אריין"...

ב) ענדערט זיך די ליבעראלקייט פון דער תקופה, ווערט די אָפענע

אסימילאציע פארשווערט, דעמאָלט נעמט זי אָן א פּסיידאָ־נאציאָנאַלן פּרצוף און נעמט זיך „ראטעווען דאָס יידיש פאָלק". דאָס איז דער בארג אראָפּ פון דער אסימילאציע־כוואַליע.

ג) די שיכטן, וואָס מאכן מיט דעם בארג־ארויף זענען קלענערע אין צאָל און סאָציאַל מער באשטימט. דאָס איז די ספערן פון געלט־ווירטשאפט ביי יידן. די וואָס מאכן מיט די פארשטעלטע אסימילאציע מיט פּסיידאָ־נאציאָנאַלע אידעאָלאָגיעס זענען פיל ברייטער און נעמען ארום א סך אנדערע קרייזן, וואָס מיינען צו געפינען אַן „אויסלייזונג" פאַרן פּרט און פארן כלל.

ד) אָט־די אלע בלומרשט נאציאָנאַלע אידעאָלאָגיעס זענען גע־וועבט פון ליבע און שנאה צו יידן. זיי זענען רעפאָרמאטאָריש. זיי קומען ברעכן און צעשטערן כדי עפּעס צו בויען פון דאָס ניי. אלע קו־מען זיי מיט עפּעס א פעטיש, „אלה אלוהיך ישראל".

ה) די אָפענע אסימילאציע־כוואַליעס זענען בערך קורצע און גייען גיך אריבער. די פארשטעלטע זענען לענגער און במילא א סך שעדלע־כער.

ו) אלע אסימילאציע־באַוועגונגען, איבערהויפּט די סוביעקטיוו־נאַ־ציאָנאַלע האָבן זיך געענדיקט אין דער געשיכטע מיט אונטערגאנג, אומקום. דאָס יידיש לעבן האָט נישט אויסגעהאלטן קיינמאָל די נאַ־ציאָנאַל־קולטורעלע רעפאָרמעס. די אלע טיילן זענען היינט אויסער די ראַמען פון יידישן פאָלק.

ז) בלויז קליינע שיכטן בערך, וואָס זענען סאָציאַל נישט געווען פאראינטערעסירט אין דער אסימילאציע, האָבן אויך קולטורעל נישט אָנגענומען די „נאציאָנאַל־אסימילאַטאָרישע" רעפאָרמעס און — פון זיי דאָס היינטיק יידיש פאָלק. קומט אויס, אז

ח) בלויז די פּראָגרעסיווע טראדיציע*) זי איז די אייביקייט פון יידישן פאָלק ביז היינט און זיכער אויך ווייטער.

---

*) טראדיציע — געזעלשאפטלעכע אינערץ, קאָנסערוואַטיווע טראדיציע — אינערץ פון רו, פּראָגרעסיווע טראדיציע — אינערץ פון באַוועגונג.

די ערשטע גרויסע כוואַליע פון אַסימילאַציע ביי יידן איז אויס־געקומען אין מלכות ישראל, בכן אין גאַנץ ארץ ישראל אויסער דעם אָרעמען און באַרגיקן יהודה. און אָנגעהויבן האָט זי זיך דווקא אין שלמהס צייטן. דאָס הייסט, אייגנטלעך איז די אַסימילאַציע אָנגעגאַנ־גען פון מאָמענט ווען יידן זענען אַריינגעדרונגען אין כנען. אין דעם ליגט דער זינען פון דעם כסדרדיקן „ויעשו הרע בעיני יי" ווי דער שפּעטערדיקער בראָניקער האָט עס אויפגענומען פון זיין ריין פּאַר־טייאישן (און קענגעריש) שטאַנדפּונקט. דאָ איז געלעגן דער זינען פון קאַמף צווישן דעם נאַציאָנאַלן יהוה־גאָט און די כנענישע בעלים. אָבער נאָך דודס מלחמות און שלמהס גרויסמלוכהשקייט איז דער קאַמף גע־וואָרן נאָך שאַרפער, נאָך בולטער. עס זענען אויפגעקומען אין לאַנד שרים, הארן און הערשער און אויך, פאַרשטייט זיך, א סך מער אָרעמע לייט, וואָס האָבן געמוזט די שרים אויסהאַלטן *). מיט דער אַנטוויק־לונג פון האַנדל, איבערהויפּט דעם אויסלענדישן (צור, מצרים, אופיר, שבא) איז שאַרפער געוואָרן דער קעגנזאַץ צווישן אָרעם און רייך. און דווקא דאָס רייכערע, מער אַנטוויקלטע מלכות ישראל איז מער נוטה צו אַסימילאַציע, איידער דאָס באַרגיקע, האַלב מדבּרדיקע יהודה מיט זיין פּרימיטיווער ווירטשאַפט. אין ארץ ישראל האָבן זיך געשאַפן גרעסערע לאַטיפונדיעס, לאַנדבאַזיצער, עס אַנטוויקלט זיך א לעבעדיקער פאַר־קער מיט אויסלאַנד, — און די „כנעניזאַציע" גייט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. ווער זענען די טרעגער פון דער אַסימילאַציע? — די מלכים, די שרים, זייערע כוהנים און נביאים, ד"ה דאָס באַאַמטנטום און די סתם רייכע „השוכבים על מטות שן" אאַז"וו. עס איז גענוג דורכצו־לייענען אויפמערקזאַם וועגן דער טעטיקייט פון די צוויי גרעסטע קעג־נער פון דער אַסימילאַציע אליהו הנביא און עמוס, כדי צו זען, אַז עס איז אין תוך אַריין דער אייביקער קאַמף פון אָרעם און רייך. און רייך איז פונצענטריש, קאָסמאָפּאָליטיש, אַסימילאַטאָריש. כדי צו באַרואיקן

*) זע מלכים א׳ י״ב, עמוס א״אנד.

דעם איינגענעם געוויסן, און אויך כדי צו באַווייזן, אַז די רעפאָרמעם זענען אויסן בלויז נאַציאָנאַלן גוטס, ווערט געשאַפן אַ פעטיש, דער ערשטער „אלה אלוהיך ישראל״ — די גאָלדענע קעלבער פון ירבעם. אַ נאַאיוועער פעטיש, לויט די באַגריפן פון יענער צייט אָבער איז עס מן־הסתם געווען גענוג. וואָלט מלכות ישראל אָנגעהאַלטן לענגער, וואָלט זי געהאַט מער רואיקייט אינעווייניק אין לאַנד און אויסנווייניק, — וואָלט געוויס אויך דאָס „רייך״ ביסלעכווייז באַזינגט דעם „אָרעם״ אויך גייסטיק, וואָלט געוויס דאָס המוניש, אונטערגעדריקט פאָלק שלום געמאַכט אַזוי ווי אומעטום מיט זיין גורל, וואָלט עס אויך פאַרלאָרן זיין אייגענעם קוק אויפן לעבן און עס וואָלט געגאָלטן אין לעבן אַ „נאַציאָנאַלער״ באַגריף ווי עס האָבן עס פאַרשטאַנען די הערשנדיקע שיכטן. דאָס פאַר זיי נאַציאָנאַלע וואָלט געוואָרן נאַציאָנאַל פאַרן גאַנצן פאָלק. דען עס איז די טבע פון פאַרשקלאַפטע צו גלייבן אין גאָט פון זייערע פאַרשקלאַפער און אָנצונעמען פאַר ריכטיק זייער נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אין תוך אריין: מערק, גרינגער פאַרקער מיט אַנדערע פעלקער, ד״ה וואָס ווייניקער אָפּזונדערטקייט, וואָס ווייניקער אייגנטימלעכקייט און ועל כולם אָפּצוהיטן דעם פאַרמעג — פעלדער, לענדער, האָב און גוטס — ארץ אבות.

וואָלט עס געשען אַזוי, וואָלט געוויס אַ ירבעם בן נבט געגאָלטן פאַרן „גרויסן נאַציאָנאַלן רעפאָרמאַטאָר״, וואָס האָט זיין פאָלק באַפרייט פון דער אַלטער פרימיטיווער קולטור און גלויבן. „ירבעם דער הייליקער״ וואָלט ער געהייסן. זיינע נביאים און זייערע נאָכפאָלגער וואָלטן געגאָלטן פאַר די אמתע, זייערע ווערק וואָלט מען געהיט אַאז״וו... אָבער —

צום גליק אָדער אומגליק איז עס פאַרגעקומען אַביסל אַנדערש. די מלכות ישראל האָט קודם־כל נישט געהאַט קיין גענוג רואיקע צייט, וואָס איז נויטיק, כדי די אונטערגעדריקטע שיכטן זאָלן באַהערשט ווערן אויך גייסטיק. די אָרעמע האָבן נישט געוואָלט אויפהערן צו האָבן זייער קולטור, זייער קוק אויף „אונדזער״ קולטור און נישט אונדזערס.

ווען די רעליגיע איז אַן איבערגענומענע, אַן אויסגעלערנטע פון פרעמדע פעלקער, — זענען אירע טרעגער, אירע אויטאָריטעטן ווידער אַמאָל די הערשנדיקע שיכטן, די געלערנטע. האָבן זיי אויך אָט־דעם

געווער אין זייערע הענט ארויפצוציונגען זייערע מיינונגען אויפן המון? גאָט הייסט, „פאַרן פאָטערלאַנד און גלויבן". האָבן אויך די באַצווינגענדיקע שיכטן פון ישראל געוואָלט געבן דעם המון אזא רעליגיע „אלהי ישראל", אָבער דער המון האָט זיך נישט געלאָזן. אים איז געווען ליבער זיין אלטע רעליגיע, זיין טראַדיציע, ווו ער איז געווען היימישער. דאָס האָט אויך מאָראַליש געהאָלפן נישט אַרונטערצעפאַלן ביי זיך לגבי די רייכע. פאַר אָט־דער תקופה איז אָן ספק דער יידישער גאָט — דער גאָט פון די אָרעמע קעגן די רייכע, פון די באַדריקטע קעגן די באַדריקער, דאָס איז דער גאָט וואָס נישט די רייכע, די געבילדעטע האָבן אים צוערשט דערקענט. דאָס איז דער גאָט פון טראַדיציע, פון אלטן שטייגער.

ווו איז געווען די גבורה פון דעם „אָרעמען" גאָט ער זאָל נישט באַקעמפט ווערן פון די פרעמדע, רייכערע געטער? איך מיין, אז סיבות זענען דאָ געווען צוויי: ערשטנס, האָט מען צו פרי אָנגעהויבן געבן די פרעמדע געטער. די אָרעמע מאַסן זענען נאָך נישט געווען גענוג גייסטיק דערדריקט זיך אונטערצוגעבן אָן קאַמף. זיי זענען נאָך נישט געווען קיין סטאַדע שאָף, וואָס גייט בלינד נאָך די „פירער", עס איז געווען א שטאַנד אין דער געזעלשאַפט און נישט קיין קנעכט אונטער דער געזעלשאַפט. די צווייטע סיבה — די נייע קולטור, דער נייער גאָט האָט אין סאָציאַלן הינזיכט גאָרנישט אזוי באַגליקט אין לעבן, גאָרנישט אזוי שטאַרק אין דער שכנישער, אָרעמער, ווירטשאַפטלעך פרימיטיווער יהודה. און דער מדבר האָט בסדר געליווערט סאָציאַל־רעליגיעזע קעמפער. צווישן זיי אזא פלאַם־פייערדיקער אליהו, וואָס טראָגט זיך ווי א שטורעם איבערן לאַנד און נעמט דעם קיסר אליין פאַרן באָרד „הרצחת וגם ירשת, א רוח אין דיין טאַטן..." (אין טעקסט פעלט דער לעצטער זאַץ בלויז צוליב איידלקייט). שפּעטער קומט דער פאָטאָספּולער אַגיטאַטאָר עמוס*), וואָס אין זיינע בילדערישע רייד איז שווער אונטערצושיידן צווישן רעליגיעזן עקסטאַז און סאָציאַלן ברויזן. פאַרשטייט זיך,

---

*) תקועה, עמוסעס שטאָט איז עטלעכע שעה גאנג פון בית־לחם שוין אין סאמע מדבר יהודה.

די קעגנער האָבן געהאַלטן אַט־די פאָרשטייער פון דער טראַדיציע פאַר שונאים פון פאָלק, פון פּראָגרעס, פאַר קעגנער פון נאַציאָנאַלן אויפֿלעבן. דער נביא און זיינע געדאַנקען — דאָס זענען די שעדלעכע, די צעשטערערישע, די אינוויינעניקסטע שונאים פון דעם נאַציאָנאַלן מלור־כהשן געדאַנק. דער טעקסט פון תנ"ך גיט אונדז איבער דעם גאַנצן קולטור־קאַמף בלויז איינזייטיק: נביאים פון גאָט און סתם „רשעים". אָבער אין אמתן איז דאָך עס נישט געווען סתם אַ פאָלק פון פאַרעקשנטע געצענדינער. ניין. אויך אויף זייער זייט זענען געווען אויפריכטיקע גלויבער אין נאַציאָנאַלן גליק, און זיי האָבן עס געמיינט מיטן גאַנצן הארצן. עס זענען געווען אויך דאָרטן אָרענטלעכע טוער־כוהנים און אגיטאַטאָרן —נביאים. זיי האָבן געהאַט זייער לאָגיק, זייער פּאַטאָס, זייער אידעאַל און קלאָרן געדאַנק, וואָס די טראַדיציע האָט שפּעטער אויסגעמעקט פון פאָלקס זכרון. אָבער אפילו פון די געציילטע רמזים קען מען אָנגעמען, אַז אויך דער פּאַטאָס ביי די אָנהענגער פון דער אַסימילאַציע איז געווען אַ נאַציאָנאַלער. דאָס דאַרף די נייע קולטור באַרייכערן דאָס פאָלק, אים אויסלייזן פון זיין פּרימיטיוויקייט און אים דערהייבן צום קולטור־ניוואָ פון דער תקופה, אָפּווישן דעם שטויב פון זיין אָרעמער מדברדיקער פאַרגאַנגענהייט. „אַ ניי לעבן און אַ נייע קולטור פאַרן באַנייטן פאָלק". דאָס איז יהודה אַזוי אָרעם, וויסט, ווייל עס האַלט זיך מיט זיין אַלט פרענקישקייט. „גיי אין יהודה עסן ברויט" זאָגט מען צו עמוסן מיט אַ ביטול צום אָרעמען נביא און זיין לאַנד. מיט דער נייער קולטור איז מען שטאָלץ. און די פּאַרטיי פון נביא איז אָרעם און קליין. די קעגנער זענען רייך און פילצאָליק. אָבער סוביעקטיוו זענען זיי געווים נישט געווען קיין „נביאי השקר".

אַט־אַזוי האָבן זיך געהאָלפן איינער דעם צווייטן — דער סאָציאַלער קאַמף פון אָרעם קעגן רייך און דער אַלטער שטייגער, דער „אלוהי אבותינו". אַט־דאָ איז דער קלאַסישער אויסגאַנג פון אַלע ווייטערדיקע קולטור־קאַמפן ביי יידן. פון איין זייט די פלינקע אַסימילאַציע און פון דער צווייטער — דאָס פאַרעקשנט האַלטן זיך אָן טראַדיציע.

פון איין זייט — די סאָציאַלע שיכטן, וואָס הערשן, וואָס זייער עקאָנאָמישער דראַנג איז ברייטער פון דער טראַדיציאָנעל־היימישער

סביבה און פון דער צווייטער זייט — די המונישע מאסן, וואָס זיי זענען עם אָט־די היימישע סביבה.

און עס איז אין תוך קיין שום אונטערשייד נישט צי די טראַדיציע־קולטור ווערט באַקעמפט דורך אויסוויניקסטע כוחות, אָדער פון אינעווייניקסטע „נאַציאָנאַלע". שוין דאָ ווערט א נייע קולטור געקרוינט צו זיין „די נאַציאָנאַלע" און אין איר נאָמען ווערט די נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלע באַקעמפט. שפּעטער האָט זיך עס אין דער יידישער געשיכטע איבערגעחזרט נישט איין מאָל מיט פאַרשידענע רעזולטאַטן. אָבער אין פאַרלויף פון א פּאָר הונדערט יאָר איז דאָך דער נצחון געקומען אויף דער זייט פון דער נייער „נאַציאָנאַלער" קולטור. די אַלטע איז ביסלעכווייז פאַרוואָרט געוואָרן, דערדריקט, די נייע — מיט גוואַלט אָנגעוואָרפן. און דאָך איז אָט־די נייע בלויז אָפיציעל געבליבן נאַציאָנאַל, אָרגאַניש איינגם איז עס נישט געוואָרן, און מהאי טעמא איז פון ישראל נאָכן חורבן גאָרנישט געבליבן, קיין שריד ופליט. נישט די פאַרטריבענע, נישט די געבליבענע. און מיט וואָס האָבן זיי געקענט ביישטיין, אז קיין איינענע קולטור, אָרגאַניש איינענע איז נישטאָ. די אויבערפלאַכיקע אסימילאַציע האָט נישט געקענט שאַפן קיין קולטור־טיפּ, נישט פון דעם איינענעם קולטור־באַנאַזש, נישט פון פרעמדן. דער איינענער — דערשטיקט, — פאַרמיאוסט, און דער פרעמדער — פרעמד און נישט אָרגאַניש, „פאַר (דעם יידישן) נאָט האָבן זיי מורא און צו זייערע געטער דינען זיי". אויף אונדזער לשון — נאָמינעל זענען זיי יידן, דעקלארירן זיך פאַר אזוינע, און לויט דעם שטייגער און פיר, לויט דער קולטור — עפּעס פרעמדס.

עס איז אָנצונעמען, אז דער „שומרונישער" קולטור־טיפּ האָט זיך אויסגעבילדעט שוין פון פריער, נאָך פאַרן חורבן שומרון. עס איז חרוב געוואָרן די מלוכה, אָבער קולטורעל איז דער חורבן געקומען שוין פריער. די נבואה האָט אויפגעהערט, בכל־אופן צו אונדז איז גאָרנישט דערגאַנגען, עס האָט אויפגעהערט דער קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור־טראַדיציע. עס האָט געזיגט די אַסימילאַציע, עס איז געבליבן א „כנעניזירט" פאָלק מיט רעשטלעך פאַרגליווערטע יידישקייט (פעטישן) אין קולט, אָבער אָן אן איינענער קולטור אין לעבן. עס האָט

אים אפילו דער גלות נישט געהאָלפן, ווייל אין גלות זענען שוין אוועק שומרונים.

און די יידישע טראדיציע, די יידישע קולטור האָט קאַלט זיך באַ־צווינגן צו דעם אונטערגאנג. די גרעסערע, די רייכערע יידישע מלוכה איז אומגעקומען, און די טראדיציע האָט אפילו דעם טאָג נישט באַ־צייכנט מיט עפּעס אן אנדענק. קאַלט, עפּיש דערציילט דער תנ"ך די גאנצע מעשה פון אונטערגאנג: „און ישראל איז פארטריבן געוואָרן פון זיין ערד קיין אשור ביז אויף היינטיקן טאָג" (מלכים ב', י"ז, 23 יהואש). דער זינען פון די פריערדיקע פסוקים איז בערך: „און גוט אויף אים!" קיין קרעכץ, קיין זיפץ, גאָרנישט. פּונקט ווי דער גאנצער ענין קומט בלויז צו באשטעטיקן די ריכטיקייט פון דער טראדיציע. שפּעטער ערשט ווען אין דעם טראדיציע־טרייען יהודה האָט זיך אויפגעוועקט א נאציאָנאַלער געפיל נישט צו דער מלוכה, נאָר צום פאָלק ווי אזא, צום געמיינזאמען אָפּשטאַם, — דעמאָלט ערשט האָט זיך אויך אויפגע־וועקט א בענקעניש צום ברודער־פאָלק, צום „הבן יקיר לי אפרים" (ירמיהו ל"א. אויך יחזקאל ל"ז). אָבער דער צווייטער ישעיהו, די שפּעטערדיקע דברי הימים און נביאים זענען שוין פריי פון די סענטי־מענטן, פארגעסן דעם אָפּגעשטאָרבענעם ברודער. און ווען די עולי בבל זענען געקומען צוריק האָבן זיי לגמרי נישט דערקענט שוין די שטאַם־ברידער, פרעמדע שומרונים, שונאים, קעגנער זענען דאָס שוין געווען. לעגענדעס האָבן געמוזט געשאַפן ווערן, כדי צו דערקלערן דאָס ביסעלע אָפּגעדיקס־יידישקייט, וואָס עס איז געבליבן פון אמאָל בליענדיקן שומרון. אָט אזוי האָט זיך געענדיקט דער ערשטער אויסברוך קעגן דער איינענער קולטור־טראדיציע אין נאָמען פון מלוכהשקייט, נאציאָ־נאַלן ווידערגעבורט אאז"וו.

אנדערש איז עס פאָרגעקומען אין יהודה. די שטאַנדן־דיפערענ־ציאציע איז דאָ געוואָקסן לאנגזאם, אזוי ארום, אז עס האָט געקענט זיך אויסבילדן אין דעם איינענעם שטייגער. קיין קולטור־קאָנפליקט, קיין גע־טער־מלחמה איז דאָ נישט פאָרגעקומען. קיין שטאַרקע פרעמדע קול־טור־אָנגריפן זענען דאָ נישט געווען (שכנות פון מדבר־פעלקער). דע־ריבער טאַקע איז ביי די גרויסע נביאים פון יהודה דער סאָציאַלער

עלעמענט לגמרי נישט אזוי שטארק פארטראָטן. און דאָך איז דער פולער נאציאָנאלער באוווסטזיין געקומען ערשט אין בבל.

* * *

די צווייטע גרויסע אסימילאַציע־כוואַליע איז געקומען מיט דער העלעניזאַציע־תקופה אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש. די קולטור־טראַדיציע, וואָס האָט זיך פעסט אויסגעקריסטאַליזירט ערשט אין גלות בבל, איז געבראַכט געוואָרן קיין ארץ ישראל און זי האָט זיך פעסט געהאַלטן כל זמן דאָס קליין לענדעלע יהודה איז געלעגן אָן א זייט פון דער וועלט. דאָס איז די צייט פון נחמיה ביז אלעקסאַנדער מוקדון. די אָנגריפן פון דער העלעניסטישער קולטור האָבן אָבער דער־גרייכט אויך צו יהודה. און עס איז אויפגעקומען א נייע „קולטור"־באַוועגונג — די העלעניזאַציע (מתיוונים). די טרעגער פון דער באַוועגונג זענען געווען לויט דער אלגעמיינער מיינונג פון די היסטאָריקער רייכע אקציזניקעס, איבערהויפט פון דער משפחה „בני טוביה". (אך, אונדזערע כסדרדיקע קולטור־טרעגער פון די אקציזניקעס און פּאָדריאַ־טשיקעס... ווי מאָנאָטאָן די געשיכטע איז עס!) די העלעניסטן ביי יידן זענען, לויט זייערע סימפּאַטיעס, געווען גוטע נאציאָנאליסטן און לויט זייערע שטרעבונגען — אָפענע עקסטרעמע אסימילאַטאָרן. זיי האָבן געמיינט צו באגליקן יידן מיט דער „גרויסער" גריכישער קולטור, וואָס זיי האָבן אויפגענומען אזוי ווי זיי האָבן זי געזען אין מזרח. קיינע פּייגנבלעטער צוצודעקן די אסימילאַציע־נאַקעטקייט און אָפענע אָנ־גריפן האָבן זיי נישט באנוצט. בכן האָבן מיר דאָ ווידער אַן ארויפּ־שטראָם פון דער אסימילאַציע־כוואַליע. אין זייער אסימילאַטאָרייזן קולטור עקסטאַז דערמאָנען אָט־די מתיוונים זייער שטארק די ערשטע משכילים צו ערשט אין פראנקרייך, דערנאָך אין פּרייסן און שפּעטער אין רוסלאַנד־פּוילן. מען איז אָפן ארויסגעטראָטן דערפאַר, ירושלים זאָל ווערן א גריכישע שטאָט (גלייכבארעכטיקונג! עמאַנציפּאַציע, להבדיל). מען האָט גערן געזוכט הילף ביי די אויפגעקלערטע העלעניסטישע רעגירונגען קעגן די אייגענע „רעאַקציאָנערן", „מורדי־אור, להבדיל. דערצו האָבן די אקציזן, אגב, געבראַכט גוטע הכנסות.

אָבער דאָ האָט מען גראָב אָנגערירט די יידישע טראַדיציע, וואָס איז צו יענער צייט געווען שטאַרק איינגעפּלאַנצט אין פאָלק. באַמערקט, — נישט די אָנגעגריפענע אויטאָנאָמע פּאָליטישע רעכט האָט אַרויסגערופן די קעגנערישע באַוועגונג, נאָר דער גוואַלט קעגן די אָנגענומענע פאַרהייליקטע פאָרמען פון שטייגער לעבן, פון קולטור שטייגער. דאָס האָט אַרויסגערופן דעם אויפשטאַנד קעגן דער העלעניזאַציע און קעגן די העלעניזאַטאָרן, ווי אַמאָל קעגן דער כנעניזאַציע. די פירער פון אויפשטאַנד שטאַמען פון אַ פּראָווינץ־פּראָווינץ אָן אַ זייט פון האַנדלס־וועגן (צום דערפל מודיעין איז אויך היינט נישטאָ נאָך קיין פאַר־וועג) צווישן די פעלזיקע פאַרהיגלען פון די הרי יהודה. אין פּויערים פאָלק פון לאַנד האָט די טראַדיציע געפונען אויך אירע פאַרטיידיקער.

און ווער האָט געזיגט?

דער מאָדערנער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער געדאַנק האַלט דעם נצחון פון די חשמונאים פאַר אַ פּולן: עס האָט זיך געבילדעט אַ יידישע סו־ווערענע מלוכה אין פאַרברייטערטע גרעניצן מיט אַן אייגענער יידישער דינאַסטיע! די יידישע טראַדיציע אָבער האָט דאָ גאָר אַן אַנדער מיינונג. זי האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט מבטל צו מאַכן דעם אָנזען פון דעם פּאָליטישן נצחון. חנוכה — אַ נס מיט אַ קריגעלע ביימל און יוצא. ווי מיט אַ כוונה אויסגעמיטן צו דערמאָנען דעם נאָמען פון יהודה המכבי, נאָר תמיד באַנוצט זיך מיט אַ פּסעוודאָנים „בית החשמונאים”, בניו של החשמונאי”. דעם יום־טוב, וואָס יהודה המכבי האָט איינגעשטעלט לדורות לזכר זיין גרעסטן מלחמה־נצחון דעם „יום־ נקנור” (13 טעג אין אדר) האָט מען גיך פאַרגעסן און ער איז גאָר פאַרביטן געוואָרן מיט אַ תענית לזכר אַ לעגענדאַרישער אָדער האַלב־לעגענדאַרישער אסתר המלכה. די ספרים וואָס באַשרייבן די גבורות פון די חשמונאים האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון די „הייליקע ספרים”. בכלל האָט זיך די טראַדיציע באַמיט צו פאַרטושן דעם גאַנצן ענין. מען זאָגט טאַקע חנוכה גאַנץ הלל, אָבער דאָך איז חנוכה אַ וואָכעדיקער טאָג און פּורים איז אָן הלל ביי דער טראַדיציע אַ גרויסער פרייל‌עכער יום־טוב. ווען נישט די קריסטלעכע קלויסטער־נזירים וואָלטן מיר מסתמא גאָרנישט געוווסט פון די יידישע העלדן — די חשמונאים.

אָבער צי איז באמת די יידישע טראַדיציע אַזוי בית־מדרשדיק, בטלניש? — נישט איין מאָדערנער נאַציאָנאַלער דענקער האָט שוין גע־קריצט מיט די ציינער פאַר כעס אויף דער יידישער טראַדיציע. ווילהויזן דער קריסט, דער איירעפּפעער לאַכט אָפּ. דר. קלויזנער דער רעוויזיאָ־ניסטישער געלערנטער שעמט זיך פאַר דעם גוי און שרייט „לחרפתנו" („כשאומה נלחמת על חירותה") און ווער האָט שוין נישט געוואָרפן קיין בלאָטע דערפאַר אויף דער יידישער טראַדיציע? —

אָבער לאָמיר זען: וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם פּאָליטישן נצחון? — עס איז געוואָרן אַ יידישע מלוכה?

— מלוכה אָדער דינאַסטיע? און אָט־די מיוחסדיקע חשמונאים־דינאַסטיע האָט... וואָס? — זיך געריסן, געממיתט צווישן אַנאַנד, פאַר־נאָסן יידיש בלוט אויף רעכטס און אויף לינקס, זיך נישט געמיאוסט צו רופן פרעמדע הילף אין ברודער־קאַמף. זי האָט געריסן שטייערן פון לעבעדיק און טויט כדי צו פירן די ברודער־מלחמות, און אַזוי בלוט־דורשטיק און קורצזיכטיק פאַרפלאָנטערט דאָס אָרעם לענדל אין די רוימישע נעצן, וואָס פון זיי איז עס שוין נישט אַרויס. כל־זמן די חש־מונאים האָבן געפירט אַ פאָלקס־באַוועגונג קעגן די קענגער פון דער יידישער טראַדיציע, האָט זיי דאָס פאָלק געהאָלפן און איינגעהאַלטן זייער זכרון אויף אייביק. זענען זיי אָבער געוואָרן אַ דינאַסטיע מיט אַלע דינאַסטישע פאַרכאַפּערישע חשבונות, האָט זיך דאָס פאָלק און זיין טראַדיציע אָפּגעזאָגט פון זיי. און נאָר איין זכות פון די ערשטע חשמונאים האָט די יידישע טראַדיציע בלויז אויסגעמיטן די דינאַסטיע און נישט באַגליִיט זייער נאָמען מיט עפּעס אַ קללה, ווי זי קען.

אויב די חשמונאים־דינאַסטיע איז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער כבוד, איז באמת די יידישע טראַדיציע אַנאַציאָנאַל.

די חשמונאים האָבן אויסגעראָטן די העלעניזאַטאָרן, פון דאַנען און ווייטער באַנעגנט מען נישט מער זייער חוצפּהדיקע אָפּנקייט. אָבער דאָס איז בלויז אויבנאויפיק. די אַסימילאַציע־כוואַליע איז נישט אָפּ־געשטעלט געוואָרן, נאָר זי האָט זיך צוגאָסן נישט הויך, אָבער ברייט. עס טרעפט אָפט אין דער געשיכטע, אַז איין ריכטונג באַקעמפט די צוויי־טע כדי צו פאַרנעמען איר אָרט און ממשיך צו זיין איר אַרבעט — זאָל

זיך אזוי נישט טרעפן... די העלעניסטן זענען אויסגעראטן געווארן, אבער לגמרי נישט די העלעניזאציע. זי האט זיך וויטער געשפרייזט איר וועג רואיק און זיכער אין שויס פון דער „נאציאנאלער" דינאסטיע — די אלעקסאנדערס, די אריסטובולס, הורקונוסן אאז"וו. די העלעני־זאציע האט בלויז איר שילד געביטן ווי א באנקראטירטע פירמע און געמאכט וויטער גוטע געשעפטן. אויפן פאדערגרונט, צום שילד איז ארויסגערוקט געווארן דאס נאציאנאלע, די „תורת משה", די תורה שבכתב אין פארם פון א פעטיש, וואס קען נישט פראגרעסירן. דאס איז איצט געווארן די באוועגונג פון די צדוקים. און ווי נאר די חשמו־נאים זענען געווארן א דינאסטיע מיט אלע סאציאלע אספיראציעס פון אזא, האבן זיי גרינג און נאטירלעך זיך צונויפגעבונדן מיט דער איבע־ריקער געלט־ און באזיצערישער־אריסטאקראטיע, מיט די זארגער פאר מערק, פאר גרינגע האנדלסוועגן, פאר „נאציאנאלע" עקספלאאטיר־פלעצער. און די פשוטע המונישע יידן, אויף אונדזער לשון, די פאר־רעפאשנע מאסן, האבן מיט כעס, אפשר מיט א קרעכץ פון אנטוישונג פארלאזט די דינאסטיע און איר פארטיי און זיי האבן ארויסגערוקט א נייע פארטיי, די „פרושים", וואס האבן באקעמפט די דינאסטיע, די צדוקישע אסימילאציע פונקט אזוי ווי זייער נאציאנאלן פעטיש — די „תורה שבכתב". פונקט ווי ביי די פריערדיקע אפענע העלעניזאטארן איז אויך איצט ביי די פארשטעלטע — ביי די צדוקים — דער עיקר וויכטיק געווען וואס קלענער צו מאכן די אונטערשיידן צווישן יידן און גריך*) אין שויס פון דער אייגענער מלוכה.

---

*) אייגנטלעך פון העלעניזירטן בירגער פון מזרח. מען דארף זיך נישט טיף גריבלען, כדי צו באגרייפן, אז אט־די העלעניסטישע קולטור, וואס איז אין מזרח געבראכט געווארן דורך זעלנער, אפט גע־דונגענע, דורך הענדלער און אויך אלערליי אוואנטוריסטן איז געווען גאנץ ווייט פון דער העלענישער קולטור. די טראדיציע גופא ווייסט אונטערצושיידן צווישן דער קולטור פון די „סבי דבי אתונא" און צווישן דער העלעניסטישער קולטור אין מזרח, אין סיריען, מצרים

דערצו האָט די שוין־קאַנאַניזירטע תורת משה לגמרי נישט גע־שטערט. אגב איז זי שוין געווען איבערגעזעצט אויף גריכיש און איז געווען איינגעגלידערט אין דער אַלעקסאַנדריער ביבליאָטעק, זי איז, הייסט עס, געווען חשוב אויך ביי לייטן. געשטערט דער אסימילאַציע האָבן נאָר די „זאַבאַבאָנעס", די „אָבערגלויבנס", אָט־די אָנגעקליבע־נע דורך דעם לעבן אין לעבן אריין זיטן, שטריכן, מנהגים, געוויינהייטן, שטייגער, דערציילונגען, ספרים — מיט איין וואָרט: די „תורה שבעל פה". געשטערט האָט די נאָרמירונג פון יידישן שטייגער, די „הלכה", וואָס איז דאָך אין תוך געווען א סומירונג פון שטייגער לעבן. גע־שטערט האָט דער צוגאַנג צו תורת משה פון די פרושים, וואָס האָבן זיך נישט פאַרמאַרינירט, נישט פאַרמאַכט סתם אין מענטעלעך, נאָר זי „נעדרשנט", צונויפגעבונדן זי מיט זייער לעבן, מיט זייערע געדאַנ־קען, אידעען און אידעאָלאָגיע. —

אָט קענן דעם אַלעם האָבן די צדוקים געקעמפט נישט ערגער ווי די פריערדיקע אָפענע העלעניזאַטאָרן.

פון שטאַנדפונקט פון פּאָליטישער מלוכהשקייט, פון טעריטאָריע, דינאַסטיע זענען די צדוקים געווען די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי. אזוי פאַסן אויף די זאַך אייניקע קריסטלעכע געלערנטע (עדוואַרד מאיר). פון שטאַנדפונקט אָבער פון דער יידישער טראַדיציע זענען די צדוקים אפילו קיין יידן נישט געווען *)

דער היסטאָריקער פון יענער תקופה, אביגדור טשעריקאָווער (היהודים והיוונים בתקופה ההלניסטית ז. 266) וואונדערט זיך ווי אזוי

וכדומה. באשר די טראַדיציע דריקט עס אויס ווי געוויינטלעך אויף איר לאַקאָנישן שטייגער אין א אגדה מיט א פסוק דערצו: „כמתוקנים שבהם לא עשיתם, כמקולקלים שבהם עשיתם (סנהדרין ל״ט).

*) ואותו היום שנסתלקה סנהדרין של צדוקים וישבה סנהדרין של ישראל, עשוהו יום־טוב (מג. תענית). אין א צווייטן אָרט (נדה פרק ד׳, משנה ב׳) רעדט זיך וועגן דעם ווי מען דאַרף רעכענען די בנות צדוקים. צי דאַרף מען זיי רעכענען ווי טעכטער פון כותים (שומרונים, נישט־יידן) אָדער ווי בנות־ישראל. מען האָט אין יבנה

האָט מען געקענט צונויפבינדן די פאַרהייליקונג פון דער תורה שבכתב מיט העלעניזאַציע. נאָך מער ווונדער: אַפּט זענען דאָך די צדוקים געווען אין דינים הארבער פון די פּרושים... עס איז מיר אָבער פּשוט א ווונ־דער אויף אזא פיינעם אנאַליטיקער, וואָס בלייבט דאָ שטיין מיט א פרעג־צייכן. (צי האָט דאָ נישט געווירקט די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע איינ־שטעלונג פון מחבר?) דווקא אָט־די איבערגעטריבענע געטרייקייט צום פאַרפיקסירטן און פאַרשלאָסענעם ספר האָט געגעבן די מענלעכקייט שטאַרקער, אָפענער און דרייסטער, חוצפּהדיקער אָפּשטופּן די תורה שבעל־פה, די שטיינערישע פאָלקס־קולטור און זיך דערנענטערן צום העלעניזם.

פונקט דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט מיט די משכילים. מען האָט זיך דערקלערט אין ליבע צום תנ"ך, צו דער „שפת קודש". מען האָט דעם תנ"ך איבערגעזעצט אויף א „קולטור־שפּראַך". מען האָט גע־פּוצט, געריינִיקט אים פון אלע „פּסולתן", וואָס זענען אויף אים אָנ־געוואַקסן, צייט ער „וואַלגערט זיך נעבעך" ביי יידן. און אויך איצט האָט אָט־די ליבע צום קאַנאָניזירטן ספר געדאַרפט פאַרשטעלן פון איי־גענעם געוויסן דעם פאַקט פון אסימילאַציע. עס איז דאָך די לאָגיק פון יענער יידענע: וואָס מער זי זינדיקט, אַלץ מער ליכט טראָגט זי אין בית־מדרש אריין. טאַקע מהאי טעמא האָט די יידישע פאָלקסטראַדיציע, אָט דער קאָלעקטיווער יוחנן וואַסערטרעגער מיט זיין חוש צו דערשמעקן תורה לשמה, — טאַקע דערפאַר האָט עס די טראַדיציע תמיד אזוי

געמאַכט א ספּעציעלע ברכה קעגן די צדוקים „ברכת הצדוקים" (ברכות כח' און כט'). און דאָס איז א הלכה, ד"ה אין פּראַקטישן לעבן. פון דאַנען איז צו דורינגען, אז דער אנטאַגאָניזם איז ווייט אַריבער די גרע־נעצן פון צווי פּאַרטייען, ווי מיר באַגרייפן עס איצטער, ווי חסידים — מתנגדים, ציוניסטן — בונדיסטן אאַז"וו. ניין. דאָ זענען די באַצי־אונגען געווען ווי צווישן צוויי סעקטעס וו', למשל, קאַראַאימער און רבניטער. מען האָט זיך אָפּגעזונדערט אין צוויי פאָלקסשטאַמען, צוויי פעלקער אין דער צוקונפט. באשר, פון די צדוקים איז נאָך דעם חורבן, ווי אמאָל פון מלכות ישראל, קיין זכר נישט געבליבן.

קרום געקוקט אויף דער צדוקישער און אויך דער משכילישער ליבע צו דער תורה (תנ"ך). אָט פאַרוואָס דער אָנזען פון דער חשמונאים־דינאַסטיע איז אַזוי נישטיק געווען ביי דער יידישער טראַדיציע ביז דער לעצטער צייט, ווען אַ קרוּבהשע באַוועגונג האָט איר ארויסגעשלעפּט פון פאַרגעסנקייט. זי האָט פאַרלאָזט די אידעע, וואָס האָט זי אַרויסגערופן צום לעבן און איז אַוועק מיט די, וואָס זי האָט זיי געדאַרפט באַקעמפן, ממש ווי דער פאַרצייטיקער תנ"ך־כראָניקער וואָלט דאָ געשריבן: „וישובו ויעשו את הרע בעיני יהוה וילכו בדרכי ה..., אשר השמיד יי לפניהם".

קען זיין, אַז ווען די חשמונאים־דינאַסטיע וואָלט באַוויזן צו פאַרגרעסערן די יידישע מלוכה, אַז זי זאָל קענען קאָנצענטרירן אַלע יידן (אָדער כמעט אַלע), קען זיין, אַז דעמאָלט וואָלט זיך געשאַפן אַן אַנדער טראַדיציע מיט גאָר אַן אַנדער באַציאונג צו די שפּעטער פון דער מלוכה. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, דער זעלביקער „קען זיין" וואָס בנוגע צו דער מלכות ישראל. אָבער נישט באַשערט יידן צו פירן אַ קולטור־טראַדיציע אויפן יסוד פון מלוכהשקייט (אויסער „דוד מלך ישראל", וואָס אויך פון אים האָט די טראַדיציע געמאַכט מער אַ קליינשטעטלדיקן פרומען רב איידער אַ מלך). פאַקטיש אָבער האָט די חשמונאים־דינאַסטיע אויב נישט פאַרגרעסערט מיט אירע מלחמות, אָבער בכל אופן נישט פאַרקלענערט די עמיגראַציע. איז וואָס פאַר אַ זכיות האָט זי געקענט האָבן אין די אויגן פון דער טראַדיציע?

און באמת, מיטן חורבן פון דער מלוכה איז אונטערגעגאַנגען די גאַנצע יידישקייט פון דער דינאַסטיע, אונטערגעגאַנגען די גאַנצע יידישקייט פון די צדוקים. ווער ווייסט, אפשר זענען פון זיי געבליבן אַ נייער סאָרט שומרונים, אָדער ריכטיקער — זיי האָבן זיך געפירט קליגער: זיך צעמישט, אסימילירט אינגאַנצן און נישט געוואָרט ביז אַ פיזישער דעגענעראַציע. אויב עס עקזיסטירן יידן אויף דער וועלט, זענען זיי פון די פּרושים געבליבן און נאָר פון זיי.

* * *

אויבן האָבן מיר דערמאָנט די איראָניע פון פּראָפ' ווילהויזען, וואָס יידן האָבן נישט איינגעהיט די חשמונאים־ליטעראַטור און אויך איז

דאָרטן דערמאָנט געווען דער „לחרפתנו" פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן פּראָפ' קלויזנער. איז מילא ווילהויזען — ער איז פאַר זיך טויזנט מאָל גערעכט: א גריכישער נזיר האָט מער חוש געהאַט אָפּצוהיטן קולטור־אוצרות, אפילו פרעמדע, איידער דאָס גאַנצע יידיש פאָלק פאַר זייערע אייגענע. און נאָך וואָסערע אוצרות! וואָס זענען פול מיט אזא נאַציאָנאַלן פּאַטאָס! איז אָט ווער זיי זענען אָט־די יידן, אָט דאָס יידיש פאָלק. נישט אומזיסט זענען זיי נישט ווערט געווען אויפצונעמען די נייע תורה... אאז"וו. א גאָטס רחמנות איז בלויז נעבעך אויף אונדזערע יידישע „נאַציאָנאַל־שטאָלצע" געלערנטע חכמים, וואָס פאַרשעמען זיך אויף טויט צוליב דער איראָניע פון געלערנטן פּריץ: „דער פּריץ אליין האָט געזאָגט, אז עס איז מיאוס". ווען אָבער א נאַציאָנאַלער יידישער געלערנטער וואָלט געקוקט אויף זיין פאָלק נישט מיט אויגן פון א שונא ישראל, וואָלט ער פאַרשפּאָרט נעבעך צו פּלאַצן פון חרפה. ער וואָלט באַגריפן, אז —

אויף קענען עפּעס איינהיטן און אָפּהיטן דאַרפן נישט די יידן קיין באַשטעטיקונג אפילו פון ווילהויזענען, און דאָס צו וויסן דאַרף מען לגמרי נישט זיין קיין געלערנטער, קיין פּראָפעסאָר און פון א יידישער אוניווערסיטעט. דאָס ווייסט זייער גוט יעטווידער קליינשטעטלדיקער יידישער פּורמאַן. אלא וואָס דען? — ווער און וואָס? ווער זענען די היטער? און וואָס היטן זיי? און ווי אזוי היטן זיי? נישט סתם יידן האָבן איינגעהיט (איינגעטלעך איינגעהאַלטן) יידישקייט, נאָר סאָציאַל און אידעאָלאָגיש באַשטימטע שיכטן פון יידן. דאָס זענען „פּרושים", וואָס ווילהויזען און אַלע אנדערע קריסטלעכע גייסטלעכע און געלערנ־טע האָבן זיי אזוי פיינט (און ווי אנטיסעמיטן האָבן זיי געגוג גרונט פיינט צו האָבן די פּרושים, דען ווען נישט זיי, וואָלטן דאָך קיין יידן שוין נישט געווען). דווקא די פּרושים, וואָס האָבן די „הלכה" געשטעלט איבער אַלץ, דעם גאַנג פון לעבן, דעם שטייגער, די מנהגים און זיטן, די מסורת אבות, די טראַדיציע איבער אַלץ, איבער דער מלוכה, איבער לאַנד און דינאַסטיעס. די היטער פון יידישקייט זענען געווען און גע־בליבן בלויז די פּרושים, וואָס האָבן די תורה לגמרי נישט „געהיט", נאָר זי גענוצט, זי כסדר איבערגעאַרבעט און איינגעפלאָכטן אין זייער

„תורה שבעל פה", אין זייער שטייגערישער, כסדר וואקסנדיקער פאָלקס קולטור. די האָבן אויפגעהאלטן אלץ וואָס עס איז דאָ אין יידישקייט, אָבער נישט די, וואָס האָבן באקעמפט די „הלכה" כדי כלומרשט איינ־צוהיטן אין איר ריינקייט די תורה שבכתב. און די פרושים, די טרעגער און פלעגער פון דער לעבעדיקער פאָלקס־קולטור, האָבן שוין איינמאָל געוווסט וואָס צו היטן. קיין הייליקע פעטישן, סתם הייליק נישט אָנצו־רירן — פון דעם האָבן זיי נישט געהאלטן. זיי האָבן אָפּגעהיט דאָס, וואָס זיי האָבן רעדאקטירט און זיי האָבן אָן רחמנות, באזייטיקט אלץ, וואָס איז געווען קעגן זייערע אנשויאונגען. האָט בן סירא גלאָריפיצירט די צדוקים, די „חשמונאים" — די דינאַסטיע אאז"וו, — האָבן אים די פרושים באזייטיקט, אויסגעשלאָסן פון די „הייליקע ספרים". זאָל דער געלערנטער האָבן טענות צו די צדוקים, צו די אלעקסאנדריער יידן. יאָ, זיי האָבן דאָך געוווסט ווי אָפּצוהיטן אויך די כתובים אחרונים, פארוואָס האָבן זיי עס נישט איינגעהיט... באשר יענע האָבן ז י ך נישט געקענט איינהיטן פון — אסימילאציע און אונטערגאנג. די צדו־קים אין ארץ ישראל און די אלעקסאנדריער יידן אין מצרים האָבן געהאט זייער רעדאקציע פון תנ"ך (דער תרגום השבעים איז דאָך אָפּט אנדערש ווי אונדזער טעקסט*). זיי האָבן די הייליקע ספרים רעדאגירט לויט זייערע באגריפן: יידישקייט איז א פארטיקע, פארענדיקטע טייערע כלי, וואָס מען דארף זי טייער האלטן, היטן, ווי א שיינע ירושה, אָבער צום לעבן האָט זי נישט קיין שייכות, כמעט „יהודי בביתך ואדם בצאתך". איז וואָס זענען די פרושים און זייערע יורשים (ד"ה אלע היינטיקע יידן) שולדיק, וואָס די צדוקים האָבן זייער תורה נישט איינ־געהיט און זייער תורה האָט זיי נישט איינגעהיט? אז דער גאנצער בנין פון האלטן יידישקייט אָן דער תורה שבעל פה, אָן דער הלכה, אָן דעם לעבעדיקן קולטור־שטייגער און אָן דער שטייגערישער טראדיציע האָט

---

*) רמזים אויף דעם זענען אויך פאראן אין תלמוד: „ספר של צדוקים" אין מגי תענית. אויך אין „ידים" פ׳ ד׳ משנה ח׳ „קובלין אנו עליך צדוקי גלילי, שאתם כותבים..."

זיך אויסגעלאָזט מיט — גאָרנישט, מיט אונטערגאַנג? וואָס זענען די פּרושים שולדיק, אויב פון דער צדוקישער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער פּאַ־טאָספּולער תורה איז געבליבן אביסל פאַרשטויבטע איבערזעצונגען ביי קריסטלעכע נזירים? *).

און די נזירים. זיי האָבן געהיט, משטיינס געזאָגט, ווי מען היט אַ פאַרשלאָסענעם ארכיוו. איי אָט־די, שטרענג און גוט אָפּגעהיטע תורה האָט זיך עפּעס נישט צוגעקלעפּט צו אירע זייער געטרייע היטער, אז זי איז אַ קאַפּיטשקע פאַרשימלט געוואָרן, איז מילא. דערפאַר האָבן זיי כבוד ביי אַ ווילהויזען און זיין יידישן תלמיד. אָבער די פּרושים און זייערע נאָכגייער, זיי האַלטן נישט פון קיין הייליקער ארכיוור־יידישקייט. זיי דאַרפן נישט קיין סתם תורה שבכתב, זיי היטן די תורה שבעל פה, ריכטיקער, די „תורה שבחיים". און דאָס האָט איינגעהאַלטן יידישקייט ביז אויף היינטיקן טאָג.

* * *

אָט־אזוי האָט אויסגעזען די צווייטע גרויסע און קלאַסישע אסימי־לאַציע־כוואַליע אין דער יידישער געשיכטע. און כמעט אַלע ווייטערדי־קע כוואַליעס (די פאַלש־משיחישע אויסגעשלאָסן) גייען לויט די זעל־ביקע כללים און דרכים. מיר שטייען ביי היינטיקן טאָג ווידער אינמיטן ברויזנדיקע כוואַליעס פון אסימילאַציע אין אַלע גרעסערע און וויכ־טיקערע קיבוצים, וו זי האָט איצט דעם פּרצוף פון די אַמאָליקע מתיוונים און די שפּעטערדיקע עמאַנסיפּאַציע־משכילים און וו זי איז אַריבער צום געשטאַלט פון דער צדוקישער. די פּרושים אָבער, די מאָ־דערנע פּרושים, וו איז זייער פעסטע און אָרגאַניזירטע ארבעט? ווו?

---

*) אגב, אינטערעסאַנט, אז אויך ביאַליק, וואָס האָט בכלל גע־האַט אַזא פיינעם חוש פאַר קולטור־טראַדיציע, האָט דאָ נישט געפונען קיין וועג צו דערקלערן פאַרוואָס „מפני מה הרכוש הזה לא נשמר ע"י העם היהודי (דברים שבעל פה אי די קפ"ג), צי אפשר האָט אויך זיין נאַציאָנאַל פּאָליטישע איינשטעלונג פאַרצאַמט דעם וועג צום אמת?

די וועגן פון דער יידישער טראדיציע

קיין „אייביק יידיש פאָלק" איז נישטאָ און עס איז קיין מאָל נישט געווען. די אלע ברכות און קללות אויפן חשבון פון „אייביקן יידן" קע־נען האָבן א שייכות בלויז צו די קלענערע אָדער גרעסערע טיילן, שבטים, צווייגן פון יידן — אין יעטוועדער דור — איינער — וואָס ער שאַפט דאָס אין געגעבענעם דור — דאָס יידיש פאָלק, און פון אים פאַלן כסדר אָפּ פארטריקנטע צווייגן, בלעטלעך. אָפטמאָל, קענען די טיילן וואָס פאַלן אָפּ זיין אין כמות גרויס אפשר ווי דער הויפטשטאם און נאָך גרעסער. אָפט לאָווירן דורך דורך דעם לאַבארינט פון יידישע צרות און „גליקן" בלויז קליינע טיילן פון „דעם יידישן פאָלק אין צי־פערן". בלויז זיי קענען זאָגן אויף זיך מיטן פּאָעט:

„אויסגעשטאַנען
און דערברוויזט ביז דאַנען...."

בלויז טיילן פון יידן זענען עס וואָס רייסן זיך תמיד דורך דורך די שטערונגען און צעשטערונגען, בלויז אָט זיי זענען עס די וואָס

„דורכגעדרונגען
דורכגעשפּרונגען
דורך אלע ברוכן און בראָכן".

און יעטוועדער אזא קערנדל פון דער באמת אייביקער יידישקייט איז אין זיין צייט קליין און נישט אָנזעעוודיק. אין זיין צייט איז דער אויבן־אָן פארנומען דורך אלערליי אנדערע ריכטונגען. ערשט, שפּעטער, אין דער פארבן און גרייסן־אבעראציע פון דער געשיכטע קומט אויס פארקערט: די קליינע, אין זייער צייט שוואכע ריכטונגען, וואָס האָבן

אָבער געלאָזט נאָך זיך ירושה,— זיי קומען אונדז אויס גרויס און מעכטיק. די אנדערע אין זייער צייט גרויס און וויכטיק, אָבער וואָס זע־נען געשיכטלעך אָפּגעמעקט געוואָרן, זיי קומען אונדז אויס קליין און נאריש. אזוי איז עס געווען מיט די נביאים און זייערע קעגנער אין זייער צייט, אזוי איז געווען מיט די פּרושים אאז״וו. און אז מיר באמיען זיך גוט צוצוקוקן צו אָט די טרעגער פון יידישער אייביקייט אין יעטוועדער דור, זעען מיר, אז דער סוד ליגט דאָ נישט אין גבורות נישט אין רייכ־קייט מאטעריעלער אָדער גייסטיקער, נייערט אין עפּעס אזוינס, וואָס מיר רופן אָן טראדיציע. . .

אָט דאָס וואָרט ווערט אָפט באנוצט כדי צו באצייכענען עטוואָס סטאַבילס, דורך דורות אומגעענדערט. אין דער אמתן איז עס פּונקט פארקערט. קאָנסערוואטיזם מיינט אָפּהיטן אלטע מנהגים, זיטן, שטריכן אין זייער אומגעענדערטער פאָרם. קאָנסערווירן זיי. טראדיציע באטייט א דינאמיש איבערנעמען און איבערגעבן וויטער אין כסדרדיקן אי־בערבוי. נישט אומזיסט האָט דער באגריף אין דער אלטער יידישקייט צוויי טערמינען. „קבלה״ און „מסורה״ — נעמען און איבערגעבן. אויב קאָנסערוואציע איז א שטייאיק וואסער — איז טראדיציע — א שטראָם. אויב קאָנסערוואטיזם איז א „בשמים־ ביקסל״ וואָס גייט איבער בירו־שה דורך דורות, איז טראדיציע דער פאבריקאט וואָס גייט אויך דעם קאנווייער, אויף דעם לויפּבאנד פון ווארשטאט צו ווארשטאט און יעט־וועדער ווארשטאט, יעטוועדער דור און סביבה גיט אָט דעם באקומע־נעם שטאָף זיין שטאמפּ, זיין פּרצוף. נישט פראנקפורטער, פּרומע יי ן, נישט קראקאָווער שטריימל־יידן זענען טרעגער פון טראדיציע. ניין — דאָס זענען טרעגער פון קאָנסערוואטיווער יידישקייט, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות צו לעבעדיקער טראדיציע. דאָס טראדיציאָנעלע יידיש־קייט איז און מוז זיין פארענדערלעך, פּושט צורה ולובש צורה.

ביי יעטווידער אינדיווידו איז פאראן עטוואָס אזוינס, וואָס עס איז אויסגעארבעט דורך זיין ביאָלאָגישער און סאָציאלער ירושה און וואָס ס׳גיט אים זיין כאראקטער, זיין גאנג אין לעבן, זיין האנדלען־וואנדלען אין די באדינגונגען וואָס זענען סוף כל סוף די זעלביקע פאר אלע אינדיווידן פון זיין סביבה און צייט. זאָל דאָס הייסן „אָפּערצעפּטיווע

מאסע", „גייסטיקער פּרצוף", „איך" — אַלץ איינס, אָבער אָט דאָס איז עס וואָס מיר מיינען דאָ. דאָס איז נישט דער קולטור פאַרמעג, דער באַגאַזש וויסן אאַז"וו. דאָס איז דער מענטש גופא אין זיין סביבה, זיין רעאַגירן און זיין ווירקן. גענומען קאָלעקטיוו — איז דאָס טראַדיציע.

טראַכטן מיר זיך טיפער אַריין אין מהות פונם באַגריף, וואָס ער און בלויז ער איז דער טרעגער פון יידישער אייביקייט, פון „טראַדיציע" דעמאָלסט איז אונדז גאָרנישט שווער פעסטצושטעלן, אַז אייגנטלעך האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ סינאָנים פון „פאָלקסטימלעכקייט". דער באַגריף איז ביי אונדז אַ נייער, אַריינגעפירט, דאַכט זיך, דורך פּרצן („פאָלקסטימלעכע געשיכטן") אָבער זיין אינהאַלט איז אונדז לגמרי נישט ניי. מען האָט עס בלויז נישט אָנגערופן. מיט דעם וואָרט „פאָלקסטימלעכקייט" באַצייכענען מיר דאָס אין אונדז און אין אונדזער אויפפיר, וואָס עס איז נישט אָפּהענגיק פון אונדזער אידעאָלאָגישן באַוווסטזיין, נאָר פון דעם קאָלעקטיוון אונטערבאַוווסטזיין, קאָלעקטיווע רגילותן. פאָלקסטימלעכקייט איז נישט אין דעם אויסגעלערנטן און נישט אין איינגעלערנטן נאָר אין דעם עצם מהות אונדזערן. דאָס איז טעמפּעראַמענט, סאָציאַל־דערוואָרבענע געוווינהייטן, נייגונגען, און מיינונגען דאָס אַלץ וואָס עס טוט זיך אַליין, פון זיך, און דער עיקר ווי עס טוט זיך אַליין, פון זיך. פאָלקסטימלעכקייט און טראַדיציע זענען בכל אופן זייער קרובישע באַגריפן. און אין דער יידישער געשיכטע איז פאַראַן בלויז איין יסוד פון אייביקייט. דאָס איז די פאָלקסטימלעכע טראַדיציע אין לעבן. יעטווידער דור און יעטווידער סביבה, ווו עס איז געווען, ווו עס איז דאָ אַזאַ טראַדיציע, לעבט און לאָזט איבער יידיש לעבן נאָך זיך. ווו זי פעלט אָבער, דאָרט איז אומקום, אַלץ איינס צי דער אומקום קומט אין פאָרם פון אַסימילאַציע, אין פאָרם פון פאַרגליווערטער קאָנסערוואַציע, ריכטיקער — די צוויי פאָרמען פון אונטערגאַנג גייען צוזאַמען אין יידישע קיבוצים אָן טראַדיציע.

און אָט די לעבנס טראַדיציע אונדזערע, זי איז באמת באַשיידן, זי שאַפט נישט קיין טעאָריעס, זי האָט נישט (צום באַדויערן) קיין פּאַרטייען, קיין חסידים, אָבער זי פירט זיך איר געשיכטע, אירע חשבונות, לויט איר אייגענער היסטאָריאָזאָפיע שאַצט זי אָפּ באַוועגונגען און

טואונגען. זי לאָזט זיך נישט פאַרפירן דורך אונדזערע קלוגע און גע־בילדעטע „פוצער" פון יידישקייט און מוסר־זאָגן. זי גייט זיך כסדר פאַנאַנדער מיט אונדזערע אָפיציעלע קולטור־טוער און געשיכטע־שרייבער. זיי זאָגן „מלכי חסד" און זי — „גזרות רעות", זיי זאָגן „אָט איז יידישקייט", „אלה אלוהיך" און זי —„ימה שמו", „שקץ תשקצנו". און ביז איצט איז זי תמיד געווען גערעכט און איר משפט גערעכט. די יידישע פאָלקסטימלעכע טראַדיציע דאָס איז באמת, אָט דאָס שוויי־געוודיס, נאָמענלאָז הייליק שניידערל פון „קידוש השם", וואָס באַגלייט דעם פשוטן יידן אין בית המדרש און ביים פריץ וואָס פאַרהאַנדלט אין די שווערסטע צייטן דעם יידן א ביסעלע ביטחון, וואָס לאָזט פאַר־ברענען בתי מדרשים ווייל נישט אין זיי, אין שטיין און האָלץ איז יידישקייט, — וואָס פירט אים דורך בית־עולם אויף קידוש השם. איז וועך איז זי, אָט די טראַדיציע? ווי גייען אירע וועגן און ווען און ווו און דורך וועמען זענען אָט די וועגן אויסגעטראָטן געוואָרן?

עס איז פשוט א מורא אָנצוהויבן, ווייל באמת „אין לו גוף ואין לו דמות הגוף". פון תמיד אָן אויסגעמיטן אָנצובינדן זיך צו איין באַ־שטימטן אינהאַלטן, צו באַשטימטע פאָרמעס, תמיד מיט עקשנות גע־קעמפט און באַקעמפט יעטווידער פרווו צו פיקסירן יידישקייט און איינשטעלן זי. קיינע פאַרקערפּערטע הייליקייטן: „לא תעשה לך כל פסל", „און קיין מענטש ווייסט נישט זיין קבר (משהס ביז אויף היינטיקן טאָג" (חומש, יהואש) און ווייסט נישט — ווייל נישט גע־וואָלט וויסן, עס זענען נישט נויטיק קיין הייליקע קברים. דען עס איז דאָך לגמרי נישט שווער יאָ צו וויסן, צו געפינען קברים און זיי צו פאַרהייליקטן. אָט „ווייסן" דאָך אַנדערע יאָ משהס קבר און פראַוועט דאָרטן יום־טובים, יאָרצייטן. די יידישע טראַדיציע האָט זיך באַמיט דאָס אויסצומיידן. קיין קולט פון פערזאָנען, קיין זאַך וואָס מוז אָנגע־נומען ווערן פיקסירטערהייט אפילו די ספר תורה אליין אויך נישט, אויף וויפל זי איז פיקסירט און קען ווייטער נישט געקנאָטן ווערן. האָבן שוין די ערשטע שעפער פון דער טראַדיציע־יידישקייט, די תלמודיסטן פאַרשטאַנען צו זאָגן, אז אָפטיילן יידן פון אומות העולם (אייגנטלעך נישט לאָזן זיי אומקומען) דאָס טוט די תורה שבעל פה אָבער נישט די

פאַרשריבענע און קאַנאַניזירטע תורה. יידישקייט איז נישט קיין פיקסירטע פאָרמולע, גאָט אַליין, דער אַלטער טראַדיציאָנעלער יידישער גאָט איז נישט בלויז נישט פאַרקערפּערט אין עפּעס ממשותדיקס, ער איז אפילו אָן א נאָמען, זיין מהות איז נישט פאָרמולירט און טאָר נישט פאָרמולירט ווערן. קיינע מאַטעריעלע אָביעקטן. יידישקייט זאָל זיין א פּראָצעס אין כסדרדיקן ווערן אָבער קיינע „אומבאַוועגלעכע גיטער", קיינע פאַרהייליקטע זאַכן, פעטישן. נישט די תורה איז הייליק נאָר דאָס לערנען די תורה „ותלמוד תורה כנגד כולם." און אז עס איז נייטיק איז „עת לעשות לד' הפירו תורתך". די עצם טעקסטן זענען נישט אזוי וויכטיק ווי עס איז וויכטיק דער פּראָצעס פון זייער לערנען. יידן האַלטן זיך נישט ווייל זיי האָבן דעם ספר התורה, נאָר ווייל זיי לערנען תורה: „כל זמן שהקול קול יעקב, כל זמן די תינוקות של בית־רבן לערנען, וועלן די ידים ידי עשו נישט האָבן קיין שליטה", ד"ה כל זמן עס ווערט געלערנט תורה איז נישטאָ קיין סכנה פאַרן קיום היהדות. דאָס ל ע ר נ ע ן, אָבער נישט דער גוף, אזוי צו זאָגן, פון דער תורה, די פּערזאָנען פון דער תורה, זיי זענען נישט וויכטיק, אויך זיי קענען נישט העלפן צו בויען נייע תורות.

דער שפּעטערדיקער קולט פון קברים אין א"י און אויך אנדערשוווּ איז א פרעמדער עלעמענט וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט אריינגעפלאָכטן אָרגאַניש אין יידישקייט. און ווען די קבלה האָט זייער האַמעטנע זיך באַמיט צו פאַרקערפּערן גאָט, האָט די טראַדיציע דאָס באַקעמפט. און אויף וויפל דער קבלה איז יאָ געלונגען אריינצודרינגען אין יידישקייט האָט זי מיט איר גשמיותדיקער סימבאָליק שטאַרק געהאָלפן די אומקום באַוועגונגען פון שבתי־צבי און זיינע נאָכגייער.

דאָס „קראַנק יינגל" ביי פּרצן פרעגט, פאַרוואָס איז די שול מיאוּסער פון קלויסטער. אָבער עס איז ריכטיק אזוי לויט דער יידישער טראַדיציע, ווענט קענען אומקומען, פאַרברענט ווערן, צעשטערט ווערן — נישט אין זיי איז יידישקייט. עס האָט זיך דער יידישער טראַדיציע איינגעגעבן אָפּצורייסן יידישקייט פון דער שטיינערנער פאַרקערפּערונג, פון בית המקדש. און דאָס איז געווען דער ערשטער טריט פון יידישקייט אין אייביקייט אריין.

ובכן — דער ערשטער און וויכטיקסטער פּרינציפּ פון דער יידישער טראַדיציע איז א נעגאַטיווער:

א) לא תעשה לך כל פסל, פאַרבינד נישט דעם מהות פון יידישקייט מיט קיין קערפּערלעכער פאַרפּיקסירונג. אלץ אין יידישקייט מוז בלייבן פליסיק, שטראָמיק, פאַרענדערלעך אויף דעם לויפּבאַנד פון געשיכטע, אלץ אין יידישקייט מוז זיין פּעאיק אויף „פּושט צורה ולובש צורה". נישט מלוכה, נישט לאַנד, נישט אָרט, נישט טעמפּלען און בתי מקדשים, נישט בערג און פעלזן, נישט הייליקע נביאים, אבות, קברים, צדיקים, קדושים! אויך נישט די הייליקע ספרים פון דער תורה, די פּאַרמעט, די אותיות, די ווערטער אויב מען קען אויף זיי נישט דרשנען קיין תלי תלים פון נייע תורות. אפילו גאָט אליין בכבודו ובעצמו האָט זיך געמוזט מטריח זיין און גיין מיט זיין פאָלק אין גלות, און ער כביכול, אליין מיט זיין גאַנצער פּמליא של מעלה האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו דער כסדרדיקער פאַרענדערונג פון איבערנעמען און איבערגעבן פון דור צו דור, פון סביבה צו סביבה. ער האָט געמוזט (און מוז ווייטער) בייטן פון מאָל צו מאָל זיין כאַראַקטער זיין אויסזען, זיין מהות.

דער אלטער „אל קנא ונוקם" האָט זיך אוועקגעזעצט צוזאַמען מיט זיין פאָלק פּראַווען חצות און קלאָגן אויף גלות השכינה. דער איינציקער מלך וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אַרויסוואַרפן אין מיסט קאַסטן פון פאַרגעסנהייט, דוד, האָט זיך געמוזט אָנטאָן א שבתדיקע קאַפּאָטע און זיך אוועקזעצן זאָגן תהילים אין אלע יידישע שטעט און שטעטלעך. שלמה המלך מוז ווערן א בעל תשובה און זיך שלאָגן „על חטא" אויף דעם הבל הבלימדיקייט פון זיינע גרויס־מלוכישע עברות און דער פייערדיקער אליהו־הנביא, דער ערשטער פאַרגייער פון די פּרושים האָט זיך געערן און ווילק גענומען איבערוואַנדלען אין דעם אלטישקן „עלינאַווע". וואָרעם ווען נישט — וואָלטן זיי אויך געמוזט פאַרגעסן ווערן. ווייל אלץ וואָס קען נישט מיטגיין מיט דער טראַדיציע מוז אומקומען פון פאָלקס־זכרון.

אָט דער אהיסטאָרישער צוגאַנג, דאָס האַלטן די גאַנצע קולטור־ירושה און אלע קולטור־העלדן אין א פּלאַסטישן צושטאַנד, גרייט צום קנעטן תמיד, גרייט צו טראַנספאָרמירונג, גרייט אָנצונעמען אלע מאָל

אנדערע און נייע געשטאַלטן, אנדערע און נייע אויפגאַבעס אין לעבן — אָט דאָס איז איינער פון די יסודות און איינער פון די סודות פון דער יידישער אייביקייט. נישטאָ קיין היסטאָריע און קיין „היסטאָרי־שער אמת". דער גאַנצער עבר פון פאָלק איז נישט קיין אָביעקט פאַר א היסטאָרישן מוזעאום, צו היטן קברים, — הייליקע, טייערע, אָבער דאָך קברים. וואָס וואָלטן דעם יידן אין זיין לעבן, דעם יידישן פאָלק אין זיין כסדרדיקן ברענען און נישט פאַרברענט ווערן געקענט געבן אזוינע הייליקע קברים פון אמאָל, געוועזענע גבורים, אבות, נביאים, אאז"וו? נאָך שווערער וואָלט געווען דעם „אייביקן יידן" צו שפּאַנען איבער ציַיטן און לענדער מיט אזא הייליקן און היסטאָריש־אויסגע־סדרטן באַלאַסט. האָט די יידישע טראַדיציע קיינמאָל איר עבר נישט היסטאָריזירט נאָר תמיד זיך באַמיט אים צו מאַכן פאַר א שותף אין לעבן. וואָס קען געבן דער פּראַקטיק, קינסטלעריש אויסגעפורעמטער אין תנ"ך אליהו הנביא? מיט וואָס קען ער העלפן דעם יידן פון אלע דורות צו לעבן? אָבער דער אליהו פון דער טראַדיציע, דער „זכור לטוב", דער כסדרדיקער באַגלייטער פון יידן פון ברית ביזן טויט, דאָס „הייליקע שניידערל", דער „אלטער בעטלער" („גולם"). דאָס איז דאָך געוואָרן א פּסיכאָלאָגיש מאָראַלישער כוח צום לעבן. אזא אליהו איז דאָך פיל מערער ווי א „געשיכטלעכער העלד *). נישט דער ייד האָט געדאַרפט טראָגן זיין געשיכטע, נאָר די טראַנספאָרמירטע „געשיכטע" האָט כסדר דעם יידן געטראָגן, געהאָלפן אים לעבן און דורכטראָגן זיין לעבן דורך פייער און פיין פון אלע דורות פון אלע וועלטן. א קאַפּיטל תהילים אָן פּרוש המילים, מיט גרייזן איז געווען א לעבנס־כוח. דער גאַנצער תנ"ך ראַציאָנעל געלערנט מיט דער גאַנצער ביבל־קריטיק איז

---

*) אזוי כאַראַקטעריסטיש: פאַרוואָס דווקא אים האָט די יידי־שע טראַדיציע אויסגעקליבן פון אלע נביאים, אים און ירמיהו זיי זאָלן ווערן באַגלייטער פון יידישקייט? ווייל די צוויי נביאים האָבן באמת געפירט יידישקייט אין דער ריכטונג. זיי זענען די ערשטע שעפער פון דער טראַדיציע ביי יידן.

א וויסנשאפטלעכער באלאסט, וואָס גיט דעם לערנער אויסער מאַטע־ריאל צום פארגעסן — גאָרנישט שבגאָרנישט.

פון די משבילים אָן זענען מיר געוווינט אָפּצולאכן אז א לאדע רב, קלאָר אין ש"ס און פוסקים, קען מיינען, אז ר' יוחנן בן זכאי, רבי עקיבא און ר' יהודה הנשיא, לאָמיר זאָגן, האָבן געלעבט אין איין צייט. נאָך מער, זיי זענען פאר אים בכלל נישט קיין פערזאָנען. זיי זענען דאָך בלויז „תנאָים"־מיינונגען, ארויסזאָגונגען אין תלמוד. אין תוך אריין איז עם לגמרי נישט קיין „עמי ארצות". אז א לאדע גימנאזיסטל קאָן זיך אויסלערנען די „כראָנאָלאָגיעם" פון אלערליי קיסרים, וואָלט מען אין יידישע ישיבות דעם קונץ אויך געקאָנט. מען וואָלט געקאָנט, אָבער מען האָט עס נישט געוואָלט, נישט געדארפט. יידישקייט איז בשום אופן נישט אין איינהיטן אין זכרון הייליקע פערזאָנען, הייליקע קברים, נישט קיין הייליקע שטיינער און נישט קיין הייליקע ביינער. אָט אזוי האָט די פאָלקסטימלעכע טראדיציע, איינגעשטעלט דורך די פרושים, מבטל געמאכט יעטוועדער גשמיות אין יידישקייט כדי איינצוהיטן איר קיום.

אָט אזא איז געווען דער ערשטער און גרונטיקסטער פרינציפּ פון דער פרושישער יידישקייט, — „לא תעשה לך כל פסל" און אל תסתכל בקנקן, מעג דער קנקן זיין אפילו משה רבינו אליין.

דער צווייטער פרינציפּ איז שוין א פּאָזיטיווער:

ב) יידישקייט איז דאָס שטענדיקע און כסדרדיקע איבערגיסן, אי־בערפורעמען דעם אינהאלט פון נעכטן אין פורעמס פון הייגט. און יעטווידער הייגט נעמט די תורה שבעל פה פון די פריערדיקע דורות און פארוואנדלט זי אין א תורה שבכתב, בויט אויף דעם זיין ווייטער־דיקע תורה שבעל פה, כדי די שפּעטערדיקע דורות זאָלן פון דעם ווי־דער שאפן תורות שבכתב אאז"וו, אאז"וו. אָט דער כסדרדיקער „גלגול פון א ניגון" פון תורה שבכתב אין תורה שבעל פה און ווידער צוריק אין תורה שבכתב — אָט דאָס איז דער גאנג פון דער טראדיציאָנעלער יידישקייט. און די „תורה שבעל פה" איז יעטוועדער מאָל לכתחילה „אי אתה רשאי לאומרם בכתב", ד"ה זי טאָר נישט פיקסירט ווערן. מיט אמתער באוואגדערונג פאר דעם געזונטן חוש פון די שעפער פון

דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט לייען איך אזא אגדה: „...רבש"ע, זאָגט משה — גיב זיי די משנה בכתב" און ער באקומט אַן ענטפער: „טאָ וואָס וועט דאמאָלסט אונטערשיידן די יידן פון די אומות העולם?" ס'הייסט, אויב אויך די תורה שבעל פה זאָל זיין פון לכתחילה פאַר־פיקסירט, טאָ איז נישטאָ קיין יידישקייט. ווען מעג א תורה שבעל פה פארשריבן ווערן? פארפיקסירט ווערן? ווען אין פאָלקס לעבן וועבט זיך שוין א נייע תורה שבעל פה. אזוי איז געווען מיט דער קאנאָניזאציע פון דער תורה ביי די אנשי כנסת הגדולה, אזוי מיט דער משנה, מיט דער גמרא שפעטער, און אזוי ווייטער און ווייטער. אין אלטן בית מדרש מעג מען איינוואַרפן ווען ארום אים איז שוין אויסגעבויט א נייער. הייליק איז די תורה, אָבער נישט זי אליין, פאר זיך גופא, נאָר דווקא מיט די „חידושי תורה", מיט די „תלי תלים" וואָס וואקסן אַן אויף איר, מיט דעם „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש נתנה למשה מסיני" *).

עס איז נישט ריכטיק די אָנגענומענע מיינונג, אז אויף דער תורה שבכתב איז אָנגעוואַקסן די תורה שבעל פה, אז די צווייטע איז א פּראָדוקט פון דער ערשטער. בשום אופן נישט. תורה שבעל פה שאפט זיך אין יעטוועדער דור פון דעם לעבן גופא, אָבער זי מוז זיין צונויפגע־בונדן מיט דער תורה שבכתב. „מן התורה מנין?" ווי איז דאָס אָדער יענץ צו דרינגען פון דער תורה? אין דער אמתן איז טאקע „מנהג מבטל הלכה", אָבער אָט דאָס נייע מוז זיך קענען אָנבינדן אַן דעם אלטן. ווען נישט, איז דאָס א סימן אז עטוואָס איז פרעמד, נישט אָרגאניש און במילא שעדלעך, נישט אָנצונעמען. דער מקור פון דער תורה איז תמיד דאָס לעבן. דאָס איז דאָס האנדל־וואנדל, דאָס שטוביק לעבן, דער געמיט און דאָס פארברענגען, מאכלים, מנהגים, שמחה און טרויער, אויפפיר און שטייגער, דאָס איז אזוי צו זאָגן די „תורה שבחיים". פון

---

*) דער טייטש: אלץ, וואָס א געטרייער לערנער קען אמאָל מחדש זיין, איז שוין געגעבן געוואָרן פון פריער צו משהן אויפן בארג סיני, געמיינט: אזוי הייליק ווי אל דאָס פריערדיקע.

דאנען — די תורה שבעל פה און ערשט צולעצט — די תורה שבכתב. די שעפער און פאָרמירער פון דער טראדיציע־יידישקייט האָבן געלייגט זייער פיל אכט אויף איינצוהיטן די ספּעציפישקייט פון דער „תורה שבחיים”. פאר דעם איז ביסלעכווייז איינגעשטעלט געוואָרן א ספּעציע־לער טערמין „הלכה” (לכתחילה אויך „מסתורין”) פון וואָרט הלך אין זינען פון הלכות החיים, לעבנס־גאנג, לעבנס שטייגער, ווי מיר רופן עס איצט. מיט דער צייט, ווען אָט די לעבנסנאָרמעס און פאָרמעס זענען געוואָרן פיקסירט, פארגליווערטע געזעצן, חוקים, דינים, דאמאָלט ווען די תורה שבעל פה האָט שוין געהאלטן אין ווערן א תורה שבכתב, דאמאָלט האָט אויך „הלכה” פארלוירן איר בראשיתדיקן באטייט און איז געוואָרן ענלעך צום באגריף חוק, געזעץ. לכתחילה אָבער איז הלכה שטייגער און איז פאר פאָלקסטימלעכער יידישקייט דער מקור ראשון. און „כל הלכה שהיא רופפת בבית דין ואין אתה יודע מה טיבה — צא וראה היאך הציבור נוהג — ונהג. אָדער „הנח להם לישראל — אם אין נביאים הם — בני נביאים הם*)

אָט די הלכה, די אכטונג צום פאָלקסטימלעכן שטייגער ווי צום מקור פון דער תורה, פון דער קולטור פון אייביקן קיום, דאָ ליגט דער נאַ־ציאָנאלער פארדינסט פון די פרושים וואָס האָבן אויסגעמיטן אַלע אנ־דערע אטריבוטן און אוועקגעפירט יידישקייט אויף די רעלסן פון „הלכה” און אגדה” (שטייגער און ליטעראטור, בלע”ז) און בלויז אויף זיי, אָט די צוויי יסודות האָבן אויסגעהאלטן יידישקייט מער ווי אַלע מלוכות, דינאסטיעס, מיליטערישע גבורים, הייליקע ספרים, און אז”וו. דאָס האָט די הלכה דעם פארדינסט, פון איר וואקסט די אגדה פון דאַ־מאָלט ביז אונדזערע היינטיקע טוביה דעם מילכיקער און נאָך ווייטער. און דאָ ליגט אויך דער זינען פון תלמודישן שפּרוך: „מיום שחרב בית

*) דער טייטש: „יעטווידע הלכה, וואָס איז ספקדיק, און דער בית־דין ווייסט נישט ווי צו האנדלען — גיי און זע, ווי דער עולם איז זיך נוהג און טו אזוי”; אָדער: „לאָז זיי, די יידן, אויב זיי אליין זענען נישט קיין נביאים — זענען זיי דאָך קינדער פון נביאים”.

המקדש אין לו להקדוש ברוך הוא בעולמו אלא ד׳ אמות של הלכה״. און אומזיסט האָט ביאַליק דאָס אויפגענומען ווי איינגעשרומפּנקייט (דברים שבעל פּה א״ ק״ס). דער זינען איז דאָ, אַז דער יידישער גאָט, יידישקייט האַלט זיך אין שטייגער, נישט אין דער געשריבענער תורה.

אָט די הלכה אין שטענדיק ווערן, Instatu nascendi, — זי האָט איינגעהאַלטן יידישקייט און זי איז סוף כּל סוף אַ פּראָדוקט פון דער פּרושים־תורה, פון זייער צוגאַנג צו יידישקייט. נישט אומזיסט האָבן אַלע אונדזערע שונאים דרך ארץ פאַר יידישקייט, וואָס איז געווען ביז די פּרושים און אַלע האָבן זיי פיינט אונדז, לעבעדיקע יידן פון די פּרו־שים אָן. זיי זענען געראַכט. פון די פּרושים אָן הייבן זיך עס אָן די „היינטיקע״ יידן, אָט דער „אייביקער״ ייד וואָס זיי קענען פון אים נישט פּטור ווערן, נעבעך. און מיט זיי צוזאַמען זענען פאַראַן אויך גאַנץ היפּש יידישע אַנטיסעמיטן (אַפילו פון די נאַציאָנאַליסטן און בלומרשטע קול־טור־טוער) וואָס קאָנען עד היום נישט מוחל זיין די פּרושים זייער ווערק. יאָ, עס איז דאָ פאַרוואָס זיי פיינט צו האָבן! דאָס האָבן זיי מיט גע־וואַלדיקער גראַדליניקייט, אָן שום רחמנות אָפּגעוואָרפן פון דער דאָ־מאָלדיקער ליטעראַטור. אַליץ האָט עס האָט נישט געשטימט מיט זייער פאַלקסטימלעכער יידישקייט, אַליץ וואָס האָט אַ טענדענץ אָן אַנדערע. „כל המכנים לתוך ביתו יותר מכ״ד ספרים — מהומה הוא מכנים לביתו״. אַליץ מוז זיך צופּאַסן צו דער פאָלקסטימלעכער טראַדיציע — אַזוי האָבן געלערנט די פּרושים, דאָס האָבן זיי איינגעשטעלט די נאָר־מאַלע קולטור־צירקולאַציע, וואָס אויף איר איז געבויט דאָס קולטור־לעבן פון יעטווידער קיבוץ. דער יסוד, דער באַזיס און דער באָדן פאַר דעם גאַנצן קולטור לעבן איז דער שטייגער, דאָס באַוווסטזיניק און אומבאַוווסטזיניק לעבן פון המון, דאָס איינגעגטימלעכע אין אָט דעם לעבן, מנהגים, זיטן, געוווינהייטן, מיט איין וואָרט — הלכה.

— אָבער, ווערט דער באָדן נישט באַאַרבעט, נישט קולטיווירט, ווערט ער פאַרווילדט. ער מוז געאַקערט ווערן, עס מוז געקעמפט ווערן מיט פּרעמדע, זייטיקע ווילדגראָזן וואָס זענען תמיד עלול צו פאַרשמוצן דעם באָדן. עס מוז כסדר געזאָרגט ווערן פאַר בעסערע באַדינגונגען

צום וואַקסן. פון קולטור אַאַז"וו. דאָס איז די געזעלשאַפטלעכע אויפ־גאַבע פון קולטור־לעבן. דאָס איז די אויפגאַבע פון די קולטור־ און קונסט־טוער, וואָס זיי האָדעווען און פורעמען אויס אויף דעם קולטור באָדן קולטור־פּראָצעס, קולטור־ווערטן — קונסט, ליטעראַטור, וויסנ־שאַפט, געזעצן. דאָס איז די צווייטע מדרגה פון קולטור פּראָצעס.

און ערשט איצט, אויף דעם קומט דאָס פאַרזייען צוריק דעם קול־טור־באָדן מיט אָפּגעקליבענע קולטור־זאָמען, געריייניקטע און באַפרייטע פון אַלץ וואָס פּרעמד, וואָס מינדערווערטיק איז. דאָס איז די אויפגאַבע פון די קולטור פאַרשפּרייטערישע אָרגאַנען, — פאַרלאַגן, שולן, ביבליאָ־טעקן, טעאַטערן אַאַז"וו. און דערמיט דערגאַנצט זיך דער קרייזלויף פון קולטור לעבן, פון שטייגער צוריק אין שטייגער אַריין. די סכעמע פון אַט דעם נאַטירלעכן קרייזלויף איז אַזאַ: פאָלקסלעבנשטייגער — קונסט און וויסנשאַפטן — פאָלקס־דערציאונג־וועזן — פאָלקס־לעבנסשטייגער. איז דער קרייזלויף אין זיך גאַנץ אין אַלע זיינע טיילן, אָרגאַניש גאַנץ, נישט איבערגעבראָכן, דאַמאָלט איז דער קיום פון פאָלק געזיכערט און קיינע סכנות וועלן אים נישט אומברענגען. דעריבער האָבן די שעפער פון דער טראַדיציע ־ יידישקייט אַזוי פיל ענערגיע אַוועקגעלייגט אויף דעם שאַפן און איינשטעלן אַ שטייגער לעבן, אויס־צובויען די הלכה און אויף די „תינוקות של בית רבן" אויף די וויכ־טיקסטע עלעמענטן פון קולטור־קרייזלויף.

אַלע באַוועגונגען וואָס האָבן באַנקראָטירט ביי יידן, אַלע אַט די שטרעמונגען און באַוועגונגען האָבן אַלעמאָל זיך באַמיט איבערצורייסן, איבערהאַקן דעם נאָרמאַלן קולטור־קרייזלויף. אַלע האָבן זיי זיך באַמיט אַריינצוטראָגן אין פאָלקס־לעבן קולטור־עלעמענטן פרעמדע, אויס־געוואַקסענע אויף אַנדערע לעבנס־פעלדער. און פרעמדס איז געבליבן פרעמדס. עס האָט פאַרטויבט די אָרגאַנישע קולטור־וווקסן, און דאָס קולטור־לעבן איז אַלעמאָל פאַרוואַקסן געוואָרן מיט ווילדע קרייטעכער, מיט די האַמעטענע אומקולטורקייטן און זיי האָבן אַלע אָן אויסנאַם גע־פירט צו דעגענעראַציע — אומקום, צו אַסימילאַציע און פאַרווילדונג. די אייביקע טראַגעדיע וואָס דער נביא קלאָגט נאָך אויף איר „ויקו לע־שות ענבים — ויעש באושים" (ישעיהו ה'). אַלע אַט די באַוועגונגען

האָבן אָנגעהויבן מיט גוטע כוונות, אַלע האָבן זיי געוואָלט די „ענבים“ אָבער נישט ווילנדיק האָבן זיי אַלע געפירט צו די „באושים“, צו פאַר־ווילדונג, ווייל יעטווידער אָפּנייגונג פון טראַדיציע איז פאַרווילדונג.

די פּרושים אליין דערקלערן זייער „פילאָסאָפיע פון יידישקייט“ אויף זייער לאַקאָנישן שטייגער: „משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ויהושע — לזקנים, וזקנים — לנביאים ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה“ און אַט אין דער קייט פעלט אינגאַנצן אַזאַ עזרא הסופר, וואָס ער האָט דאָך אייגנטלעך רעדאַקטירט די תורה, ער האָט קאַנאָניזירט דעם חומש, לכל הפחות, און אים האָט מען נישט אריינגענומען אין דער קייט פון דער מסורה. און דאָס נישט חלילה ווייל מען האָט אים נישט דערשאַצט. ניין. „ראוי היה עזרא שתינתן תורה לישראל על ידו אלמלא קדמו משה“. (סנהדרין כ"א) וויכטיק איז ער אָן שום ספק, אָבער אין דער מסורה, אין דער קייט פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט גייען אריין בלויז די וואָס האָבן געפורעמט דאָס לעבן אָבער נישט די תורה. אָדער, לאַקאָניש ווערט עס געזאָגט נאָך קלערער: „בשביל שלושה דברים נגאלו אבותינו ממצרים: שלא שינו את שמם, שלא שינו את לשונם ולא גילו מסתורין שלהם“ (מסתורין — אייגנטימלעכקייט, שטייגער). אָט אַזוינע זענען זיי די אַטריבוטן פון דער פאַלקסטימלעך־טראַדיציאָנעלער יידישקייט:

א). שטייגער (מסתורין), ב). תורה שבעל פה און ג). תלמוד תורה, דער נאָרמאַלער קולטור־קרייזלויף וואָס פאַרבינדט יידישקייט פון דורות און אַלע תקופות. כאָטש (און דווקא דערפאַר!) וואָס די יידישקייט פון איין דור איז לגמרי נישט אידענטיש מיט דער יידישקייט פון אַ פריערדיקן דור. נישט די נביאישע יידישקייט איז אַ פּינקטלעכע קאָפּיע פון משהס, נישט די יידישקייט פון די אנשי כנסת הגדולה איז פונקט די זעלביקע וואָס פון די נביאים אאז"וו אאז"וו.

אָבער עס מאַכט נישט אויס: און „רבי עקיבא איז גלייך צו משה רבינו“ און „יפתח בדורו כשמואל בדורו“ און מיט דער זעלביקער רעכט זאָגן מיר ווייטער אַז שלום־עליכם בדורו נישט ווייניקער יידישקייט ווי ירמיהו בדורו אאז"וו.

און ווער עס זאָגט זיך אָפּ פון דער היינטיקער יידישקייט, ווער עס לייקנט אין דער היינטיקער „תורה שבעל פה״ — דער איז נישט בעסער פון די אמאָליקע לייקענער פון דער דאַלמאָלדיקער תורה שבעל פה. צדו־קים מאָדערנע זענען דאָס און זיי פירן אויף דעם זעלביקן וועג פון אומקום און טויט.

און זיי האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון דער בסדר גייער תורה שבעל פה. לערנען תורה שבכתב איז וויכטיק און נישט וויכטיק, משנה — וויכטיקער אָבער אַם וויכטיקסטן איז לערנען די גמרא״. אָדער — „גאָט האָט נישט געשלאָסן קיין בונד מיט יידן נאָר צוליב דער תורה שבעל פה״. און אַ סך אַזוינע ערטער. דער תלמוד און זיינע געטרייע נאָכגייער האָלטן כידוע ווייניק פון סינטעטישע טראַקטאַטן און זיי פּלעגן אויסדריקן זייערע געדאַנקען מיט אַן מימרא, אַ משל, אַ רמז און״וו. איינעם אַזאַ משל וויל איך דאָ ברענגען כדי צו ווייזן ווי קלאָר זיי האָבן באַגריפן די וויכטיקייט פון די נייע, אַנגעוואַקסענע תורות. דער משל איז געשאַפן געוואָרן טאַקע אין דער פּאָלעמיק מיט די צדוקים:

אַ מלך האָט אַמאָל געגעבן זיינע צוויי באַליבטע קנעכט מתנות צו טאָפּ ווייץ און צו בינטל פלאַקס. דער קלוגער קנעכט האָט פון ווייץ געמאַכט אַ גוטע חלה און פון דעם פלאַקס אַ פיינעם טישטוך. דער נאַ־רישער קנעכט אָבער האָט די מתנה געהיט ווי זי איז, ווי ער האָט זי באַקומען. אין אַ צייט אַרום איז דער מלך געקומען צו גאַסט צו זיינע קנעכט. האָט דער קלוגער אים געדעקט אַ טיש מיטן שיינעם טיש־טוך און געלייגט אויף אים די שיינע חלה. דער נאַרישער אָבער האָט אים באַוויזן די אָפּגעהיטע ווייץ און פלאַקס. האָט דער מלך געריימט דעם קלוגן און געלאַכט פון נאַר... אַזוי האָט אויך גאָט געגעבן די תורה ווי ווייץ צו מאַכן פון איר זעמל־מעל און ווי פלאַקס צום וועבן״.

ובכן: טראַדיציע — פאַרענדערלעכקייט, אַנוווקס, איבערשאַפונג, שטראָם. אָבער — בשום אופן נישט איבעררייסן, אָפּוואַרפן, אָפּזאָגן זיך פון קיין לעבעדיקע קולטור־שטייגערישע מנהגים אין פאָלק. אָט למשל, דערלויבט נישט רב האי גאון, אַז די יידן אין שפּאַניע זאָלן אויפ־הערן נוצן דעם אַראַמישן תרגום צי דער תורה (ש. אסף „מקורות

לתולדות התינוך" ב׳ יב׳) כאָטש מען האָט שוין קיין אראַמיש נישט גערעדט. „הנחת התרגום זה דרך מינות" — און „מינות" פאַרטייטשט ריכטיק אסף מיינט דאָ נישט סתם אפּיקורסות; נאָר קאַראימיזם. איבער־רייסן אַ לעבעדיקן מנהג — דאָס איז קאַראימישקייט, לאָזן אין יידישקייט בלויז דאָס פאַרגליווערטע, דאָס טויטע.

*   *
*

און עס שטעלט זיך אַ פראַגע: איז עס געווען ביי פּרושים אַ נבואה אַזאַ, עפּעס אַ מין וויטאַליסטישער כּוח אַזאַ? וואָס? ניין! מיר פאַרשפּאָרן די גאַנצע וויטאַליסטישע נאָמענקלאַטור, וואָס דערקלערט גאָרנישט. מיר דאַרפן אויך נישט אָנקומען צו מיסטישע, איבערנאַטירלעכע דערקלערונגען. מיר ווען דאַרפן דאָ בלויז פעסטשטעלן צוויי זאַכן: 1) קרובהשאַפט צווישן אינסטינקט און טראַדיציע, 2) דעם „געשיכטלעכן אָפּקלייב."

נישט אַריינגייענדיק אין דער פּלוגתא וועגן מהות פון אינסטינקטן קענען מיר אָננעמען, אַז דאָס איז דער ביאָלאָגישער אויפּפיר, וואָס גיט זיך איבער נישט געלערנטערהייט אויך פון דור צו דור. אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט ווערן די אינסטינקטן כסדר סובלימירט, פאַרקאָמפּליצירט און פאַרענדערט, אָבער דער אינסטינקטיווער יסוד פון אונדזערע האַנדלונגען בלייבט דאָך. אָט די פאַרקאָמפּליצירונג איז דער סאָציאַלער זיטן־אָנבוי אויף דעם ביאָלאָגישן יסוד. וואָס ווייניקער אינדיווידועלעס, ראַציאָנאַליסטישעס עס איז פאַראַן אין אונדזערע מעשים אַלץ מער כּללישעס איז דאָרט פאַראַן, אַלץ מער — פון אָט דעם סאָציאַלן אָנוווקס אויפן אינסטינקט. טראַדיציע איז בכן די געשטאַלט פון דעם סובלימירטן סטאַדע־אינסטינקט אין געגעבענעם קאָלעקטיוו. און ווי יעטווידער אינסטינקט, ווען ער איז געזונט, פאַרמאָגט אויך די געזונטע טראַדיציע אַ חוש צו דערשפּירן סכנה. „יוחנן וואַסערטרעגער" אָט דער פּרצעס סימבאָל פון פּראָסטן מענטשן, ער האָט אַ חוש הריח, וואָס דער „אורח חיים" פאַרמאָגט עס נישט. ער, דער געזונטער לעבנס

אינסטינקט טוט אויף מיט זיין האַק מער ווי דער גרויסער יחיד (באַטש א גרויסער אָבער דאָך א יחיד) מיט זיינע הייליקע כוונות.

דעריבער האָט די טראַדיציאָנעלע יידישקייט תמיד ריכטיקער אָפּגעשאַצט און ריכטיקער רעאַגירט אויף אַלערליי דערשיינונגען אין יידישן לעבן ווי די שכלדיקע, געבילדעטע, ראַציאָנאַליסטישע טעאָריעס־שעפער. זענען די „מורדי אור" פון פשוטן פאָלק געווען קליגער פאַר די משכילים און זייער באַציאונג צו די „מלכי חסד" פון צארישן רוסלאַנד. דעם אינסטינקט קען מען נישט אזוי אָפּנאַרן ווי דעם ראַציאָ.

שווער איז נאָר ביי אונדז היינט צו באַשטימען: ווו, ביי וועמען איז דער אינסטינקט געזונט און ווו, ביי וועמען איז ער אַטראָפּירט, דעגענערירט, איבערגעדרייט, אומנאָרמאַל (יאָ, ווי עס קען, למשל, זיין אומנאָרמאַל דער סעקסועלער אינסטינקט). שווער צו באַשטימען אזא קריטעריום. ווי א השערה וועל איך פּרווון אָננעמען אזא קריטעריום, און מיר דאַכט זיך אז ער איז ריכטיק: — ביי יעטווידער יידן מיט א געזונטער אינסטינקטיווער טראַדיציע איז נישטאָ קיין... שנאה צו יידן און צו זיך ווי א יידן. אזא ייד פילט זיך היימיש צווישן פשוטע יידן און טוט זיי נישט קיין טובות מיט זיין זיין צווישן זיי. ער באַמיט זיך נישט זיי צו באַגליקן מיט זיין „אַראָפּנידערן" צום פשוטן יידן פון זיין הויכער הייך.

מיר דוכט זיך, אז מיט דעם קריטעריום וועלן מיר נישט מאַכן קיין טעות, אויב מיר וועלן זייער פיל פון אונדזערע גרויסע לייט, שרייבער, דיכטער, נאַציאָנאַלע קעמפער און נאַציאָנאַלע טעאָריע־שעפער פּסלען, ווייל דאָס אלץ איז ביי זיי אַרויס נישט פון געזונטער יידישער אינסטינקטיווער טראַדיציע נאָר פון א קראַנקהאַפטן קאָמפּלעקס *). דער קריטעריום וועט אונדז צונוץ קומען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך. און דערווייל וועלן מיר אויפקלערן דעם צווייטן פּרינציפּ דעם געשיכטלעכן אָפּקלייב. אַט דער אָפּקלייב, איז נישט ווייניקער רעאַל ווי אנדערע מינים אין דער ביאָלאָגישער וועלט. אמת, ער עקזיסטירט נישט פאַר אַלעמען גלייך.

---

*) זע אויך יחזקאל קויפמן: „חורבן הנפש" אין „בחבלי הזמן".

אמשארפסטן איז ער אנגעווענדעט דארטן ווו דער קאמף פאר קיום איז שטארקער, דארטן איז אויך דער נאטירלעכער אפקלייב פולקומער. און וועמען איז נאך געווען אזוי שווער דער קאמף פארן קיום ווי די יידן ווי אזוינע? דעריבער איז דא אויך דער געשיכטלעכער אפקלייב געווען שארפער, בולטער און גרונטיקער. יעטווידער אפנייג, יעטווידער פאלשער טריט האט אן רחמנות געפירט צום הורבן פון גרויסע שיכטן יידן און יידישקייט. געבליבן איז אין יעטווידער דור בלויז דאס וואס האט פארמאגט דאס וויכטיקסטע און נייטיקסטע איינצוהאלטן דעם קיום. יעטווידער עלעמענט, וואס פאר זיך אליין קען ער זיין זייער שיין אבער ער איז נישט מסוגל צו פורעמען דעם יידישן מענטשן אין דער ריכ־טונג פון דער כסדר־וואקסנדיקער „הלכה" (אין אונדזער זינען, פאר־שטייט זיך), יעטווידער עלעמענט אזא איז געווען בלויז באלאסט, בלויז געשטערט ווי קראנקהאפטע אנוווקסן. און פון אלע דורות זענען געבליבן די יידישע קיבוצים, וואס האבן פון זייער אייגנטלעכער „הלכה" כסדר געשפונען ווייטער און ווייטער זייער „אגדה" (ליטעראַ־טור) וואס טרוימט, דענקט, לײדט, און האפט, טרויערט און פרייט זיך אין דער כסדר זיך וועבנדיקער תורה שבעל פה — די נשמה פון זייער לעבן. „ירמיהו", „איוב" און „טוביה דער מילכיקער" זענען גלייכווערטיקע שטאפן פון דער יידישער תורה (קולטור בלע"ז). דער בארג סיני, ירושלים, יבנה, סורא און פומבדיתא, מנגצא און ווארמייזע און ווילנע און קאסרילעווקע און נאך ווייטער און ווייטער — דאס זענען בלויז סטאנציעס אויפן וועג פון יידישקייט. אט אזוי האבן זי אויסגעפורעמט די פרושים.

דא דארפן מיר אויך זוכן א קריטעריום אפצושאצן אמתע יידישע „תורה" און וואס פון אונדזערע איצטיקע „ספרים", „תורות" מען דארף דן זיין לגניזה ווייל עס קען נישט און טאר נישט אריינגיין אין סכום פון די ווייטערדיקע „כתבי הקודש" פון דער שטענדיק וואקסנדיקער יידישקייט. דער סימן איז פאר אונדז א קלארער: אלץ וואס בינדט זיך אן ארגאניש אן דער „תורה שבעל פה" פון געגעבענעם דור, אלץ, יעט־ווידער קולטור־שאפונג וואס איז ארגאניש אויסגעוואקסן אויפן באדן פון פאלקס לעבן און שטייגער. עס מוז אבער אויך זיין קענטיק, דער

„מן התורה מנין" ד"ה אין יעטווידער קולטור שאפונג דארף מען שפירן דעם ריח פון פריערדיקע דורות קולטור. עס מוז האָבן אין זיך דעם עכאָ פון דער תורה. דער שעפער פון קולטור פּראָדוקט האָט געמוזט זיין שאפונג קנעטן פון לעבן און אָט דאָס לעבן האָט געמוזט אין זיך אסימילירן די פארגאנגענע קולטור. קרייזלויף פון קולטור! איז פאראן א ספר, א קולטור־שאפונג וואָס פארמאָגט עס נישט, איז ער פרעמד, נישט אָרגאניש, און מוז גיין צו די „ספרים חיצונים" פון אונזער קולטור, מעג ער זיין נאציאָנאל און נאציאָנאליסטיש ווי די ספרי החשמונאים אליין.

אזוי בכלל און אזוי בפרט. וואָס וואלט געוואָרן פון א שלום־יעקב אבראמאָוויטש ווען ער בלייט אָפּגעריסן פון זיין „ר' יודלען", ווען ער בלייבט זיך האלטן ביים גאנג פון „תולדות הטבע" און „האבות והבנים"? וואָלט ער אפשר געקענט האָבן לכתחילה א אילוזיע אז ער „שאפט קולטור" מיט זיין „לופטבאלאָן" ווי מיט זיין קאזיאנער לערערײַ אָבער מער ווי ארכיוו מאטעריאל וואָלט עס דאָך נישט געווען. און וואָס וואָלט געוועזן פון א שלום ראבינאָוויטש ווען ער בלייבט חלילה א קאזיאנער ראבינער מיט משכילישע קאָרעספּאָנדענטן אין „המליץ"? און דווקא אָט די צוויי זענען דאָך געוואָרן אָט די רייפן וואָס פארבינדן יידישע שבטים איבער ימים און לענדער, אין רוסלאנד און אמעריקע, אין פוילן און ארץ־ישראל. ד"ה אייגנטלעך זיי זענען געוואָרן יסודות פון יידישקייט, תורה. און מיט וועמעס כוח? — מיט דעם כוח פון דער פאָלקס־טראדיציע וואָס זיי האָבן אין קולטור־ווערטן איבערגעשמידט.

און וואָס איז באמת געוואָרן פון דעם זייער און זייער פּעאיקן שרייבער און שילדערער לעוו אָסיפּאָוויטש לעוואנדע? ווער געדענקט אים? ווו זענען זיינע שפורן ביי אונדז? און ער איז דאָך געוואָרן א נאציאָנאלער בעל תשובה (א חובב ציון — יהודה לייב לעוואנדע) און ער איז דאָך געווען פּעאיק, פרוכטבאר און איינגעטונקט אין יידישן לעבן. טאָ פאר וואָס?

בלויז דערפאר, וואָס ער האָט נישט זוכה געווען א בריקע צו טאָן זיין רוסיפיקאטאָריש־משכילישן געץ און זיך אומקערן צוריק צו בויען

זיין שאַפונג פון ציגל, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין קאַבצאַנסק, אין קאַסרילעווקע, אין זיין אייגענער היים — אין שניפּישאָק ביי ווילנע. און אַז ער האָט זיך אומגעקערט, תשובה געטאָן, איז עס געווען נישט די ריכטיקע תשובה. נישט אהיים צו דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט האָט ער זיך אומגעקערט, נייערט ער האָט געפונען אַן אַנדער וועג וווהין צו אַנטלויפן פון איר. חיבת ציון איז געווען פאַר אים נישט דער וועג צו דער היימישער טראַדיציאָנעלער יידישקייט און קולטור אַריין, נאָר אַ וועג צו אַנטלויפן פון איר, ווען אַסימילירן זיך קען מען נישט. אידעאָלאָגיעס נאַציאָנאַלע קען מען אין אַזאַ שטימונג שאַפן, אָבער נישט קיין נאַציאָנאַלע קולטור און דער רים אין נשמה איז געבליבן און ער האָט דערפירט לעוואַנדאַן צו שטאַרבן אין אַ משוגעים אַנשטאַלט.

און נישט די שפּראַך איז דאָ דער באַשטימענדיקער פאַקטאָר (לעוואַנדאַ האָט געשריבן רוסיש). דער תלמוד איז געבליבן אין אַראַמיש, בן סירא, חשמונאים און אַן אַ שיעור אַנדערע ספרים זענען פאַרלאָרן געגאַנגען אין העברעאיש. אויך אין דער נייער ליטעראַטור האָבן מיר שוין איצט „פאַרגעסענע" שרייבער אין יידיש און העברעאיש. פאַראַן אַזוינע גרויסע, באַרימטע שרייבער (איך וויל נישט אָנרופן זייערע נעמען), וואָס האַלטן זיך בגוואַלט. מען מאַכט זיי יאָרצייטן, מען יובלט זיי, אָבער אין תוך אַריין איז זייער ליטעראַטור שוין פאַרגעסן, אַרויס פון פאָלקסלעבן, אָדער גאָרנישט זוכה געווען אַריינצוגיין אַהין.

"...היהדות והאנשויות (יידישקייט און מענטשלעכקייט) האָט שוין געדינט פאַר אַ טעמע פאַר אַ יידישן געלערנטן. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. לויט מיר איז יידישקייט דורך און דורך מענטשלעך, און פאַרקערט, איז דאָס מענטשלעכע גאָרנישט קעגנגעשטעלט דער „יהדות". יידישקייט איז בלויז איינע פון די פאָרמעס פון מענטשלעכקייט און דאָ אין די שורות וויל איך פּרובירן דערקלערן, געפינען די מקורים פון אָט דער יידישער אייגנטימלעכקייט.

איינער פון די ערשטע, בולטסטע שטריכן אין דער יידישער טראַדיציאָנעלער קולטור איז דאָס אויספעלן פון פּאַרטיקע, פאַרענדיקטע און בריים פאַנאַנדערגעבויטע קולטור קאָנסטרוקציעס. נישטאָ קיין ראָמאַן, נישטאָ קיין סימפאָניעס, קיין ברייט־צעצווייגטע אַנדערע קונסט־ און

קולטור־ווערק. אַט דאָס אויספעלן דריקט אַזוי שטאַרק אַ סך יידישע נאַציאָנאַליסטן. היות זיי קוקן תמיד אויף דעם יידן דורך פרעמדע גע־ליענע ברילן; היות זיי מעסטן תמיד יעדער קולטור ענין מיט אַ פרעמ־דער געבאָרגטער מאָס, — דערפאַר קוקט בײַ זיי דאָס יידישע אַזוי נישׁ־טיק, אָרעם.

„בײַ אונדז — זאָגט מיר אַנומלט אַ באַקאַנטער קולטור־טוער — בײַ אונדזער אָרעמקייט איז שלום עליכם אַ גרויסער שרײַבער, אָבער בײַ די אומות העולם... וואָס? אַ דאָסטאָיעווסקי איז ער?"...

— אָבער לויט אונדזער באַגרײַפן די יידישע טראַדיציע איז דער ענין פשוט פאַרשטענדלעך: אַלץ אין יידישקייט האָט זיך תמיד געדאַרפט געפונען, אין „סטאַטו נאַסצענדי", אין כסדרדיקן ווערן. טאָ ווו איז דאָס אָרט פאַר פונדאַמענטאַלער בויאונג? אפילו פילאָזאָפישע טראַקטאַטן האָבן זיך גענומען באַווײַזן שפּעטער און אונטער פרעמדע השפעות, און די געשאַפענע האָבן קיין גרויס אָנזען נישט געהאַט בײַ דער טראַ־דיציע. נישט נאָר גרויסע חלקים פון תנ"ך האָט די טראַדיציע באַזײַ־טיקט, זי האָט עס אויך געטאָן בנוגע צו דער גמרא. געווען אַ סך טראַק־טאַטן וועגן נאַטור, וועגן באָטאַניק, אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק אָבער דאָס אַלץ איז נישט אָפּגעהיט געוואָרן. ווײַל די פרושישע יידישקייט האָט בכלל נישט געהיט קיין סתם קולטור־אוצרות. דאָס „יידיש דענ־קען" איז געווען תמיד קאָנצענטרירט אויף אײַנצוהאַלטן דעם קיום פון פאָלק, אַט דאָס דענקען איז בכן געווען סוביעקטיוו, נאַציאָנאַל סוביעק־טיוו. דעריבער פעלן „אָביעקטיווע" וויסנשאַפטן. די גאַנצע ענערגיע אויפן פראַנט אײַנצוהאַלטן דאָס פּליסיקע אַנאַטריבוטיקע יידישקייט.

די שפּעטער צוגעקומענע גרויסע פילאָזאָפישע ווערק, ווי דער „מורה נבוכים", דער „כוזרי", דער „חובת הלבבות" זענען אויך נישט קיין סתם פילאָסאָפיע נאָר רעליגיעז־פילאָסאָפישע. דער „כתר מלכות" פון ר' שלמה בן גבירול, וואָס נעמט אַרום כמעט די גאַנצע וויסנשאַפט פון זײַן דור, ווערט נאָר אַ שטיק פּאָעזיע, אַ אידעע, אַ נײַע פאַרגרעסערטע פאַרברייטערטע אויפלאַגע פון דעם אַמאָליקן, פרימיטיוון „ברכי נפשי". דענקען „אָביעקטיוו", אײַנגאַנצן אומאָפּהענגיק פון דעם פּראָבלעם „יידישקייט" — דאָס איז געווען אוממעגלעך, ווו האָבן יידן געהאַט

דערצו דעם „רואיקן קאָפּ״? אַזוינע קאַלטע, אָביעקטיווע און אָפּגעריסענע איינגאַנצן פון יידישקייט — פּראָבלעמעס, געדאַנקען פּאָרמעס באַנגענען מיר ביי יידן ערשט אין דער נייסטער צייט, אויב נישט רעכענען שפּינאָזען וואָס איז דאָך געווען לכל הדעות א יוצא דופן.

דערמיט איז אויך צו דערקלערן דעם פאַקט, וואָס דער אַזויגערופענער „וויסנשאַפטלעכער מעטאָד פון דענקען איז לגמרי נישט היימיש פאַר דעם יידן, איבערהויפּט פאַר דעם טראַדיציאָנעלן „מאַנאַליטישן״, אַזוי צו זאָגן, יידן. דער וויסנשאַפטלעכער מעטאָד עקזיסטירט אין אייראָפּע פון די פאַרצייטיקע גריכן אָן, פון סאָקראַטן און איבערהויפּט פון אַריסטאָטלען, עווקלידן א״א. אין לאַנגן מיטלאַלטער קומט א גרויסע הפסקה. דער מעטאָד קומט אויף צוריק אין דער נייער צייט ביי פּרענסים בעקאָן, דעקאַרט, לאָק ווי אין פילאָסאָפישע סיסטעמעס און ביי די שפּעטער פון נאַטורוויסנשאַפטן ווי פּראַקטישע מעטאָדן. אָט דער קאַלטער אַנאַליז און שפּעטערדיקע אינדוקציע, — דאָס אַלץ האָט, דאַכט זיך, ביז היינט זיך נישט איינגעבירגערט ביי אונדז. ביי א טראַדיציאָנעלן יידן וואָלט אַזא מין „קאָגיטאָ — ערגאָ סום״ (איך ספק, בכן —עקזיסטיר איך) ווייניק וואָס געקענט באַווייזן. ראַציאָנאַליסטישע מעטאָדן זענען צו שוואַך געווען (זענען איצט אויך שוואַך) איינצוהאַלטן יידישקייט, וואָס דער „געשיכטלעכער אָפּקלייב״ האָט איר כסדר געריסן, געצופּט פון אַלע זייטן. ביי יידן איז די איבערצייגונג פון תמיד אָן געווען נישט קיין סינטעטישע נאָר א סינקרעטישע, נישט קיין צעגלידערטער אמת צונויפגעשטעלט פון איינציקע עלעמענטן נייערט א גלאָבאַלער אמת. „טראַכט נישט מה למעלה, מה למטה, מה לפנים ומה לאחור״. יידן האָבן זיך כסדר געגוויטיקט אין א „חיזוק אמונה״. און דער וויסנשאַפטלעכער מעטאָד איז ווייט דערצו נישט צוגעפּאַסט. ווידער אַמאָל האָבן מיר פאַר זיך רעזולטאַטן פון דעם געשיכטלעכן אָפּקלייב. יעטווידער ייד, וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דענקען, אין ספקות, — יעטווידער ייד אַזא האָט זיך געפונען אין סכנה צו פאַרלירן יעטווידן אָנהאַלט אין לעבן. אָט דערפאַר טאַקע האָט די טראַדיציאָנעלע יידישקייט געקוקט קרום (און נאָך ווי!) אפילו אויף דעם „מורה נבוכים״ אַליין. אין מצב פון א דיפוזער, פּליסיקער יידישקייט וואָס דאַרף זיך האַלטן

אין די מוחות און הערצער פון לעבעדיקע יידן און בלויז דאָ, ווייל נישטאָ ערגעץ עפּעס אַ יידישקייט אויסער דעם, נישטאָ קיין אָביעקטיווע יידישקייט, וואָס מענטש זאָל זיין צו איר משועבד! — אין אזא מצב, ווען יידישקייט איז אַ קולטור־פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס אין מוח און גע־פיל, אין די חושים און אין די רעאַקציעס —איז אזא מצב איז יעטווידער אנאליז געפערלעך. אלע עלעמענטן קענען זיין און בלייבן ווי טיילן פון אַ צעגלידערטער מאַשין, ווי אלע רמ"ח איברים פון אַ אנאַטאָמירטן בר־מינן, בעת אָבער דער סינקרעטישער אומגעגלידערטער אמת און איבערצייגונג באַזירט זיך אויף דער אינטואיציע און זי, אַט דער „גילוי אליהו", האָט אין יידישן דענקען פאַרנומען דעם אויבנאָן.

אויסטערליש אינטערעסאַנט איז די לאַקאָנישקייט פון יידישן גע־דאַנקען־איבערגעבן: אַ משל, אַ וויץ, אַ ווערטל, אַ פּסוק, אַ קניימש מיטן שטערן, אַ דריי מיטן פינגער, אַ קלאַנג מיט די ליפּן, אַ מאַך מיט דער האַנט און — „ואידך זיל גמור" — גיי שטוים זיך אַן אליין. נישט דער גאַנצער געדאַנק איז פאָרמולירט און לאָגיש אויסגעסדרט, נאָר אַ ווונק, אַ רמז און „והמבין יבין" אָדער ודאי לחכימא. אַ גאַנצע טער־מינאָלאָגיע פאַראַן אויסצודריקן די לאַקאָנישקייט. אַ גאַנצע ליטעראַ־טור (די „אגדה") איז געבויט אויף דעם יסוד פון דעם לאַקאָניש ווערטל און משל, וואָס זיין צוועק איז נישט צו פאָרמולירן קלאָר און דייטלעך דעם געדאַנק, נאָר אָנצושטויסן אים בלויז, ארויספירן אויף דעם וועג צום געדאַנק. און אין דעם גייסט גייט אויך די ווייטערדיקע טראַדיציאָ־נעלע ליטעראַטור הן די למדנישע, הן אויך די פאָלקסטימלעכע — אונ־דזער גאַנצע ווייטערדיקע תורה שבעל פה. „אַ יידישער וויץ איז להבדיל אַ תורה". און בפירוש טאָקע אַ תורה, אַ גאַנצע וועלט־באַנעם, אַ פי־לאָסאָפיע אין אַ ווערטל. דער כעלעמער עפּאָס, מאָטקע כאַבאַד, הער־שעלע אָסטראָפּאָלער אאז"וו, — דאָס איז אַ ש"ס פון ווייטערדיקע יידישע אגדתות מיט אַ מוסר השכל, עטיק, פילאָסאָפיע, מענטש און וועלט, וועלט און לעבן.

ליינט איר פאָר אַ יידן אַ פאַרטיקן און שלמותדיק אויסגעבויטן גע־דאַנק, בלייבט דער ייד קאַלט: „נו, איז וואָס לאָזט ער מיר דאָ צוהערן?" „וואָס דאַרף איך דאָ פון דעם דרינגען?" און אויב עס איז פאַרטיק,

און עס איז נישטאָ וואָס צו דרינגען, — טויג עס שוין נישט. פאַר־קערט, כאַפּט דער ייד עפּעס א „רמזל" און ער האָט דאָ פרייע הענט אויסצוטייטשן, אריינצוטייטשן, אויסדרינגען, מאַכן אויספירן, דרשה־נען, עפּעס „מחדש" צו זיין, — אָ, דעמאָלט לעקט דער ייד די פינגער. „כפתור ופרח".

פאַר אזא יידישן יידן איז בפירוש משונהדיק נאַריש, ער קען דאָס בשום אופן נישט באַנגרייפן, וואָס דער „גויישער קאָפּ" דאַרף נישט אַנדערש דו זאָלסט אים זאָגן קלאָרע דיבורים, פאַרוואָס ער פאַרשטייט גאָרנישט „אויפן ווונק"; „נו, זאָגט אליין, אָט איז א גויישער קאָפּ!" דער ייד נעמט עס אָן ווי א טעמפּקייט בעת אין דער אמתן, איז עס אַן אַנדערשקייט אין דענקען, אין באַגרייפן, אַן אַנדערשקייט אין פּסי־כאָלאָגיע פון געדאַנק.

ביי יידן איז תמיד געווען א נטיה צום גלאָבאַלן, אומגעגלידערטן אמת. עס איז טאַקע פאַראַן א גרויסער פּסיכאָלאָגישער אונטערשייד צווישן אָט דעם גלאָבאַלן, דעם אינטואיטיווון אמת און דעם דיסקורסיוו־לאָגישן. דער לעצטער איז פאָרמולירט, בכן צעגלידערט אויף עלעמענטן, שטאַפּלען און צוריק סינטעזירט געוואָרן, אויפגעבויט געוואָרן, ווי א בנין, וואָס איז פאַרקערפּערט אין זיינע ציגל, אזוי איז דער ראַציאָנאַ־ליסטישער געדאַנק גאַנץ און פאַרטיק אויסגעבויט אין זיינע ווערטער. ער ווערט איבערגעגעבן אין די ווערטער. עס איז פאָרם און אינהאַלט צוזאַמען. אָבער דער אינטואיטיווער געדאַנק איז גאַנץ און אומגעגלי־דערט, נישט געפורעמט, נישט געבויט, איז ער אומאָפּהענגיק פון ווער־טער־לבוש. ער ליגט נישט אין די ווערטער, וואָס יעטווידער פון זיי קען באַצייכענען בלויז איין עלעמענט. מהאי טעמא טאַקע איז ער נישט סינטעטיש, נישט אויסגעסדרט ווי א שורה זעלנער, ער איז סינקרעטיש גאַנץ. מען קען אים נישט אויפנעמען לאָגיש נאָר. מען „שמעקט זיך אָן מיט אים." ער אַנטפּלעקט זיך מיט איין מאָל. ער איז מער א דערשיי־נונג א פּסיכאָלאָגישע איידער א פּראָצעס א לאָגישער. ער פאָדערט בלויז גייסטיקע גרייטקייט, פּסיכישע פּאָטענציאַלע מעגלעכקייט און עפּעס אַז אָנרעגונג. דער אינטואיטיווער געדאַנק איז נישט איבערגענומען, ער איז אָרגאַניש.

דער לאָגישער, ראַציאָנאַליסטיש־ סינטעטישער אמת איז געגליכן צו א סטאַטוע, וואָס איז שוין פאַרטיק אויסגעהאַקט גליד נאָך גליד מיט אַלע דעטאַלן. דער איבערנעמער קען שוין דאָ גאָרנישט ענדערן. צע־ ברעכן, צעפּטרן, נאָכמאַכן, — דאָס יאָ, אָבער איבערנעמען, שאַפן דעם זעלביקן געדאַנק, דעם זעלביקן אמת פון דאָס ניי, — יעטווידער מאָל אים מגלה זיין — דאָס קען מען נאָר מיט דעם אינטואיטיוון אמת. דאָ איז יעטווידער איבערנעמער אויך אַן אַנטדעקער, ביי יעטווידער איינעם איז דער זעלביקער געדאַנק זיינער, זיין בלוט און פלייש, ווייל ער האָט דעם געדאַנק געבאָרן.

דער דיסקורסיוו־לאָגישער אמת באַצווינגט דעם אמת־טרעגער. ער איז זיין הערשער און באַהערשער. דער מענטש איז בלויז א גוטער אָדער א שלעכטער היטער פון דעם אמת. דער אינטואיטיווער אמת איז אַליין אַן א פאָרם און ער איז בנוגע פאָרם, אויסדרוק אינ־ גאַנצן א קנעכט פון דעם טרעגער, פון דעם מענטשן; ער איז די אור־ מאַסע, וואָס דער טרעגער קנעט פון איר זיינס, זיין „איך". דאָס אינ־ טואיטיוו דענקען לאָזט דעם מענטשן פרייער, שעפערישער, זעלבשטענ־ דיקער, מער „איך", מער פערזאָן איידער טרעגער און אויספיר, היטער פון אמתן.

דאָס דיסקורסיוו־לאָגיש דענקען באַהערשט מיך, צווינגט מיך צו גיין טראָט נאָך טראָט אין שוין אויסגעטראָטענע וועגן. איך קען נאָר מיטגיין אָבער נישט שאַפן. דאָ איז דער מענטש ב״אַ הערשט פון געדאַנק. דאָרטן הערשט דער מענטש איבערן געדאַנק. די יידישע טראַדיציע האָט אין איינקלאַנג מיט איר גאַנצן (אינטואיטיוון!) וועלט באַנעם אין צענטער אויך געשטעלט דעם מענטשן. „מי יתן והיה כל עם ה' נביאים" (הלוואי זאָל דאָס גאַנצע פאָלק פון גאָט זיין נביאים, אַז גאָט זאָל געבן זיין גייסט אויף זיי. — דברים י. א' 29 — יהואש) די דאָזיקע ווערטער ליגט אריין די יידישע טראַדיציע אין מויל פון איר ערשטן נביא, פון משה. ביי די אייראָפּעאישע קולטור־פעלקער איז דער צענטער געלעגן תמיד אין די געפורעמטע, פאָרמולירטע קולטור־ווערטן, וואָס זענען שוין פאַרטיק, קיין שאַפנס־פּראָצעס איז אַליין אין זיי נישטאָ.. און מענטשן? — זיי דאַרפן היטן די קולטור־ווערטן.

און ביי יידן איז פארקערט נישטאָ און עס טאָר נישט זיין קיין פארענדיקטס, קיין פאָרמולירטס אויף שטענדיק, קיין פארטיקע תורות. אַלץ איז אין וואקסן, אין אָנוואקסן — נישט די תורה, נישט דער געדאנק בכלל. אַלץ איז געגעבן דעם מענטשן און ער דארף נישט היטן, נישט אָפּהיטן, נאָר שאפן און איבערשאפן, בויען, איבערבויען און אָנבויען.

אמת, יידן פלעגן יעטווידער געדאנק זייערן באפעסטקן מיט א סמך פון דער תורה, מיט דעם אויטאָריטעט: „מן התורה מנין?" אָבער דער טיפערער זינען פון אָט דעם איז געווען נישט דאָס זוכן סתם־אויטאָריטעט. מיט דעם טעקסט פון דער תורה האָט מען זיך פאקטיש טאקע נישט שטארק זשענירט. אויף טריט און שריט טרעפן מיר דעם סטערעאָטיפּישן „אל תקרא אזוי, אלא אנדערש" ד"ה מען פלעגט צופּאסן דעם טעקסט צום אייגענעם געדאנק. עס איז געווען ביי זיי א נויטווענדיקייט אָנצוקניפּן די תורה צום היינט, אריינצונעמען זי אין קעסל פון נייעם לעבן כדי זי זאָל נישט ווערן פארגליווערט צו א מומיע פון א תורה, וואָס מען קען זי נישט איינהאלטן סיידן מען היט זי. דאָס איז אן ענין פאר די שומרונים, און יידישקייט טאָר נישט ווערן קיין אנטיקוואריען־מוזעאום, ווי דאָס האָבן תמיד (און היינט) געוואָלט א סך ריכטונגען ביי יידן.

דעריבער האָט עס די תורה כסדר געביטן איר אויסזען. יעטווידער דור האָט אנדערש געזען די געשעענישן, די פערזאָנען און באגריפן, ווי מיר האָבן דאָס שוין אייניקע מאָל באמערקט. דאָס האָט געדארפט איינהאלטן די אקטועלקייט פון דער תורה אין אלע צייטן און אלע תנאים. דערצו האָבן עס געדינט די פילערליי מיטלען און מעטאָדן (פרד"ס — פּשט, רמז, דרוש, סוד) ווי די תורה צו טייטשן. און... „פעמים שביטולה של תורה זהו קיומה" (מנחות צ"ט)*. און טוביה

---

*) דער טייטש: עס טרעפט, אז מ'איז מבטל די תורה און דערמיט פאַרפעסטיקט מען זי. פארגלייך אויך אן אנדער ענלעכן אויסדרוק: „מוטב תעקר תורה — ואל תשתכח תורה מישראל" (תמורה י"ד)

דער מילכיקער מיט זיינע תורות און זיין איינשפּאַנען די פּסוקים אין זיין לעבנס־וואָגן האָט דערויף געהאַט דאָס רעכט פון אַלע דורות ייִדישקייט.

דאָס האָבן אונדזערע משכּילים מיט דער נאַאיוויקייט פון נעאָפיטן זיך אָנגעכאַפּט מיט אייראָפּעאישן ראַציאָנאַליזם און מיט דעם ביטול־שמייכעלע פון „געבילדעטע" זיך געקוקט אויף די עמי־הארצותדיקע „ליכא מידי דלא רמיזא באוריתא" (נישטאָ גאָרנישט וואָס זאָל נישט זיין אָנגעדייט אין דער תורה). דאָס האָבן די „געבילדעטע און זיך אויסגערייניקטע פון שמוציקן פאָלק" אים באַגליקט מיט דער „ביבל־קריטיק" אין די חדרים מתוקנים און — עד היום קענען זיי זיך נישט איבערנעמען מיט עפּעס אויפטוען אין דעם זינען. אָבער עס איז נישט דער איינציקער טעות זייערער נעבעך, און נישט דאָס בין איך דאָ אויסן. וויכטיק איז פאַר אונדז דאָ פעסטצושטעלן, אַז פאַר דער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט איז נישט דער טעקסט א באַלעבאָס אויף דעם לערנער, נאָר פאַרקערט.

* *
*

עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש די באַציאונג פון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט צו דער נאַטור, צו גאָטס וועלט. עס איז, פאַרשטייט זיך, זייער גרינג צו קומען מיט א פּרעמדער מאָס, צושטעלן די מאָס צום ייִדן, געפינען, אַז עפּעס שטימט נישט — און פּסקענען — ייִדן האָבן נישט קיין באַציאונג צו דער נאַטור און יוצא. וויפל טינט עס איז אויף דעם שוין פאַרנוצט געוואָרן, וויפל מאָס שטראָף־רייד און רחמנות נעבעך עס זענען שוין אויסגעגאָסן אויף דער טעמע. אַן אַקסיאָמע און געענדיקט. ווען מען זאָל אָבער אָפּלאָזן די פּרעמדע מאָסן, פּרעמד מוס־טערן, וואָלט מען געקענט קומען צו עטוואָס אַנדערע אויספירן: ייִדן האָבן פון אייביק אָן אַן אַנדער באַציאונג צו דער נאַטור. די נאַטור רופט אַרויס ביים ייִדן אַנדערע אַסאָציאַציעס־קאָמפּלעקסן. ביי די אומות העולם פון די גריכן אָן איז די באַציאונג א ראַציאָנאַליסטיש פאַרשע־

רישע און א אוטיליטאַרישע. עס איז פאַראַן א שטרעבן די נאַטור צו באַגרייפן, סיסטעמאַטיזירן און ווי ווייט מעגלעך אויסנוצן זי אין לעבן. דער צענטער איז פון איין זייט געווען דער פאַרלאַנג צו סיסטעמאַטיזירן, פון דער צווייטער זייט די באַדערפענישן פון מענטש.

פון דאַנען די נאַטור־פילאָסאָפישע סיסטעמעס פון אַלטן גריכנלאַנד. און הצד השווה פון זיי אַלע איז די אָביעקטיווו שכלדיקע סיסטעמאַטי־זירונג.

ביי יידן איז די באַציאונג נישט סיסטעם, נישט סדר, נישט ראַציאָ, בכלל, נאָר עמאָציאָנעל־עטישע: „גאָטס וועלט און איך — קליין מענ־טשעלע"... „ווען איך זע די הימלען — די טואונג פון דיינע הענט, שטערן און לבנה, וואָס דו האָסט איינגעשטעלט, — וואָס איז דער מענטש, וואָס דו געדענקסט אים..." אאז"וו. ליריש־עטישע, רעליגיעז־עטישע אַסאָציאַציעס רופט אַרויס די נאַטור ביים יידישן טראַדיציאָנעלן מענטשן. „גיי צו דער מורעשקע זיך לערנען" „ברכי נפשי" פון תהילים און די גראַנדיעזע נאַטור־פילאָסאָפיש־רעליגיעזע פּאָעמע „כתר מלכות" פון שלמה אבן גבירול אין שפּאַניע. און נישט בלויז אין אַלטערטום איז עס אַזוי. אַפילו אין פּרוש פון תוספות יום־טוב קען מען געפינען דעם זעלביקן צוגאַנג. דער אייראָפּעאישער דענקנדיקער מענטש באַנוגנט זיך מיט סיסטעמאַטיזירן, דעפינירן און פאָרמולירן געזעצן. דעם יידן איז דאָ עפּעס ווייניק, ער זוכט דעם „סוד", ביז ער קומט צו א „תיק"ו, אָדער ביז צו א „מה רבו מעשיך!"

געוויס איז אָט דער ספּעציפישער אונטערשייד פאַרווישט אין א גרויסער מאָס די לעצטע דורות, אָבער אין תורך אריין איז ער פאַראַן. פאַרן טראַדיציאָנעלן יידן איז דאָ, ווי אומעטום דער צענטער, דער שווערפּונקט אין דעם מענטשן גופא, אין זיין מהות, אין זיין עמאָציאָ־נעל עטישן „איך". אַלץ, אַלע קולטור־ווערטן זענען פאַרן יידן קאָנצענ־טרירט אין דעם מענטשן גופא, אין זיין נשמה. קיין אָביעקטיווע, אויס־סער דעם מענטשן, קולטור־אוצרות זענען ביי יידן נישטאָ, נישט גע־ווען. נישט וויכטיק פאַרן יידן צו „דערקלערן" דערשיינונגען, ד"ה — דעפינירן, אָנרופן מיט א נאָמען און סיסטעמאַטיזירן: אַזוי און אַזוי

קומט עס פאַר און מען רופט עס אזוי און אזוי. פאַרן יידן קומט ערשט איצט די סאַמע שווערסטע פראַגע „ווער קען אָננעמען די ערד פאַר אירע פאַלעס און אויסטרייסלען די רשעים פון איר?" עס בלייבט די אַלטע קשיא: ווי אזוי? פאַרוואָס? צו וואָס? ווו איז דער מעכאַניזם פון דעם אַלץ? ווו איז דער צוועק און דער תכלית? און ווי אזוי „ציט זיך דאָס ארוים ברויט פון דער ערד?" וואָסערע מלאָכים טרייבן די גראָזן צום וואַקסן? אאַז"וו א"וו און נישט וויכטיק די תירוצים. וויכטיק איז דער מענטש זאָל פרעגן, וויכטיק איז צו זוכן און זוכן דעם תירוץ, כאָטש מיר ווייסן שוין, אז דער תירוץ וועט זיין — תיק"ו. גאָטס וועלט איז נישט קיין רייכער מוזעאום, וואָס מיר דאַרפן צום אים גוטע קאַטאַלאָגן. ניין, גאָטס וועלט איז עפּעס אַזוינס, אז זי פאָדערט פון אונדז בסדרדיקע השלמה און מאָראַלישן שטרעבן.

אָט די אייגנטימלעכקייט האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיע. זי איז מחמת איר באַזונדער אַנטוויקלונג אַנדערש נישט נאָר לויט אירע דאָגמעס, נאָר לויט איר סאָציאַל קולטורעלן כאַראַקטער פון די רעליגיעס ביי אַנדערע פעלקער.

ביי אַנדערע פעלקער זענען געווען צוויי צענטערן, וואָס זיי האָט דער יחיד נעדאַרפט דינען. איין מאַכט איז געווען די רעליגיע, די קירך. דאָ איז געקומען אין באַטראַכט נישט בלויז גלויבן, געפיל און רעליגיעזע פּראַקטיק — קולט. דאָ איז וויכטיק געווען די סאָציאַל פּאָליטישע זייט — די סאָציאַלע מאַכט פון דער רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע איבער דעם יחיד. — דאָס איז געווען איין צענטער. און דער צווייטער איז תמיד געווען די וועלטלעכע מאַכט — די מלוכה, דער פירשט, דער קייסער אאַז"וו. די קאָנקורענץ צווישן די צוויי מאַכטן האָט תמיד איינגעטיילט אויך דאָס לעבן פון יעטווידער יחיד אויף צוויי געביטן — וואָס עס געהערט צו איין מאַכט און וואָס צו דער צווייטער. „וואָס צום קייסער איז פאַרן קייסער און וואָס צו גאָט איז צו גאָט." דאָס איז א באַקאַנטע פאָרמול דאָך. צוויי מקורים פון סאָציאַלער איינשטעלונג אין לעבן. צווישן זיי קען זיין א שלום אזא אָדער א צווייטער. קען אָפט איין מאַכט אויסנוצן די צווייטע אָבער אין סאָציאַלן לעבן פון יעטווידער

יחיד זענען פאַראַן די צוויי מקורים. מען קען דאָס לעבן איינטיילן אויף שטוביק לעבן — פאַר זיך, פאַר גאָט (ריכטיקער פאַר דער קירך) און פאַרן מלך.

ביי יידן אָבער איז די מלחמה צווישן רעליגיע און מלכות, צווישן דער רעליגיעזער מאכט און דער וועלטלעכער לאַנג לאַנג פאַרענדיקט. קיין וועלטלעכע מאכט איז נישטאָ און אַל דאָס לעבן האָט טויזנטער יאָרן געהאַט איין צענטער — די רעליגיע. האָט במילא דאָס גאַנץ לעבן באַקומען אַ רעליגיעזע באַפאַרבונג. עס איז שווער צו געפינען אין טראַדיציאָנעלן לעבן עפּעס וואָס זאָל זיין פריי פון רעליגיעזער סאַנקציע. נישט דערפאַר ווייל יידן זענען אַ פאָלק נאָר פון רעליגיע־דינער, נאָר דערפאַר, ווייל די רעליגיע ווי דער איינציקער צענטער האָט סיי ווי אַלץ און אַלעמען באַדעקט מיט איר מאַנטל.

דאָס און נאָך עפּעס:

די יידישע רעליגיע איז נישט קיין איבערגענומענע פון קיינעם. זי איז געוואָקסן מיט דעם פאָלק און זיינע דורות. ווי מיר האָבן געזען פריער האָט דאָס באַגריפן אויך די גרינדער פון יידישקייט, די פרושים. ביי אַנדערע פעלקער איז דאָס פאַרגעקומען אַנדערש: דערוואַקסענע פעלקער, מיט צייטיקע און אַנטוויקלטע קולטורן האָבן אָנגענומען אַ נייעם גלויבן. די אַלטע איינגעוואָרצלטע קולטורן האָבן זיך לגמרי נישט אונטערגעגעבן דער נייער, דער פרעמדער. אונדז גייט דאָ נישט לגמרי וועגן דעם ווי דער דאָזיקער זיווג האָט זיך איינגעגעבן: ווי עס האָבן זיך צונויפגעפּאָרט דער פּרינציפּ „רעכט פון כוח" מיטן פּרינציפּ „כוח פון רעכט", ווי די תורה פון גלילער נזירים האָט זיך איינגעלעבט מיט דעם שטייגער פון די נאָרדישע וויקינגען, דאָס אַלץ גייט אונדז דאָ נישט אָן. פאַר אונדז איז דאָ וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז ביי די אייראָפּעאישע פעלקער זענען ווידער אַמאָל פאַראַן צוויי סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע מקורים פון קולטור: די היימישע אייגענע, די באַרבאַרישע, אָדער ווי מען זאָל זי דאָרטן רופן און די אויסגעלערנטע, די איבערגענומענע.

ביי יידן אָבער איז דאָך די רעליגיע געוואָקסן אָרגאַניש, אין פאָלק, מיטן פאָלק און אַלץ, וואָס דאָס לעבן פון פאָלק אין אַלע זיינע דורות

האָט געשאפן, אַלץ דאָס, וואָס איז פיקסירט געוואָרן אין לעבן, אַלץ האָט באַקומען א רעליגיעזע סאַנקציע, אַלץ איז געוואָרן רעליגיע. איז רעטעך מיט שמאַלץ, איז לאָקשן מיט קוגל געוואָרן רעליגיע. נישט די רעליגיע איז געקומען און אָקופּירט דאָס לעבן, נאָר פאַרקערט — דאָס לעבן האָט זיך פּראָקלאַמירט פאַר רעליגיע און פאַרהייליקט אַלץ וואָס עס האָט אין משך פון דורות געשאַפן. די טראַדיציע פון לעבן איז געוואָרן די רעליגיע.

האָט די יידישע רעליגיע געהאַט דעם כוח פון דורות טראַדיציע צו סובלימירן אינסטינקטן, געוווינהייטן, לעבנסשטייגער. און, — איך וויל דאָ אויסזאָגן דעם אמת — קוק איך זיך צו צום שטוביקן, צום פאַמיליען־לעבן, צום סאָציאַלן לעבן פון די אָרעליגיעזע מאָדערנע יידן, פאַרדריסט מיך אָפט, וואָס מיר האָבן איצט נישט — נישט דעם רעליגיעזן רעגולאַטאָר פון פּרימיטיווע אינסטינקטן און טריבן און אויך נישט קיין אנדער עטיש־מאָראַלישן רעגולאַטאָר, סובלימאַטאָר. עס דאַכט זיך אָפט, אַז די רעליגיעזע יידן פון קליינע שטעטלעך זענען אָן „קולטור" געווען מאָראַלישער, אינערלעך אָנשטענדיקער פון אונדזערע „קולטורעלע" מיט בילדונג באַלאָדענע מאָדערנע יידן. איך קוק אויף די יידן פון בילדונג און קולטור, און פון אונטער דער שניידערשער מאָדע־קולטור זע איך עטישע לײדיקייט, גשמיותדיקע אומגעצאַמטקייט און אָפט — הויך רעדעריי... ביי די אומות העולם איז קולטור, ליטעראַטור קונסטן וכדומה אן אייגנס, אן אוצר, א רייכטום, א ווערטזאַך, וואָס מען דאַרף היטן, ריין האַלטן, פּוצן, אָפּהיטן די ריינע געשטאַלט, און איבערגעבן די אָנקומענדיקע דורות אין זייער ריינקייט. אָבער צום לעבן האָט עס אַלץ קיין שייכות נישט. עס קען באַפּוצן דאָס לעבן, ווי א צירונג, אָבער נישט פורעמען דאָס לעבן. קולטור און לעבן שטאַמען פון צוויי באַזונדערע קוואַלן און זיי גייען יעטווידער מיט זיין לאָגיק פאָרויס, ווייטער. קולטור מיט איר וועג און דאָס לעבן מיט זיינס. ביי יידן אָבער זענען אַלע די שיכטן, וואָס האָבן נעדענקט ענלעך, אָפּגעפאַלן פון יידן נאָך אין אַלטערטום. געבליבן ביי יידישקייט זענען בלויז די שיכטן, וואָס האָבן ממשיך געווען די מסורה פון די נביאים נאָר — קיין אייגנס, קיין טייערע שאַצקאַמערס, קיין געצן, קיין זאַך נישט צום

היינט. אלץ, וואס איז ווערט צו האלטן, איז תורה — צום לערנען ווי צו לעבן. אויב נישט, דארף מען עס נישט היינט. תורה און לעבן מוזן גיין צוזאמען, שטימען, און לעבן איז די תורה גארנישט. „ווער עס קען די תורה און לעבט אנדערש, איז ווי ער האט נישט קיין גאט בכלל". דעריבער קען די תורה נישט בלייבן ריין, אפגעהיט, אויסגעפוצט און פארשלאסן ווי אן אוצר ערגעץ אין די פעסט באווארנטע קעלערן פון לעבן. ביי יידן מוז די תורה תמיד איבערגעקנאטן ווערן צוגעפאסט צום לעבן. תורה מוז זיין אריינגעקנאטן אין לעבן.

ווען זיי זענען באזונדער, — איז נישטא קיין יידישקייט.

האט עס באמיט זיך ירבעם בן נבט מיט זיינע רעפארמעס מיט זיין אלט־יידישן „נאציאנאלן" אמאליקן קולט, האבן עס די צדוקים, בשעתם די קאראימער געוואלט, האבן דערצו געשטרעבט די משכילים, און אין סך הכל אלעמאל און אומעטום — שמד און אונטערגאנג.

אט דער מעטאד פון סינקרעטישער איבערציינגונג האט געהערשט אויך אין דעם יידישן לערנען. דער אנאליטיש־עקזאקטער מעטאד, וואס צעגלידערט דעם געדאנק און באגרינדעט יעדער דעטאל באזונדער, בינדט דעם תלמיד. ער מוז אויפנעמען דעם געגעבענעם אמת, טראט נאך טראט, דעטאל נאך דעטאל פון א' ביז ת'. ער האט דאך קיין וועג נישט צו גיין זעלבסטשטענדיק צום אמת. ער איז געצאמט מיט די לאגישע הנחות, ער איז אינגאנצן פאריאכט דורך דעם מעטאד פון דענקען, ער איז א קנעכט פון זיין תורה. אפשר איז דאס טאקע געווארן דער צוועק פון דער יעזואיטישער פעדאגאגיק, וואס ער היום קען זיך די וועלט פון איר השפעה נישט באפרייען. און אפשר איז נישט קיין צופאל וואס דער דייטש הערבארט האט אזוי פיין פילאסאפיש באגרינדעט אט די דערציאונגס־סיסטעם פון די „דידאקטישע מדרגות". ערשט אין אונ־דזערע טעג, אין די קורצע דעמאקראטישע טעג פון פארן־פאשיזם האט די אייראפעאישע פעדאגאגיק געפרובירט שטורעמען די פעסטונגען אבער זי האט נישט באוויזן נאך אויסצופארמולירן עפעס נייס.

אבער דער מעטאד פון סינקרעטישער איבערציינגונג לאזט דעם תלמיד אינגאנצן פריי אין זיין וועג צום אמת. אט האסטו דעם געדאנק און בוי זיך אליין זעלבסטשטענדיק אויס דעם גאנצן געבוי פון זיינע

יסודות אָן, פאַרמיר אַליין דיינע געדאַנקען־טרעפ. מהאי טעמא אין דאָס לערנען „פאַר זיך״ איז ביי יידן געווען דערפירט ביז צום יסוד פון לערן־סיסטעם. בעת די פעדאַגאָגיק פון די אומות העולם שטעלט ערשט די ערשטע טריט אויף דעם וועג פון „לערנען פאַר זיך״ (דאַלטאָן־פּלאַן, פּראָיעקטן אאז״וו). מיר דוכט זיך אויך אַז טאַקע מהאי טעמא האָט דער ישיבה־לערנער בדרך כלל אין זיך אַ סך מער גייסטיקע זעלבסשטענדיקייט אין זיך איידער די וואָס האָבן באַקומען זייער בילדונג, אמת סיסטעמאַטישער, אין די אוניווערסיטעטן. אָט די זעלבסטשטענדיקייט פלעגט זיך אַרויסווייזן אַפילו ווען דער ישיבה־מאַן פלעגט אריבערגיין אויף אַן אַנדער געביט. דער באַדאַרף אַליין צו באַגרינדן די געדאַנקען, אַליין פאַנאַנדערשיפּרירן די אָפּט לאָקאַנישע אַרויסזאָגונגען האָט געצווונגען צו דענקען, צו פאַרמירן געדאַנקען, צו בויען זיי פון דאָס נייע אַפילו ווידערשפּעניקן אָפּט דעם אויטאָריטעט. די תורה איז אַ ים און יעטווידער שווימט אין אים לויט זיין פאַרלאַנג, לויט זיינע כוחות. „הפוך בה והפוך בה דכולה בה״.

ווייטער: די איירָאָפּעאישע פעדאַגאָגיק האָט פון לאַנג אין יסוד פון דערציאונג געלייגט די פּראָגראַם. אָט דאָס־און־דאָס איז דער סכום וויסן, דאָס איז דער איינגנס״ וואָס מוז געירשנט ווערן דורך דעם יונגן דור. די פּראָגראַם, דער מאַטעריאַל, ער איז דאָס וויכטיקע, דער יסוד. די לערער מוזן זיך צופּאַסן צו דער פּראָגראַם. אין סיסטעם פון יידישן לערנען איז קיינמאָל נישט געווען קיין פיקסירטע פּראָגראַם. עס האָבן זיך געפאָדערט באַשטימטע איינגעשאַפטן פון לערנער, בקיאות אויך, אָבער קיינמאָל איז דער לערנער נישט געווען משועבד צו דער פּראָגראַם, דווקא דאָס און נישט אַנדערש. איך וואָלט געזאָגט, — דאָרטן ביי די אומות העולם איז דער שווערפּונקט געלעגן אין דער „אָביעקטיוווער״ תורה, אין אינהאַלט, אין דעם מאַטעריעלן אינהאַלט, — ביי יידן איז דער שווערפּונקט געלעגן נישט אין דער מאַטעריאַל נאָר אין דעם לערנער גופא אין זיינע חידושי־תורה אַפילו.

און אָט דאָס גאַנץ לערנען איז געווען קאָנצענטרירט אַרום דער תורה. מיר האָבן שוין פריער זיך באַמיט קלאָר צו מאַכן ווי וויכטיק עס איז געווען די תורה, ריכטיקער — דער „תלמוד תורה״. ביי די אור־

מות העולם האָבן די פּאָזיטיוויסטן מיט ספּענסערן בראש געקענט אינ־גאַנצן לייקענען דעם ווערט פון ליטעראַטור אין דער דערציאונג. ביי יידן איז די תורה (ליטעראַטור) געווען כמעט דער איינציקער דערציאונג מאַטעריאַל. און קלאָר: כל־זמן א פאָלק איז אין א רואיקער שטייגערישקייט, אין אן איינגעפונדעוועטקייט, דעמאָלט קען די יוגנט אויסוואַקסן אין אָט דער סביבה, ירשנען דעם גאַנצן שטייגער אָן א וואָסער עס איז ספּע־ציעלער אָנשטרענגונג. אפשר איז דעמאָלט די ליטעראַטור וויכטיק אויף די העכערע מדרגות פון בילדונג, אָבער די „תינוקות של בית רבן" זיי קענען אויסוואַקסן „גוטע קינדער פון פאָלק" אָן א שמץ פון ליטעראַ־טור. קומען אָבער צייטן פון איבערברוכן, תקופות פון ענדערונגען, דער שטייגער הייבט זיך וואַקלען דעמאָלט בלייבט די נאַציאָנאַלע לי־טעראַטור אָט דער שנור וואָס פאַרבינדט דעם יונגן דור צום פאָלק. יעט־ווידער יחיד צו דעם גאַנצן כלל. דעריבער האָט די יידישע דערציאונגס־סיסטעם פאַרזען אַלע אַנדערע אינהאַלטן און געלערנט בלויז תורה — די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור.

אזוי אַרום, לאָזן זיך די יסודות פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער פּעדאַגאָגיק פאָרמולירן בערך אזוי:

1) זעלבסטשטענדיקייט פון לערנער, סינקרעטישקייט און אינטו־איציע אין מעטאָד.

2) נאַציאָנאַלע ליטעראַטור אקטואַליזירט אין לעבן ווי דער הויפּט מאַטעריאַל.

3) דער שווערפּונקט נישט אין פּראָגראַמען נאָר אין די פאָרמעלע דערגרייכונגען פון לערנער.

צום באַדויערן האָבן, ווי שוין געזאָגט, די מאָדערנע יידישע פּע־דאַגאָגן, די טראַדיציאָנעלע יידישע פּעדאַגאָגיק גאָרנישט באַמערקט. אָפּחוזקן פון איר האָבן זיי באַוויזן און מער נישט. און אפילו דאָרטן ווו יידישע שולן האָבן זיך ברייט און שטאַרק צעוויקלט און צעוואַקסן איז קיין „ירושה" פון יידישן פּעדאַגאָגישן געדאַנק נישטאָ.

* * *

אין איינקלאַנג מיט דעם אַריבערטראָגן דעם צענטער פון אַלערליי אָביעקטיווע אַטריבוטן, אויף דעם מענטשן גופא, צוזאַמען דערמיט וואָס

ווי א טרעגער פון יידישקייט פיגורירט בלויז דער מענטש אליין, — אין איינקלאַנג מיט דעם קומט אויך די יידישע באַציאונג צום טויט. ביי אומות העולם איז די באַציאונג א סך א גרינגערע. יידן ווילן נישט אנדערש „אָפּשרייען" אפילו דעם טויטן. מיט דעם טויט פון א מענטשן, פון א סך מענטשן, ווערט דאָך דער נאַציאָנאַלער אייגנס ביי די אומות העולם נישט אָנגערירט. ביי יידן איז דאָך יעטווידער מענטש, נישט בלויז א טאַטע, א ברודער אאז"וו. — ער איז דאָך אויך א טרע־גער פון יידישקייט. ביי די אומות העולם פאַרקערט איז גאַנץ גוט גע־מאָלט, אז מענטשן זאָלן זיין בלויז א מיטל צום נאַציאָנאַלן צוועק, דעראָבערונגען וכדומה. זיי האָבן זיך פאַר וואָס צו שלאָגן. ביי יידן איז דאָך אָבער אויסער וואָס איז אין די מענטשן גופא קיין יידישקייט נישטאָ. אין ביי זיי פאַראַן א פאַרוואָס געהרגעט צו ווערן, אָבער נישט צוליב וואָס זיך צו הרגענען. איז דער צובונד צו מענטשן גרעסער אין זיין אָנווער גרעסער. וואָרעם „חי חי הוא יודך".

בלויז אזוי ארום איז עס געלונגען די פּרושים אויסצופורעמען אזא יידישקייט וואָס האַלט אזוי לאַנג און במילא האַלט זיך אויך דאָס יידיש פאָלק (אין תוך אריין, בלויז די טראַדיציע־געטרייע טיילן פון פאָלק). אזוי בלויז האָבן זיי געשאַפן אָט דאָס ספּעציפיש פאָלק מיט א ספּעצי־פישן נאַציאָנאַלן אינהאַלט און באַוווסטזיין. אלע אנדערע „נאָרמאַלע" פעלקער האָבן געהאַט און האָבן זייער מאַטעריעלן נאַציאָנאַליזם, א גשמיותדיקן, פעסט געבויטן, פאַרפאַרקערפּערט אין ערד, מלוכה, לאַנד, געביידעס, קברים, ביכער, און דאָס אלע איז א נאַטירלעכע אנטוויקלונג און המשך פון דעם אמאָליקן „את אשר הורישך כמוש אלוהיך אותו תירש". און אָט דער נאַציאָנאַליזם שטייט איצט אָנגעלאָדן פון דער סטראַטאָספערע אויבן ביז דעם תהום אונטן גרייט חרוב צו מאַכן אלע מיט אנאַנדער אין א מבול פון בלוט און פייער. און ווער ווייסט? אפשר, ווען די פּרושים וואָלטן געהאַט א השפּעה אויך אויף די נישט יידן אפשר וואָלט דאָס בידנע גאָטס־וועלטעלע איצט געהאַט אן אנדער אויס־זען. ווער ווייסט? אָבער וואָס רעד איך? זיי, די איבערנעמער פון דער יידישער תורה האָבן דאָך געהאַט זייערע טראַדיציעס. האָבן זיי דאָך

געקאָנט איבערנעמען בלויז די „תורה שבכתב" אָבער נישט דעם גייסט פון דער פאר זיי פרעמדער טראדיציע. די „מיסתורין" ווי דער תלמוד רופט עס אָן.

וועט מען זאָגן: „אתה בחרתוניזם"... מילא! מען זאָגט אויף יידן ערגערע זאכן. וואָלט עס געווען כאָטש די לעצטע דאגה. און צווייטנס, וואָלטן מיר דאָך עס גערן מוחל געווען. ס'איז פיל בעסער צו זיין א וואָלף צווישן וועלף איידער א שאָף, מער נישט, וואָלט ביי יידן געווען א וואָלפישער נאציאָנאליזם וואָלט שוין לאנג נישט געווען קיין יידן. ווייל פון אלע פארצייטיקע פעלקער האָבן זיך איינגעהאַלטן דווקא יידן, אדאנק בלויז זייער ספעציפישן נאציאָנאליזם אָן מאטעריעלע אטריבוטן, פון דער יידישער טראדיציע.

געוויינטלעך, ווען איר זאָגט ארויס פאר א מאָדערנעם וועלטלעכן יידן, מעג ער זיין נאציאָנאל און נאציאָנאליסטיש. אזוינע ווערטער ווי „טראדיציע", „הלכה" פאלט אָן אויף אים באלד אָן אימה ופחד, ער קוקט אויף אייך מיט גרויסע פארוווּנדערטע אויגן (אָדער מיט רחמנות). גלייך וואקסן אוים פאר זיינע אויגן דער רב מיטן שטריימל, דער פאליש מיט דער קונע, מיט אלע אטריבוטן פון יידישן מיטלאלטער. און דער מאָדערנער ייד דערשרעקט זיך „פלישתים עליך ישראל", „אַט דער דאָזיקער איז א רעאקציאָנער, ער רופט צו טראדיציע, אונטער דער קלעריקאלער שליטה פון דער רבנישער זשופיצע..." פון דעם געזאָגטן אין אָט דעם קאפיטל איז קלאָר אז דאָס איז א בלבול. מען באנעמט נישט דעם אונטערשייד צווישן טראדיציע און קאָנסערוואטיזם. מען באנעמט נישט ווייל מען וויל נישט, ווייל גאנץ אָפט זענען די סאמע טוער אליין, די נאציאָנאלע יידן, די קולטור־טוער, די בויער פון דער נייער יידישקייט פון אלע ריכטונגען — גאנץ אָפט זענען זיי אליין נישט קיין אָרגאנישע יידן, נאָר פארבלאָנדזשעטע שעפעלעך, יידן בעל כרחם.

אָט אזא איז אונדזער וועג דורך דער אייביקייט, אונדזער טראדיציע, אונדזער אָרגאנישע אנדערשקייט.

יידן און בלוט פאַרגיסונג

איינער פון באַזונדערס בולטע כאַראַקטער־שטריכן פון דער יידישער טראַדיציע איז די כמעט הייליקע באַציאונג צום לעבן פון אַ מענטשן. בלוט, מענטשיש בלוט איז פאַר דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט עפּעס מיסטיש, הייליק און „פאַרגיסן בלוט" איז איינע פון די דריי גרעסטע עבֵרות (עבודה זרה, גלוי עריות ושפיכת דמים). אין יידישן לשון איז „שפיכת דמים" און „בלוט־צאַפּן" געוואָרן בלויז אַ מעטאַפאָרע, ווי למשל „טרענען די אָדערן" וכדומה. „רציחה" אסאָציאירט זיך ביי יידן נאָר מיט כעס, נישט מיט מאָרד. די צאָל יידישע פאַרברעכנס אין מערדערײַ איז לפי ערך אַ סך קלענער ווי ביי אַנדערע שכנישע פעלקער.

די באַציאונג צום נאָרמאַלן טויט „בידי שמים" רופט ביי יידן אַרויס תמיד מער טרויער, מער וויינען, מער ווייטיק. ווייניקער פּאַראַד. ווייניקער צערעמאָניעס און איבערהויפּט ווייניקער פּוץ און מער פּחד, מורא פאַרן טויט. דער טויט איז פאַר יידן תמיד פון יענער זייט לעבן אָבער נישט אַ עלעמענט אין לעבן גופא. דעם געשטאָרבענעם „שליסט מען אויס פון אַלע חברות" און „להבדיל בין החיים והמתים". פאַר דעם טראַדיציאָנעלן יידן איז דער טויט תמיד אַ גוואַלט־טאַט. דער ייד איז „מצדיק את הדין", „גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גע־רעכט", אָבער שלום מאַכן מיטן טויט דאָס קען ער נישט.

היטן דאָס לעבן — איז אַ מצוה, מען טאָר נישט גיין אין אַ מקום־סכנה. אַ זעלבסטמערדער באַגראָבט מען „קבורת חמור" — ביים פּלויט. כדי צו ראַטעווען אַ מענטשן פון סכנה מעג מען עובר זיין אויף דער גאַנצער תורה. פּקוח נפש איז דוחה אַלץ, שבת, יום כפור, טרפות, אַלץ. בלויז צוליב די דריי אויבן אויסגערעכנטע עבירות מעג אַ ייד זיך

לאָזן הרגענען (יהרג ולא יעבור). בנוגע צו אַלע אַנדערע עבירות טאָר ער צוליב זיי זיך נישט לאָזן הרגענען, ווייל זיין לעבן איז העכער, וויכטי־קער.

אין די יידישע פאָלקס־מעשהלעך זענען נישטאָ קיין עלעמענטן פון „גבורה", פון גבורים, פון מלחמות, פון נצחונות, פון פאַרגאָסענעם בלוט. פאַרקערט זענען ביז גאָר הארט און פסקנדיק צוויי תלמידישע לע־גענדעס:

1) די מצרים, די שלעכטע מצרים, וואָס האָבן אַזוי פיל צרות אָנ־געטאָן יידן, און אָט, הוראַ, מזל־טוב! — זיי טרינקען זיך אין ים סוף... יידן פרייען זיך, מרים טאַנצט פאַר שמחה. יידן זאָגן שירה, — זאָגט גאָט: „מיינע באַשעפענישן זינקען אין ים, — און איר זינגט שירה?!" אָדער 2) דוד המלך דער „געזאַלבטער פון גאָט", דער איינציקער יידי־שער מלך, וואָס איז געבליבן ליבלינג פון דער יידישער טראַדיציע, דוד המלך האָט לויט דער זעלביקער טראַדיציע נישט זוכה געווען צו בויען דעם בית המקדש דערפאַר, ווייל ער האָט פאַרגאָסן אַ סך בלוט. דאָס בלוט איז „פרעמדס", בלוט פון פלישתים, פון אַנדערע פעלקער, שונאים פון יידן און פון דעם יידישן גאָט, אָבער דאָך איז דאָס מענטשיש בלוט; פון שלעכטע מענטשן, אָבער פון מענטשן און די הענט, וואָס האָבן דאָס געטון, דאַרפן נישט, טאָרן נישט בויען קיין בית המקדש פאַר גאָט. בלוט און גאָט זענען נישט קיין פּאָר קליידער. אַ מזבח פאַר גאָט דאַרף מען בויען אָן אייזן. אייזן איז נישט פּאַסיק שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מען מאַכט פון דעם מאָרד־מכשירים.

קלאָר: נישט פון אייביק איז ביי יידן אַזאַ באַציאונג. פון אָנפאַנג זענען די יידן נישט געווען לגמרי קיין אויסנאַם. אין די געשיכטלעכע טיילן פון תנ"ך זענען פאַראַן זייער פיל באַרימערייען מיט בלוט־פאַר־גיסונגען, מיט בלוטיקער העלדישקייט, מעשיות, דערציילונגען פון שחי־טות און געשלעגן, פון הרגענען מענטשן אין מלחמות און אָן מלחמות

---

*) יענע ספרים מיט דעם העלדן־עפּאָס זענען נישט אַריינגענו־מען געוואָרן אין יידישן קאַנאָן און זיי זענען פאַרגעסן געוואָרן לגמרי

וכדומה. אָבער די נבואה־ספרים און אויך די געזעצגעבערישע טיילן פון תנ"ך, — זיי פירן שוין אן אנדער אידעאָלאָגיע און אן אנדער באציאונג צום מענטשן.

לכתחילה האָט דער יחיד אליין נישט געשפּילט קיין זעלבסטשטענדי־קע ראָלע: — גוט איז — דעם כלל גוט, שלעכט — ווידער דעם כלל. עלטערן־טוען שלעכטס, די שטראָף קענען באַקומען אייניקלעך. יעטווידער איינער דאַרף זיך פירן גוט „אין גאַנץ דרכים" כדי דעם כלל זאָל גוט זיין; צוליב דעם ווייל און דער גוטסקייט פון דעם גאנצן פאָלק, פון שבט. האָסט געהרגעט עמיצן פון „מיינע", דאַרף איך זען צו הרגענען דיך, אָדער עמיצן פון ד י י נ י ק ע, כאָטש זיי זענען דאָך לגמרי נישט שולדיק, אָבער נישט וויכטיק איז די פּערזענלעכקייט, וויכטיק איז דער כלל, דער ציבור ווי אזא. דעריבער קען זיין, אז זינדיקן זינדיקט איינער, און די שטראָף פאלט אויף אנדערע, און אין דעם האָט לכתחי־לה די פאָלקס־פּסיכיק נישט געזען קיין שום אומיושר.

שפּעטער אָבער האָבן אין פאָלק אָנגעהויבן צו יוירן שאלות: ס'טייטש, — יענע וועלן עסן אומצייטיקע, — און הייליק וועלן ווערן די ציינער ביי אנדערע? היתכן? ווי קומט עס, וואָס דעם רשע גייט גוט? און אזוינע אלערליי איובס קשיות, ביז דאָס פאָלק האָט אויך געביטן זיין צונאנג: — „איש בחטאו ימות", אינדיווידועל איז יעטווידער פאראנטוואָרטלעך פאר זיך.

די פּערזאָן, דער יחיד איז דער טרעגער פון גוטס און שלעכטס, ער איז סוביעקט פון טון גוטס אָדער שלעכטס, אים קומט די באלוינונג אָדער די שטראָף פאר זיין גוטס און שלעכטס. אזוי איז פּאמעלעך, אָבער כסדר און בהדרגה געגאנגען א קאמף פאר העגעמאָניע צווישן יחיד און קאָ־לעקטיוו, ווו איז דער צענטער, — און מנצח געווען האָט דער יחיד, ער, זיין לעבן, זיין מאָראלישער אינהאלט. זיין „שכר ועונש", — זיי זע־נען געוואָרן די אַקס פון נאציאָנאלן געדאנק. שפּעטער ווען די נאַ־ציאָנאל־פּאָליטישע תכליתים האָבן ביי יידן אלץ מער און מער אָנגע־וואָרן זייער ווערט, איז אויך דער גאנצער נאציאָנאלער און סאָציאל־קולטורעלער אינהאלט פון יידישקייט בכלל אויך קאָנצענטרירט געוואָרן אויף דעם יחיד און אין דעם יחיד.

כל זמן יידן זענען געווען אָרגאַניזירט מלוכיש און אין נאָמען פון כלל האָט מען געקאָנט צווינגען איטלעכן יחיד אויסצופאָלגן די אינטע־רעסן פון פאָלק, זיינען די אינטערעסן פון כלל, פון פאָלק געווען גע־נוג צו סטימולירן און צו דיסציפּלינירן דאָס לעבן פון איטלעכן יחיד אין פאָלק.

ווען אָבער די נאַציאָנאַלע מלוכישע דיסציפּלין איז געוואָרן אלץ שוואַכער און שוואַכער, ווען די יחידישע אינטערעסן האָבן ביסלעכווייז אויפגעהערט צו האָבן נאַציאָנאַלע איינהאַלטערס, דעמאָלט האָט דער דראַנג פון נאַציאָנאַלן קיום (קיום האומה) דיקטירט איינצופלאַנצן אין איטלעכן יחיד א נאַציאָנאַל־מאָראַלישע דיסציפּלין מאָטיווירט מיט יחידישע אינטערעסן. און פון אָט דעם נאַציאָנאַלן באַדאַרף איז אַרויס־געוואַקסן די רעליגיעזע דיסציפּלין פון יחידישן שכר ועונש, פון פרײַ־וואַטן גן עדן און פון גשמיותדיקן תחית המתים.

אין דער פּאַרצייטיקער יידישער ליטעראַטור קען מען נאָכפאָלגן אָט דעם גאַנג, פּסוקים, געדאַנקען און צום סוף — הלכות, דינים*). צו היטן דעם מענטשן לעבן, ווי דעם גרעסטן אוצר פון דער וועלט. אפילו דאָס לעבן פון שלעכטע, אַנדערע מענטשן איז הייליק. אָט אַזוי אַרום זענען אין דער וועלט אויפגעקומען צוויי עקסטרעמע, אַנטקעגנדי־קע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע צוגענג צום מענטשנס לעבן און צום לעבן פון מענטשן. „כי בצלם אלהים ברא את האדם". אין יעטווידער מענטש איז פאַראַן גאָטהייט, דאָס העכסטע, דאָס הייליקסטע, דער תכלית פון דער גאַרער וועלט איז אין מענטשן גופא — אויפהאַלטן א לעבן פון איין מענטש, איז ווי אויפהאַלטן גאַר די וועלט — (יידישער פּרינציפּ).

און דער צווייטער פּרינציפּ: אַלע שוואַכע קינדער, וואָס וועלן נישט קענען זיין קיין זעלנער, דאַרף מען אַרויסוואַרפן, ווי קעץ געפּייגערטע, ווי הינט (ספּאַרטע), מענטשן לעבן און זייער לעבן האָט א זינען אויף אַזוי פיל, אויף וויפל מען דאַרף זיי, אויף וויפל מען נייטיקט זיך אין זיי. פאָטערלאַנד, מדינה, קלאַס, פּאַרטיי, קייסער, אידעע — זיי אַלע דאַרפן מענטשן. זיי דאַרפן הינט צום היטן, פערד צום רייטן, אייזלען צום שלעפּן, קי צום מעלקן און אויך מענטשן דאַרפן זיי צום שלאָגן זיך, צום היטן, דאָס איז איין געדאַנקענגאַנג.

און א צוזייטער: נישטאָ און עס איז נישט מעגלעך קיין מזבח, ווו מען זאָל מעגן ברענגען מענטשלעכע קרבנות. קיין געץ, קיין גאָט, קיין אידעאַל, — קיינער נישט. פון אַלץ איז העכער דעם מענטשנס לעבן.

דאָס „פאָטערלאַנד" (דער טייטש פון דעם וואָרט איז פאַר יעטווי־דערן עטוואָס אנדערש) פאָדערט אזוי פיל און אזוי פיל גאָלד, זילבער, אייזן, פולווער און מענטשן. אָט איז פארן לאַנד אן אונטערנעמונג, וואָס וועט קאָסטן אזוי פיל און אזוי פיל בערך מענטשן־לעבנס. די מלחמה אין שפאניע איז א רעפעטיציע אויסצופּרובירן די מלחמה מאַשינעס, צי זיי ארבעטן גוט. עס קאָסט „נישט טייער". א „שטיקל אונטערנעמונג", א פּאָליטישער מאַנעווער אויף דער גרעניץ אויפן ווייטן מזרח בסך הכל עטלעכע טויזנט מענטשן... און די ווייבער פון די געפאַלענע שרייבן בריוו קיין מאָסקווע: זיי זענען גליקלעך, וואָס זייערע מענער זענען גע־פאַלן קרבנות אויף דעם מזבח פון פאָטערלאַנד פאַר דעם גרויסן פי־רער. די דאַנקען און די בריוו זענען געלייענט געוואָרן אין ראַדיאָ. דעם טראַדיציאָנעלן יידן עקלט פון אזא „עבודה זרה".

א סנהדרין וואָס האָט איינמאָל אין זיבעציק יאָר פאַרמשפּט א מענטשן צום טויט איז א רוצחישע (סנהדרין קט' א). פּאַסט דאָס אַריין אין די באַגריפן פון דער היינטיקער פּאָליטישער ווירקלעכקייט אין דער איראָפּעאישער וועלט, און איר באַקומט צוויי פּאָלוסן. מען דאַרף באַווירקן די בירגער צו האָבן מערער קינדער — מען דאַרף זעלנער. אין בלעטער האָט מען דערציילט וועגן א דייטשן פּראָיעקט צו פאַר־בייטן דעם „יידישן" אינסטיטוט פון פאַמיליע־לעבן מיט ספּעציעל איינגעאָרדנטע מלוכהשע ליבע־ און געבורט־אַנשטאַלטן. רינדער אין די שטאַלן צו מילך און אויף פליייש. קינדער אין די וויגן און אין די

*) לא המתים יהללו יה ולא כל יורדי דומה,
לא אמות, כי אחיה ואספר מעשי יה,
מה בצע בדמי ברדתי שחת,
טוב כלב חי מארי המת און א גאנצע ריי אנדערע ערטער.

קאַזאַרמעס אַריין. „ביז דעם לעצטן פערד מיינעס, וועל איך דיר אָפּ־
געבן, מיין געליבטע!"

ביז דעם לעצטן זעלנער מיינעם וועל איך דיר אָפּגעבן, מיין לאַנד.
פאַבריצירן מענטשן, קוילן, גאַז, סמען, באָמבעס, מינעס, מענטשן
— אַלץ צו איין תכלית — בלוט. קולטור — אַ מאָטאָריזירט, עלעק־
טריזירט, מעכאַניזירט, אַריינפּרעסן זיך איינער דעם צווייטן אין לייב
אַריין. און וואַמפּירן זענען צדיקים אַנטקעגן זיי.

קולטור — מאַשינעס בלוט צו פאַרגיסן פון דער סטראַטאָספערע ביז
טיף אונטערן וואַסער און ערד.

בלוט פאַרגיסן — דאָס איז דער תכלית פון פעלקער. מענטשן האָ־
דעווען — עס זאָל זיין וואָס און ווער.
מיליטערישע און מיליטאַריסטישע דערציונג פון קינדער, מלחמה וויסנ־
שאַפט, מלחמה טעכניק, מלחמה דערפינדונגען, מלחמה מיניסטעריומס,
מלחמה ווירטשאַפט, מלחמה פּראָדוקציע — דאָס אַלץ, רעגלאַמענטיר־
טער מאָרד פון מאַסן איז דער קולט פון פעלקער און פון לענדער, ווייל
אַט די בלוטדאָרשטיקייט ליגט אין כאַראַקטער, אין נשמה, — עס איז
אַן אינסטינקט, און ער טראַכט עס אויס אַלערליי מאָטיוון און מאָטי־
ווירונגען, וואָס כלומרשט זיי צווינגען נעבעך די לענדער צו מלחמות.
וואָלט עס נישט געווען קיין אינעווייניקסטער דראַנג, וואָלט מען זיך
נישט געהאַלטן אין איין גרייטן צו מלחמות, וואָלט מען נישט געהאַלטן
אין איין טראַכטן מיט וועמען זאָל מען זיך שלאָגן, פאַר וואָס מען זאָל
זיך שלאָגן. דער קאַמף און שלאָג אינסטינקט איז דער בראשיתדיקער
דראַנג אין מענטשן. איז ער ביי יחידים איינגעהאַמעוועט דורך געזעצן
און נאָרמעס, איז ער אָבער פריי און פאַרקערט — נאָך באַזונגען ביי
פעלקער און לענדער, באַפּוצט מיט גלאַנץ און שיינקייט. עס איז אַ
קולט און ווי אַנדערע קולטן איז עס אַ דינען צו אינסטינקטן. אינס־
טינקטן זיינען געטער און מען דינט צו זיי און מען האָט ליב דעם געצן־
דינסט, מען האָט הנאה פון דעם, ווייל מען האָט ליב די קרבנות וואָס
מען ברענגט צו אים. מענטשלעכע קרבנות. אויב שוין נישט אין נאָ־
מען פון רעליגיע, איז אין נאָמען פון מלחמה דראַנג, אַבי מען קען אויף
„די מלחמה טעאַטערס ש פּ י ל ן" מלחמות און ברענגען קרבנות

און פאַרוועגדן נאָך דעם פּראָגרעס. און ווי ווייט עס איז אַלץ פון דעם ייִדישן צוגאַנג! און וויפל ימים בלוט ציוויליזירטע פעלקער וועלן נאָך פאַרגיסן אין זייער ציוויליזירטער ווילדקייט ביז זיי וועלן אפשר דער־גיין אַמאָל צו דעם באַוווּסטזיין, וואָס מיר האָבן אים שוין אַזוי לאַנג. און פאַרקערט:

בלוט פון בהמות זאָלט איר נישט עסן, ווייל בלוט איז לעבן.

אַ מענטשנס בלוט שרייט פון דער ערד און לאָזט נישט רוען. מען טאָר נישט בעטן קיין סוף אויף די זינדיקע, מען דאַרף מאַכן אַ סוף צו די זינד, וועלן קיין זינדיקע נישט זיין.

אַז דו קוילעסט אַ היין, זאָלסטו צודעקן דאָס בלוט. נישט אָננע־מען דעם ייִדן צו קוקן אויף בלוט. אַז דו עפנסט אָן איי און געפינסט אין אים אַ בלוט־טראָפּן, זאָלסטו דאָס איי נישט עסן. עס איז בלוט, לעבן.

פעלקער שפּילן זיך מיט בלוט. אין גרויסע, רייכע צירקוסן קומען פעלקער זיך פאַרווייַלן מיט בלוט, מיט קאַמפן. גלאַדיאַטאָרן־קאַמפן, חיות־קאַמף, אָקסן־קאַמף, העגער־קאַמף... בלוט וואָס גיסט זיך פאַר די אויגן איז אָנגענעם, עס פאַרווייַלט. אָקס־קאַמף, באָקס־קאַמף, שפּאַ־נישע קאַמפן, פראַנצויזישע קאַמפן, פויסטן, פּיסטוילן, פעכטן, שווערדן, שפּיזן, וועט קאַמפן. בלוט און שלעגערייען — דערמיט פאַרווייַלן זיך פעלקער. ווער עס האָט מערער שאַרבנס אָפּגעשונדן, מערער מיידלעך פאַרגוואַלטיקט, מערער דועלן דורכגעמאַכט, מערער פאַרהיילטע וווּנדן אויפן פּנים — דער איז ריטערלעכער, חשובער ביי דאַמען.

און ביי ייִדן?... — אַ „יוון", אַ מענטש מיט געווער צום הרגענען, אַ מין מוקצה־מענטש אָן דעם צלם אלהים. נאָך פון פאַרצייטן, ווען די ייִדן פלעגן זיך באַגעגענען מיט די זעלנער פון די העלעניזירטע מדינות שטאַמט די בטול באַציאונג צום „יוון" — צום ביקס־מענטש. און דער שוואַכער, דער געשלאָגענער ייִד איז מבטל דעם הבל־הבלים פון די „ידי עשיו — „אַז אַ גוי גייט אין שענקל אַריין, אין שענקל אַריין". אַ הונט איז צום בייסן, אַ יוון — צום שיסן. פּויערים — ווי פיך צו דער אַרבעט; אַדל — צום זויגן די מאַרך פון די פּויערים, צום שלאָגן זיך, צום פאַרווייַלן זיך מיט שלעגערייען, צו שלאָגן זיך פאַר

וויבערע, דועלירן לויט קאָדעקסן און געזעצן פון אדל און אפשר —
פון הענער, פון היינט צוליב א צוויג אין פרילינג.

האָט דער ייד, דער געטאָ־ייד, דער ייד פון בית מדרש מבטל גע־
מאכט אָט דעם גאנצן גלאנץ און פראכט פון דער קולטור פון כוח,
האָט ער אין דעם אַלץ געזען דעם „עם הדומה לחמור", די גאנצע חיהש־
קייט פון אָט דער ציוויליזירטער, קולטורעלער חיה, וואָס רופט זיך
מענטש. און דער אָרעמער, דערשלאָגענער, פאריאָגטער און פארמאָר־
דעוועטער ייד פלעגט פון גאנצן הארצן אלע טאָג מאכן א ברכה „שלא
עשני גוי". און נאָכדעם ווי ער פלעגט זיך גוט אויסטענהן מיט זיין
גאָט פאר דעם היינו ללעג וקלס בגוים", פלעגט ער אויסשפייען... „צו
דאנקען און צו לויבן, וואָס ער האָט אונדז נישט געמאכט אזוי, ווי
זיי מיט זייער גאנצער טומל.

דער שענסטער פארגעניגן, די בעסטע פארוויילונג פאר חשובע
הויכגעשטעלטע אדל־לייט איז — געיעג מיט א גאנצן פאראד, מיט
טראדיציעס, צערעמאָניעס, מנהגים. דער תוך אָבער — הרגענען, פאר־
ווילן זיך מיט פארגיסן בלוט.

און דער ייד? כ'מיין — צער בעלי־חיים...

יידן אינטעליגענטן, יידן מאָדערנע, היינטוועלטיקע וויסן, אז די
זאך איז גאָר פשוט: יידן זיינען פחדנים. א ייד און א האָז. אז א ייד
פארשטעכט זיך א פינגער מיט א נאָדל, פארמאכט ער דאך די אויגן;
אז ער דערזעט אין אייזן־ברוך א צינגל פון א ביקס, פאלט ער דאך
אין חלשות; אז ער דערזעט ווי א יעגער שיסט פויגל, — בענטשט ער
גומל... וועלכע קלוגע וויצן זענען שוין נישט צוגעטראכט געוואָרן
אויפן חשבון פון יידישער פחדנות? עס איז כמעט א געזעץ ביי גויים
און ביי יידן. און יידן נאציאָנאלע שעמען זיך און קלעמען זיך נעבעך:
„ווי איז צו אונדז יידן, וואָס מיר זענען פחדנים". און גוטע יידן
זענען מלמד זכות אויף די יידישע פחדנותקייט, ווערט מען סניגור
לישראל: „דער גלות, נעבעך, האָט זיי, די מאקאבייער אייניקלעך, גע־
מאכט פאר פחדנים".

און יונגע יידן, היציק יונג בלוט — ווילן „אראָפּקייקלען די חר־
פה פון ישראל" און וויזן: אהא, מיר יידן זענען אויך גבורים, מיר

קענען אויך שטאַרבן. זיי, גוטע יידישע יונגע נשמות, נעמען זיך אָן מיט אימפּעט, גייען שטאַרבן „ווי גבורים" כדי אָפּצוּוואַרפן די שאַנדע פון פּחדנות פון יידישן פאָלק...

און די גאַנצע טעאָריע פון יידישער פּחדנות פון וואַנען נעמט זי זיך?

פון קוקן אויף אַלץ מיט גויאישע אויגן, פון מעסטן אַלץ מיט אַ פרעמדער, נישט יידישער מאָס, פון אַ פרעמדער לאָגיק, פון ווייטע און פרעמדע אידעען און באַגריפן. פאַרוואָס מיידט אויס אַ ייד געשלעגן? פאַרוואָס מיידט ער אויס סכנות? ווייל ער איז אַ „פּחדן". קלאָר ווי דער טאָג.

אָבער, צי איז דאָס טאַקע אַזוי? אַ העלד איז לגמרי נישט יעטווע־דער, וואָס „קריכט אין געשלעג אַריין", וואָס רייסט זיך צום שלאָגן. אַ פּחדן איז לגמרי נישט תמיד דער וואָס מיידט אויס זיך צו שלאָגן. אַ פּחדן איז דער, וואָס טוט נישט דאָס וואָס ער דאַרף טאָן מחמת מורא, וואָס פירט נישט אויס זיינע חובות, ווייל ער האָט מורא. אַ גיבור איז דער, וואָס גייט זיין גאַנג, וואָס טוט זיין זאַך, וואָס האַלט זיך ביי זיין וועג נישט געקוקט אויף אַלע סכנות, וואָס אין דעם. גבורה איז נישט אין אויפגערייצטער אפעקטיווער קעמפערישקייט, נאָר אין עקשנותדיקער קאַלטבלוטיקער אויסגעהאַלטנקייט, און נישט אָפּשרעקן זיך... אין אויפגערייצטן צושטאַנד פון אפעקטיווער אומ־פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואַרפן זיך אין סכנה, — דאָס קען אָפּט אויך אַ גרויסער פּחדן. גבורה און אפעקטן קענען זיך נישט צונויפפּאָרן. גבורה איז אַן אַקט פון ווילן. ווילנס אַקטן זענען תמיד פאַרבונדן מיט באַוואוסטזיין, מיטן שכל. אָבער נישט מיט אינסטינקטן. איז דאָך דאָס נישט קיין גבורה, ווען אַ הונט לאָזט זיך בילן אויף אַן אויטאָ. און דאָך אויך נישט קיין גבורה אין דעם ווען אַ צעקאָכטער, „צעיושע־טער" מענטש וואַרפט זיך אין סכנות נפשות. „איזהו גבור" — הכובש את יצרו", דעפינירט דעם באַגריף ריכטיק דער תלמוד: גבורה ליגט אין באַהערשן די אינסטינקטן.

די „העלדישקייט" אין מלחמות, וואָס ווערט אַזוי אָפט פיין באַ־שריבן און באַזונגען, איז דאַכט זיך מיר, צערייצטקייט, שיכרות, דער־

שראַקענע צעקאַכטקייט, אָפט טירוף־הדעת, בלוטיקער שגעון, שגעון מחמת יאוש, אָפט ווילדער חיישער פּחד, צערייטער סאַדיזם, אָפט אומ־מענטשלעכער טראַגן זיך פון א צעשראָקענעם פערד איבער גאַסן, פּלויטן, וועגן און אומוועגן. לייענט די עדות פון די אויפריכטיקע מל־חמה באַשרייבונגען און איר וועט געפינען די אַלע עלעמענטן. נאָך מער איז די דאָזיקע „העלדישקייט" פאַראַן איז די אָפיציעלע מלחמה באַריכטן. כדי צו סוגעסטירן, כדי צו פאַרשיכורן מענטשן. אין יעט־ווידער מיליטערישער מושטרע זענען פאַראַן עלעמענטן, וואָס זייער צוועק איז אַראָפּצודריקן דעם מענטשישן מהות פון זעלנער צו דער מדרגה פון א בהמה. דאָס איז נישט סתם א קאַפּריז פון אן אונטער־אָפיציר צי וואָס, ווי די מחברים פון דער מלחמה ליטעראַטור ווילן דאָס אָפט פאַרשטעלן. דאָס איז א סיסטעם, דאָס איז א זינען.

אויב מען זאָל רעדן פון מענטשלעכער גבורה, מיין איך, אז זי איז פאַראַן ביי א יידן וואָס שפּאַצירט אין זיין יידישער קאַפּאָטע איבער די גאַסן פון די אייראָפּעאישע קולטור שטעט. עפּעס זענען די גע־שטעמפּלטע פּחדנים געווען אַזוי פאַרעקשנט אויסצוהאַלטן אינקווי־זיציעס, גזירות, מגפות, רשעות, רציחות, פּאָגראָמען און קאַנטאָניזם, יסהאַלטן מיט א „שמע ישראל" און נישט משוגע ווערן, נישט פאַר־לירן קיין האָר פון דעם גלויבן. אָפט פּלעגן זיך דאָך יידן לאָזן אויס־רייסן דאָס פלייש צוזאַמען מיט דער באָרד. יידן, גאַנצע קהילות גייען „על קידוש השם". מיט א ווייטיק, ווייל די מצווה איז צו לעבן, נישט צו שטאַרבן, אָבער פאַרן טויט זיך נישט אָפּשרעקן, נישט אַנטלויפן. און ביז היטלערן האָבן דאָך יידן געקענט אַנטלויפן פון יידישע צרות... גבורה ליגט אין „חביבין יסורים" — עס איז ליב יידישקיים, זענען אויך ליב די יסורים צוליב יידישקייט.

יידן באַהאַלטן זיך בעת א פּאָגראָם. בכן פּחדנים. קלאָר אז דער שוואַכער וועט זיך באַהאַלטן צי זענען דאָס יידן, צי עס זענען דאָס פּוי־לישע מאַגנאַטן, העלדן, אויפשטאַנד־פירער. באַהאַלטן זיך פון א סכנה האָט זיך אויך גערעכנט פאַר א מצווה פון דער תורה „ושמרתם לנפשותיכם" — פּלעגט מען דרשענען דעם פּסוק. און דאָך פּלעגן טראַדיציאָנעלע יידן נישט תמיד זיך באַהאַלטן. די געשיכטע פון יידי־

שע צרות ווייסט אויך פון יידישן שטעלן זיך אנטקעגן ווען עס איז בלויז געווען א שטיקל האפענונג און פארקערט, ווען עס איז נישט גע־ווען קיין האפענונג זיך אויסצובאהאלטן, פלעגן יידן גיין אפן „על קידוש השם". מיט איין ווארט: די באקאנטע און „בהסכם כולם" אנגענומע־נע פארמול פון יידישער פחדנות איז צו אלגעמיין און צו אויבנאויפיק.

אבער וויכטיקער פון אויסבאהאלטן זיך איז די השפעה, וואס די פאגראמען מאכן אויף דעם געמיט פון דעם יידן.

עס איז נישט קיין גבורה משוגע צו ווערן פון א פאגראם („ברוך ממגנצה", טשערניכאווסקי), עס איז לגמרי נישט קיין גבורה פארלירן „פון צער און צארן" דעם גאנצן גלויבן און ווארפן שטיינער אין הימל אריין. עס איז אן שום ספק א סך מער גבורה פאראן אין א פשוטן אויפשטיין נאכן פאגראם, מיט ווייטיק און יסורים, אויפשטיין און — פירן ווייטער יידישקייט. דערשטיקן אין זיך דעם ווייטיק, אויסניסן דאס ביטער הארץ און ווייטער לעבן, ווייטער מבטל זיין די שלעגער מיט זייערע שלעג, ווייטער גלויבן, ווייטער טראגן אין הארצן דעם בטחון. נאך א יזכור, נאך א תענית, נאך א קאפיטל תהילים, אבער גארנישט פארלירן פון דעם אייגענעם איך. וויפל גבורה שטעקט אין אזא עקש־נות?

„עס ברענען די גלידער,
די זעל אבער נישט".

זינגט דער פאלקסזינגער מ. ווארשאווסקי, וועגן דער אינקוויזיציע. און אין אט די צוויי שורות איז פאראן מער אינטואיטיווער פארשטאנד פאר יידישקייט ווי אפשר אין דער גאנצער אזוי גערופענער פאגראם־ליטעראטור.

די מאדערנע יידן, וואס האבן גענומען „גלויבן אין איראפע", וואס האבן געזען אין איראפע דעם אידעאל פון קולטור, פון בילדונג, פון מענטשלעכקייט, פון וויסנשאפט, פאר זיי זענען די פאגראמען גע־ווען א פולשטענדיקער באנקראט פון אלע זייערע אידעאלן, פאר זיי איז דורך די פאגראמען געקומען א אידעאלאגישער איבערברוך, אבער נישט פאר דער טראדיציאנעלער יידישקייט. איר גאט, די נשמה אירע

איז דאָך געווען „נעוויניק, אין יידישקייט, נישט אין אייראָפּע. די פּאָגראָמען, די צרות האָבן ווי געטאָן טאַקע, „עס ברענען די גלידער", אָבער קיין מאָראַלישע ליידן און פּיין האָבן זיי מיט זיך נישט געבראַכט פאַר דעם יידן. „ושמרתם..." א ייד דאַרף אויסמיידן אַלע סכנות: גיפ־טיקע שלאַנגען, וועלף און אויך בייזע, שלעכטע, שלענגערישע פּאָגראָם־מאַכער, זייער קלאַפּ טוט ווי, אָבער ער באַליידיקט נישט. „אשור שבט אפּי" פלעגן יידן איבערחזרן אָפט דעם נביאישן פּסוק. זיי זענען בלויז א בייטש אין די הענט פון גאָט, פון דער נאַטור. צי קען דען באַליידיקן א שטיין, וואָס פלעט דעם קאָפּ? א וואַסער, וואָס פאַרפלייצט! צי קען אייך באַליידיקן א היישעריק, וואָס מאַכט אייך אומגליקלעך, צי וויל־דע חיות, וואָס באַפאַלן אייך? אַלע האָט זיין נאַטור: עקדישן — צו שטעכן מיט גיפט, וועלף צו פאַרצוקן און שלעכטע גויים האָבן זייער נאַטור — צו רויבן און צו צוקן די „שה פזורה ישראל", וואָס איז אַריינגעגעבן געוואָרן צווישן זיבעציק וועלף... און דער טראַדיציאָנע־לער ייד האָט אין דעם געזען בלויז א סימן צו פאַרטיפן זיך אין זיין יידישקייט.

איז אין דעם אַלעם נישט געווען קיין געוויינטלעכע פסיכאָ־פיזיאָלאָ־גישע פּחדנות. עס איז א רעזולטאַט פון פיל דורות קולטור און אידע־אָלאָגישע איינשטעלונג. עס איז א קולטור־פּסיכאָלאָגישע איינשטעלונג. „יידישע פּחדנות" — איינער פון די פילצאָליקע בלבולים, וואָס עס מאַכן אויף יידן וועלכע קוקן אויף זייער פאָלק מיט פרעמדע אויגן... עס איז ביי יידן א טיף־אָרגאַנישע שנאה צו בלוט־פאַרגיסן, וואָס דורות קולטור האָבן געמאַכט כמעט צו א צווייטע נאַטור.

בלוט איז הייליק און קיינער האָט נישט קיין רעכט צו פאַרגיסן אפילו זיין אייגן בלוט. דאָס לעבן איז דער צוועק פון לעבן. דער תכלית פון לעבן איז אין מענטשנס לעבן גופא, אין זיין אופן. און דעריבער איז נישטאָ קיין געץ, קיין גאָט, וואָס מען זאָל מעגן אים מקריב זיין א מענטשנס לעבן.

ביי זיי: פון רחמנות־וועגן איז בעסער צו דערהרגענען שווער פאַר־וואונדעטע חברים (לאָרענס „אויפשטאַנד אין מדבר").

ביי יידן: אז 2 גייען אין וועג און וואסער האט איינער בלויז פאר איינעם, איז פאראן א מיינונג — ביידע זאלן טרינקען און איינער זאל נישט זען דעם טויט פון צווייטן.

דעם מענטשנס פשוט לעבן זאל אפט שטיין העכער פון אלגעמיינע „נאציאנאלע" ענינים. האט עמיצער עפעס פריוואטע, שטוביקע אנגע־לעגנהייטן, טא זאל ער אין מלחמה נישט גיין (דברים כ"ח) און דער לאנגזאמער טויט פון פשוטן מענטשן אין דענוווער־שפיטאל איז איינס פון די יידישסטע ווערק („די דענווער באלאדע" פון לייוויק). עס איז דא אזוי ווייניק אקציע, טואונג, פאבולע, באוועגונג, געשעעניש. דערפאר אריינטראכטונג, איבערטראכטונג, איבערלעבונג, דענקען און באדענ־קען, געפיל און איבערלעבונג — אלגעמיינער שטריך פון דער יידישער ליטעראטור.

נעהערט אמאל א לעקציע וועגן מלחמה־גאזן. זייער א חשובער גע־לערנטער האט קאלט און אביעקטיוו גערעדט מיט א פשוטער זאכלעכ־קייט ווי די גאזן פארשפרייטן זיך, ווי זיי ווירקן אויף פארשידענע אר־גאנען פון מענטשן, וויפל סעקונדעס זיי דארפן ווירקן, וויפל טויזנטער מענטשן מען קען „באזייטיקן" מיט איין באלאן גאז... א קאלטע זאכ־לעכקייט ווי א שטיינער עס וואלט זיך גערעדט וועגן בלאט־לייז אויף ביימער. און דער לעקטאר איז געווען זייער א בכבודיקער פרומער קריסט.

צוויי קולטורן, צוויי טראדיציעס: ספארטע, אטען, רויב מיט די גלאדיאטארס, מיט די ווילדע סאדיסטישע דיקטאטארס, און באצוויינ־נער, מיט די געזעצן פון דעם שטארקן, מיט די וויקינגן,, מיט בארבארן „על חרבך תחיה" די גערעכטיקייט ליגט אויפן שפיץ פון שווערד: איז די גאנצע אייראפעאישע קולטור בלויז א פארטיפונג, בלויז א ציוויליזירונג, אמאל א סובלימירונג פון אט דעם מאכט־פרינציפ.

און פון דער צווייטער זייט:

ווען ירושלים איז אונטערגענאנגען, ווייל זי האט געוואלט פאר־מעסטן זיך קעגן רוים מיט רוימס דרכים, האט דאס דערפל יבנה זיך אפגעזאגט פון רוים, פון אלע רוימישע קולטור־יסודות. האט אט דאס דערפל ארויסגעריסן פון נשמה אלע רוימישע באגריפן פון גוט און

שלעכט, פון קיום און אומקום און ארויסגעשטעלט אנטקעגן דעם אלמעכטיקן רוים אן אנדער פּרינציפּ: „לא בחיל כי אם ברוח". און אז רוים שלאָגט, צאַפּט בלוט, האָט זיך יבנה פאַרטיפט אין תורה שבעל־פה פון פאָלק. אז איר גייט מיט די „ידי עשו" גייען מיר מיט דעם „קול יעקב". און דאָס קליין דערפל יבנה האָט געזאָגט: — „ניין, מיר שלאָגן זיך נישט". מיר קענען שטאַרבן על קידוש השם, אָבער שלאָגן זיך — דאָס נישט. שפּעטער מיט א צוויי טויזנט יאָר האָט עס טאָלסטאָי אָנגערופן „נישט קעגנשטעלן זיך דער רשעות". ירושלים איז אומגעקומען. אויף רוים איז געקומען א סוף. יבנה איז געבליבן. ווי אזוי?

די פּחדנות האָט זיי איינגעהאַלטן. קומט אויס:

נישט דער גלות האָט געבוירן די יידישע „פּחדנות", נאָר פאַרקערט: דער לעבנס־פּרינציפּ פון דער כלומרשטער פּחדנות האָט געשאַפן, האָט איינגעהאַלטן דעם גלות.

צוויי קולטורן. רוים און יבנה. צוויי דורותדיקע השפּעות אויף מענטשן.

צוויי לוויות. איינע א „שיינע" מיט פּאַראַדן און די צווייטע — א „האַמעטנע" א יידישע.

...ווייסע קליידער, ליכט, מוזיק, געפּוצטע פערד, קרענץ, צערעמאָניאַל מאַרש, לענטעס, פּראָצעסיעס... פון וואַנען שטאַמט דאָס? אַט אזוי פּעלגט מען דאָך אמאָל פירן נאָך לעבעדיקע מענטשן ווי קרבנות. דער זעלביקער צערעמאָניאַל, מער נישט וואָס ער איז אָפּגערוקט געוואָרן אויף נאָכן טויט. דעם יידן ליגט עס אַלץ נישט אין זינען. געשטאָרבן א ייד, אָפּגעשטאָרבן א שטיק יידישקייט. דאָ ווערט דער טויטער אויסגענוצט צוליב דעם „נייטיקן" באַדאַרף אין לעבן. דאָ אָבער געזעגנט זיך דאָס לעבן מיט א לעבן. דאָ איז דאָס א נאָרמאַלע דערשיינונג פון לעבן — דאָ א גרויזאַמער סוף פון לעבן.

לאַנגע, לאַנגע דורות האָט דער יידישער גייסט זיך באַמיט אָנצושטעקן א וועלט מיט גויים מיט דעם יידישן צוגאַנג צום לעבן און טויט, צו בלוט. האָבן די גויים גענומען דעם יידישן גייסט, זייער גאָט, דעם פאַרפּייניקטן און אים געצוווּנגען ער זאָל גיין מיט זיי. האָבן זיי אים צוגענעגלט צו די פאָנען פון זייערע בלוטיקע פּראָצעסיעס, האָבן זיי

אונדזער גאַנג אין אייביקייט

אים געצוווּנגען גיין פאָרויס אויף אַלע עשאַפאָטן, אינקוויזיציעס, מלחמות און קרייץ־צוגן. האָבן זיי אין נאָמען פון גאָט פון ליבע מלחמות געפירט, מענטשן געברענט, גענעגלט, געקרייציקט, טייכן בלוט פארגאָסן צו גרויסן און צו הייליקן דעם נאָמען פון דעם וואָס האָט געהייסן ליב האָבן און טייער האַלטן דעם מענטשנס לעבן. איז ער, נעבעך, דער געקרייציקטער אויף אייביק געבליבן געקרייציקט דורך די וואָס מיינען דורך בלוט צו הייליקן זיין נאָמען.

דורות מענטשן האָבן זיך באַמיט איינצוצאַמען די בלוטדורשטיקע חיה וואָס אין מענטשן, באַצווינגען זי: כּללים, געזעצן, קולטורן, פילאָזאָפיעס, מענטשלעכקייט. ביז עס איז געקומען די גרויסע מלחמה און האָט צעבראָכן אַלע דאַמבעס, אַלע קלאַפּעס, אַראָפּגעריסן אַלע פייגנבלעטער. א נאַקעטע און אָפענע תורה פון מענטשנפרעסעריי. ווער עס האָט כּוח, דער איז גערעכט, דער איז דער „העכסטער", דער בעסטער.

דאָס איז דער פּועל יוצא, די תּולדה פון דער אייראָפּעאישער קולטור און ציוויליזאַציע. נישט אומזיסט האָבן די טרעגער פון דער נייער אייראָפּעאישער קולטור אַזוי פיינט יידן. דאָס זענען צוויי אַנטיפּאָדן. וואָלט זיך די וועלט אָנגעשטעקט מער מיט יידישקייט, וואָלט דאָס לעבן פון פעלקער איצט אויסגעזען אַביסל אַנדערש. עס פעלט דער וועלט אַביסל יידישע „פּחדנות" פאַר בלוט, אַביסל דרך ארץ צום מענטשן, צו זיין לעבן, צופיל געצן האָט די וועלט, וואָס זענען ביי איר אין די אויגן העכער פון מענטשן. עס פעלט דער וועלט אַביסל יידישקייט.

(געשריבן אין 1937)

כעס אין אונדזער געשיכטע

פּסיכאָלאָגישע און קולטורגעשיכטלעכע שטודיע

ערשטער טייל.

געהייליקט דעם אָנדענק פון דעם חבר, פריינד און רבין **זעליק קאַלמאַנאָוויטש ז״ל**; ער האָט רעדאַקטירט מיין ערשטע גרעסערע ארבעט (דעם יידיש פון לערנבוך פון באָטאַניק), מיינע ערשטע ארטיקלען און אויך די ערשטע אויפלאַגע פון אָט דער אַרבעט. ער האָט געלעבט בקדושה ובטהרה און איז אויסגעגאנגען אין קאָנצענטראַציע לאַגערן מיט דעם העכסטן „אָרדען" פון א מאַרטירער פאָלק, מיט דעם טיטול „דער טרייסט־נביא פון געטאָ". יהי זכרו ברוך אויף אייביק, אין אלע דורות ווען יידן וועלן זיין יידן.

פּסיכאָלאָגיע פון כעס בכלל

1

רויער כעס

געוויינלעך איז אין די לערנביכער פון פּסיכאָלאָגיע אָפּגעגעבן זייער ווייניק אָרט דער באַהאַנדלונג פון געפיל־לעבן.

„געפיל — שרייבט מיט רעכט דער פּסיכאָלאָג נ. לאַנגע — פאַרנעמט אין פּסיכאָלאָגיע דאָס אָרט פון דער נישט־באַליבטער שוועסטער,

וואָס ווערט שטענדיק אָפּגעשטופּט און באַוואָלט לטובת די עלטערע שוועס־טער, שכל און ווילן. דער געפיל איז געצוווּנגען זיך צו באַנוגענען מיט אַ ווינקעלע אויפן הינטערשטן הויף פון דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט, בעת דער ווילן און איבערהויפּט דער שכל (דערקענטעניש) פאַרנעמען אַלע פּאַדערשטע צימערן. ווען מען זאָל צונויפזאַמלען אַלע וויסנשאַפט־לעכע אויספאָרשונגען וועגן געפילן, וועט זיך באַקומען אַזאַ אָרעמינקע רשימה, וואָס שטייט ווייט אָפּ פון דער ליטעראַטור, וואָס איז אָפּגע־געבן וואָסער עס איז איין פּרט־פראַגע פון דערקענטעניש־געביט".

אין דער אמתן אָבער זענען די געפילן און זייערע ספּעציפישע פאָר־מעס נישט אין פאַרגלייך וויכטיקער פאַר דער אויסבילדונג פון כאַראַקטער איידער אַלע עלעמענטן פון דערקענטעניש גענומען צוזאַמען. דורך דער פאָרשונג פון דעם געפילן אינהאַלט פון אַ מענטשן קענען מיר אַ סך גרינגער צוקומען צו דער פּסיכיק פון אַ מענטשן בפרט און פון מענטשן בכלל. זאָלן די עטלעכע שורות פאַרענטפערן, פאַרוואָס דאָ איז דעם גע־פיל פון כעס אָפּגעגעבן אַ גאַנצע שטודיע, וואָס פּרוווט אַרומנעמען די פראַגע אַלזייטיק.

כעס איז איינע פון די שטאַרקסטע איבערלעבונגען, וואָס עס קומט אויס דעם מענטשן דורכצומאַכן. עס איז אַן אימפּולס צו האַנדלען, וואָס קיין אַנדערער קען זיך מיט אים נישט פאַרגלייכן, פאַרמעסטן זיך מיט אים אָדער פּרווון אים אָפּהאַלטן. דער גורל פון מענטשן איז אָפט אָפּהענגיק פון דעם געפיל. גרויזאַם ווי אַ סטיכיע איז דער אויפגעוועס־טער כעס פון מאַסן, פון המון. גאַנצע פאָלקסבאַוועגונגען, געשיכטלעכע פּראָצעסן ווערן דערקלערט מיטן „פאָלקסצאָרן", מיט דעם קאָלעקטיוון כעס.

וואָס איז אָבער דער מהות פון כעס?

כדי זיך פונאַנדערצוקלייבן אין אַ וואָסער עס איז דערשיינונג, צי אַ ביאָלאָגישע צי אַ סאָציאַלע, איז תמיד דאָס ריכטיקסטע צוצוגיין צו איר גענעטיש. כדי זיך פונאַנדערצוקלייבן אין פּראָבלעם פון כעס וועלן מיר בכן נעמען זיינע פּרימיטיווסטע פאָרמעס, ביי חיות למשל. דאָרטן איז דער געפיל אינגאַנצן ריין, נאַטירלעך, קיין שום אָנוואוקסן פון קול־טור, ציוויליזאַציע וכדומה זענען נישטאָ. ביי חיות איז כעס תמיד

פארבונדן מיט אַנפאַל, זעלטענער מיט אקטיווער פארטיידיקונג, וואָס איז בעצם אויך אַנפאַל (קעגן־אַנפאַל). דעריבער זענען רויב־חיות אָפּ־טער אין כעס איידער גראָז־עסערס. די רשימה פון גראָז־פרעסערס־כעס־נים וועט זיין כמעט ווי אויסגעשעפּט, אויב מיר וועלן אָנרופן דעם אָקס, העלפאַנד און פערד.

בכלל זענען דאָס אלץ אַזוינע חיות, וואָס קענען זיך אנטקעגנשטעלן זייערע שונאים, פארמעסטן זיך מיט זיי אין די כוחות. ארויסגערופן ווערט ביי די גראָז־פרעסערס דער כעס א סך זעלטענער, בעת עס איז נע־גוג דער גרינגסטער רייץ ארויסצורופן כעס ביי רויב־חיות. פאר זיי איז על־פי־רוב גענוג בלויז צו דערשפירן דעם אַנפאַל־אָביעקט, כדי שוין צו ווערן אין כעס. בכן איז כעס די איינשטעלונג פון אָרגאַניזם ביים אַנפאַל.

און אַנפאַל איז ביי חיות א ביאָלאָגישע נויטווענדיקע אויפגאַבע אין אייביקן קאַמף פאר דעם קיום. אין די געהעריקע מאָמענטן ווערן אלע אָרגאַנען צונעפּאַסט, איינגעשטעלט צו דער אויפגאַבע. כאַראַקט־עריסטיש איז ביי כעס די אַנשטרענגונג פון די גלידער, וואָס זענען ביי דעם געגעבענעם מין דער געווער אין קאַמף. א דערצאָרנטער אָקס טראָגט אויף זיין אָנגעשטרענגטן מעכטיקן האלדז דעם קאָפּ אויסגע־בויגן אַזוי, אז די הערנער זאָלן גיין פאָרויס מיט די שפּיצן. דאָס פערד בריקעט מיט די קאָפּיטעס און שטשירעט די ציין. ביי מענטשן בייגן זיך בעתן כעס די פויסטן, עס ווערן אויסגעשטשירעט די ציין — דאָס זענען דאָך טאקע די אַנפאַל־אָרגאַנען ביים פרימיטיוון מענטשן. אָבער נישט בלויז די דירעקטע קאַמף־אָרגאַנען דארפן זיין צוגעגרייט צום אַנפאַל. אויך אלע אנדערע ווערן מאָביליזירט און קאַמף־גרייט. די בלוט־געפעס ציען זיך פונאנדער, עס פארשטארקט זיך די בלוט־צירקו־לאַציע, איבערהויפּט אין הויט, דער פולס קלאַפּט שטארק און האסטיק, די אויגן שטארצן ארויס, אָנגעגאָסן מיט רויט. ריבאָ („פּסיכאָלאָגיע פון געפילן") זאָגט, אז ביי שטארקע אפעקטן פון כעס, ביי גרימצאָרן קען קומען צו א בלוט אויסגאָס פון נאָז, פון די לונגען. די אָדערן קאָנען פּלאַצן פון שטארקן בלוט־דרוק און עס קאָן אפילו דערגיין ביז צום טויט.

דער אָטעם ווערט אָפּגעהאַקט, אָבער שטאַרק, די נאָזלעכער בלאָזן זיך אָן ברייט, און נישט אומזיסט פּלעגן די פּאַרציטיטיקע יידן אָנרופן א שטאַרקן אפעקט פון כעס מיט דעם בילדערישן אויסדרוק „חרון־אף״ (דאָס רויכערן פון נאָז).

די סעקרעציע פון די שפּייעכץ־דריזן ווערט אינטענסיוו. פון דאַנען שטאַמט דער „שוים אויף די ליפּן״ ביי כעס און דאָס שפּייען אויף דעם אָביעקט פון כעס. עס לוינט דאָ צו דערמאָנען, אַז ביי אייניקע חיות איז די סעקרעציע טאַקע אַן אָנפאַל־מיטל. ריבאָ זאָגט, אַז ביי כעס קאָן די סעקרעציע ווערן אפילו גיפטיק.

פאַרקערט איז אָבער לויט לאַנגע די אויסשיידונג פון גאַל, וואָס נעמט נישט קיין אַנטייל אין אָנפאַל, אויך נישט באַטייליקט אין פּראָצעס פון כעס. דאָס שטימט לגמרי נישט מיט די זייער פאַרשפּרייטע פאָר־שטעלונגען, וואָס זעען דעם מקור פון כעס אין „גאַליקייט״ און די אומ־פעאיקייט צו כעס ביי א מענטשן „אָן א גאַל״.

די סקעלעט־מוסקולן ווערן אַלע אָנגעשטרענגט. דער גאַנצער גוף גיט זיך א בייג איין פאָרויס, ער נעמט אָן אַן ארויסרוף־לאַגע. די באַ־וועגונגען ווערן אָפּגעהאַקטע, פעסטע. די האַנדלונגען ביי כעס קענען זיין לגמרי נישט קיין אַדעקוואַטע אין די געגעבענע באַדינגונגען, אָבער אַלע זענען זיי געווענדט אין איין ריכטונג, אַלע מאָל זענען זיי צעשטערערי־שע.

און צולעצט — די ווירקונג פון כעס אויף דער שפּראַך. די שטים ווערט ווי אָפּגעהאַקט, די ווערטער שטיקן זיך אין דער ענג־געוואָרענער קעל, דער טעמבער פון דער שטים ענדערט זיך, די קלאַנגען גופא ווערן דהויענדיקע, און אויך דער אינהאַלט איז — דרויאונג און אָפּשרעקונג. דאָס זענען זידלערייען, א מין ווילן צונישט־מאַכן דעם קעגנער און אים דערמונטערן זיך דורך אַליינסוגעסטיע. עס איז איבעריק צו ברענגען דאָ מוסטערן פון דעם כעס־לעקסיקאָן — ער איז אַלעמען באַקאַנט. די מקורים פון דעם כעס־לעקסיקאָן זיינען דרייערליי:

א) דירעקטע אָפּשרעקונג און דרויאונג (אָט צעמאָל איך דיך אויף אַש!...).

ב) בייזע ווונטשן, קללות, וואָס זייער אָפּשטאַם ליגט נאָך אין דעם פּאַרציייטיקן גלויבן, אַז דורך ווערטער קען מען אַרויסרופן גאָט, אָדער גייסטער, צי גוטע, די בייזע („אַ רוח אין דיר!"). דאָס איז אַ ווייטער־דיקע מדרגה פון דעם מיטנעמען גאָט מיט זיך אין קאַמף, אויף מלחמה.

ג) דער דריטער מקור איז אַ סעקסועלער, אַ ריין פּראָווידיאַנישער. אהער געהערט דאָס באַרימטע רוסיש זידל־וואָרט, וואָס האָט אַזאַ אינ־טערנאַציאָנאַלן דערפּאָלג. אהער געהערן די זידלערייען, וואָס זענען באַזירט אויף די נעמען פון די געשלעכטס־אָרגאַנען און געשלעכטס־פּראָצעסן.

אָט דער אינהאַלט צוזאַמען מיט דעם טאָן איז דאָס די פּרעלודיע פון עצם אָנפאַל. עס איז דער געוויש פון ווינט פאַרן שטורעם. און ווען דער כעס־אַפעקט שטייגט ווייטער, ווערט בכלל אָפּגענומען די פעאיקייט אַרויסצוברענגען אַרטיקולירטע קלאַנגען און ווערטער. עס בלייבן אויס־געשרייען, אַ ברומען, אַ שרייען, ריטשען, רעווען, נישט קיין מענטשלעכע שפּראַך. די לעצטע איז דאָך אַ סכום דערוואָרבענע באַדינגטע קלאַנג־רעפלעקסן, וואָס פאַרבייטן די איינגעבאָרענע, נאַטירלעכע געשריי־שפּראַך. ווי אַלע דערוואָרבענע, קאָאָרדינירטע רעאַקציעס גייט די שפּראַך פאַרלאָרן אין צושטאַנד פון שטאַרקע אַפעקטן בכלל און אויך ביי כעס.

עס איז גענוג זיך צוצוקוקן ביי אַ געלעגנהייט צו אַ געשלעג פון גע־ניטע שלעגערס — ערגעץ אויף אַ מאַרק, צווישן קצבים וכדומה. אַ צע־יושעטער קנויל מענטשן, פול מיט אימפּעט, קאָנצענטרירט בלויז אויף טיילן קלעפּ, פאַרגעסן טאַטע־מאַמע, ווייב און קינד, נישט געדענקט דעם נעכטן, נישט געטראַכט פון מאָרגן. די חושים שפּירן נישט, נישט גע־זען און נישט געהערט, קיין זאַך עקזיסטירט נישט. דער גאַנצער מענטש מיט אַלע זיינע חושים, מיט אַלע גלידער, נערוון און מוסקולן, מיט אַלע פיבערן ביז די האָר און נעגל פאַרטאָן און אַריינגעטאָן אין איין פּונקט, געטריבן פון מעכטיקן כעס, און עס ברומט, און עס סאָפּעט דער צע־שוויצטער מענטשן־קנויל...

מענטשן, וועלף, אָקסן — דאָס בילד בלייבט דאָס זעלבע. אין דער פּרימיטיוועו פאָרמע איז דער כעס אין זיין ריינעם נאַטירלעכן אויסזען חיהש — עס איז דער בראשיתדיקער קאַמף־אינסטינקט, דער אינסטינקט

פון רציחה, און דער געפיל, וואס מיר רופן אים כעס, איז בלויז די סוביעקטיווע שפירונג פון די אינסטינקטיווע צושאנדרן פון די ארגאנען אזוי זענען תמיד די שייכותן פון אינסטינקט און געפיל — עס זענען צוויי זייטן פון איין און דער זעלביקער מטבע. באטראכטן מיר עס פון שטאנדפונקט פון רעאקציע, האנדלונג — רופן מיר עס אינסטינקט, נעמען מיר די עמאציאנעלע איבערלעבונגען — דעמאלט האבן מיר צו טאן מיט געפיל. איצט איז אונדז נישט שווער צו פארמולירן א דעפיניציע פון כעס:

כעס איז די קאמף־איינשטעלונג פון די אופאל־ארגאנען און פון גאנצן ארגאניזם בכלל. די אנגעשטרענגטקייט פון די אלע ארגאנען — מוסקולן און דריזן רייצן די שפיר־נערוון, וואס פלעכטן זיי דורך, און אט די נערוון־רייצן גיבן זייערע ספעציפישע שפירונגען, וואס אלע צוזאמען שאפן זיי די אלגעמיינע עמאציע, דעם געפיל פון כעס.

פאר אייניקע וועט זיכער אויסקומען, אז מיר האבן דא פארביטן דעם סדר אין דער דעפיניציע. — עס קומט דאך אויס, — וועט מען זאגן, — אז מיר זענען אין כעס ווייל מיר קריצן מיט די ציין, בעת „אלע וויסן” אז פארקערט — מיר בייזן די פויסטן, ווייל מיר זענען אין כעס. צי איז דא נישט פארביטן די סיבה מיט דער תולדה? די פראגע קען פארמולירט ווערן אזוי: צי ווערט דער פסיכישער צושטאנד ארויסגערופן דורך דעם פיזיאלאגישן פראצעס, וואס איז אן איינגעבארענע אינסטינקטיווע רעאקציע פון ארגאניזם, אדער פארקערט — דער פיזיאלאגישער פראצעס קומט ווי א תולדה פון דעם פסיכישן, ווי דאס דוכט זיך אונדז אוים תמיד לויט אונדזער אינטראספעקציע און ווי עס מיינען טאקע דאס רוב מענטשן. די איצטיקע פסיכאלאגיע נעמט אן דווקא די ערשטע מיינונג. אין דער אמתן איז אונדזער באוווסטזיין בכלל א קנאפער בעל־דעה אויף אונדזערע האנדלונגען און אויף אונדזער אויפפיר בכלל. אונדזערע האנדלונגען זענען על־פי־רוב אינסטינקטיווע: אדער זיי שטאמען פון אינסטינקטן, אדער זיי זענען איינגעבארענע ווילדע אדער זיי זענען פארענדערטע, קולטיווירטע. אבער דער מקור זייערער בלייבט תמיד אין די אינסטינקטן. דער סכום שפירונגען און פארשטעלונגען גיבן דאס באוווסטזיין, די געפיל־טענער, וואס בא־

גלייטן תמיד די שפּירונגען, גיבן די עמאָציע, דעם געפיל. די לעצטע זענען רעזולטאַטן און נישט די סיבות. זיי באַפאַרבן בלויז אונדזערע רעאַקציעס און האַנדלונגען. זיי זענען ביי אונדז ווי די לאַמטערנעס פון אַן אויטאָ. זיי גייען, דאַכט זיך, פאָרויס, זיי באַלויכטן און מאַכן אָנ־זעעוודיק די גאַנצע זאַך, אָבער נישט זיי, לגמרי נישט זיי טראָגן און פירן. זיי לייכטן דאָס, וווהין דער פאַרבאָרגענער מאָטאָר שטופּט זיי און טרייבט צום לייכטן... אַזוי איז אויך מיט אונדזערע פאַרשטעלונגען.

דאָס איז בנוגע צו געפילן בכלל און אויך ביי כעס איז עס אַזוי. אַט דער באַנעם פון געפילן ווי אַ פּועל־יוצא פון פיזיאָלאָגישע פּראָצעסן, ווי סוביעקטיווע באַפאַרבונג פון אינסטינקטן איז באַקאַנט אין דער פּסי־כאָלאָגיע ווי די טעאָריע פון דזשעמס (אַמעריקע) און לאַנגע (האָלאַנד) לויט די נעמען פון די געלערנטע, וואָס האָבן דעם געדאַנק פאָרמולירט צווערשט אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן.

מען זאָגט אָפט: אויב אַזוי וואָלטן אַרטיסטן למשל אויף דער סצע־נע געדאַרפט אינערלעך איבערלעבן אַלע געפילן פון די צושטאַנדן, וואָס זיי שטעלן פאָר. זיי וואָלטן דאָך נאָכמאַכנדיק אַלע באַוועגונגען און די גאַנצע מימיק פון אַ געוויסן צושטאַנד געדאַרפט אים טיף איבערלעבן. אין דער אמתן איז עס דאָך על־פּי־רוב נישט אַזוי. געניטע אַרטיסטן שטעלן אָפט פאָר די שטאַרקסטע אַפעקטן, די גרעסטע גייסטיקע אויפרו־דערונגען און דאָך בלייבן זיי אינעווייניק רואיק. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי מאַכן דורך דאַכט זיך די גאַנצע איינשטעלונג, דאָך פעלט אָפט די עמאָציע. קומט דאָך אויס, אַז דער געפיל באַגלייט נישט די רעאַקציעס, נאָר פאַרקערט.

אָבער דער דאָזיקער פאַקט פּרעגט לגמרי נישט אָפּ די טעאָריע פון דזשעמס און לאַנגע. די זאַך איז דאָ אַזאַ, וואָס דער אַרטיסט איז דאָך בכוח באַליביק צו באַוועגן בלויז די ווילקע מוסקולן און אָרגאַנען. ער קען מאַכן בלויז די באַוועגונגען, וואָס לאָזן זיך מאַכן. ער איז דאָך אָבער לגמרי נישט ביכולת איינצושטעלן אויף דעם געהעריקן געפיל־צושטאַנד די אומווילקע אינערלעכע אָרגאַנען. באַקומט זיך, אַז נישט דער גאַנ־צער אָרגאַניזם איז ביים אַרטיסט איינגעשטעלט, צוגעפּאַסט צום גע־פיל־צושטאַנד, וואָס ער שטעלט פאָר, במילא פעלן דאָך ביי אים די וויכ־

טיקסטע שפּירונגען (פון די אינעוויינוקסטע אָרגאַנען) און די עמאָ־ציע איז נישט קיין גאַנצע. גיט זיך אָבער יאָ איין דעם ארטיסט אמאָל צו באַוועגן אויך די אינערלעכע אָרגאַנען, דעמאָלט לעבט ער טאַקע אי־בער די פולע עמאָציע אויף דער בינע ווי אין לעבן. און אַזוינס איז לגמרי נישט זעלטן ביי גוטע ארטיסטן. אַזוי אַרום ווערט פון דעם אָפּ־פרעג פארקערט א באַוויז פאַר דער טעאָריע פון דזשעמס־לאַנגע *).

די מאַרך־צענטערס, וואָס פירן דעם כעס, זענען בכן די זעלביקע, וואָס פירן די בלוט־, אָטעם־ און סעקרעציע־אָרגאַנען. דאָס זענען די אַזוי גערופענע נידעריקערע צענטערס פון מוח (דער לאַנגער מאַרך און דער קליינער), די אומוויליקע און על־פּי־רוב אומבאַוווסטזיניקע. די העכערע צענטערס פון מוח, די אַסאָציאַטיווע (די האַלבקיילעכן) האָבן זייער וואָס צו זאָגן ביים פּרימיטיוון כעס. די פעאיקייט איבערצולעבן כעס אפעקטן קומט ביים מענטשן זייער פרי, לויט פּרייערן — אין על־טער פון עטלעכע וואָכן אַפילו. אויך פילאָגענעטיש פאַררעכנט סיקאָרס־קי דעם כעס צו די „אוראַלטע געפילן", ס'הייסט צו די וואָס זענען שוין פאַראַן אַפילו ביי גאַנץ נידעריק אַנטוויקלטע בעלי־חיים. אויך חיות, וואָס ביי זיי איז דער גרויסער מאַרך לגמרי באַזייטיק אַפּעראַטיוו, זע־נען ביכולת דורכצולעבן כעס־אַפעקטן לויט אַלע אָרגאַנישע סימנים פון דעם געפיל. דאָס זעלביקע איז אויך שייך צו מענטשן ביי גייסטיקע קראַנקייטן, ווען אַלע געפילן זענען געגאַנגען פאַרלאָרן *).

פון דער באַשרייבונג פון כעס, וואָס איז אויב געגעבן, איז אויך צו זען, אַז ביי נאָרמאַלע מענטשן ווערט בעת דעם כעס אָפּגעשוואַכט די טעטיקייט פון די העכערע אַסאָציאַטיווע מאַרך־צענטערס. די נישט־אַדעקוואַטקייט פון די האַנדלונגען, דאָס פאַרלוירן ס'לשון וכדומה, דאָס אַלץ ווייזט דאָך אונדז, אַז דווקא די דערוואָרבענע אַסאָציאַטיווע, קאָנ־טראָלירטע האַנדלונגען, וואָס זיי זענען די פונקציע פון די העכערע מאַרך צענטערס, זיי גייען פאַרלאָרן. די גאַנצע ענערגיע איז קאָנצענטרירט אין די אונטערשטע צענטערס — זיי דאָמינירן בעת'ן כעס. און דער מענטש

*) סיקאָרסקי. אַלגעמיינע פּסיכאָלאָגיע, זייט 369 — (רוסיש).

פּאַרלירט זיין קולטור, זיין דערוואָרבענע ראַפינירטקייט און קערט זיך אום צו זיין בראשיתדיקער ווילדקייט.

גלענצנד ווערט דער צושטאַנד כאַראַקטעריזירט דורך דער פאָלקס־שפּראַך. עס הייסט „ארויסגיין פון די כלים". מיר האָבן אין יידיש עט־לעכע שפּריכווערטער ווי למשל: „דער כעס איז א נאר", אָדער „כעס וחמה מאַכן דעם מענטשן פאַר א בהמה" (איגנאַץ בערנשטיין).

פּאַראַלעל צו דעם האָבן מיר אין תלמוד: באָ לכלל כעס, באָ לכלל טעות (ספרי), (כעס מוז ברענגען צו טעותים). אָדער: אמר ריש לקיש: כל אדם שכועס. אם חכם הוא, חכמתו מסתלקת ממנו, אם נביא הוא, נבואָתו מסתלקת ממנו אאז"וו (פּסחים ס"ו ע"ב). דאָ דאַרף מען אויך דערמאָנען דאָס באַקאַנטע תלמודישע: בשלושה דברים האדם ניכר: בכוסו, בכיסו ובכעסו, געמיינט מיט דעם די צושטאַנדן, ווען דאָס באַ־וווסטזיין, ריכטיקער — די העכערע אסאָציאַטיווע צענטערס פון מוח פאַרלירן דעם קאָנטראָל איבער די האַנדלונגען פון מענטשן.

נאָך גרויזאַמער ווי דער כעס פון איין יחיד איז דער כעס פון מאַסן. דאָ איז לגמרי נישט נייטיק, אַז אַלע אינדיווידן פון דער מאַסע זאָלן דירעקט באַקומען דעם כעס־רייץ. דאָ קומט צו דער מאָמענט פון נאָכ־מאַן, פון קעגנזייטיקער סוגעסטיע, וואָס קען פאַרבייטן דעם דירעקטן כעס־רייץ. עס איז באַקאַנט, אַז אַלע הינט פון א דאָרף למשל צעבילן זיך מיט כעס, ווען זיי דערהערן בלויז דאָס בילן פון איין הונט. ענ־לעך איז עס אויך מיט מענטשלעכע מאַסן, וואָס שטייען אויף א נידער־ריקן ניוואָ. די קעגנזייטיקע סוגעסטיע קען פאַרשטאַרקן די דירעקטע כעס רעאַקציע פון יעטווידער יחיד, פאַרשטאַרקן און פאַרלענגערן זי ביז צו דער פולער אויסשעפּונג. זי קען אויפמונטיקן שוואַכע, אָנצינדן קאַלטע. דאָס איז דער כוח פון מאַסן־סוגעסטיע. אָט דער דאָזיקער אָנ־געשטעקטער כעס שפּילט א גרויסע ראָלע אין מלחמה, אין מאַסן־ארויסטרעטונגען וכדומה.

---

*) מען דאַרף צוגעבן, אַז ווייט נישט אַלע פּסיכאָלאָגן האַלטן די טעאָריע פאַר א ריכטיקע. מיר האַלטן אָבער פאַר נישט מעגלעך דאָ אַריינצופירן א פּאָלעמיק אויף דער טעמע.

א. גאָלאָמב

—2—

מענטשלעכער כעס

אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט באַגעגנט מען זיך מיט דער פּרי־מיטיווער, נאַטירלעכער פאָרמע פון כעס בערך זייער זעלטן. על־פּי־רוב אין דער צושטאַנד מער אָדער ווייניקער פאַרענדערט, אַזוי אַז עס באַקומען זיך איבערלעבונגען, וואָס זענען זייער ווייט פון די, וואָס מיר האָבן געשילדערט אין ערשטן קאַפּיטל. שוין ביי הינט זעען מיר צו־שטאַנדן פון איינגעהאַלטענעם כעס. דער גאַנצער אָרגאַניזם איז ווי גרייט אָנצופאַלן, וואַרפט זיך אין קאַמף און דאָך קומט עס נישט צו דער עצם האַנדלונג. פאַרוואָס? — זיכער, אַז די צענטראַפּוגאַלע נערוון־רייצן צו די מוסקולן זענען אין די פאַלן אָפּגעשוואַכט דורך אַנדערע פּראָצעסן, וואָס ווירקן פאַרקערט. אַזוינע נערוון־פּראָצעסן קענען זיין א רעזולטאַט פון דערפאַרונג: די פריערדיקע כעס־אָנפאַלן האָבן זיך גע־ענדיקט שלעכט פאַר דעם אָנפאַלער. איין מאָל, צוויי מאָל — און א דריטן מאָל וועט שוין דער הונט פון לכתחילה אויסמיידן אָנפאַלן, כאָטש די גאַנצע איינשטעלונג פון אָרגאַניזם איז יאָ אָנצופאַלן. אָט אַזוי אַרום איז שוין דאָ דער כעס אַן איינגעהאַלטענער.

דער אַקטיווער כעס איז דאָך, ווי מיר האָבן שוין געזען אויבן, א נאַטירלעכע אַלגעמיינע רעאַקציע פון אָרגאַניזם, וואָס האָט איר באַ־שטימטן גאַנץ איינפאַכן נערוון־וועג: פון די תפיסה־אָרגאַנען (פון אויג, למשל) דורך די צוצענטרישע נערוון צום צענטער און פון דאָרטן דורך פונצענטרישע נערוון צו די מוסקולן און דריזן. די שלעכטע דערפאַרונג שאַפט ביסלעכווייז א פּאַראַלעלן נערוון־רייץ אויף אָפּצוהאַלטן די אַק־טיווע כעס־רעאַקציע. ביסלעכווייז באַקומט זיך א מין אַנאַליז פון די כעס־מוסקולן: ווען עס לוינט און ווען עס לוינט נישט אויסצולאָדן דעם כעס אַקטיוו, ווען מען מוז דעם כעס איינהאַלטן. דער דאָזיקער אַנאַ־ליז איז אַן אומבאַוווסטזיניקער, ריכטיקער — ער גייט פאָרויס פאַר דעם באַוווסטזיין, ער קומט פריער.

דער דאָזיקער אַנאַליז פון די כעס־רייצן קומט ביים מענטשן־קינד גאַנץ פּאַוואָלי. אַפילו אויפן דריטן לעבנסיאָר רעאַגירט נאָך א קינד מיט אַקטיוון כעס אויף יעטווידער אומאָנגענעמען רייץ, עס שלאָגט אַלץ און אַלמען, וואָס האָט דאָס פאַרטשעפּעט. צי עס זענען טאַטע־מאַמע, צי א קינד, צי גאָר די פּאָדלאָגע, צי א טיש, וואָס עס האָט זיך אָן זיי אָפּגעקלאַפּט — אַלץ שלאָגט עס, איז זיך אַקטיוו נוקם אָן זיי. אויך ביי עלטערע קינדער, אַפילו פון שול־עלטער, איז א נישט־איינגעהאַל־טענער כעס א שטאַרק אָפטע דערשיינונג. — צו טיף און שטאַרק איז איינגעוואָרצלט דער מעכטיקער כעס אינסטינקט, אַז די דערוואָרבענע אַסאָציאַציעס זאָלן אים גיך גובר זיין און איינהאַלטן.

אָבער דאָך גייט דער אַנאַליז ווייטער און ביסלעכווייז אַרבעט זיך אויס א סעלעקציע פון כעס־סטימולן. פאַראַן א סך מענער, וואָס אין דער פרעמד זענען זיי זייער געלאַסענע און נאָכגיביקע, בעת אין זייערע היימען בנוגע צו די אייגענע ווייב־און־קינדער זענען זיי דער היפוך. דער אַמעריקאַנער פּלעבס וועט פאַרלינטשן א נעגער פאַר אַזא עבירה, וואָס עס וועט זיי אַפילו נישט איינפאַלן אין כעס צו ווערן פאַר דעם אויף א ווייסן. כּידוע געפינען זיך אין דער לאַגע אין א סך לענדער די יידן. די דאָזיקע סעלעקציע קומט פאָר אָן דעם אָנטייל פון באַוווּסטזיין און אָפט אַפילו קעגן דעם ווילן. ביי דער אויסבילדונג פון דער סעלעק־ציע שפּילט די גרעסטע ראָלע פון איין זייט די פּערזענלעכע דערפאַרונג און פון דער צווייטער זייט די אַלגעמיינע סביבה בכלל. אויף דעם איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן עטוואָס ברייטער.

ווי יעדער אינסטינקט־געפיל, קען כעס אויך ווערן א געוווינהייט, אַזוי אַז דער שוואַכסטער רייץ זאָל זיין בכוח אַרויסצורופן דעם שטאַרקסטן אַפעקט פון כעס, פון רציחה. ביי אַזא איינעם איז כעס — דער דאָמינירנדיקער אופן צו רעאַגירן. עס באַקומט זיך א טיפּ פון א כעסן, א בייזן. און פאַרקערט קען א קינד פון אַן ענלעכער קאָנסטיטוציע אויסוואַקסן אַזוי, אַז כעס־רעאַקציעס זאָלן זיין כמעט ווי אויסגעשלאָסן, ד״ה אַז ביי גלייכע אָרגאַנישע געגעבענע אַפילו קענען בנוגע צו כעס־דיקייט אויסוואַקסן דיאַמעטראַל פאַרשידענע מענטשן.

די איבערפאָרמירונג פון כעס דורך דער דערציאונג איז שייך צו

ביידע מאָמענטן — סיי צו דער סטימולירונג, צו דעם אַרויסרופן דעם כעס און סיי צו דער אויסלאָדונג, דער רעאַקציע.

וואָס איז שייך די סטימולן, וואָס זענען בכוח אַרויסצורופן כעס, וואַקסט זייער צאָל מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון מענטשן. לכתחילה קענען אַרויסרופן כעס בלויז ווייטאָקדיקע פיזישע באַליידי־קונגען. שפּעטער קומען צו ווי כעס־סטימולן די שטערונגען וואָס דער־לאָזן נישט אויסצופירן די פאַרלאַנגען און באַגערן. מיט דער אַנטוויק־לונג פון דער שפּראַך קומען צו נייע כעס־סטימולן אין פאָרם פון באַ־ליידיקונגען דורך ווערטער. וואָס אַנטוויקלטער עס זענען די אַסאָציאַ־טיווע צענטערס, אַלץ גרעסער איז די צאָל ווערטער, זשעסטן און האַנד־לונגען, וואָס קאָנען ווערן כעס־סטימולן. ביי איטלעכן פאָלק זענען פאַ־ראַן אַזוינע באַשטימטע ווערטער וואָס רייצן אויף דעם גרעסטן כעס. יידן זאָגן אפילו „א קלאַפּ פאַרגייט, א וואָרט באַשטייט", ד"ה, דער דערוואַרבענער כעס־סטימול פון א וואָרט קען זיין שטאַרקער פון דעם איינגעבאָרענעם סטימול פון א קלאַפּ.

דער אָנוווקס פון דער צאָל סטימולן גייט נאָך אין א צווייטער ריכ־טונג צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער מאָראַלישער אַנטוויקלונג. צוערשט סטימולירן כעס בלויז אַזוינע מעשים, וואָס רירן אָן דעם אייגענעם פיזישן „איך", ביסלעכווייז אָבער ווערט דער מענטש אַלטרואיסטישער — עס קענען אים ברענגען צו כעס אויך באַליידיקונגען, וואָס זענען גע־ווענדט קעגן זיינע נאָענטע, שטוביקע, קרובים, שפּעטער — די משפּחה, חברים, „מיין גאַס", אונדזער דאָרף, פאָלק, פאַך, שטאַנד אָדער פּאַרטיי. צו דער מדרגה געהערט דאָס באַרימטע „נאַשיך ביאומ!" (מען שלאָגט אונדזערע). ערשט ביי גאָר א הויכער אַנטוויקלונג פון מענטשן, קען זיך דער קרייז אַזוי אויסשפּרייטן, ער זאָל אַרומנעמען די מענטשהייט בכלל און נאָך ווייטער — אַלגעמיינע שוין מער אַבסטראַקטע באַגריפן, אידעען. צו דער מדרגה געהערט דער אַזוי גערופענער „דערהויבענער צאָרן", וואָס בלויז א קליינע צאָל מענטשן דערגרייכן אין זייער מאָראַ־לישער אַנטוויקלונג צו אים. אָט די מדרגה פון כעס געפינען מיר למשל ביי די נביאים.

אלע בעס־סטימולן וואלטן מיר לויט זייער מדרגה געקענט אויס־שטעלן אין א טאבעלע אויף אזא אופן:

1) חיהשע — ריין פיזישע באליידיקונגען,

ענאאיסטישע 2) מענטשלעכע — באליידיקונגען דורך ווערטער, מאראלישע, מאטעריעלע אאז"וו;

3) קאנקרעטע — באליידיקונגען פון אנדערע

אלטרואיסטישע מענטשן,

4) אבסטראקטע —פארשוועכט פרינציפן.

פארשטייט זיך, אז אלע מדרגות פון בעס־סטימולן לעבן זיך נישט איין איינציימיק ביי איין און דעם זעלביקן מענטשן. פונקט ווי די מענטשן, וואס באזיצו בלויז די נידעריקערע מדרגות, פארמאגן נישט די העכערע, אזוי פארלירן אויך די באזיצער פון די העכערע מדרגות — די נידעריקערע. דער וואס איז פעאיק זיך אנצוצינדן מיט א „געטלעכן" צארן צוליב אן אידעע, מיט דעם „קנא קנאתי" פון די נביאים, דער איז שוין נישט פעאיק אין כעס צו ווערן איבער קליינע עגאאיסטישע באליידיקונגען. זיי זענען פשוט ארויסגעפאלן פון זיין אינטערעסן־קרייז, זיי רירן נישט אן די דאמינירנדיקע מארך־צענטערס זיינע. זיי עקזיס־טירן פשוט נישט פאר אים. מען דארף דא אבער צוגעבן, אז די צאל מענטשן, וואס די בעס סטימולן זענען ביי זיי אבסטראקטע, איז אין דער ווירקלעכקייט קלענער ווי מען קען עס אננעמען לויט די ארויסזא־גונגען. מענטשן זענען דאך געוויינט אלץ צו מאטיווירן און מאטיוון דארפן זיין שיינע, עטישע; מענטשן זענען געצייגט פון דער נאטור זיך צו בארעכטיקן און די בארעכטיקונגען זענען תמיד פון א העכערער מדר־גה. און די בארעכטיקונגס־מאטיוון, וואס ווערן געגעבן סיי פאר אנדע־רע, סיי פאר דעם אייגענעם געוויסן, זענען לגמרי נישט אידענטיש מיט די אמתע סטימולן פון די האנדלונגען. מיר קענען זאגן קורץ: מאטי־ווירונגען זענען א סך אפטער עטישער איידער די סטימולן.

אט אזוי שאפט די אלגעמיינע אנטוויקלונג די סעלעקציע, דעם אפ־קליוב פון די בעס־סטימולן. א סך קומען צו און א סך פאלן אפ, הערן אויף ארויסצורופן כעס־רעאקציעס. לכתחילה זענען די סטימולן אי־ראדיאירט. זיי זענען נישט אפהענגיק פון זייער אפשטאם, פון אביעקט,

וואָס גיט דעם רייץ. זיי זענען אַלגעמיינע, אָן אַן אַפּאַליוו. שפּעטער ערשט און בהדרגה קאָנצענטרירן זיי זיך בלויז אויף באַשטימטע רייצן און אויף באַשטימטע רייצער. אַלע איבעריקע רייצן, אַלע איבעריקע דייץ־אָביעקטן בלייבן נייטראַל, זיי רופן נישט אַרויס קיין כעס־רעאַק־ציע. זיי גייען פאַרביי אָן א ווירקונג, זיי ווערן אויסגעלאָשן ווי מקורים פון כעס. דעם געזעץ פון איראַדיאַציע און קאָנצענטראַציע האָט פעסט־געשטעלט פּאַוולאָוו פאַר אַלע רייצן בכלל און ער איז אויך גילטיק אין אונדזער פאַל. אין דעם באַשטייט דער אַנאַליז און די סעלעקציע פון די כעס־רייצן. די פאַקטאָרן, וואָס העלפן דער קאָנצענטראַציע, זענען ווי תמיד די פערזענלעכע דערפאַרונג און דער אויפפיר פון דער סביבה.

ביז איצט האָבן מיר אין דעם קאַפּיטל באַהאַנדלט דעם צוצענטרישן פּראָצעס, דעם רייץ. איצט וועלן מיר איבערגיין צום פונצענטרישן — פון געררייצטן צענטער צו די האַנדלונגען, צו די כעס־רעאַקציעס און זען ווי אַזוי זיי פאַרענדערן זיך אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ווייט נישט יעטווידער כעס ווערט דאָ באַגלייט מיט א דירעקטער כעס־רעאַק־ציע. עס באַקומט זיך אַן איינגעהאַלטענער כעס. אַנשטאָט דער דירעק־טער האַנדלונג קומט על־פּי רוב א דויערנדיקע אַקציע פון סאָציאַלן כאַ־ראַקטער, וואָס איז אין גרונט נישט ענלעך צום פּרימיטיוון כעס, כאָטש זי האָט דעם זעלביקן צוועק — אָנטאָן דעם קעגנער, דעם כעס־אָביעקט שוידעאַק. אָבער דאָך איז עס שוין נישט קיין אָנפאַל. אפילו די שפּראַך האָט שוין דאָ אַן אַנדער טערמינאָלאָגיע: „שנאה, „נקמה" אאַז"וו. בלויז מענטשן פון פּרימיטיווער גייסטיקער קאָנסטרוקציע אָדער נערוועזע בלייבן ביי די פּרימיטיווע פאָרמען פון דער כעס־רעאַקציע. דאָס רוב אָבער גייען איבער צו אַנדערע סאָציאַלע פאָרמעס: אָנטאָן אָדער גורם זיין מאַטעריעלן אָדער מאָראַלישן היזק. פון דאַנען שטאַמט דאָס ווייַ־בערשע באַרעדן, די רכילות, צו־להכעיס און נאָך און נאָך מיטלען, וואָס דאָס סאָציאַלע לעבן האָט מעגלעך געמאַכט און וואָס פאַרבייטן דעם פּרימיטיוון כעס.

עס איז פאַראַן צווישן די צוויי פאָרמעס נאָך א גרויסער אונטער־שייד: בעת דער פּרימיטיווער כעס איז אין תוך אַריין א דירעקטער און א קורץ דויערנדיקער, איז דער סאָציאַלער כעס (אָדער שנאה) אַן אומדוי־

רעקטער און לאַנגדויערנדיקער. אנשטאט דעם, וואָס ביים דירעקטן כעס גייט דער נערוון־רייץ דירעקט פון צענטער צו די מוסקולן, גייט ביי שנאה דער רייץ אריבער צו די אסאָציאַטיווע צענטערס אין מוח. אין שפיל קומט אריין דער אינטעלעקט און זכרון. עס קומען איינפאַכע אָדער קאָמפּליצירטערע קאָמבינאַציעס ווי אזוי צו ברענגען אויף דעם כעס־אָביעקט ווייטאָקדיקע רעזולטאטן. אנשטאט אן אקוטן אפעקט קומט א כראָנישער צושטאנד. די שנאה קען זיין גרויזאמער, א סך גרויזאמער פון כעס, כאָטש די פאָרמעס אירע קענען זיין איידעלערע. עס זענען פאַראַן „נוקם ונוטרים" מיט א לאַנגדויערנדיקן בייזן כעס, מיט א גיפטיקער שנאה, וואָס האלט זיך יאָרן לאַנג, זיי „טראָגן דעם כעס", אָבער דאָס איז נישט קיין חייהשע פאָרמע פון כעס. די דאָזיקע אינטעלעקטועלע פאָרמע פון כעס איז זיכער די פארשפרייטסטע אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט.

און דערביי איז וויכטיק דער פאקט, אז אין דער זעלביקער מאָס, ווי עס ווערן פארהאלטן די אויסווייניקסטע כעס־רעאקציעס פון די מוסקולן, אין דער זעלביקער מאָס שטארקן זיך און קאָמפּליצירן זיך די אינעווייניקסטע אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. פּראָצעסן, וואָס לאָזן זיך אויס מיט גיכע באוועגונגען, — שרייבט פּראָפ' בעכטערעוו, — ווערן נישט באַגלייט דורך באוווסטזיניקע אָדער, לכל הפּחות, מיט בולטע אינעווייניקסטע צושטאנדן (עמאָציעס). פאַרקערט, פּראָצעסן, וואָס ביי זיי ווערן באוועגונגען פארהאלטן, ווערן אומבאַדינגט באַגלייט דורך קלאָרע באוווסטזיין־צושטאנדן אָדער דורך סוביעקטיווע צושטאנדן („געפילן"). מיר באַמערקן עס אליין אויך אויף פארשידענע געביטן פון מענטשנס נאטור. ווער, למשל, עס לעבט אויס זיין געשלעכטס־ענערגיע אקטיוו, ביי דעם זענען מיט דעם פארבונדן א סך ווייניקער גייסטיקע, עסטעטישע, אינטעלעקטועלע און אנדערע איבערלעבונגען און אויך געמיט־צושטאנדן. דאָס זעלבע איז אויך מיט כעס: פּרימיטיווע מענטשן לעבן אויס זייער כעס אין מאָמענטאלער רציחה, אין די מוסקול־באוועגונגען און יוצא. פאַרקערט אָבער, פארמערן זיך די צושטאנדן פון געפיל, געמיט און געדאנק, בעת די דירעקטע רעאקציע איז איינגעהאלטן.

מיר האָבן אין ערשטן קאַפּיטל געגעבן אַ בילד פון דעם פּרימיטיוון חייהשן כעס. זיין פאַרלויף איז אַן איינהייטלעכער און אַן אַלגעמיינער, זיינע פאָרמעס זענען ענלעכע — די זעלביקע ביי אַלע אינדיווידן פון דעם מין. עס איז אַן אינסטינקט. און בל־זמן די האַנדלונגען ווערן סטי־מולירט דורך די אונטערשטע מאַרך־צענטערס, זענען זיי איינגעבאָ־רענע, אַלגעמיינע און אומאָפּהענגיק פון דער פּערזענלעכער דערפאַרונג פון אינדיוויד. זיי זענען איינהייטלעך פאַר דעם גאַנצן מין. אַנדערש איז אָבער, ווען עס קומען צו סטימולן פון די אַסאָציאַטיווע צענטערס פון מאַרך. דאָ מוזן די רעאַקציעס זיין אינדיווידועל פאַרשידן, ווי פאַרשידן עס זענען די אומצאָליקע אַסאָציאַציעס־דערפאַרונגען, וואָס די פּערזאָן האָט דערוואָרבן אין משך פון איר אינדיווידועלן לעבן. דעריבער זענען ביי סאָציאַלן כעס (אָדער שנאה) די פאָרמעס אַזוי פאַרשידן, ווי פאַר־שידן עס זענען די אינטעלעקטן פון מענטשן, די מאָראַלישע פּרצופים, און ווי פאַרשידן עס זענען די סאָציאַלע באַדינגונגען פון די כעס־טרע־גער און די כעס־אָביעקטן. דאָ לאָזן זיך קיין אַלגעמיינע פאָרמולעס נישט פעסטשטעלן. עס לאָזט זיך בלויז קלאַסיפיצירן דער דויער, וויפל דער כעס ווערט געטראָגן.

ווי געזאָגט זענען פאַראַן „נוקם ונוטרס" אויף לאַנגע יאָרן און עס זענען פאַראַן, פאַרקערט, מענטשן, וואָס דער כעס גייט זיי גיך איבער, וואָס קענען נישט טראָגן קיין שנאה. אָט דער דויער איז נישט אָפּהענ־גיק פון דעם ספּעציעלן „געפיל־זכרון" (זע ביי ריבאָ „פּסיכאָלאָגיע פון געפילן"). עס איז אָפּהענגיק פון טעמפּעראַמענט פון מענטשן, פון זיין אויסדויער און אויסגעהאַלטנקייט און פון עטישן פּרצוף זיינעם. אַזאַ קלאַסיפיקאַציע געפינען מיר שוין אין תלמוד. דאָרטן ווערן אונטערשיידט פיר טיפּן.

א) וואָס ווערן גיך אין כעס און פאַרגעסן גיך (סאַנגווינישער טעמ־פּעראַמענט);

ב) וואָס ווערן שווער אין כעס און פאַרגעסן שווער דעם כעס (פלעג־מאַטישער טעמפּעראַמענט);

ג) וואָס ווערן שווער אין כעס און פאַרגעסן גיך;

ד) וואָס ווערן גיך אין כעס און פאַרגעסן שווער (אבות ה').

לויט דעם תּלמוד קומט אויס, אַז די דריטע מדרגה איז די העכסטע (זהו חסיד) און באמת קען אַזאַ טיפּ כעס געמאָלט זיין בלויז ביי אַזאַ מענטשן, וואָס זיינע עמאָציעס בכלל און דער כעס בתוכם ווערן כסדר קאָרעגירט דורך העכערע עטישע געוויינהייטן. אַזאַ טעמפּעראַמענט, וואָס זאָל שווער זיך אָנצינדן און גיך אויסלעשן זיך איז נישט פּראָזן. דאָ ווערט דער כעס איינגעהאַלטן נישט דורך שוואַכקייט, נישט דורך עטי־שע פּרינציפּן און אידעען — זיי זענען תּמיד צו שוואַך צו קעמפן מיט דעם מעכטיקן אינסטינקט. עס מוזן זיין טיף איינגעוואָרצלטע עטישע גע־וויינהייטן, אַן איינגעפּלאַנצטע נייגונג צו איגנאָרירן כעס־רייצן. דער־ביי איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אויך אַזאַ רעאַקציע פון מחילה גיט אַ געוויסע עמאָציאָנעלע באַפרידיקונג ענלעך צו דער, וואָס פּרימיטיווע מענטשן האָבן פון דער אַקטיווער נקמה. די דאָזיקע באַפרידיקונג דריקט זיך אויס אָפט אין ווערטער ווי למשל: — איך האָב זיך איינגעהאַלטן... — איך האָב פיין געהאַנדלט... — איך בין אַנשטענדיקער... — איך שטעל זיך דאָך העכער... אאַז״וו.

די דאָזיקע עמאָציאָנעלע באַפרידיקונג איז פאַר מענטשן מיט אַ שטאַרקער עטישער געוויינהייט נישט ווינציקער ווי־כטיק איידער אַזאַ ווי:

„אָט האָב איך אים אָנגעלערנט!״...

חוץ דעם זענען אויך פאַרשידן די מיטלען וואָס שטאַמען פון שנאה לויט זייער שאַרפקייט. ווער עס באַנוגנט זיך בלויז מיט דערנידעריקן, באַליידיקן דעם כעס־אָביעקט און ווער עס באַמיט זיך אים צו רודפן ביז אין בלוט אריין. דאָס הענגט אָפּ ווידער אַמאָל פון דעם עטישן פּרצוף פון דעם כעס־טרעגער. און ווידער אונטערשיידן זיך אויך די קאָמבי־נאַציעס, וואָס ווערן אָנגענומען צוליב נקמה. דאָס ווענדט זיך אָן די אַלגעמיינע קאָמבינאַציע פעאיקייטן פון דעם כעס־טרעגער, פון זיין ענערגיע און ווילן.

מיט איין וואָרט — שנאה ווי אַ סובלימירטער כעס איז אינדיווי־דועל זייער פאַרשידן, און עס לאָזט זיך נישט געבן קיין אַלגעמיין בילד פון איר. דאָך קענען מיר די כעס רעאַקציעס, פּונקט ווי די כעס־סטימולן, איינטיילן אין עטלעכע מדרגות:

א) פיזישער אָנפאַל. דאָס איז די נידעריקסטע ריין חיהשע מדרגה;
ב) סאָציאַלער אָנפאַל אָדער שנאה, און
ג) גרויסמוטיקע מחילה, וואָס ווערט באַגלייט דורך אַן עמאָציאָ־נעלער באַרידיקונג — עס איז אַ מין פּאַסיווע כעס־רעאַקציע.

ווי עס איז צו זען פון דער גאַנצער שטודיע, האָבן מיר אינגאַנצן נישט גענומען אין אַכט דאָס עוואַנגעלישע „און איך זאָג אייך, איר זאָלט זיך נישט קעגנשטעלן דעם שלעכטס, נאָר אַז מען וועט אייך שלאָגן אין דער רעכטער באַק, זאָלט איר אונטערשטעלן אויך די צווייטע״ (מתי 5, 39). אָדער „און איך זאָג אייך: האָט ליב אייערע שונאים, בענטשט אייערע שעלטער, טוט גוטס צו די, וואָס האָבן אייך פיינט, בעט פאַר אייערע באַדריקער און באַצווינגער״ (מתי 5, 44). (פאַרגלייך מיט דעם תלמודישן: „חברך קרייך חמרא אוכפא לגביך מוש״*). דאָס האָבן מיר אינגאַנצן אויסגעשלאָסן, ווייל עס איז נישט קיין נאָרמע פון מענטשלעכן אויספיר און רעאַגירן. עס קען זיין זייער אַ שיינער ווונטש, אָבער מער ווי אַזאַ קען עס נישט זיין און מער ווי אַ פרומער ווונטש איז עס קיינמאָל נישט געווען. אפשר קען די מענטשלעכע געשיכטע אָנצייכן עטלעכע פאַקטן פון אַזאַ מין, אָבער טאַקע די געשיכטלעכקייט פון די עטלעכע פאַקטן באַווייזט, אַז עס איז בלויז אַ וועלטענער אויסנאַם און מער נישט, אַנגעמען דאָס פאַר אַ נאָרמע פאַר מענטשן מוז ברענגען בלויז צו צביעות און צו מאָראַלישע פּשטלעך. די גאַנצע געשיכטע פון קריסטנטום באַשטעטיקט, אַז פאַר מענטשן איז עס קיין נאָרמע נישט. נאָך מער, די עוואַנגעליע גופא איז פול מיט אַ נקמה פון אַן אַנדער מין, מיט אַ פּשוטער נקמה און קללה. אפילו אַ שטומער און אומבאַלעבטער פייגנבוים האָט געבעך אויך געליטן שוין פון אַ צומענטשלעכן כעס (מתי 21, 19).

רציחה אַן דירעקטן כעס

—3—

דרייצן יאָר זענען אַריבער פון דער צייט ווען די אַרבעט איז געשריבן געוואָרן. מיר זענען פון טויזנטער יאָרן דער קרבן פון כעס און

*) בבא קמאָ צבי ע״ב

האס פון פעלקער. איז עס געווען א פארלאנג פאנאנדערצוקלייבן זיך אין די דורותדיקע ווירקונגען אויף די סוביעקטן און אויף דעם אָביעקט פון דער אייביקער „שנאת עולם לעם עולם". פאר די דרייצן יאָר איז אונדזער „דערפארונג" אויף דעם געביט זייער און זייער „באריכערט" געוואָרן. כ'בין זיך מודה: שרייבנדיק די ארבעט בשעתה איז מיר נישט איינגעפאלן ווי ווייט די זאכן קענען דערגיין. מען האָט אונדז אויסגעלערנט א נייעם קאפיטל כעס, שינאה און רציחה. שינאה איז די כראָנישע פאָרמע פון כעס. כעס איז אקוט. די פיזיאָ־פסיכישע אי בערלעבונגען פון די אָרגאנגען ביי כעס קענען לאנג נישט דויערן. די שינאה בלייבט. כעס פארגייט—שינאה באשטייט. און דער געפילן־זיכרון קען כסדר פון דער פערמאנענטער שינאה ארויסרופן אלץ נייע צוז ייי־ כעס איבערלעבונגען. איצט שוין לגמרי אָן א דרויסנדיקן רייץ, אָן א וואָסער עס אזוי רייץ מצד דעם אָביעקט פון שינאה. דאָס וועט שוין זיין „אסאָציאירטער כעס" ווי א תולדה פון שינאה. די שינאה קען פּראָדוצירן טעאָריעס, דערקלערונגען און גאנצע פילאָזאָפיעס. אָבער זיי זענען נאָר די פרוכט פון דער שינאה און נישט דער וואָרצל. מיט דער דערפארונג אין לעבן, מיטן גאנג פון די דערוואָרבענע רעאגירונ־ גען, קען זיך שינאה „אויסלעשן" און פארקערט קען זי שטייגן, פאר־ שטאַרקט ווערן דורך איבערחזרן, פון געניטקייט. ביי קעץ וועקט זיך אויף דער רוצחישער כעס ווי נאָר זיי דערזען זייער קרבן. יאָ הונגעריק —נישט הונגעריק, — רציחה איז דאָ. דרעסירטע הינט זענען פונקט אזוי. ווי פרידלעך זיי זאָלן נישט ליגן, איז גענוג זיי זאָלן ווערן רוצ־ חיש אויפגערעגט גלייך ווי זיי דערשפירן דעם באשטימטן אָביעקט.

נישט בעסער און נישט אנדערש איז דאָס מיט מענטשן (אויב נישט נאָך ערגער). זשיטלאָווסקי פארטיילט מיט רעכט די פעלקער אויף פרידלעכע און בלוטדאָרשטיקע („יידן און יידישקייט") ביי די בלוטדאָרשטיקע איז רציחה אַן איינגעבאָרענע נייגונג, א גערירשנטע, אַ אינסטינקט*). דאָ איז שוין יעדער אקט פון רציחה פארבונדן מיט

---

*) אָדער אַ דערוואָרבענע דורך דורות געוווינהייט, וואָס איז איינגעוואָרצלט ווי אַ אינסטינקט. ביי מענטשן ווי ביי חיות — אַלץ איינס.

באפרידיקונג, מיט פיזישער הנאה, ווי יעדער אקט פון אן אנדער אינסטינקט. עס ווילט זיך שלאָגן ווי עס ווילט זיך עסן, טרינקען, א פרוי. רציחה מוז דאָ קומען אויף דעם דריטן אָרט: הונגער, סעקס, רציחה. ווי די ערשטע צוויי איז אויך רציחה אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט שטארק סובלימירט און פארקאָמפליצירט. עס זענען אויף איר אָנגעוואָקסן גאנצע קאָמפּלעקסן נאָרמען, איינשטעלונגען, צערע־מאָניעס, זיטן און מינהגים פון סאָציאַלן כאראקטער. אָט די נאָרמען האַלטן איין דעם אינסטינקט פון רציחה. אין מלחמה ווערט דער אינ־סטינקט פון רציחה פריי פון זיינע מאָראַלישע נאָרמירונגען... ווען פעלקער וואָלטן דעם רציחה־אינסטינקט נישט געהאט, וואָלט קיין מאָל קיין מלחמה נישט געווען. אלע סאָציאַלע און פּאָליטישע „סיבות" פון מלחמות זענען נאָר תירוצים, צוגעטראַכטע צו דערקלערן, פארענט־פערן, אָבער נישט זיי זענען דער מקור פון מלחמות. זיי זענען סובלי־מירונגען פון אינסטינקט. דער מקור איז נאָר דער דראַנג צו קענען פריילאָזן דעם איינגעבאָרענעם רציחה־אינסטינקט. אין פארלויף פון יאָרטויזנטער איז ביי יידן דער רציחה אינסטינקט בהדרגהדיק אויס־געלאָשן געוואָרן און ביי פעלקער פון גריכיש־רוימישער קולטור טראַ־דיציע אלץ געשטיגן און זיך געשטאַרקט. די קריסטלעכע רעליגיע האָט לגמרי נישט אָפּגעשוואַכט דעם אינסטינקט, זי האָט נאָר געקענט צו־טראַכטן פאַר אים פיינע און פרומע בארעכטיקונגען און דערקלערונ־גען. דער עלעמענט פון רציחה איז טיף אריינגעדרונגען אין שפּיל און פאַרווייַלונג (ספּאָרטן און געיעגן), אין יוריספּראָדענץ, רעליגיע, אין טעכניק און אין וויסנשאפטן. און ועל כולם אין די נישט רעגלאַמענ־טירטע און אין באַשטראָפּבאַרע זיטן און מנהגים פון פעלקער—געשלעגן דועלן, פּאַרטיי־קאַמפן, פּריוואַטע און סאָציאַלע קאָנקורענץ וכדומה). רציחה פּאָרט זיך אָפט מיט די אנדערע אינסטינקטן, איבערהויפּט מיט סעקס (סאַדיזם). אין אויטענטישע באשרייבונגען פון מלחמה לעבן זעט מען עס באשיינפּערלעך.

מיט דער אנטוויקלונג פון דער טעכניק און ציוויליזאציע בכלל ווערט דער רציחה אינסטינקט לגמרי נישט שוואכער, ער ווערט נאָר פארקאָמפּליצירט שטארק, ער וואַקסט ארום מיט וויסנשאפטלעכער מע־

כאַניק, מיט א „מלחמה מאַשינעריע". ער שטייגט אין זיינע פּאַר־מעסטן. די מאָראַלישע איינהאַלטערס, פאַרקערט, מוזן ווערן אַלץ שוואַ־כער. אז מען קען אַלץ איז שוין במילא אויך מען מעג אַלץ. די רציחה ווערט אַלץ גרעסער און די איינהאַלטנדיקע מאָראַלישע נאָרמעס — אַלץ שוואַכער און שוואַכער. די אויסזיכטן פון דער וועלט — ווער ווייסט?

און מיר יידן זענען דער אָביעקט פון רוצחישער שינאה פון פּעל־קער. מיר זענען די „מייז" פאַר די קעץ, די שאָף פאַר די וועלף פון דער וועלט, די שוצלאָזע קרבנות פאַר לענדער און פעלקער וואָס פאַר־גינען זיך צו לאָזן זייער רציחה א הולע טאָן איבער אונדז. אַנטיסע־מיטיזם איז א פאַלשער נאָמען פאַר אָט דער אינסטינקטיווער רציחה. די דערקלערונגען פון עקאָנאָמיש, סאָציאַל, ראַסיסטיש און וואָסער עס זאָל נישט זיין אַנדער כאַראַקטער זענען נאַאיוו און שעדלעך. זיי שטאַמען פון דעם וואָס מיר יידן ווילן זיך אַליין דעם אמת נישט זאָגן. נישטאָ און עס קענען נישט זיין קיינע סאָציאַלע מאָטיוון פאַרן נעמען א קינד פאַר די פיסלעך און צעשמעטערן זיין מאַרך אָן א וואַנט, און אַרום זאָלן שטיין מענער און פרויען און לאַכן פון פאַרגעניגן. ס'איז בלויז דער ראַפינירטסטער סאַדיסטישער רציחה־אינסטינקט.

דייטשן אַליין? — ניין! און אוקראַאינער און פּאָליאַקן און ליטווינער און לעטן? און ווי לאַנג צוריק — רוסן?... און מיט צוואַנציק יאָר צוריק וואָלטן מיר געגלויבט אויף די דייטשן? טאָ ווער שרייבט אונ־טער א גאַראַנטיע פאַר אַנדערע פעלקער? וואַרטן אויף דעם משיחישן סאָציאַליזם וואָס ער וועט דאָך גליקלעך מאַכן איטלעכן, — און במילא וועט שוין נישט זיין קיין מאָטיוון אונדז צו שלאָגן... ווי נאַאיוו! כל זמן עס איז דאָ א גרינגער קרבן פאַר דער סאַדיסטישער רציחה וועט מען די רציחה פּראַקטיצירן און דער דראַנג וועט שטייגן אז קיין צו־פרידנקייט און גלייכקייט וועט שוין קיין מאָל נישט קומען. כל זמן עס וועלן זיין שאָף, וועלן די וועלף זיך נישט קענען צאַמען. איבער־דערציען, אויפקלערן — מיט שיר המעלות פאַרטרייבן די שדים... מען האָט נישט מיטגעמאַכט דעם דייטשן טאַנץ איבער אונדז, ווייל מען האָט דאָך געקעמפט קעגן זיי און עס האָט נישט געפּאַסט. מען

האָט אָבער זיך צוגעקוקט און געשוויגן, זיך נישט אויפגערעגט, נישט אויפגעצייטערט און קיין וואָרט נישט געזאָגט. מען האָט געפירט א העפטיקע וואָרט מלחמה קעגן די דייטשן. אונדזער בלוטבאָד האָט מען נישט דערמאָנט. אין הארצן האָט עס לגמרי נישט אזוי אויפגערודערט. ווי ווייט איז פון אקטיווער רציחה ביז פאסיווער? פון קינעטישער ביז פּאָטענציעלער? איך האָב זיך עטוואָס פארעדט נישט וויסנשאפטלעך. דער אויספיר —

כל זמן מיר זענען שוצלאָז וועלן מיר אייביק זיין דער קרבן פון דעם „סעקונדארן" כעס, וואָס שטאמט נישט פון קיין רייץ, נישט ווייל מיר רופן ארויס דעם כעס, — נאָר ער שטאמט פון שינאה, פון רציחה־אינסטינקט. די וועלט פארווילט זיך (און זי וועט זיך פארווילן!) מיט אונדזער בלוט ווי מען פארווילט זיך מיט ווייז און מיט מיידלעך...

כעס אין דער יידישער קולטור-געשיכטע

—.4—

נאָר באזונדער דארפן מיר באהאנדלען די פאָרמע, וואָס דער מענטשלעכער כעס נעמט אָפט אָן און וואָס מיר רופן דאָ „אָנמעכטיקער צאָרן". שוואכע מענטשן, שטילע מענטשן האָבן על פּי רוב אין די קינדער־יאָרן זייער פיל געלעגנהייט צו ווערן אנטוישט אין זייערע אקטיווע כעס־רעאקציעס. זייער כעס ענדיקט זיך פאר זיי פאטאל און ברענגט זיי נאָך גרעסערע ווייטאָגן און פארדראָסן. עס בלייבט זיי בלויז צו שטיקן דעם כעס אין זיך. לכתחילה קומט עס אָן זייער נישט גרינג — איינצוהאלטן דעם מעכטיקן געפיל פון כעס. עס פאָדערט זיך א גרויסע אָנשטרענגונג. עס קומען צו נייע איבערלעבונגען — באליידיקונג, פארדראָס, פארביטערטקייט, געדריקטקייט און שפלות. בעת די אקטיווע כעס רעאקציע איז עמאָציאָנעל באפארבט פּאָזיטיוו, ד"ה אז דער כעס־טרעגער לעבט איבער א באשטימטע באפרידיקונג פון זיין רעאקציע, איז דער אָנמעכטיקער צאָרן תמיד עמאָציאָנעל באפארבט נעגאַטיוו — אומאָנגענעמקייט, פארדראָס און ווייטאָג — דאָס זענען די עמאָציעס וואָס באגלייטן אים כסדר.

לכתחילה קומט אָן זייער אָן זייער שווער איינצוהאלטן די מוסקול

רעאַקציעס פון אַקטיוון כעס. פאַר דער מדרגה איז כאַראַקטעריסטיש דאָס יידיש ווערטל: „ביסט אין כעס — טאָ בייס די פּערענע״. עס הייסט, אַז די קאַמף־אָרגאַנען זענען טאַקע גרייט אָנצופאַלן (אין געגנ־בענעם ווערטל — די ציינער), אָבער די דערפאַרונג צווינגט אָפּצו־האַלטן, נישט צו דערלאָזן, די רעאַקציע זאָל זיך פאַרווירקלעכן. עס קומט אויס אויסצולאָדן דעם כעס ביי זיך אליין. און באמת, מענטשן אין דעם צושטאַנד לאָזן אויס דעם כעס צו זיך, צו אומשולדיקע זאַכן, וואָס זענען צופעליק אונטער זייער האַנט. ווען דער ערשטער פלאַם פון כעס גייט דורך, בייט זיך דער גאַנצער פיזיאָלאָגישער איינשטעל פון אָרגאַניזם. די אָנגעשטרענגטקייט פון דער מוסקולאַטור פאַלט, די בלוט־צירקולאַציע ווערט אָפּגעשוואַכט, די רויטקייט פון פנים ווערט פאַר־ביטן אויף בלייכקייט, די גאַנצע ארויסרופעדישקייט פון קערפּער בייט זיך: דער מענטש ווערט ווי קלענער, געפאַלן ביי זיך, איינגעקאָרטשעט, אָפּגעלאָזן, באַהאַלט זיך אין א ווינקעלע און באַגיסט זיך מיט טרערן.

און עס קומט נאָך צו דער נאַטירלעכער דראַנג צו באַהאַלטן די אייגענע שוואַכקייט, נישט אַרויסצווייזן די געפאַלנקייט. עס קומט צו די אָנשטרענגונג מיט געוואַלד צו שאַפן א להיפוכדיקן איינשטעל פון קערפּער, וואָס דאַרף מאַסקירן דעם אמתן צושטאַנד. דאָס איז דער צו־שטאַנד פון פּאַיאַץ וואָס טאַנצט און לאַכט, בעת דאָס האַרץ פּלאַצט פון ווייטאָג, ווי עס זינגט משה ליב האַלפּערן:

„דאַן פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן״ (גאַסנפּויקער).

דאָס איז ביאַליקס „פריילעכס״.

אָט אַזוי זעט אויס אין דער צווייטער מדרגה דער כעס פון די שוואַכע. און שפּעטער, ווען דער שאַרפער ווייטאָג גייט אַריבער, קומט דער אינטעלעקט, דער שטענדיקער עבד כנעני ביי אונדזערע עמאָציעס, מיט זיין טרייסט. על פּי רוב איז עס די טרייסט פון יענעם פוקס אין דעם משל וועגן דער נישטיקייט פון די ווייַנטרויבן וואָס לאָזן זיך נישט דערגרייכן: — „... נישטאָ זיך מיט וועמען אָנצוהייבן״ ... „עס לוינט זיך נישט צו שמירן די הענט״... אאַז״וו. דאָס זענען בלויז שוואַכע קאָמפּענסאַציעס, וואָס דאָס באַוווסטזיין ברענגט כדי צו פאַר־טויבן דעם טיפן אינסטינקטיוון ווייטאָג פון נישט באַפרידקטן כעס.

ביי מענטשן, וואָס לעבן אָפּט איבער דעם אָנמעכטיקן צאָרן, אָדער ביי אזוינע וואָס האָבן אים שוין איבערגעלעבט זייער פיל מאָל, פאלט דער ערשטער מאָמענט אינגאנצן ארוים. די איבערלעבונג הייבט זיך לכתחילה אָן פון צווייטן מאָמענט, פון דער געפאלנקייט.

נאָך א בעסערער טרייסטער איידער דער אינטעלעקט איז די פאנ־טאזיע, וואָס צו איר אנטלויפן פון כעס שוואכע מענטשן.

די פאנטאזיע איז דאָך בכלל געגומען דער גוטער מלאך וואָס טוט אזוי גערן אלע אונדזערע פארלאנגען. עס איז שוין אין דער פסיכאָלאָ־גיע לאנג פעסטגעשטעלט דער עמאָציאָנעלער כאראקטער פון דער פאנ־טאזיע בכלל. דאָס דארף זי אונדז קאָמפּענסירן פאר אלע צרות און פיין פון דער ווירקלעכקייט. אויך דאָ ביי א נישט באפרידיקטן כעס, און נאָך מער ביי א כעס וואָס האָט נישט קיין אויסקוק באפרידיקט צו ווערן, קומט די פאנטאזיע און „היילט די ווונדן". קליינע קינדער שאפן זיך אין אזוינע פאלן פאנטאסטישע בילדער: „אָט וועט דער טאַ־טע קומען, אָט וועט ער געבן"... און זיי הייבן אָן אויסצומאָלן, ווי דאָס „געבן" וועט אויסזען. און געטריבן דורך דעם נקמה־געפיל מאָלט פאר זיי זייער פאנטאזיע בילדער פון זייער טריאומף איבער דעם אָביעקט פון זייער כעס.

צי איז עס בלויז אָן איבערלעבונג ביי קינדער? — בשום־אופן נישט. איר טרעפט אָפּט פרויען וואָס זיצן פארטרוימט איינזאם און אליין, פארדרוקט זיך אין א טונקעלן ווינקל, אָפּט מיט א פארגעסענער טרער אויפן פנים... זייער אָפּט איז עס א צושטאנד פון אויסלעבן אין פאנטאזיע אָן אָנמעכטיקן צאָרן. דאָס בויט זי זיך שלעסער פאר איר נקמה־געפיל.

אזוי לעבן איבער זייער כעס נישט בלויז קינדער און פרויען, נאָר שוואכע מענטשן בכלל, נאטורן סענסיטיווע, ד"ה אזוינע וואָס זייערע געפיל־רעאקציעס זענען מער איידער די רעאקציעס דורך מעשים. מיר אלע אנטלויפן בעצם פון א ביטערער ווירקלעכקייט אין דער פאנטאזיע אריין, אין דעם „עיר־מקלט" פון אלע ליידנדיקע. עס איז א מענטשלע־כע נאָרמע, נישט קיין אויסער־דער־נאָרמע, ווי דאָס אנטלויפן אין קראנקהייט אריין, וואָס עס שטרייכט אזוי שטארק אונטער פרויד.

דערביי גייען די פּאַנטאַזיע־שאַפונגען פון אַנמעכטיקן צאָרן דורך א גאַנצע ריי מדרגות. צוערשט קומט א נקמה־בילד, וואָס איז א פאַרלאַנג. אויף דער מדרגה קומען אויף קללות — דער לעקסיקאָן פון כעס. דער שילטער (און נאָך מער די שילטערין) שטילן זייער כעס מיט די אומגליקן, וואָס די קללות שילדערן. און קללות (איבערהויפּט יידישע קללות) קענען זיין בילדעריש!

חזרט זיך איבער דער נקמה פאַרלאַנג עטלעכע מאָל, לעבט דער מענטש איבער עטלעכע מאָל דאָס זעלביקע נקמה־בילד, דעמאָלט ווערט עס שוין אַזאַ ריי פאַרשטעלונגען, וואָס קומט צום באַוווסטזיין אַליין ביי א ליאַדע אינעווייניקסטן רייץ, ווען אפילו קיין דירעקטער כעס־סטימול איז נישטאָ, עס ווערט אַזוי אַרום א טרוים, א האָפענונג. און ווען עס האַלט זיך נאָך לענגער — יאָרן דעמאָלט ווערן די פאַרשטעלונגען, די בילדער פון נקמה אַזוי שטאַרק, אַז זיי דערגרייכן די מדרגה פון גלויבן. און נאָך מער בולט ווערט דאָס נאָר וואָס געזאָגטע, ווען די זעלביקע געפילן גייען דורך עטלעכע דורות און גיבן זיך איבער דורך טראַדיציע. צו דעם מין געהערן א סך גלויבונגען ביי יידן, ווי למשל די מעשה מיטן פאַפירענעם און אייזערנעם בריק אַז"וו.

דאָס אַנטלויפן אין דער פּאַנטאַזיע אַריין שוואַכט ביסלעכווייז אָפּ נישט בלויז די מוסקל־רעאַקציעס קעגן דעם כעס־אָביעקט, נאָר אויך דעם עצם באַליידיקונגס־געפיל מצד דעם כעס־טרעגער. עס באַקומט זיך גאָר אַן אַנדער גייסטיקער צושטאַנד וואָס צו אים פּאַסט שוין לגמרי נישט דער טערמין „כעס". די אַנמעכטיקייט פון דעם אַנמעכטיקן צאָרן גייט אָבער נאָך א סך ווייטער. נישט גענוג וואָס עס הערן אויף די כעס־רעאַקציעס פון די וויליקע מוסקלען. עס ווערן אויך ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט די רעאַקציעס פון די אינעווייניקסטע אומוויליקע סעקרעטאָרישע און בלוט־צירקולאַציע־אָרגאַנען. זיי הערן אויף צו געבן די געהעריקע געפיל־טענער. במילא באַקומט די גאַנצע איבערלעבונג אַן אַנדער אויסזען. עס איז פאַראַן א ווייטאָג, א פאַרדראָס, א געדריקטקייט. אָבער דער אַרויסרופער פון דעם צושטאַנד ווערט אָפּגערוקט אַזוי אומגעהייער ווייט, אַז עס איז נישט שייך צו זאָגן כעס לגבי אים; מעג דאָ דער ווייטאָג זיין ווי גרויס, איז אָבער נאָך גרעסער די אייגענע געפאַלנקייט,

דאָס איינגעוואָרצלטע באַוווסטזיין פון דער אייגענער שוואַכקייט. עס איז שוין אַפילו נישטאָ דער טרוים ווען עס איז זיך צו פאַרגלייכן אין כּוחות מיט דעם שלעגער, דעם באַליידיקער, זיך אים אַנטקעגנשטעלן. עס איז ביים באַליידיקטן צום באַליידיקער פאַראַן אַ באַציאונג ווי צו אַ סטיכיע. באמת — צי זענען מענטשן אין כעס אויף אַ געוויסער וואָס פאַרפלייצט, אויף אַ שׂריפה, אַן ערד־ציטערניש? אָדער פאַרקערט, צי איז שייך צו זאָגן באַליידיקונג, ווען מיר ווערן באַפאַלן פון הינט, פון אַ היישעריק, אַ כאָלערע וכדומה? עס טוט וויי, שטאַרק וויי, אָבער קיין כעס צו עמיצן ווערט נישט אַרויסגערופן. דאָס זענען אַלץ זאַכן וואָס קיין חשבונות מיט זיי פירט מען נישט...

אַזוי אַרום שאַפט זיך אַ געפיל־צושטאַנד וואָס פאַר אים וואָלט זיך געפאַסט דער טערמין אָנאָביעקטיווער ווייטאָג. לאַנגדויערנדיקע באַדינגונגען פון כּסדרדיקער שוואַכקייט שאַפן אָט אַזאַ פאָרמע פון אָנמעכטיקן צאָרן, ווען עס איז שוין נישטאָ נישט קיין כעס־רעאַקציע, נישט קיין כעס־געפיל. עס בלייבט אָט אַזאַ ווייטאָג מיט פאַרשיידענע אַטריבוטן און פאַרשיידענע פאָרמעס. מיר האַלטן די דאָזיקע מדרגה פון אָנמעכטיקן צאָרן פאַר אַ נידעריקערער, עס איז אַן אַטראָפיע פון אַ געפיל. עס איז לגמרי נישט ענלעך צו דעם מין וואָס מיר האָבן פריער אָנגערופן „גרויסמוטיקע מחילה” און וואָס מיר האַלטן פאַר אַ העכער פאָרמע. דאָרטן איז דער כעס־סטימול פאַראַן, אָבער דער כעס־טרעגער איז צו גרויס גייסטיק, ער זאָל זיך רעכענען מיט דעם. זיין מוח איז פאַרנומען מיט העכערס און גיט זיך נישט אָפּ דערמיט. נאָך מער — אָט דאָס באַוווסטזיין פון דער אייגענער העכערקייט גיט אים אַ באַפרידיקונג. דאָ אָבער איז דער עצם כעס־סטימול אַרויסגעפאַלן, אויסגעלאָשן געוואָרן, אַטראָפירט, און דאָס איז אַ ירידה, ווי מיר וועלן נאָך זען שפּעטער.

אָבער עס איז פאַראַן נאָך אַ נידעריקערע מדרגה וואָס מענטשן קענען צו איר דערגיין. דאָס איז די מדרגה פון „באַנטשע שווייג”. דאָ האָבן מיר אַ פולשטענדיקע אַטראָפיע פון געפילן בכלל. צרות, פּיין, ליידן און ווייטאָג ווערן בלויז געשפּירט, אָבער נישט געפילט. זיי ענדערן נישט דעם געמיט־צושטאַנד. עס ווערט נישט איבערגעלעבט קיין באַ־

ליידיקונג, נישטאָ קיין כעס, קיין קנאה, קיין שנאה, קיין ווייטאָג און פאַרדראָס, פאַראַן בלויז אַ רעפלעקטאָריש קאָרטשן זיך פון פיזישן ווײ, און במילא איז אויך נישטאָ קיין נקמה, כאָטש אפילו אָביעקטיווע סי־בות זענען פאַראַן איבערגענוג. געניטונג פון דורות שאַפט פעסטע גע־וויינהייטן, מאַכט דאָס אַלץ פאַר אַ נאָרמע, מאַכט פאַרגעסן יעטווידער מעגלעכקייט פון אַן אנדער לאַגע. נישטאָ קיין פאָרשטעלונגען פון עפּעס בעסערס, נישטאָ קיין שטרעבונג צו בעסערס און נישטאָ קיין פאַנטאַזיע־בילדער פון דעם. דאָס איז די פּסיכיק פון אַ פערד אין שפּאַן, פון שקלאַף וואָס שלעפּט זיין משא אונטער ברענענדיקער זון, כאָטש פון אויפזעער וואָס רייט דערבײ מיטן בייטש איבערן קאָפּ און פרייט זיך וואָס ער האָט אויסגעמיטן דעם צווייטן פאַרמאָסטענעם שמיץ. מיט איין וואָרט — עס איז „באַנטשע שוויג". אויף דעם צושטאַנד זענען אָנגעמאָסטן די ווערטער פון תלמוד: „אין בשר המת מרגיש באיזמל" (שבת י"ג) — דאָס לייב פון טויטן שפּירט נישט דעם סקאַלפּעל.

מיר האָבן בכן דריי מדרגות פון אָנמעכטיקן צאָרן: א) איינגעהאַל־טענער כעס. עס איז דער געוויינטלעכער נאָרמאַל־מענטשלעכער כעס. בלויז די רעאַקציעס פון די סקעלעט־מוסקלען זענען פאַרהאַלטן, אָנשטאָט זיי קומען טרערן און פאַנטאַזיע־שאַפונגען פון נקמה. ב) אָנאָביעקטיקער ווייטאָג: דאָ איז די עצם שנאה צום כעס־אָביעקט אויסגעלאָשן. ג) באַנ־טשע־שוויגיזם. דער געפיל פון כעס איז אויסגעלאָשן, אין אַלע זיינע פאָרמעס. כעס־רייצן ווערן לגמרי נישט קיין עמאָציעס, עס בלייבט בלויז דער פיזישער רעפלעקס.

יידישער כעס

אַ קלאַסישער ביישפּיל פון אָנמעכטיקן צאָרן. דער איבערגאַנג צום אָנאָביעקטיקן ווייטאָג. ראָלע פון גלויבן ביי יידן און זיין אינהאַלט. די גילגולים פון גאָט און פון זיינע מקורבים אין דער פאָרשטעלונג פון יידן. ביטול־באַציאונג צו באַדריקער. די השכלה שוואַכט אָפּ די ווידערשטאַנד־פעאיקייט. יסורים פון וויסן. דער אויפקום פון חיבת־

ציון, זעלבסטשוץ. נייע טענער אין דער יידישער ליטעראַטור. אַנ־מעכטיקער צאָרן ביי יידן און ביי אנדערע אונטערגעדריקטע קאָלעקטיוון

יידן זענען א קלאַסישער ביישפיל פון א קאָלעקטיוו, וואָס לעבט לאַנגע דורות מיט דעם אַנמעכטיקן צאָרן. די ליטעראטור, די לעגענ־דעם און גלויבונגען *) גיבן זייער פיל מאַטעריאַל צו אילוסטרירן די דאָזיקע הנחה. „בת בבל השדודה! אשרי שישלם לך את גמולך שגמלת לנו: אשרי שיאחז ונפץ עולליך אל הסלע” (תהלים קל”ז ח׳) (רויבע־רישע טאָכטער פון בבל! ווויל דעם, ווער עס וועט דיר אָפּצאָלן דיין לוין פאַר דאָס וואָס דו האָסט אונדז געטאָן! ווויל דעם, ווער עס וועט נעמען דיינע עופעלעך און זיי צעשמעטערן אויפן פעלז). דאָ איז אַ שטאַרקער און בייזער כעס־געפיל, וואָס ווערט געזעטיקט דורך א גרוזאַמען בילד פון צעפליקטע קינדער.

דאָס איז אַן איבערלעבונג פון א שוואַכן וואָס האָט זיך נאָך מיט זיין שוואַכקייט נישט איינגעלעבט, נאָך נישט שלום געמאַכט מיט זיין געפאַלנקייט. ער איז טיף מקנא דעם גליקלעכן נקמה־נעמער.

גאָר אנדערש קלינגט שוין די קללה פון דער הגדה — דער באַרימ־טער „שפוך המתך על הגויים אפשר לא ידעוך ועל הממלכות אשר בשמך לא קראו” (גיס אויס דיין צאָרן אויף די פעלקער וואָס קענען דיך נישט און אויף די קיניגרייכן וואָס רופן דיין נאָמען נישט אָן, תהלים ע”ט). דאָ פעלן קאָנקרעטע פאָרשטעלונגען, ווי אזוי די נקמה זאָל אויסזען. עס איז בכן אַ ווערבאַלער אויסדרוק און נישט קיין בילדערישע איבערלע־בונג. און מיר נעמען אָן, אז נאָר ווען אין די נקמה־אַרויסזאָגונגען זע־

---

*) איך מיין דאָ נישט די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון דעם רמב"ם, פון אן אבן־עזרא, פון דעם ווילנער גאון צי אפילו פון דעם בעל התניא, איך מיין דאָ דעם פשוטן המונישן גלויבן פון די פאָלקס־מאסן.

נען פאַראַן בילדערישע פאָרשטעלונגען, מעגן מיר זיי באַטראַכטן פאַר באַגלייטער פון נקמה־איבערלעבונגען. ווען אַזעלכע בילדער פעלן, איז קיין נקמה־איבערלעבונג נישטאָ.

לאָמיר גיין ווייטער מיט דער יידישער געשיכטע. גרויזאַמע, בלוטי־קע יאָרהונדערטער נאָך יאָרהונדערטער, קרייצונגען, פּאַסטעכער־גזירות, שוואַרצע מגפות, גירושים, אינקוויזיציעס און אַזוי כסדר, חורבנות אָן אַ סוף און אָן אויפהער. דאָס אַלץ האָט געלאָזן אַ רייכע ליטעראַטור אין פאָרם פון קראָניקעס, קינות, סליחות וכדומה. אַ טייל פון זיי איז אַריין אין די טראַדיציאָנעלע תּפילה־זאַמלונגען, אַ טייל איז געבליבן ווי לאָקאַלע תּפילות, אַ טייל האָבן די צענזורן באַזייטיקט. אַ גענויערע באַ־טראַכטונג פון דעם גאַנצן ליטעראַרישן מאַטעריאַל *) ברענגט אונדז צו אַזוינע אויספירן:

א) בלויז אַ דריי מאָל האָב איך געפונען פאַרצייכנט פאַלן פון אַק־טיווער זעלבסטשוץ, אַ פּאָר מאָל — פאַלן פון אינדיווידועלער בלוטי־קער נקמה פון איינציקע מענטשן (4), זייער אָפט טרעפן מיר קאָלעק־טיווע זעלבסטמאָרדן פון גאַנצע קהילות „על קידוש השם".

ב) די דאָזיקע גרויזאַמע זעלבסטמאָרדן ווערן באַגלייט מיט ברכות, מיט שחיטה־צערעמאָניעס, מיט דערמאָנונגען וועגן עקדת־יצחק. אַזוי אַרום קען זיין, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ רעליגיעזן טויט־עקסטאַז(5).

ג) שאַרפע, בילדערישע נקמה־פאַרלאַנגען טרעפן זיך כמעט לגמרי נישט(6). עס זענען יאָ פאַראַן אַ סך ווערבאַלע קללות (ישתחקו עצמותיו

---

(3) מיר האָבן דאָ אויסגענוצט אויסער די אָנגענומענע קינות, סליחות, מחזורים, אויך דעם „ספר הדמעות" פון ש. בערנפעלד, בער־לין תרפ"ד, הוצ' אשכול.

(4) ביי איין מאָל פון אַזאַ נקמה באַמערקט דער קראָניק־שריי־בער „שעשה מה שלא עשו שאר הקהל".

(5) די פּראָבלעם פאָדערט נאָך אַ ספּעציעלע פאָרשונג. אונדזער טעמע איז געגאַנגען פאַרביי דעם.

(6) בחרב יפלו אויבינו בפלילים, בנקום נקמותנו ישארו בניהם אבלים יחדיו יבוקעו וירוטשו יונקים ועוללים.

ברחים של ברזל וכדומה), כסדרדיקע ווענדונגען צו גאָט ער זאָל נקמה נעמען.

ד) קיין אמתע שאַרפע שנאה צו די שלעגער, די בלוט־פאַרגיסער, קיין ברענענדיקן צאָרן ווי צו מיט־מענטשן געפינען מיר נישט. אויב „על נהרות בבל" קענען מיר באַנעמען ווי די ערשטע מדרגה פון אַנטעב־טיקן צאָרן וואָס מיר האָבן דאָ אָנגערופן „איינגעהאַלטענער כעס", האָבן מיר אין די פיוטים כסדר בלויז אויסדרוקן פון אַנאָביעקטיוון ווייטאָג. ווייטאָג־אויסדרוקן און פאַנטאַזיע־טרוימען פון דעם גוטן „לעתיד־לבוא" האָבן אויסגעפילט דאָס גאַנצע לעבן, אַלע תפילות כמעט. קיין כעס אָבער אין געוויינלעכער מענטשלעכער אויסדרוק־פאָרמע איז נישט צו מערקן, גיכער — אַ שרעק ווי פאַר אַן ערד־ציטערניש. זיי, די דירעקטע אומגליק־ברענגער זענען עפּעס אַזוי ווייט, אַז קיין חשבונות מיט זיי זע־נען נישט שייך.

און יידן האָבן זייערע חשבונות געפירט מיט גאָט. די דירעקטע בייז־טוער זענען געוואָרן געגליכן צו אַ סטיכיע וואָס רוקט זיך ווי אַ בייזער לאַווע־שטראָם; עס איז אַן „עם הדומה לחמור" און מער נישט. דער מחבר פון „יוון מצולה", ווען ער דערמאָנט דעם „רשע חמיל", באַנוגנט ער זיך בלויז מיט אַ „ימח שמו". די קרייצפאָרער זענען פאַר דעם קראָ־ניקער מערנישט ווי „תועים" (בלאָנדזשענדיקע), די באַציאונג צו זיי איז בלויז ווי צו אַ בייזער סטיכיע וואָס טוט אָן שרעקלעכע צרות און פּיין. אָבער רעכענען זיך מיט איר, גלייכן זיך צו איר, איבערלעבן אויי־סער דעם ווייטאָג אויך באַליידיקונג איז לגמרי נישט שייך, און איז נישטאָ קיין באַליידיקונגס־געפיל, איז אויך נישט שייך צו זאָגן כעס אין איינגעטלעכן זינען.

זייער גוט האָט אויפגעכאַפּט די דאָזיקע באַציאונג שלום אַש אין „קידוש השם". צי זינגענדיק „מה יפית" פאַרן פריץ, צי בויענדיק קהי־לות אין ווייטן סטעפּ, אָדער לויפנדיק פון חורבן און געהרגעט ווערנדיק, — אומעטום איז עס „על קידוש השם" — די חשבונות זענען דאָ מיט גאָט. דער פריץ, די ווילדע קאָזאַקן — דאָס זענען בלויז שטיינער וואָס אָדער מען דאַרף זיי אויסמיידן, אָדער מען דאַרף זיי אויסנוצן צום בויען.

אין זיין סביבה האָט א מענדל זלאָטשעווער פאַרמאָגט אַלע געפילן, געקענט זיין באַליידיקט און אין כעס. אויסער די ווענט פון געטאָ אָבער האָבן שוין פאַר דעם יידן געהערשט אנדערע פסיכאָלאָגישע נאָרמעס. דאָ האָט ער געקענט זינגען „מה־יפית", טאַנצן א בער, קושן אין האַנט, חנפענען זיך ווי א הונט. היינעס „פרינצעסין שבת", וואָס רעדט וועגן הונט א גאַנצע וואָך און א פּרינץ, ווען עס קומט שבת, — קאָנסטאַטירט בלויז א פאַקט — עס קענען איינציי־טיק איינלעבן זיך ביי מענטשן צוויי דיאַמעטראַל היפּוכדיקע פּסיכישע איינשטעלן, געוועגדט אָן די באַציאונגען מיט דער סביבה. נאָך מער! פּונקט ווי א מענטש, וואָס וואַרפט פאַר א בייזן הונט א ביין, ער זאָל זיך נישט בייסן, פילט נישט, ער זאָל דאָ זיך דערנידעריקן דערמיט, אזוי פלעגט א מענדל זלאָטשעווער זיך אײנרעדן נישט פילן באַליידיקט און דערנידעריקט פון זינגען „מה־יפית", וואָרעם ער האָט אויף דעם פּריץ געקוקט דאָך בלויז ווי אויף א שמייסער וואָס גאָט האָט אויף אים אָנגעשיקט. „אשור שבט אפי" — (אשור איז די רוט פון מיין כעס) — אָט דעם אַלטן פּסוק (ישעיהו י'5) פלעגן יידן אין אַזוינע פאַלן גערן באַנוצן.

אָט אויף דער מדרגה פון אָנאָביעקטיוון ווייטאָג האָט זיך איינגע־האַלטן ביי יידן דער געמיט־צושטאַנד אין משך פון לאַנגע יאָרהונדער־טער.

עס איז צו באַוווּנדערן ווי אזוי די יידישע מאַסן זענען נישט אַראָפּ־געפאַלן ביז דער לעצטער מדרגה, לעבנדיק אזוי לאַנג אין א לאַגע פון אָנמעכטיקן צאָרן.

דאָ האָבן מיר פאַר זיך א ווירקונג פון דעם נאַציאָנאַלן יידישן גלויבן. דער גלויבן איז אויסגעוואַקסן אין פאָלק, איז נישט איבערגע־נומען ווי א גאַנצער פאַרטיקערהייט, נייערט ער איז ביסלעכווייז גע־וואַקסן צוזאַמען מיט דער קולטור פון פאָלק. האָבן במילא אַלע פאַנ־טאַזיע־שאַפונגען פון אָנמעכטיקן צאָרן געקראָגן א רעליגיעזע סאַנקציע, זיי זענען געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער רעליגיע, פון דער פאָלקס־קולטור בכלל. און כל־זמן די פאַנטאַסטישע האָפענונגען און גלויבונגען האָבן געלעבט, האָבן זיי אויך איינגעהאַלטן דעם תחילתדיקן מקור זייערן, דעם ווייטאָג; האָבן זיי נישט דערלאָזן דעם באָנטשע־שווייגיזם זיך

איינגעסטן, איינגעוואָרצלען זיך אין דער נשמה פון די יידישע מאסן. די פאָרשטעלונגען וועגן דעם בעסערן „לעתיד לבוא" זענען קיינמאָל נישט פאַרלאָרן געגאנגען. וואס בלוטיקער עס איז געווען דער היינט, וואס ווייטאָגדיקער, — אלץ נענטער און זיכערער האָט דער גלויבן געבראכט די גאולה, אלץ ליכטיקער און פארביקער האָט די פאָלקס־פאנטאזיע גע־מאָלט דעם מאָרגן, וואס אָט־אָט קומט ער, און אלץ ווייכער, הארציקער און פריינדלעכער איז געוואָרן דער אוראלטער און לכתחילה גאנץ ביי־זער יידישער גאָט. אזוי איז ער צו ביסלעך געוואָרן פון אן „אל קנא ונוקם", פון א „יהוה איש מלחמה" און „אל נקמות ד'" ביז צו א „טאַ־טע הארציקער", וואס גייט מיט זיינע „קינדער" אין גלות (שכינתא בגלותא) און גיסט נעבעך טרערן אויף זייערע צרות.

מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע ערטער פון דער תלמודישער לי־טעראטור וואס אילוסטרירן אָט דעם געדאנק.

אמר ר' עקיבא: בשעה שקב"ה מסתכל בבתי עבודה־זרה ובאומות חיאך נתונים בשקט ובשלוה בעולם ורואה ביתו חרב ונתון בידם של ערלים, כביכול הוא מקנא ושואג, ומיד השמים והארץ רועשים (7) (שמות רבא). ער ברעכט די הענט און וויינט אין דער שטיל, ווייל „גנאי לאריה לבכות לפני שועל"... (דאָרט; ס'איז א שאנד פאר א לייב צו וויינען פאר א פוקס אין די אויגן).

הקב"ה מוריד שתי דמעות לים הגדול(8) (עבודה זרה) אמר לו ר' אחה לר' נחמן ב"ר יצחק: מיום שחרב בית־המקדש אין שחוק להקב"ה (9) (עבודה זרה ג').

די תלמודיסטן גופא האָבן געפילט, אז זייערע פאָרשטעלונגען וועגן גאָט פאסן זיך נישט צו די ביבלישע עפּיטעטן. און אָט ווי זיי גייען ארויס פון דער שוועריקייט: „תנו רבנן — אל זועם (גרימצאָרנדיקער) בכל יום„ (תהילים ז' 12) — וכמה זעמו? — רגע. וכמה רגע? — אחת מחמש ריבוא ושלשת אלפים ושמונה מאות וארבעים ושמונה בשעה. זוהי רגע. (ס'הייסט — גאָט איז אין כעס יעדן טאָג בלויז 1/53848 טייל פון א שעה... און קיינער אויסער בלעמען קען נישט צוטרעפן צו דער רגע פון גאָטס צאָרן(10) (עבודה זרה ד' עמ' א').

קנעטנדיק תמיד די עלעמענטן פון גלויבן אין אייגענע פורעמס (דאָס איז דאָס די אייגנשאַפט פון א נאַציאָנאַלן גלויבן), האָבן יידן באַטיילט גאָט מיט זייער אָנמעכטיקן צאָרן און מיט די כאראקטער־שטריכן, וואָס שטאַמען פון אים.

בכלל וועגן גאָטס לײדן פון יידישן גלות זע „ספר־האגדה" פון ביאַליק און ראַווניצקי, ספר ג' אין דער אָפּטיילונג „הקב"ה שותף בצערם של ישראל".

און נישט בלויז גאָט אליין, אויך זיינע מקורבים האָבן זיך געביטן. אזוי איז אליהו הנביא אין תנ"ך א בייזער כעסן, וואָס פאַרברענט מענטשן מיט זיין בליק (מלכים ב' א'), וואָס קוילעט אויס פיר הונדערט נביאים מיט איין מאָל (מלכים א' י"ח). אָט דער בייזער פלאַמיקער גייסט ווערט מגולגל אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע אין דעם גוטן און גוטמוטיקן אַלטיטשקן, וואָס האַלט בלויז אין איין וואַרטן, ער זאָל קענען קומען אָנזאָגן די גוטע בשורה פון אויסלייזונג, און דערווייל גייט ער העלפן איינציקע לײדנדיקע, וואָס האָבן עס פאַרדינט (מעשה באיש חסיד, פּרצס קונצנמאַכער אאז"וו). עס ווערט פון אים דאָס הייליק שניידערל ביי שלום אשן, וואָס האַנדלט מיט בטחון... די זעלביקע גילגולים מאַכן דורך דוד, די מוטער רחל. די גוטע פאַנטאַזיע פלעגט כסדר היילן די ווונדן מיט בילדער פון דעם, וואָס עס וועט זיין, ווען אם ירצה־

(7) האָט רבי עקיבא געזאָגט: ווען דער הייליקער, געבענטשט זאָל ער זיין, באַטראַכט די עבודה־זרה־הייזער און די פעלקער, ווי זיי זיצן אין רו און אין שלום אויף דער וועלט און ער זעט זיין הויז איז חרוב און אָפּגעגעבן אין די הענט פון די ערלים, איז ער כביכול מקנא און שרייט, און תיכף ציטערן הימל און ערד...

(8) גאָט לאָזט פאַלן צוויי טרערן אין ים־הגדול אריין.

(9) זינט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, איז נישטאָ ביי גאָט קיין לאַכן (פרייד).

(10) אין ברכות ז' עמ' א' איז דאָ דער זעלביקער זאַץ, נאָר דאָרטן איז דער חשבון 1/58888 פון א שעה.

השם „משיח וועט קומען" און וועט שוין אויך נקמה נעמען פֿאַר „דם עבדיו השפוך".

כמעט נאָך יעדער פֿאַרשטאַרקטער כוואַליע פֿון צרות און פּיין פֿלעגט זיך שטאַרקן דער גלויבן אין באַלדיקן קומען פֿון משיחן. אַנטלויפֿן אין דער פֿאַנטאַזיע אַריין, אין גלויבן אַריין איז אַ נאַטירלעכע רעאַקציע פֿאַר אַ קאָלעקטיוו, ווי פֿאַר אַ יחיד. פֿון די אָן אַ צאָל ערטער אין דער תּלמודישער ליטעראַטור (11), וווּ עס ווערט געשילדערט דער גלאַנץ פֿון דער גאולה, ציטירן מיר ווייטערדיקן אָרט אין מדרש רבא אויף איכה. „כתות, כתות של מלאכי־השרת יושבים ואורגים בגדי ישועה..." (כּתּות מלאכים זיצן און וועבן קליידער פֿון ישועה); די גאַנצע הימלישע וועלט איז פֿאַרנומען מיט גרייטן דעם „לעתיד־לבוא". די פֿאַנטאַסטישע פֿאָרשטעלונגען פֿון צוקונפֿטיקן גליק האָבן ווייך געמאַכט די הערצער אַזוי, אַז מען פֿלעגט קוקן אויף די איצט שטאַרקע פֿון אויבן אַראָפּ. אַזוי לאַכט דער רבש"ע פֿון די „עובדי כוכבים", וואָס וועלן לעתיד־לבוא קומען זיך מגייר זיין, נאָר זיי וועלן זיך דערשרעקן פֿאַר דער מלחמה פֿון גוג ומגוג... דאָס איז דאָס איינציקע מאָל, ווען דער רבש"ע דערלויבט זיך אָפּצולאַכן פֿון זיינע באַשעפֿענישן (עבודה זרה).

פֿאַר די אַלע ציטאַטן איז וויכטיק דאָס וואָס זיי זענען נישט בלויז ציטאַטן פֿון שריפֿטן, וואָס שטייען ערגעץ אין אַ שאַפֿע. פֿאַרקערט, אָט די „אגדתות", פֿאָלקס־שאַפֿונגען לויט זייער אָפּשטאַם, האָבן געהאַט אַ געוואַלדיקע צירקולאַציע דווקא אין די המונישע שיכטן; זיי האָבן זיך אויפֿגעהיט נישט בלויז אין ספרים, זיי האָבן נישט אויפֿגעהערט צו לעבן אין דער טראַדיציע בעל־פּה, זיי האָבן נישט אויפֿגעהערט כסדר צו וואַקסן און דערפֿאַר כאַראַקטעריזירן זיי גוט די פֿאָלקס־פּסיכיק.

אָט דער גלויבן, וואָס איז אַזוי טיף געזעסן אין די יידישע מאַסן, דער געדאַנק: בכל יום אחכה לו שיבוא", — דאָס האָט געגעבן כּוח אויסצוהאַלטן דעם גאַנצן מיטלאַלטער, געגעבן כּוח צו שטאַרבן מיט אַ געפֿיל פֿון דער איינגענער מענטשלעכער ווערדע און אפֿילו די גבורה צו קענען שפּייען דעם תּליון אין פּנים פֿאַרן גיין אויפֿן עשאַפֿאָט. (ווירק ר'

---

(12) פֿון די כראָניקעס פֿון די קרייצצוגן.

קלונימוס רוק בפסלים, ויכוהו נפש... ותרק בפסלים, ותמת) (12).

אָט דער גלויבן האָט נישט דערלאָזן, עס זאָל אויסגעלאָשן ווערן דער מענטשלעכער פונק.

מיר רופן דאָ דעם געפיל פון כעס „מענטשלעכער פונק", ווייל פונקט אַזוי ווי דער רויער כעס געהער צו דער מדרגה פון א חיה, אַזוי זענען מענטשן, וואָס דער אינסטינקט איז ביי זיי אינגאַנצן אויסגעלאָשן, שוין מער נישט קיין מענטשן. דאָס איז שייך צו אַלע אינסטינקטן, מעגן זיי אין זייער רויער, פרימיטיווער פאָרמע זיין ווי חיהש, דאָס איז אויך בנוגע כעס. און אויב בנוגע דעם אינטעלעקט לאָזט זיך בערך נישט שווער קאָמפּענסירן דאָס אויספעלן פון די איבערלעבונגען פון איין חוש, ווען ער איז אַטראָפירט, איז אָבער נישט אין פאַרגלייך שווערער צו קאָמפּענסירן דאָס אויספעלן פון איבערלעבונגען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט א וואָסער עס איז אינסטינקט־געפיל. להיפוך צו די חושים, זענען די אינסטינקטן נישט פאַרבונדן מיט איין באַשטימטן אָרגאַן בלויז; פאַרקערט, זיי ווערן סטימולירט אָדער זיי סטימולירן דעם גאַנצן אָר־גאַניזם. און אויב עס פעלט אַן אינסטינקט, פעלן איבערלעבונגען פון אַלערליי אָרגאַנען, פעלט דער מענטש.

די קולטור פון מענטשן באַשטייט נישט אין אָפּטייטן די נאַטיר־לעכע אינסטינקטן, נאָר אין סובלימירן זיי, פאַרפיינערן, פאַרמערן זייע־רע רייצן און פאַרקאָמפּליצירן זייערע רעאַקציעס.

בנוגע צו די יידישע פאָלקס־מאסן האָט דער גלויבן אויסגעפירט אָט די פונקציע: ער האָט געהאָלפן אויפהיטן די אינסטינקטן און פאַרפיי־נערן זיי.

* * *

ווייט נישט אַלע יידן זענען אויסגעהיט געוואָרן פון באַנטשע שוויי־גיזם אין די לעצטע יאָרן פון דעם שוידערלעכסטן עקזאַמען. און איך מוז מאַכן א עיקרדיקן קאָרעקטיוו צו דעם וואָס איך האָב געשריבן מיט דרייצן יאָר צוריק: אויבן שטייט, אַז עס איז די יידישע רעליגיע וואָס האָט אונדז אָפּגעהיט פון דעם אומגליקלעכן באַנטשע שוויגיזם, און עס איז נישט רעליגיע נייערט יידישקייט.

וואָס מער יידן זענען געווען אינפילטרירט גייסטיק אין דעם הער־שענדיקן פאָלק, — אַלץ ווייניקער גייסטיקן ווידערשטאַנד האָבן זיי פאַרמאָגט אין די יאָרן פון צאָרן און אומגליק, אַלץ מער זענען זיי גע־ווען באַנטשע שווייגעריש. און נישט בילדונג, געלערנטקייט האָבן דאָ געשפּילט אַ ראָלע. יידישע פורמאַנעס, אומוויסנדיקע אַרבעטער אין ווילנע צי אין וואַרשע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ סך שטאָלצערע מענטשן איידער יידישע פּראָפעסאָרן, וועלטבארימטע שרייבערס און פילאָסאָפן, נאָבל פּרעמיע געווינער.

גאָרנישט פרומע און אַנטירעליגיעזע יידן האָבן נישט אין פאַרגלייך מער מוט, גלויבן און גייסטיקן כוח אַרויסגעוויזן איידער אַנדערע פרו־מע, שטרענג רעליגיעזע יידן לויטן גייסט פון פראַנקפורט וכדומה. נאָר אַנדערש האָבן אויפגענומען זייער מאַרטירערשאַפט יידן וואָס האָבן זיך געפילט ווי יידן און זיי האָבן געהאַט זייער אינהאַלט פאַר דער יידישקייט. און ווידער אַנדערש איז דאָס פאַרגעקומען מיט די יידן וואָס האָבן זיך געפילט ווי דייטשן אָדער אפילו ווי פּאָליאַקן, אויב אפילו זיי זענען געווען פרום, ווי דייטשן פון אַ יידישער רעליגיעזער סעקטע. די ערשטע האָבן געלעבט, געליטן, זיך געמאַטערט און געקעמפט ווי יידן. די צווייטע האָבן זיך נישט געקענט פילן ווי יידן. דער דייטש אין זיי האָט נישט געקענט באַנעמען די ליידן וואָס זיי, דייטשן, ליידן צוליב יידישקייט, וואָס זיי אַליין האָבן נישט און זיי ליבן נישט. ווי יידן זענען זיי געווען פולשטענדיקע באַנטשעס אָן אַ ברעקל מאָראַלישן ווידער־שטאַנד. דער דייטש אין זיי האָט, העכסטנס, געקענט באַגיין זעלבסט־מאָרד, דערפאַר וואָס מען צווינגט אויף אים אַרויף נאָר צו ווערן פאַר־רעכנט פאַר אַ יידן. (דערשריבן אין 1945).

אָבער אויף דער דאָזיקער מדרגה פון אָנאָביעקטיוון ווייטאָג איז דער געפיל ביי יידן נישט פאַרבליבן. די נייע צייט האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסע פאַרענדערונג. עס איז בטל געוואָרן די עקאָנאָמישע געטאָ, עס איז אויפגעקומען די השכלה, און ביי יידן איז געוואָרן נאָר אַן אַנדער באַציאונג צו דער אַרומיקער וועלט און אויך נאָר אַן אַנדער רעאַקציע אויף רדיפות, פּאָגראָמען וכדומה. די כעס־רייצן האָבן גענומען נאָר אַנ־דערש ווירקן.

די השכלה איז קודם כל א שטרעבונג מבטל צו זיין די סאָציאַלע און קולטורעלע באַזונדערקייט און אויך די פּסיכאָלאָגישע אָפּגעזונדערט־קייט. „מיר זענען און מיר ווילן זיין גלייך" — „נהיה ככל הגויים" — איז געוואָרן דער לאָזונג. „גלייכקייט" איז געווען דער טרוים. דער אמאָ־ליקער „עם הדומה לחמור" איז גאָר געוואָרן א מוסטער צו קאָפּירן, א נאַרמע אין דער פאָרשטעלונג. איצט האָט שוין געקאָנט זיין א געפיל פון באַליידיקונג. נאָך מער: דער דירעקטער באַליידיקער, וואָס האָט פריער לגמרי נישט עקזיסטירט ווי א כעם־אָביעקט, איז איצט געוואָרן פון א גול דער גרעסטער סכום; אויב דער טראַדיציאָנעלער ייד האָט גע־קענט לינדערן זיינע אומגעהייערע פיזישע ווייטאָגן דורך גלויבן און דורך ביטול צו דער סיבה פון די ווייטאָגן, איז איצט קיין לינדערונג נישט געווען, און דער ווייטאָג איז געוואָרן ברענענדיקער. נישט פּאָגראָמען און שחיטות, נייערט א קרומער קוק, א חשד אויף א ביטול־באַציאונג מצד די וואָס מיט זיי האָט מען זיך געוואָלט אויסגלייכן איז געוואָרן א ווייי־טאָג נישט אריבערצוטראָגן.

פון דאנען שטאַמט די שרעקלעכע אינעווייניקסטע געפאַלנקייט ביי די משכילים, דאָס בעטן זיך א ביסעלע גוטגינציקייט ווי א חסד. „און איר ליבע ברידער און פריינד, וואָס גייען אין קריסטטוסעס וועגן..." בעט זיך דער שטאַם־פאָטער פון די משכילים, מ. מענדעלסאָן. „...בעטן ביי אייך ווי ביי ברידער — רעכנט אונדז פאַר מענטשן ווי איר און פאַר בירגער פון אייער לאַנד, ווייזט אונדז דעם וועג און גיט אונדז די מיט־לען צו ווערן בעסערע מענטשן און אָרנטלעכע בירגער. אָפּטרעטן פון אונדזער גלויבן קענען מיר נישט ביי א ריינעם געוויסן. און וואָס פאַר א נוצן וואָלטן אייך געבראַכט מיטבירגער אָן א געוויסן?" (13)

נאָך מער זעען מיר די ממש בעטלערישע געפאַלנקייט ביי דעם ערשטן פון די רוסלענדישע משכילים, ביי לייב נעוואַכאָוויטש (נאָך דעם שמד — לעוו אלעקסאנדראָוויטש) אין זיין באַרימט־געוואָרענער בראָ־

(11) א פּאָר ערטער אין תלמוד האָט מיר אָנגעוויזן מיין פאָ־טער זאָל געזונט זיין.

שור („וואָפּל דשטשערי יודעיסקווי" פּעטערבורג 1803), אין העברעאיש „קול שועת בת־יהודה" שקלאָוו 1803. איך וועל זיך דערלויבן צו ברענגען פון אַט דעם ערשטן יידישן ווערק אין רוסיש עטלעכע ציטאַטעס(14).
„דער יידישער שבט איז פאַרמשט אויף פאַראכטונג" (פּלעמיא יודעיסקאָיע אָסוזשדיענאָ נאַ פּרעזריניע...). „מענטשנליבנדיקע רוסן" טשעלאָוועקאָלוביוויע ראָססי) „איידעלע זין פון צפון". „אַ, קריסטן וואָס איר זייט באַרימט מיט אייער מילדקייט (קראָטאָסץ) „און גוטהאַרציקייט, האָט אויף אונדז רחמנות, ווענדט צו אונדז אייערע צאַרטע הערצער!" און ווען מיר וואָלטן אָפּגעוואָרפן אונדזער גלויבן כדי אויסצוגלייכן זיך אין רעכט, טאָ וואָלטן מיר דען געוואָרן דורך דעם ווערדיקער?"...
די עצם אָפּגעזונדערטקייט, די ביי די רוסלענדער משכילים באַרימטע „אָבאָסאָבליענאָסט" איז שווער געווען צו טראָגן.

אַט אין די מענער וואָס הזרן זיך כסדר איבער ביי אַלע משכילים אין רוסלאַנד ביז די זיבעציקער יאָרן איז שוין נישטאָ קיין סימן פון גדר כעס, אָדער אפילו פון אָנמעכטיקן צאָרן. דאָס זענען לײדן פון א ביז צום טויט פאַרליבטער מיידל, וואָס איז גרייט אַלץ אָפּצוגעבן און דאָך ווערט זי אָפּגעשטויסן, מען באַמערקט זי נישט און זי לויפט נאָך.

ביי אזא פּסיכישן צושטאַנד פון פאַרליבטער פאַרנעמערונג לגבי דעם שטאַרקן מצד די משכילים האָבן אַלערליי באַליידיקונגען, אַפּט תאמעטנע און שטאַרקע, נישט געקענט אַרויסרופן ביי די משכילים קיין שום כעס־געפיל פון וואָסער עס איז מין און מדרגה. זיי האָבן אויפגענומען אַלע גזירות מאַר ליב, אפילו ניקאָלאַי דעם ערשטנס באַרימטע „ראַזריאַדן", דעם קאַנטאָניזם וכדומה. זיי האָבן אַלץ געהאַלטן פאַר מיטלען פון די „מלכי חסד", וואָס דאַרפן בעסער מאַכן דאָס שלעכטע פאָלק (15).

דאָס האָבן מיר פאַר זיך אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג — עס האָט זיך געביטן די ריכטונג פון דער פּסיכישער רעאַקציע — זי איז געווענדעט נישט קעגן דעם, וואָס רופט אַרויס דעם געפיל פון באַליידיקונג, נאָר

קענן דעם באַליידיקטן. אָט דער כעס קענן דעם באַליידיקטן ברענגט אַ גאַנצע גאַמע פון ווייטערדיקע תולדות־געפילן. כעס ברענגט האַס. פון דאַנען איז אַ גראַדער וועג צו דעם קאָמפּליצירטן געפיל פון „עגאָפאָביע" ביי יידן (זע ווייטער). אומאַכטונג, פאַראַכטונג, קריטיק, קיין מיטגע־פיל, פאַרלאַנג אויסצומיידן, דראַנג זיך אָפּצושיידן, צו זיין אַנדערש. אַלץ וואָס קען דערמאָנען אָן דעם פאַרהאַסטן באַליידיקטן, אויב אַפילו עס איז דער אייגענער טאַטע און דער אייגענער „איך", — אַלץ דאָס באַמיט מען זיך אויסצומיידן. צו אַנטלויפן פון דעם. פאַרקערט, רופט דער באַליידיקער אַרויס נאָר אַ דרך ארץ. ביי ווייסרוסישע פויערים האָב איך באַמערקט אַזאַ דערשיינונג: וואָס מער דער מאַן שלאָגט זיין ווייב, אַלץ מער איז זי צו אים צוגעבונדן...

ענלעכס זעען מיר אָפּט אויך ביי יחידים. די משכּילים האָט ממש געבריט יעדער שטריך ביי יידן, וואָס האָט לויט זייער מיינונג געקאָנט וועקן אַ שלעכטע באַציאונג צו יידן, און די עצם גזרות האָבן זיי מיט אַ גרינג געמיט אָנגענומען פאַר גוט. יידישע אינטעליגענטן האָבן גע־קראָגן גרויס ליבע צום רוסישן פאָלק, צום פויערישן המונישן מענטשן. זיי פּלעגן זיך אָנטאָן פויעריש, שערן די האָר ווי יענע, זיך באַמיען צו רעדן רוסיש דווקא מיט אַ פאָלקסאַקצענט, און אויך טרינקען בראָנפן ווי אַן אמתער פּאַניע. נישט איין יידיש־רוסישער אינטעליגענט איז פון בראָנפן פאַרברענט געוואָרן. כדי נישט צו באַליידיקן דעם אַנדענק פון יידישע שרייבערס וועל איך דאָ נאָר דערמאָנען דעם משומד באַגראַוו, דעם מחבר פון די „זאַפּיסקי יעווריעא" וואָס עמיצער אַ משכּיל האָט נאָך געפונען פאַר נייטיק איבערצוזעצן אויף העברעאיש מיטן נאָמען „כתב יד עברי".

ערשט ווען עס האָט זיך אין די זיבעציקער יאָרן אָנגעהויבן די פּאָ־גראָם־כוואַליע אין רוסלאַנד, האָט זיך די שטימונג פון טייל משכּילים ראַדיקאַל געביטן, עס האָבן אין זיי זיך אָפּגערופן גאָר נייע טענער. אָט וואָס עס שרייבט איינער פון די ערלעכסטע פון זיי, ד"ר סאָלאָווייטשיק פון אָדעס, צום פּעטערבורגער קאָמיטעט פון „מפיצי השכלה" (דעם 12 — 3 — 1872): „די אָדעסער אָפּטיילונג (פון „מפיצי השכלה"), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיטן ציל צו העלפן יידן איבערצוגעמען

די רוסישע שפּראַך, ...האָט נאָך מער נישט געקענט פּאַרווירקלעכן אי־דיש צילן אראַנק פון דער אַפּטיילונג אומאָפּהענגיקע באַדינגונגען. די פּסחדיקע אומרוען פון פאַריקן יאָר (געמיינט דעם פּאָגראָם אין אדעס אין 1871) האָבן אין גרונט צו נישט געמאַכט דעם גלויבן פון די אָנפי־רער פון די אדעסער „מפיצי השכלה" אין דער צוועקמעסיקייט פון זייע־רע שטרעבונגען. זיי האָבן זיך געמוזט איבערציינגן, אז אלע באַמיאונגען פון יידן זיך צו דערנענטערן צו דער רוסישער באַפעלקערונג וועלן בלייבן פּרוכטלאָז, ביז וואַנען די מאַסן פון דער רוסישער באַפעלקערונג וועלן בלייבן אין אומוויסנהייט" (16).

דער זעלביקער מאָראַלישער איבערבראָך האָט געבראַכט סאָלאָווי־טשיקס מיטרעדאַקטאָר פון רוסיפיקאַטאָרישן „סיאָן" און זיין חבר פון „מפיצי השכלה" דעם ד"ר ל. פּינסקער צו זיין „אויטאָעמאַנציפּאַציע" און צו חיבת־ציון (17).

דאָס האָט אויפגערודערט פּ. סמאָלענסקינען („התועה בדרכי החיים ח' ד'), דאָס האָט איבערגעקערט דעם פאַרביסענעם רוסיפיקאַטאָר ל. לעוואַנדע און נאָך און נאָך. די אַלגעמיינע שטימונג פון די משכילים דריקט אויס א. גאָלדפאַדען אין די ווייטערדיקע שורות:

„א ברכה אויף דיין קעפּל, וואָס איז ארומגעשאָרן,
גלאַנצט פון חזיר־שמאַלץ, אינמיטן דער שרונט.
האָסט נישט געטאָן אזא חכמה זינט ביסט געבאָרן,
וואָס האָסט יודלס פּאַטריאָטקע אזוי אויסגעקלאַפּט געזונט!...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„סליאַיען" (צונויפגיסן) ווילסטו זיך מיט מיר?...
כ'האָב פאַרגעסן, ווילסט מיר העלפן טראָגן א טשין, א מאַנדיר?...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

---

(13) מ. מענדעלסאָן, ירושלים. גאָטלאָבערס העברעאישע אי־בערזעצונג, זשיטאָמיר 1867, ז' 119.

(14) לויט דעם איבערדרוק 1902, 3 „סבאָרניק בודושטשעגאָ־סיי".

סליאיען! באַראַי אַפּווישן דיינע אייגענע ערות —
אברהם, משה, דוד, מאַכאַבעער־פּאַן,
און ווילסט שוין מיינע וולאַדימירס דיר פאַר זיידעס!
קאַקאַרדעס זענען זיי?... מען טשעפּעט זיי אָן?

— —

און דו ווערסט זיך שוין גאָר איבערקערן פאַר מיר האָר און גאָר,
וועל איך, פּראַוודאַ, ביי מיר האָבן געמאַרינירטע זשידיאַגעס,
קנאַבל וועט אַלץ שטינקען ביז אין צענטן דור!

— —

ווען דו וואָלסט געוועזן מיט גוטן גאָר גיין,
וואָלטן פון די יידן געוואָרן אזוי פיל איוואַנעס,
אַז דו אליין מיט דער צייט וואָלסט זיך נישט אַנגעזען...(18)

די „פּאַרליבטע" האָבן זיך אויסגעניכטערט. דער „כעס פון די שוואַכע" האָט אויפגעוואַכט צוריק. אָבער שוין נישט אין פאָרם פון אַנאַביעקטיוון ווייטאָג. לכתחילה איז די רעאַקציע געגאַנגען ווידער אַמאָל — נישט קעגן די שלעגער, נאָר קעגן די געשלאָגענע, קעגן דער „פּאַרליבטער" אַסימילאַציע. טאַקע אָט די געפילן קומען צום אויסדרוק ביי גאָלדפאַדענען אין דער ציטירטער פּאָעמע אין די ווענדונגען צו דעם „ליבן וואַניושאַ", דעם פּאָגראָם־מאַכער. דער כעס קעגן די לעצטע איז לגמרי פאַרהילכט געוואָרן דורך דער אַנטיטעזע פון דער אַסימילאַציע. דער מקור איז אָבער דער זעלביקער. אַזוי שטראָפט אַ מאַמע איר שוואַך קינד, וואָס קומט אַ געשלאָגענער מיט טרערן: „רעכט אויף דיר! קריך

(15) זע למשל די הקדמה צו דער „תעודה בישראל" פון ריב״ל, אַ גרויסן טייל שירים פון אדם הכהן לעבענזאָהן, זיין ווענדונג צו מאָנטעפיאָרע און נאָך. אומעטום האָבן מיר צו טאָן מיט אויפריכטיקע געפילן. וועגן דעם זע אויך ביי פּ. מאַרעק אין זיין „דוואַ וואָספּיטאַניאַ", מאָסקווע 1909.

נישט, וועט מען דיך נישט שלאָגן. אז מען וויל נאָר מיט דיר נישט שפּילן זיך״... עס איז אן אָנמעכטיקער צאָרן אין א ספּעציפישער פאָרמע.

(18) א. גאָלדפאַדען. „א שטיין פון הארצן" (ראַזמיסלעניא פּאָסלע פּאָגראָמא) „דער יידישער וועקער", אדעס 1887; זע אויך מ.ל. ליליענבלום אין זעלביקן זאמלבוך.

ווייטער אָבער האָט דער אָנמעכטיקער צאָרן געמוזט ארויסרופן אפילו נייע אידעען, נייע שטרעבונגען, נייע מעשים. מען האָט אפילו גע־זונגען „השיבנו נאזאד", אָבער קיין „צוריק" צום טראַדיציאָנעלן גלויבן איז נישט געווען. חיבת־ציון, ביל״ו — אָט דאָס איז געווען די דירעק־טע רעאַקציע. דער וועג צוריק איז זייער א שווערער. מען קען אידעאָ־לאָגיש בייטן א טעאָריע, מען קען ווערן א חסיד פון א נייער און פאַר־קערטער אידעע. אָבער עס איז א סך שווערער אויסצוואָרצלען טיפע געפילן. בלייבן עפ״ר די אַלטע געפילן מיט די נייע טעאָריעס. מען באַ־מיט זיך זיי צו פארדעקן, צו באהאַלטן, מען וויל זיי אָפט באַקעמפן אין זיך אליין. און נאָך אָפטער מאָדיפיצירן די אַלטע געפילן די נייע טעאָ־ריעס, און עס באַקומט די אַלטע יענטע אין א נייעם שלייער. קאָמפּלי־צירט און ווייט נישט גרינג איז דער וועג פון דעם בעל תשובה. אויב די עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג איז געווען פאַרבונדן מיט א גרויסער דאָזע פון ענאָפּאָביע, איז זי געבליבן אויך אין אויטאָעמאַנציפּאַציע, און נאָך היינט פּענטעט זי דעם וועג פון ציוניזם און שאַפט פאַר אים א סכנה גרעסער פון אַלע אויסערלעכע סכנות.

שפּעטער, ווען דער טראַדיציאָנעלער גלויבן האָט אויך אין די מאַסן פארלאָרן זיין מאַכט, האָבן די זעלביקע געפילן געשאַפן די זעלבסט־שוץ באַוועגונג און דעם פארשטאַרקטן דראַנג צו רעוואָלוציאָנערער אַקטיוו־

(16) זע טשעריקאָווערס געשיכטע פון דער חברה „מפיצי השׂכ־לה" (אין רוסיש) פּעטערבורג 1913, ז׳ 249—250.

(17) זע דעם „ספר־פּינסקער", תל־אביב 1921; „דרך תשובה" פון מ. ל. ליליענבלום.

קיים. דאָס האָט אויך אריינגעטראָגן גאָר נייע טענער אין דער יידישער ליטעראַטור. אויב פרוג האָט נאָך אין 1903 געזונגען:

ברידער און שוועסטער, האָט רחמנות!
גרויס און ביטער איז די נויט.
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיקע ברויט...

ווי עס וואָלט זיך געפאַסט אין סאַמע מיטלעלטער, א צושטייער צו די סליחות, האָט שוין אין יענער צייט ביאַליק אין זיין „פון צער און צאָרן" רעפּרעזענטירט דעם באַנייטן איינגעהאַלטענעם כעס. מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט דריי שורות פון זיין העברעאישן „על השחיטה" — „ואם אחרי השמדי מתחת הרקיע הצדיק יופיע, — ימוגר נא כסאו לעד"*)
אזוי איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן די גאַנצע שאַרפקייט פון וויטאָג פון איינגעהאַלטענעם כעס, די גאַנצע נקמה־דאָרשטיקייט פון אומבאַפרידיקטן געפיל. צו דער תקופה געהער די גרויזאַמע פּאָעמע פון ש. טשערניכאָווסקי „ברוך ממגנצא" (געשריבן אין 1902), אהער געהערן די דערציילונגען פון ל. שאַפּירא.

די נייסטע טראַגעדיע האָט געבראַכט נאָך שטאַרקערע פּראָטעסטן.

אזוי ארום האָבן מיר פאַר זיך אויפן שוועל פון היינטיקן י"ה א נייע ריכטונג אין דער יידישער פּסיכיק, ניי־אויפגעפלאַמטע כעס־געפילן, און פון דאַנען נייע ווענדונגען אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אין דער ליטעראַטור, ווי אַן אויסדרוק פון די נייע עמאָציעס.

* * *

איינגאַנצן אַנדערש האָט זיך אַנטוויקלט דער זעלביקער געפיל פון אָנמעכטיקן צאָרן אין דער געפּלאָגטער פּויערים־מאַסע אין רוסלאַנד. דאָס

---

*) אויב נאָך דעם ווי איך וועל פאַרשווינדן וועט נעמען גערעכטיקייט זיך ציגן, צעשמעטערט זאָל ווערן איר טראָן פון גוואַלד (י. י. שוואַרץ).

פאָלק ווי א כלל איז קיינמאָל דאָ נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אָנאָביעקטיוון וויטאָג, באַזונדערע יחידים און אפילו א גרויסע צאָל יחידים האָבן געקענט אראָפּפאַלן אפילו ביז צו באַנטשע שווייגיזם, אָבער דער כלל דאָך נישט.

די זעלביקע פּויערים, וואָס זענען יעטווידער באַזונדער און אַלע אין כּלל נעווען בנוגע צום פּריץ שטאַרק פאַרשקלאָפט, האָבן דאָך אין אַנ־דערע ריכטונגען תמיד נעהאַט געלעגנהייטן אויסצולעבן זייער כּעס אַקטיוו און דווקא גאַנץ רוי, האַמעטנע און פּרימיטיוו, שטאַרק און ברוּטאַל. במילא האָט דער געפיל פאַר זיך נישט געקענט אויסגעלאָשן ווערן: בעת יידן זענען געווען צעשפּרייט איבער ישובים איינציקווייז אָדער אין קליינע שטעטלעך און האָבן נישט געהאַט קיין גלייך שטאַר־קע סביבה, ווו זיי זאָלן קענען אַקטיוו אויסדריקן זייער כּעס, האָט דאָך די פּויערים־מאַסע געלעבט קאָמפּאַקט און איז געווען איינאַרטיק, און אין דער איינענער סביבה האָט זי געהאַט גענוג מעגלעכקייט אַרויסצו־ווייזן כּעס און נישט לאָזן אים אויסלעשן זיך אינגאַנצן.

אַזוי איז מאַקע אויך ביי יידן, ווען זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אין גרעסערע קיבוצים און עס איז געקומען די מעגלעכקייט זיך צו „פאַר־מעסטן מיט די כוחות", אויפגעקומען אויך דאָס „קוילער געסל", וואָס אַנטלויפט שוין נישט פאַר איין גוי, ווי גאַנץ מאָזעפּעווקע בשעתה, עס איז אויפגעקומען א „סוראַזשער גאַס" (העלדישע אַרבעטער־זעלבסטשוץ בעתן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם אין 1905), עס איז אויפגעקומען א נאָ־וואָגאָראָד אין ווילנע מיט זיינע כסדרדיקע נקמה־קאַמפן צווישן דער אונטערוועלט פון איין זייט און מיט א הירש לעקערט פון דער צוויי־טער זייט.

דער נייער פּסיכאָלאָגישער איינשטעל, וואָס האָט זיך ביי יידן גע־שאַפן א דאַנק די נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, איז ביי דער פּויערים־מאַסע געווען אַלע מאָל.

פון דאַנען נעמט זיך דער בייזער נקמה־פולער קאָלאָריט פון די

כסדרדיקע פויערים־בונטן און אויפשטאנדן אין רוסלאנד. דער זעלבי־קער כעס, וואָס איז קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן געוויארן, נאָר בלויז איינגעהאלטן אין משך פון לאנגע דורות און היים געגליט אינעווייניק, האָט אויך געלייגט זיין כאראקטעריסטישן שטעמפּל אויף דעם פארלויף פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

די אנדערע לעבנס־פאָרמען האָבן דאָ די זעלביקע געפילן געפירט אין אן אנדער ריכטונג איידער ביי אונדז.

(געשריבן אין 1931)

יידישער אַנטיסעמיטיזם

אין דער העברעאישער ליטעראטור איז מיט עטלעכע יאָר צוריק דורכגעגאַנגען זייער א כאראקטעריסטישע פּאָלעמיק, וואָס האָט א ווערט אָן שום ספק נישט בלויז פאר די לייענער פון דער העבּרעאישער פּרעסע.

דער דענקער און שרייבער יחזקאל קויפמאן האָט פארעפנטלעכט אין צייטשריפט פון שרייבער פארבאנד „מאזנים" (טבת, תרצ'ד) אן ארטיקל מיטן נאָמען „חורבן הנפש" (1). אין דעם ארטיקל באווייזט ער אז דער יידישער געדאנק האָט פון דער השכלה אָן זיך אָנגעשטעקט מיט דעם אַנטיסעמיטיזם און מיט אנטיסעמיטישער אָפּשאצונג פון יידן און פון יידישן לעבן. אין תוך אריין דעפינירט ער דעם אנטיסעמיטיזם ווי די טעאָרעטישע יסודות פון שנאת ישראל. אָבער ביי יידן קען זיך אָט דער אנטיסעמיטיזם אין געדאנק גוט צונויפלעבן מיט יידן־ליבע, מיט געטרייקייט צום פּאָלק. „אנטיסעמיטיזם מאהבה" רופט ער עס אָן. און די „אנטיסעמיטן אוים ליבע" חזרן איבער אלע בלבולים, וואָס עס טראכטן אוים אויף יידן די „אנטיסעמיטן אוים שנאה". יידישע פּרנסות זענען „נאַרעריי און פּראָצענט" (עקבה ונשך, יל"ג), יידישער שטייגער לעבן איז מיאוס, די בגדים — העסלעך, זייער לשון — א שרעק! זייער רעדן — נישט אויסצוהאלטן. ביי אנדערע פעלקער לעבן דאָך, פארשטייט איר מיר, אלע פון יגיע כפּים, נישטאָ, נישט געווען, זיכער, קיין גאנצער קלאס ליידיק־גייער, וואָס האלטן מיליאָנען מענטשן ווי קנעכט, ווי פיך. חס וחלילה — אויף דעם האָבן יידישע ווענגבּרער און פראָגרעס־פירער נישט געוואגט זיך צו פארטראכטן. יידן, זעט

איר, אלע יידן — פראַצענטניקעס, באטריגער, אָפנארער, פאראזיטן, זייער גאנץ לעבן — איין שטיק מיאוסקייט, קיין זאך ביי יידן האָט נישט קיין לייטישן אויסזען.

צוליב דעם מינדערווערטיקייט־געפיל האָבן יידן זיך אָנגעשטעקט מיט דעם אנטיסעמיטיזם פון די נישט יידישע אנטיסעמיטן (2) נאָך אין די צייטן פון השכלה און ער פארסמט די וואָרצלען פון אונדזער נשמה, מען דערציט קינדער אין אנטיסעמיטישן גייסט. אפילו דער נאציאָנאלער געדאנק איז דורכגעדרונגען מיט דעם אנטיסעמיטיזם. מען מיינט, אז ער העלפט, דער אנטיסעמיטיזם, ער שטארקט דעם דראנג זיך צו באפרייען פון „גלות", אז ער שאפט א שנאה צום גלות, אָבער מען באגרייפט נישט, אז קודם כל פלאנצט ער איין א שנאה נישט צום גלות, נאָר צום פאָלק, אז ער פארסמט די נשמה. אין די העפטן ביי די קינדער אין די נאציאָנאלע שולן קענט איר געפינען, שרייבט י. קויפמאַן אין זיין ארטיקל, אנטיסעמיטישע זאצן וועגן יידן, וועגן זייער לעבן, וואָס וואָלטן זיך געפאסט אין א דייטשן ראסן לערן־בוך. די קינדער שטעקן זיך אָן פון די לערער, פון דער נאציאָנאלער ליטעראטור. און ער ברענגט א בינטל ציטאטן פון דער העברעאישער ליטעראטור: פרישמאַן זאָגט זיך קאָלטבלוטיק: יידיש לעבן איז הינטיש און עקל־האפט. בערדיטשעווסקי שרייבט: אומפאָלק, אוממענטשן. ברענער — ציגיינער, הינט, שמוץ און בלאָטע, פארשטונקענער זומפ, אוממענטשן, פארוואַרגעטע הינט. א. ד. גאָרדאָן: פאראזיטן, פסולע מענטשן פון לכתחילה. פון אנדערע נאציאָנאלע שרייבער ברענגט ער אזוינע עפי־טעטן אויף יידן ווי העלאָטן, קנעכט, טמא, שפלות, ווערים, פאראזיטן, הינט. (בחבלי הזמן ז 202) אפילו אין העברעאישער ארבעטער־צייטונג „דבר" געפינט דער מחבר אזוינע עפיטעטן ווי פאראזיטן. אויף א קאָנ־פערענץ פון דער הסתדרות זאָגט אן ארבעטער־פירער „הכשרה" —דאָס

---

1. שפעטער איבערגעדרוקט אין זאמלונג „בחבלי הזמן" דביר, ת"א, תרצ"ו.

2. „בחבלי הזמן" ז' 285.

איז גויישע פּרנסה, צוגרייטן דעם יידן צו ווערן א גוי, מ׳זאָל קענען טאָן גויישע ארבעט, פאַרדינען ווי א גוי, דאָס יידיש מיידל זאָל זיין ווי א גויה (דאָרטן ז׳ 266) ד״ה, דער אידעאל, דער מוסטער, די נאָרמע איז דער גוי. נישט סתם רעאָרגאַניזאַציע פון יידיש לעבן, נאָר ענלעכער מאכן אים צו דער נאָרמע. דאָס גוייש לעבן איז גוט, נאָרמאַל.

קויפמאַן ווייזט אָן, אז עס איז פאַראן א נאַאיווער ציוניזם, וואָס וויל דורך אנטיסעמיטיזם אויסהאָדעווען ציוניסטן, אָבער מען ברענגט צו נעגירן יידן, נישט זייער גלות. „אין מויל — שטויב פון נאַציאָנאַלע פראַזעס, און אין הארצן — עקל־נעפּיל, אומצוטרוי, האַס, וואָס רייסן זיך אָפּט אַרויס פון אונטער די פראַזעס... דער אנטיסעמיטיזם קען דערציען נישט קיין העלדן, נאָר אומגליקלעכע דערשלאָגענע מענטשן...״ „ביי אונדז שרייבט קויפמאַן ווייטער, קען זיך א יונגערמאַן דערלויבן זאָגן עפנטלעך פאַר א פאַרזאַמלונג פון נאַציאָנאַלער יוגנט, אז ער איז אַן אנטיסעמיט, — און דער עולם הערט און שווייגט. ביי אונדז קען זיך א ייִנגל דערלויבן אין אָנוועזנהייט פון לערער, עלטערן און תלמידים זאָגן אין א פייערלעכער רעדע לכבוד א נאַציאָנאַלן העלד: „דאָס פאַרפוילט יידיש פאָלק... זיינע העסלעכע פּרנסות״, —און קיינער רעאגירט נישט. אַן עולם פון יידישע ארבעטער קען הערן די גרעסטע שמוץ אויפן יידישן פאָלק און שווייגן, מיינען אז מען דאַרף אַזוי״, (ז׳ 273).

אַזוי אַרום האָט זיך פון דער השכלה אָן איינגענעסט אין באַוווּסטזיין פון יידן אַן אנטיסעמיטיזם, וואָס ברענגט צו א חורבן פון דער נשמה״. דער מחבר באַווייזט, אז די אַלע אנטיסעמיטישע טענות זענען נישט דער עיקר פון שנאה, זיי זענען בלויז א תולדה פון דער שנאה צו יידן, וואָס זי, די שנאה איז דער מקור ראשון. מיר זענען שלעכט, נישט דערפאַר ווייל מיר זענען באמת שלעכט, — נאָר ווייל מען האָט אונדז פיינט, איז וואָס מיר טוען שלעכט: גייען מיר נישט אין אַלגעמיינע שולן זענען מיר „מורדי אור״ און אָפּגעזונדערט, גייען מיר יאָ, — איז ווילן מיר זיין געבילדעט, אאַז״וו. א״וו.

אייגנטלעך איז דאָ פאַר אונדז קיין נייעס נישטאָ. די אַלע געדאַנקען קעגן דער השכלה האָט שוין נאָך אַמאָל קלאָר און שאַרף אַרומ־

נערעדט מענדעלעס „קליאטשע". עס פעלט אין דער ארבעט אויך אן אנאליז פון די מקורים, וואָס פון זיי שטאמט דער „אנטיסעמיטיזם אויס ליבע" און ווי ער אנטוויקלט זיך. נישט שוין זשע איז דאָס בלויז א פּראָזעלאָגיע אזא, איבערגענומען פון די „אמתע אנטיסעמיטן" און וואָס לעבט זיך איין מיט אמתער ליבע און געטרייקייט? וואָלט עס אזוי געווען פּתּם אן אָפּגעלערנטע, איבערגענומענע, אויסוויניקסטע מאָדע־טערמינאָלאָגיע, וואָלט עס דאָך נישט געקענט אזוי לאנג זיך האלטן אין משך פון דורות. ווו איז די ראיה, אז אָט די אנטיסעמיטישע פּראָזעאָלאָגיע ביי די „אנטיסעמיטן אויס ליבע" שטאמט נישט ווי ביי די אמתע אנטיסעמיטן נישט אויס ליבע, נאָר פשוט — אויס שנאה. אפשר טאקע פארקערט, איז דאָ אויך דער מקור ראשון די שנאה, די פּשוטע פּרימיטיווע שנאה צו יידן, צום פאָלק, צו יעטווידער יידן אויף וויפל ער איז א ייד. און זי, די שנאה האָט דאָס געפירט צו דער אנטיסעמי־טישער פּראָזעאָלאָגיע, אפשר איז זי, די שנאה, טאקע אויך א מקור פון א סך דערשיינונגען און פּונקטן אין דער פּראָגראם פון דער נאציאָ־נאלער אקטיווקייט? — אויף די פּראָבלעמעס שטעלט זיך דער שרייַ־בער נישט אָפּ. און א שאָד: ווי א קאָנסעקווענטער דענקער, וואָלט ער געקענט קומען צו א סך מער ראדיקאלע אויספירן.

אויך אין זיין איצטיקער פאָרם האָט דאָס ארטיקל ארויסגערופן א פּאָלעמיק. צוערשט איז ארויס אין דער ארבעטער־צייטונג („דבר" נו־מער 2765—2763) אן אלטער פארדינסטפולער טוער פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער־פּארטיי מיט אן ארטיקל, ווו ער באמיט זיך צו באווייזן, אז די טענות פון די נאציאָנאליסטישע אנטיסעמיטן זענען בארעכטיקט, און אמת, אז די יידן זענען טאקע אן „אָראָבאנכע" (א פּאראזיט־געוויקס). דער דאָזיקער „אנשטענדיקער" פארגלייך האָט נישט ארויסגערופן קיין שום באמערקונג פון דער רעדאקציע, נישט קיין בריוו אין רעדאקציע פון עפּעס א לייענער. — א נאָרמאלע זאך. פאר־קערט האָט זיך יהזקאל קויפמאן געפונען שטארק אטאקירט (איבער־הויפּט דורך דעם וואָס זיין קעגנער האָט זיך געפלייסט אריינצונעמען אויך ביאליקן אין דער צאָל „אנטיסעמיטן") און ער איז ארויס מיט „אויפקלערונגען" און „הוספות" (בחבלי הזמן ז' 275) וואָס האָבן

אבער דאך זיך נישט דערגראבן צו די הויפט ווארצלען פון דער דער־שיינונג.

שפעטער אין יאר 1936 האט קויפמאנען געענטפערט מיט א גרויסן ארטיקל אין נאמען פון „אנטי־סעמיטישן ציוניזם״ א. שרון אין „מאז־נים״ תרצ׳ו, סיון, תמוז־אב. און כדי טאקע זיך צו דערקלייבן צו די סאציאל־פסיכאלאגישע ווארצלען פון דעם משונהדיקן נאציאנאלן אנ־טיסעמיטיזם וועלן מיר געגויער זיך אפשטעלן אויף די גדאנקען.

צוערשט „אראבאנכע״. אט דאס פאראזיטאריש געוויקסל איז שטארק פארשפרייט אין די גערטנער פון ארץ ישראל און מען רופט אים „עלקת״. פרעגט זיך, אין פלוג, ווי קומט עס, אז אזא אלט־געזע־סענער מיטגליד פון ארבעטנדיקן ארץ ישראל, וואס לעבט געווים זי־כער נישט ווי א פארטיי־באאמטער, נאר ווי א שעפערישער פראדוצי־רער, זאל נישט באנוצן דעם פשוטן העברעאישן נאמען „עלקת״, נאר דווקא דעם לאטיינישן „אראבאנכע״, וואס נישט קיין באטאניקער מעג עס דאך לגמרי נישט וויסן? — איך גלויב צו זיין נישט ווייט פון אמת, ווען איך וועל דא באהויפטן אז ביי דעם דאזיקן יידיש־סאציאליס־טישן „אראבאנכע־טעארעטיקער״ אין מוח זענען די צוויי ווערטער נישט פארבונדן. פאר דעם פשוטן געוויקסל אין גארטן איז ערשט אין ארץ ישראל צוגעטראכט געווארן דאסווארט „עלקת״, וואס האט קיינע אסא־ציאציעס נישט מיט יידן און מיט נאציאנאלע געדאנקען בכלל. די „אראבאנכע״ שטאמט זיכער נאך פון רוסלאנד, פון די עקסטערן־יארן, ווען מען האט פלייסיק שטודירט די רוסישע פאזיטיוויסטישע און נא־טורוויסנשאפטלעכע פובליציסטן, ווי פיסארעוו וכדומה.

פון דארטן האט מען זיך באקענט מיטן עצם באגריף „אראבאנכע״, מיט דעם סאציאלן אונטערשלאג און לויט דער השפעה פון דער משכילישער ליטעראטור האבן זיך פארבונדן יידן־אראבאנכע. און די באגריפן—פאר איז ביים מחבר אין מוח זיכער פרעמד דער צווייטער פאר: עלקת — דאס געוויקסל מיט בלויעלעך ווייסע בלומען. און א דריי צענדליק יאר ציוניסטישע ארבעט אין ארץ ישראל, אין צענטער פון דער ארבעטער פארטיי האט נישט אויסגעראטן דעם נאאיוו־האמטנעם

און וווּלגאַר נישט אַנשטענדיקן פאַרגלייך. איך רעד שוין נישט פון זיין „אמתדיקייט". עס איז מיר אַ חרפּה פּשוט צו גיין שרייבן און באַווייזן, אַז יידן זענען נישט קיין פּאַראַזיטן. קיינער פון די, וואָס וועלן די זייטלעך לייענען, גוטיקט זיך נישט אין אַזוינע באַווייזן. עס איז דאָ וויכטיק אויסצופירן ווי מען דאַרף זיך פאָרשטעלן דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון דעם אַנטיסעמיטיזם ביי אַזוינע נאַציאָנאַלע יידן.

אָט זענען די שטאַפּלען:

א) אָפּגעריסן זיך פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט מיט איר גלויבן אין יידישקייט. די תולדה פון דעם — שפלות־נעפּיל, נעפּאַלנקייט: פונצענטרישער דראַנג אַוועקצוגיין פון יידישקייט.

ב) באַקאַנט זיך מיט לאַנד־קולטור און — אַ בענקשאַפט און דראַנג צו נישט־יידישקייט. תולדה פון דעם — אַ מין מאַזאָכיסטיש פּייניקן זיך פאַרוואָס מיר זענען נישט ענלעך צו דעם „הויכן" פאָלק. פון דאַנען דער „אַראָבאַנכע"־פאַרגלייך ווי אויך גאָר די קריטיק וועגן יידן פון אַלע משכילים פון מענדעלסאָנען, דורך די „מאספים" דורך די גאַליציאַנער ביז צו די „רוסלענדישע משכילים.

ג) אוממעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון אונדזער „שפלדיקן" פאָלק צום „דערהויבענעם" (פּאַגראָמען וכדומה). תולדה פון דעם: לאָמיר לויפן פון שפלדיקן פאָלק צו אַ סופּער־פאָלק, וואָס מיר אַליין וועלן שאַפן בצלם ובדמות פון די וואָס זענען פאַר אונדז אַ מוסטער און וואָס מיר קענען צו זיי זיך נישט „דערהויבן".

אָט אַזוי וואַקסט אויס די משונהדיקע צונויפפאָרונג פון נאַליקן אַנטיסעמיטיזם מיט מסירת־נפשדיקער נאַציאָנאַלער טעטיקייט. די אַסימילאַטאָרן און משכילים פון אַלע לענדער און אַלע צייטן זענען געבליבן אויף דעם צווייטן שטאַפּל. די נאַציאָנאַליסטן פון אומעטום זענען אַריבער אויף דעם שטאַפּל דריי.

אַ סך קלאָרער קומט עס אַרויס ביי דעם צווייטן אָפּאָנענט א. שרון. שרון איז אַ סך דרייסטער, אַנגרייפיקער. דער ייד האָט אַ מעלה: ער איז קאָנסעקווענט און דערגרעכט זיך ביזן לאָגישן סוף. גאַנץ אָפט איז ביי אים אויפן צונג, וואָס ביי אַנדערע אויפן לונג. ער הויבט אָן: אויב

די השכלה איז אנטיסעמיטיש, טאָ זאָל זי זיין געבענטשט ווי די מור־טער פון ציוניזם. (מאזנים ה' כ"ט, ז' 497). איז ביי יידן פאַראַן אַ שפלות־געפיל, זאָל ער זיין געבענטשט, ווייל ער האָט „אונדז אויס־געלערנט צו באַגרייפן דאָס, וואָס אונדז פעלט לגבי אנדערע פעלקער", ווי לאַנד, שפּראַך, זיכערקייט, פרייקייט וכדומה. דאָ זענען אַלע שטאַפּ־לען פון נאַציאָנאַלן אנטיסעמיטיזם.

אָט דאָ איז טאַקע דער גרונט־אונטערשייד צווישן דעם נאָרמאַלן נאַציאָנאַלן געפיל און דעם אַנטיסעמיטישן. דער אונטערשייד — איז גלייך צום אונטערשייד צווישן אַ מענטש מיט אַ נאָרמאַלער זעלבסט־אַכטונג און צווישן אַ מענטש מיט אַ קראַנקער איינגליבע מחמת כסדר־דיקער קנאה און קנאַפּווערטיקייט. אַ נאָרמאַלער מענטש פילט מיט זיי־נע חושים און געפילן וואָס ער דאַרף און זוכט עס צו דערגרייכן. דער קראַנקער מענטש, — ער איז תמיד פאַרקוקט אויף יענעם, אויף אַנדע־רע. אַלץ איז ער מקנא. קיין אייגענעם געפיל האָט ער נישט. אַלע זיינע געפילן, פאַרלאַנגען זענען פאַרדרענגט דורך קנאה. און די קנאה ברענגט צו שנאה, צו פאַרביסנקייט. זיך פיינט, אַנדערע פיינט, פאַרביטערטקייט און כעס: „אַלע זענען מענטשן נאָר איך אַליין בין אַ גאָרנישט, אַ טויגעניכץ"... אין דעם כסדרדיקן פאַרגלייכן יידן, דעם ציוניזם צו „די אַנדערע", אין דעם מעסטן זיך כסדר מיט אַנדערע, — אָט דאָ ליגט דער קראַנקהאַפטער מקור פון „אויטאָ־אַנטיסעמיטיזם". אַ נאָרמאַלער ייד קען האָבן אַ סך קריטיק, פאַרלאַנגען, פאָדערונגען, ער קען קעמפן. אָבער תמיד טרעט ער אַרויס פון אינעווייניקסטע מאָטיוון. דער מהות פון פאָלק און זיין באַדאַרף דיקטירן די אָדער יענע קריטיק. דער קנאַפּ־ווערטיקער, קראַנקהאַפטע פאַרקערט, גייט תמיד אַרויס פון ערגעץ אַ פרעמדער נאָרמע. און אַלץ, וואָס נאָר פרעמד, איז שוין במילא, מיט זיין פרעמדקייט אַ נאָרמע. אַלץ, וואָס ביי אונדז איז אַנדערש פון דער נאָרמע — שלעכט.

אַ שטייגער למשל נעמט אַ העברעאישער שרייבער און דיכטער און פאַרט אַוועק קיין פוילן, אין סאָקאָלקע, למשל. איז שרייבט דער פּאָעט אַריטיקלען אין „דבר" — אָט האָט ער שוין אַ מוסטער ווי מען בוים אַ שטאָט: סאָקאָלקע און תל־אביב. און די נאָרמע איז סאָקאָלקע.

(ענלעך צו דעם איז געווען אין „דבר" זומער 1938) איז דאָ א סימן פון געפאַלנקייט ביי זיך, א סימן, אז עס פעלט א נאָרמאַל־מענטשלעכע באַציאונג צו זיך, צום אייגענעם פאָלק.

קומט א נביא און רעדט צו אייך אין נאָמען פון די טענדענצן פון גייסט פון פאָלק גופא. אָט דאָס און דאָס האָט גאָט געגעבן דעם פאָלק, דאָס און דאָס זענען איינגעפלאַנצט אין פאָלקס נשמה, — און איר היט עס נישט... רעדט א נביא אזוי, — איז ער אַן אמתער נביא. איז זיין קללה א ברכה, איז זיין שילטן און שרייען — א רופן און וועקן. קומט אָבער א נביא, א שטראָפער אין נאָמען פון עפּעס אנדערע, פרעמדע פאָרמען, דרכים, וועגן — „פאַרוואָס זייט איר אזוי און נישט ווי די און יענע?" וויל דער נביא משפיע זיין אויף זיין פאָלק רוב טובה, גע־נומען פון פרעמדע קוואלן, רופט ער אים צו גיין לויט פרעמדע מוס־טערן, — איז דער נביא א פאַלשער, האָט אים נישט דער גאָט פון פאָלק געשיקט. איז זיין ברכה א קללה, איז זיין רוף — סם המות. זאָגט א ייד אז „דאָס באַנעמען דעם אנטיסעמיטיזם (הבנה לאנטי שמיות) איז איינער פון צוויי יסודות פון ציוניזם" (דאַרטן ז' 498), — איז זיין ברכה, זיין גוטסגינונג — א „בילעמיזם". בלעם האָט אויך געבענטשט יידן, — נאָר פון שנאה, מיט גאַל...

באַמיט זיך שרון צו באַגרינדן די שנאת ישראל מיט „אָביעקטיווע" צאָלן. זאָל די סטאַטיסטיק ווייזן, אז יידן זענען א מיאוס פאָלק. נישט אז זיי זענען א פאָלק, וואָס לעבט אין צרות און פּיין, נאָר א פאָלק מיט א מיאוסער נשמה, נישט אז די צרות זייערע זענען שווידערלעך, נאָר, אז זיי גופא, דאָס פאָלק גופא, די נשמה פון פאָלק, די שכינה פון פאָלק איז פּאַסקודסטווע, פע, וואָס נישטאָ קיין זידלוואָרט, וואָס זאָל זיין צו האַרט... נעמט א ייד וואָס גלויבט, אז ער לעבט פאַר זיין פאָלק, און ס'קומט אויס, ווי ער זאָגט אייך: „ביי מיר אין נשמה, אין האַרצן הילכט נישט אָפּ קיין איין היילִיקע, ריינע סטרונע פון פאָלקס נשמה, וואָס איז היילִיק און ריין אין דער צעבראָכענער קאַטערינקע פון שלעכטן יידישן לעבן"... רבש"ע! געפינט דאָך א מליץ יושר אפילו ביי מענטשן פון „דעק"—גנבים, שכורים, גאַסן־פרויען — אויך געטלעכע פונקען אין די נשמות זייערע, און דאָ שטייט פאַר אייך א ייד ביז די האָר פון קאָפּ

איינגעטונקט אין יידן, און ער שרייט, אז ער טרינקט זיך אין בלאָטע, אין שמוץ, און קיין איין ריינעם טראָפּן געפינט ער נישט אין ים פון זיין פאָלק... און עס שטעלט זיך א פראַגע אפשר איז די „יידישע בלאָטע" א סוביעקטיווע אילוזיע, א קללה פון גאָט זיי זאָלן זען בלויז בלאָטע, אומעטום נאָר בלאָטע... א כישוף אזא אויף מענטשן.

שרון איז א ייד א גרונטיקער. באַגרינדעט ער זיין שנאת ישראל מיט צאָלן. א סך צאָלן, אָרענטלעך צוזאמענגעקליבן וועגן יידן אין דער גאָרער וועלט. אָט זעט: אומעטום זענען יידן פארטראָטן מער אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס און אין האנדל. איז פון דעם געדרונגען, אז יידן זוכן א גרינגן לעבן, איז פון דעם ווייטער געדרונגען אז די אנטי־סעמיטן זענען גערעכט.

א קריטעריום ברענגט ער אין נאָמען פון אן אנדער נאַציאָנאַלן שונא ישראל: ציען חיונה פון דער נאַטור איז כשר, פון מענטשן אָבער — איז טריף, פּאַראַזיטיש. זענען פּאַראַזיטן לערער, דאָקטורים, קראַנקן־שוועסטער אאַז"וו... אלץ כדי צו קענען צורעכענען יידן צו דעם קלאַס פון פּאַראַזיטן.

איך האָב פון תמיד אָן פיינט צו דערוויזן אנטיסעמיטן, אז זיי האָבן א טעות. אפילו אין די צייטן פון ביילים, האָב איך זיך נישט דערלויבט צו מאַכן זיך אזוי שפּל צו גיין דערווייזן אין לאַנד פון פּאָ־גראָמען, אז יידן קווילן נישט עפּעס א שנץ א יאָר... ווייל איך אויך דאָ נישט פרעגן מיט וואָס איז דאָ קרעמעריי, האנדל, „בנפשו יביא לחמו", וועגעלעך פירן, טענדלען, פּעדלען, ליבעראַלע פּראָפעסיעס, — מיט וואָס איז דאָס ערגער ווי צו זיין א באַאמטער ביי מלוכה, ביי שטעט, אין אנשטאַלטן, אין מיליטער. פאַרקויפן בייגל אין וואַרשע אויף די גאַסן מיט סכנות, — דאָס איז פּאַראַזיטיש. און זיין א באַאמטער אין אן אנ־שטאַלט וואָס קלייבט פּרוטות פון א פאָלק יידן איבער דער וועלט — דאָס איז כשר? עסן רואיק אָט דעם בייגל, וואָס איז פארקנאָטן, גע־באַקן און באַשמירט מיט בלוט און טרערן פון א פאָלק, וואָס איז זיך מוסר נפש פאַר א שטיקל „לחם לאכל" און נישט דערפילן, נישט דער־שפּירן אָט דעם בלוטסטראָפּן, אָט די טרער — דאָס איז נישט זיין א פּאַראַזיט!

און זאָל דער ערלעכער און גראַדליניקער שרון, וואָס האָט זיך אַליין א נאָמען געגעבן „אַנטיסעמיטישער ציוניסט", זאָל ער זיך נאָר קאָנטראָלירן: צי האָבן אים אָט די אָנגעזאַמלטע „שוידערלעכע" צאָלן געמאַכט פאַר א שונא ישראל. אָדער — ער האָט זיך געלאָזט זוכן די צאָלן, ווייל ער איז געווען פון פריער אַן אַנטיסעמיט. אויב אַזוי, זענען דאָך די צאָלן איבעריק אינגאַנצן.

אָט איז דאָ אַנומלט געווען פון ייט"א א ידיעה אין דער פּרעסע, אַז לויט די לעצטע סטאַטיסטיקעס זענען בלויז זעקס און צוואַנציק פּראָצענט יידן (איך געדענק נישט גענוי) פאַרנומען נישט אין פּראָדוקטיווע געביטן. צי וועט אויב אַזוי ה' שרון ווערן אויס שונא ישראל אָדער ער וועט זיך לאָזן זוכן נייע טענות?

דערציילט דאָך דער ה' שרון אַז אַן אַנטיסעמיט איז ער נאָך געוואָרן בערך בעת דעם ערשטן קאָנגרעס ווען די אַלע „אָביעקטיווע" צאָלן פון שנאת ישראל זענען נאָך נישט געווען אויף דער וועלט. עפּעס האָט אים א וואָרט פון א יידישן פורמאַן דערמאָלט „געלייגט דעם פונדאַמענט" צו זיין שנאת ישראל אויף זיין גאַנצן לעבן (דאָרטן ז' 505 און 506). היינט קומט און זעט די גבורה פון א ייד — א פורמאַן: מלכי מזרח און מערב האָבן זיך באַמיט אַרויסצורופן ביי יידן האס צו יידן און נישט געקענט. איז געקומען א פורמאַן און דאָס באַוויזן איינס צוויי. א טשעקאַוועס איז נאָר, וואָס אַזוי פיל גוים־פורמאַנעס וואָס זענען נישט שענער פון יידישן ווי מיטן „קול יעקב" אַזוי אויך מיט די „ידי עשו" — אַזוי פיל גוים פורמאַנעס האָבן דעם יידן נישט געקענט מאַכן פאַר א „שונא גוי" ווי איין יידישער פורמאַן פאַר א שונא ישראל אויף א גאַנץ לעבן *).

דאַרף א ייד פאַרשטיין די אַנטיסעמיטן נעבעך (וואָרעם מען קען

---

*) איך האָב די העזה צו טראַכטן, אַז אויך דער אָרימער פורמאַן איז נישט שולדיק אינגאַנצן אַזוי. און שרון וואָלט געוויס געקענט אין זיין דערציאונג געפינען די מקורים: — קנאה צו גוים און אַן אויספּעלן פון אַן אינעווייניקסטן „שלא עשני־גוי־גייסט אין דער סביבה.

דען נישט פיינט האָבן יידן?). א יידן פּארשטיין, — אזא טרחה איז איבעריק. גייט נישט דער ייד אין די וועגן, וואָס איך, יעקל בן פלעקל וויל, — איז "צעפוילט איז דאָס פאָלק", הינט, בלאָטע און גערעכט זענען אלע אנטיסעמיטן, א ברכה אויף זייער קאָפּ. האָבן יידישע רע־וואָלוציאָנערן געוווסט אז מען דאַרף גיין „אין פאָלק" אריין, אָבער צום רוסישן. אויפן יידישן פאָלק מאכט נישט אויס צו מאכן א פּאָ־גראָם אפילו (די עדות פון זשיטלאָווסקי און ראָזענבוים); ווייסן יידי־שע ציוניסטן, אז אלע פעלקער אין דער וועלט קענען זיין פאר יידן א משל און ביישפּיל פון פיינקייט, נאָר יידן טויגן נישט.

איר פאַרשטייט? — אמעריקאנער ארבעטסלאָזע לויפן דאָך צו דער ערד אין די מערב שטאַטן כדי צו לעבן פון דער ערד און נישט צו זיין ארבעטסלאָז (און פיל יאָרהונדערטן זענען זיי בסך הכל אָפּגעריסן פון דער ערד?) ענגלענדער ארבעטסלאָזע לויפן אין די ליידיקע דאָמיניאָנס אויף שווערע ארבעט... מער נישט יידן זענען אזוי פאַרדאָרבן: זיי קע־נען זיך נישט צוגעוווינען צו שווערער ארבעט, וואָס בלויז פּויערים פון אָפּגעשטאַמטע לענדער, פּויערים־קנעכט, ערשט צוויי דורות פאַרמעל נאָך דער קנעכטשאַפט קענען דאָס באַהויבן. אז יידן קענען זיך צו דעם נישט צוגעוויינען ווי קיין שום אנדערע מענטשן קענען עס נישט אָן א צוואנג אין משך פון דורות, — אויב יידן מאכן עס נישט אלע מיט איין מאָל פּרייוויליק, זענען זיי אלץ וואָס אין אנטיסעמיטישן קאַרט שטייט. און עס קומט אויס אז דער דורכשניט ייד לעבט אין א גרינגן לעבן (חיי קלות"), און דער שרייבער שמאַקעוועט דעם אַראַבאַנכע־משל. און פון לתפארת המליצה וועגן מאכט ער א באַטאַנישן פעלער און זעצט אוועק די אַראַבאַנכע אויף די צווייגן און פירט אויס מיט א מין מאָ־זאָכיסטישן נצחון „ווי רופט מען דען אזא געוויקס, אויב נישט פּאראַ־זיט?" (זייט 507). ווי יענער וואָס לויפט איבער אלע געמאַרקן און שרייט: „גוואַלט יידן! מיין טאַטע איז א גנב, מיין מאַמע איז א גאַסן־פרוי". נאָט אייך — נאָט אייך — אָט גיט ער אייך אלע דאָקומענטן, קוקט און זעט: „א גנב מיין טאַטע! וואָס, איר גלויבט נישט?" — אָט נאָך צאָלן, קלאָר!"

פארשטיין די נשמה פון אנטיסעמיט מוז יעטווידער ציוניסט. אָן דעם קען מען נישט זיין קיין גוטער ייד. פארשטיין די נשמה פון פשוטע עמכדיקע יידן, פון יידן, וואָס זענען סתם יידן און נישט קיין טוער פאר יידן, — פארשטיין א יידן דאָס דארף מען נישט, דאָס איז איבע־ריק. פאָלגט נישט דאָס פאָלק מיין גערעכט? „לעזאזל" און „תפח רוחם" (אין דר'ערד אריין, צו אל די רוחות) און יוליוס שטרייכער בלויז קען זיך מיט אייך פארגלייכן. (ז' 509). אזוי דענקט נישט קיין פריינד פון פאָלק, נאָר א נישט דערבאקענער דיקטאטאָר, א באַלעבאָס פון קנעכט, וואָס נישט ער איז פאר זיי, נאָר זיי פאר אים — טויג צו קנעטן, אויסצופירן זיינע פריוואטע אָדער נישט פריוואטע פארלאנגען, קאפריזן, וואָס ער מיינט, אז זיי זענען גוט.

אָבער מיט שנאה קען מען קיין שום גאולה נישט ברענגען. א גואל דארף ליב האָבן, דארף קושן די ווונדן ווי א מאמע, דארף זיין כולו רחמים, ווייל ער דארף באגרייפן, פילן, מיטשפירן איטלעכן קרעכץ. דער גואל אמת דארף וויסן אז די שכינה פון פאָלק ליגט נישט אין זיינע אידעען, נאָר אין די יוחנן וואסערטרעגערס, אין די שטומע נשמות פון המונישן פאָלק, דאָרטן ליגט דער אינסטינקט פון פאָלק, און ווי איז צום גואל וואָס איז בלינד און טויב צו אָט דער שכינה פון פאָלק, און ווי איז צו דער גאולה, וואָס קען כלומרשט קומען פון אזוינע גואלים *). אן אמתר גואל זאָגט: „ימות משה ואלף כמותו ולא תנזק צפורן אחת מישראל". אן אמתער גואל קען זיין נאָר דער, וואָס טראָגט אויף זיינע הענט דאָס פארבלאָנדזשעטע שעפעלע. אן אמתער גואל גייט צום פאָלק אריין אין מצרים, אין דעם סאמע בית עבדים. ווי צום פאָלק, וואָס זיינע גואלים שטייען פון ווייטן, טיילן זיך אָפּ מיט טויזנט הייליקע מחיצות און שרייען, דאָס פאָלק זאָל זיי נאָכלויפן. מיט סטא־טיסטיק, מעג זי זיין א אמתע, קען מען קיין גאולה נישט ברענגען.

---

*) לויט א תלמודישער לעגענדע האָט ישעיה הנביא זיך פאר־זינדיקט מיט זיין אויסדרוק: „בתוך עם טמא שפתים אני יושרבי" (יבמות מט).

נאָר דאָס איז נאָך ווייניק. ה׳ שרון ברענגט נאָך א סטאַטיסטיק: פעלקער זענען זיך מקריב פאר זייער גאולה. אָרענטלעך אויסגעזוכט סטיטיסטיקעס: מיליאָנען לעבנס, טויטע, אינוואַלידן, אלמנות, יתומים — אַלץ פאר פּאַטערלאַנד. די יידן פארן ציוניזם — משטיינס געזאָגט! די מיליאָנען דערהרגעטע זענען דאָס נישט געפירט געוואָרן מיט צוואַנג „אכט פערד, פערציק מענטשן" צו דער שחיטה. דאָס זענען מענטשן אליין געגאַנגען, אַלץ פארן פּאַטערלאַנד, נאָר צוליב דעם פּאַטערלאַנד... בלויז יידן גייען נישט פריוווילים. גאָרנישט... דאָס שרייבט א ייד, וואָס קען דאכט זיך יידישע געשיכטע „און ווייסט מסתמא, וואָס עס באַ־טייטן די פיר העברעאישע ווערטער: „מסירת נפש", „קידוש השם". און די האַנט וואָס שרייבט איז ביים יידן נישט אָפּגעדאַרט געוואָרן, דאָס הארץ האָט אים נישט געפּלאַצט ווען ער האָט פאַרשריבן זיין בילבול, אז יידן ווייסן נאָר פון דעם „סיר הבשר" און מער נישט. פון נעראָן־קיסר ביז היטלער־פירער ביי יידן בלויז „סיר הבשר" האָבן דאָס יידן דורכגעטראָגן זיך ביז היינט...

נאָר יאָ, פארגעסן, ה׳ שרון באַגרייפט „מסירת נפש" אַנדערש ווי דאָס פאָלק האָט אים פאַרשטאַנען — „אויף איין קאָרט". די יידישע טראַדיציע האָט עס אַנדערש באַנומען. איז בכן! דאַרף מען דאָס אָפּ־לייקענען, דאַרף מען שרייבן דעם היפוך פון אמת: אַלע פעלקער גיבן קרבנות, גייען פארן פּאַטערלאַנד אָן צוואַנג־מאָביליזאַציעס, נישט גע־טריבן דורך ביקסן און טויזנטער אַנדערע צוואַנג־מיטלען. אַלע פעלקער גרייטן גאָרנישט דורך דער פּעדאַגאָגיק, מיליטאַריסטיק קיין ספּעציפיש־פּסיכישן צושטאַנד פון הארמאָטן־פלייש. נאָר! אַלע פעלקער לויפן אליין אין די מיליאָנען זיך שלאָגן, ווען די פירער ווילן דאָס. נאָר ביי יידן האָבן דאָס מסתמא די גבאים פון שניידערשן בית מדרש געטריבן מיט גוואַלד די יידן זיי זאָלן גיין אין פייער, אין גרושים, זיך קוילענען און שעכטן על קדוש השם. פאר דעם, וואָס זיי, וואָס דאָס פאָלק האָט גע־האַלטן פאר וויכטיק און נייטיק... אמת, שרון איז דערמיט נישט מסכים. אָבער דורות יידן האָבן יאָ געהאַלטן פון דעם. און פאַרלייקענען פאַקטן טאָר מען אפילו פארן אמת.

און צום סוף — שרון ברענגט נאָך צאָלן. אין משך פון צען

יאָר האָבן יידן אויף דער וועלט געהאַט אַזוי פיל הכנסה, פאַר דער צייט האָט מען פון זיי אַרויסגעפּרעסט אַזוי פיל און אַזוי פיל שטייערן. און די פרייע באַשטייערונגען אויפן קרן היסוד זענען אַזוי ווייניק! אין פופצן יאָר מער נישט ווי 8,900,000, אַכט מיליאָן נייַן הונדערט טויזנט פונט. מער נישט. נו, פירט אויס שרון „צי דאַרף מען די ציוניסטישע שנאת ישראל נאָך די חשבונות נאָך ווייטער באַגרינדן?" (ז' 626).

און דאָס איז געשריבן נישט אין א פעליעטאָן פון טונקעלערן... דער ייד און זיינע לייענער האָבן עס גענומען ערנסט. קיינער האָט נישט רעאַגירט וואָס אין דעם רעפּרעזענטאַטיוון העברעאישן אָרגאַן פון די העברעאישע שרייבער האָט זיך געדרוקט אַזאַ אַרבעט, עס איז אין אָרדענונג. א רעפּרעזענטאַטיווער חשובער יידישער שרייבער אין צענטער פון נאַציאָנאַלן אויפבוי צעגיסט א ים אַנטיסעמיטיזם: טויזנטער לייענען עס און —זיי זענען מסכים, בכל אופן— קיין וווּנדער איז עס נישט פאַר זיי.

נישט קיין פּאָלעמיס בין איך אויסן. איך האָב עס רעפערירט בלויז כדי צו ווייזן די משונה־שווידערלעכע דערשיינונג אין סאַמע הארץ פון יידישן לעבן. די גאַליססטע שנאה צו יידן, דער נאַקעטסטער אַנטיסעמיטיזם ווי א נאָרמע פון נאַציאָנאַלן דענקען און פילן. אָבער י. קויפמאַן האָט די פּראָבלעם גענומען צו אויבנאויפיק.

ערשטנס — צי איז באמת אָט דער אויטאָאַנטיסעמיטיזם בלויז אַן אָנגעשטעקטע זאַך? א שלעכטע פּראָזעלאָגיע וואָס גוטע יידן האָבן זיך אָפּגעלערנט פון אמתע אַנטיסעמיטן. אפשר וואַקסט ער גאָר אין די יידישע הערצער גופא? אַן אָרגאַנישער דעפעקט אין גייסט פון מאָדערנעם יידן וואָס ברענגט אים צו זוכן חסרונות אויף יידן?

צווייטנס — צי איז דער אַנטיסעמיטיזם א קראַנקייט בלויז פון דער אַקטיווער יידישער אינטעליגענץ און שרייבער? אפשר איז אָט די קראַנקייט פאַרשפּרייט א סך מער, און איר אַנטפּלעקונג דאַרף מען זוכן לגמרי נישט בלויז אין דער ליטעראַטור, נייערט אין די האַנדלונגען, פירונגען פון א סך ברייטערע יידישע קרייזן?

געמען מיר למשל ברענערן און אַנדערע יידישע „אַנטיסעמיטן" פון

זיין דור. זיי האבן זיך אויסגעהאָדעוועט אויף דער יידישער טראַדיציע און אויף דעם רוסישן ליבעראַליזם און סאָציאַליזם. פון די קרייזן האָבן זיי זיך מיט אַנטיסעמיטיזם נישט געקענט אָנשטעקן. מיט די רוסישע אַנטיסעמיטישע קרייזן און מיט זייער ליטעראַטור זענען זיי אין באַרירונג נישט געקומען לגמרי. איז אויב יחזקאל קויפמאַן געפינט ביי זיי זיי אַנטיסעמיטיזם, האָט ער דאָך געמוזט שטאַמען פון זיי גופא. איז דאָך נישט קיין איבערגענומענע פּראָזעאָלאָגיע, נאָר אַן אָרגאַנישער שטריך! פון וואַנען דער פאַטאַלער אַנטיסעמיטיזם ביי אַזאַ געטרייען יידן ווי א. שרון? — נישט שוין זשע בלויז איבערגענומען פון די דייטשע אַנטיסעמיטישע שרייבער? ניין, נישט ער ציטירט זיי, נישט ער דערמאָנט זיי.

און איצט ווייטער. קויפמאַן האָט צונויפגעזאַמלט אין זיין אַרבעט אַנטיסעמיטישע פּערל בלויז פון דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור. אָבער נישט ווייניקער קען מען דאָך געפינען אין דער יידישער פון מענדעלסאָנס תלמידים אָן, ביי א האַלע, א יוסף פּערל, א מיכל גאָרדאָן און ביי וועמען דען נישט? און ביי די, וואָס האָבן געשריבן רוסיש! צי קען מען געפינען מער גאל און שנאה ווי אין די „זאַפּיסקי יעווריעא" פון דעם שפּעטערדיקן משומד באָגראָוו, אָדער אפילו אין די שריפטן פון דעם שפּעטערדיקן חובב ציון ל. א. לעוואַנדע. האָט דאָך די גאַנצע השכלה זיך געטונקט אין גאַליקער קריטיק, אָפּשפּאָטעריי און שנאה צו יידן. איז דאָס אַלץ און אומעטום בלויז איבערגענומען? בלויז אָן אָנגעשטעקטע זאַך? אַט למשל קען זיך א יידישער נאַציאָנאַלער דענקער און אַנערקענטער ציוניסטישער טעאָרעטיקער א זאָג טאָן (פּריוואַט אין א שמועס), אַז עס איז גוט, וואָס מען לאָזט נישט יידן אַריינפאָרן אין ארץ ישראל. וואָרום ווען חלילה מען וואָלט אַריינגעלאָזט יידן, וואָלט גאַנץ נאַלעווקי אָנגעלאָפן און מען וואָלט פאַרשמוצט דעם יידישן גייסט פון ארץ ישראל (געזאָגט אין 1938). קיין פּראָטעסטן מצד די צאָלרייכע צוהערער זענען נישט געווען. אָדער נעמען מיר אַזאַ מין מעלדונג פון א העברעאישן קולטור טוער אין ארץ ישראל, אַז פון ביאַליקן וועלן מיר אין „אונדזער נייער העברעאישער קולטור" נעמען בלויז די שפּראַך זיינע. לויט זיין אינהאַלט אָבער געהערט ביאַליק צו דער

אַלטער גלות־קולטור, וואָס מיר וואַרפן אָפּ... אויך דאָ זענען קיין פּראָטעסטן נישט געווען. איז דען נישטאָ אין דעם אָפּגרענעצן זיך פון ביאַליקס „אַלטקייט", פון „נאַלעווקעס" א פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון יידן? פון לעבעדיקע יידישע קאָלעקטיוון און זייער יידישקייט! אויב נישט אריינלאָזן יידן אין לאַנד ערגעץ איז אַנטיסעמיטיזם, טאָ איז דאָ נישט פאַראַן אַנטיסעמיטיזם?

און אויב דאָ ווערט דער טיפער אַנטיסעמיטיזם קאָמפּענסירט מיט אָנגעשטרענגטער מסירת־נפשדיקער קאָנסטרוקטיווער ארבעט פאַר א דורכויסיקער יידישער סביבה, זאָל זיין „נייער", — אָבער יידישער, — קען מען דאָך עס נישט זאָגן וועגן אַנטיסעמיטיזם אין יידיש קרייזן, וווּ עס גייט נישט קיין יידישע קאָנסטרוקטיווע ארבעט. אָט למשל:

גייט אין דער גרויסער ניו־יאָרקער יידישער פּרעסע א פּאָלעמיק וועגן דעם שפּאָגל נייעם ענין: „זענען יידן א פּאָלק פון פּאַראַזיטן אָדער נישט". עס איז א נייע, זעלבשטענדיקע פּאָלעמיק, נישט „אָנגעשטעקט זיך" פון יענער העברעאישער פון פאַר פינף יאָרן. די שרייבער דערמאָנען אפילו נישט זייערע העברעאישע פאָרגייער. אינגאַנצן זעלבשטענדיק געקומען צום זעלביקן פּראָבלם. און עס איז אויך פאַראַן אַן אונטערשייד אין דעם עצם רעפערירן. דאָרטן ביי די העברעאישע אַנטיסעמיטישע ציוניסטן איז עס געשריבן מיט ברען, מיט פייער, מיט וויטאָקדיקן האַס און צאָרן, דאָ אין ניו יאָרק שרייבט מען קאַלט, רואיק, לאָגיש, מיטן קלאָרן שכל. און ווען? — אין 1940־1941 אין סאַמע צייט פון חורבן און אומקום. און מען שרייבט שווערוואָגיק, מיט ציטאַטן פון באַרימטע סאָציאָלאָגן, מיט דרינגענישן, ווי יידן תלמידי חכמים קענען. כ'מוז זיך אויך מודה זיין: נישט פאַרטיפט זיך שטאַרק אין די אַרגומענטן פאַר און קעגן — עס האָבן זיך באַלד דערמאָנט די מיטלאַלטערלעכע וויסנשאַפטלעכע דיספּוטן וועגן מכשפות, טייוואָלים וכדומה. איך האָב איצט פאַרשטאַנען פאַרוואָס גאַלילײ האָט וועלנדיק אָפּפרעגן אַריסטאָטלס פיזיק געמוזט, נעבעך, שרייבן א גאַנצן לאָגישן דיספּוט און נישט קיין באַריכט פון זיינע עקספּערימענטן... בכן, לאָמיר קלאָר וויסן — זענען יידן פּאַראַזיטן אָדער נישט? הא, וואָס זאָגט די וויסנשאַפט? וואָס קען מען וועגן דעם אַרויסדרינגען פון די ביכער?..

געווען אמאָל אַ קינסטלער, האָט מען צו אים געבראַכט זיין געשענדטע און דערהרגעטע מוטער. און ער, דער קינסטלער, האָט גענומען גלייך פאַרשן צי זענען די פינגער פון זיין מאַמעס האַנט ענלעך צו ווענוסעס פון מילאָס אָדער נישט... און ווו ווערט עס אַזאַ פּאָלעמיק געפירט? — אין אַ לאַנד ווו אַריינגאַרן דעם קויפער מיט בלערליי מיטלען (אַדוועריטייזינג בלע"ז) איז די קונסט און וויסנשאַפט און אויף דעם ווערט אויסגענוצט דער גאַנצער געני פון פאָלק, אין אַ לאַנד, ווו אַפילו רוזוועלט האָט נישט געקענט מיט זיין „ניו־דיל" איינצאַמען אביסל אָט די אַדווערטייזינג־אַריינגאַרעריי, — אין אָט דעם לאַנד ווו „ביזנעס איז פריער פון אַלץ" ווו אַ דאָקטאָרס אויפנאַם־צימער הייסט „אָפיס" (לשון געשעפט, נישט „קאַבינעט" — אַרבעט־צימער). אָט אין אָט דעם לאַנד דאַרף מען דאָס זיך פילפלען, חקרענען און זוכן ציטאַטעס פון ביכער צו באַווייזן אַז ייִדן זענען נישט קיין פּאַראַזיטן... בנוגע דעם הויפּטפּאָלק האָט זיך די פראַגע ביי אונדזערע מאָראַליש־פילבאַרע שרייבער נישט געשטעלט, — בלויז בנוגע צו ייִדן. און פאַרוואָס? — ווייל אָט די שרייבער קוקן צו אַלע „באַלעבאַטים־פעלקער" מיט דרך ארץ, אַרויף, ווי צו אַ העכערער נאַציע. אָבער אויף ייִדן קוקט מען לכתחילה אַראָפּ און ווייל מען האָט ייִדן פיינט פון פאָרויס, דעריבער זוכט מען עבֿרות און אַז מען איז געניגט מיט רחמנות, זוכט מען צו געפינען אין די דיקע ביכער אַ זכות, אַ היתר נישט צו פאַרמישפּטן. אַזוי אַרום איז די גאַנצע פּאָלעמיק נישט קיין וויסנשאַפט, נאָר אַן אָביעקט פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער פאַרשונג: די זעלביקע שנאת ישראל ביי ייִדישע אינטעליגענטן איבער לענדער, איבער פאַרשידענע ריכטונגען. בכלל איז דער גאַנצער נאַציאָנאַלער, ציוניסטישער אָדער סאָציאַליסטישער, סאָלטער אָדער היציקער ייִדישער אַנטיסעמיטיזם נישט סתם קיין אָנגעשטעקטע קרענק, נאָכגערעדט, נאָכגעמאַכט די גוייִשע אַנטיסעמיטן. ניין, דאָס איז אַן אָרגאַנישע, לכתחילהדיקע אייגנשאַפט פון דעם מאָדערנעם ייִדן, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון טראַדיציע. דאָס איז דער דראַנג פון ייִדישקייט און ער איז פאַרשפּרייט אַ סך ברייטער ביי ייִדן ווי מען קען עס משפּטן לויט דער ליטעראַטור. ייִדן האָבן די גרעסטע פּאַראָרטיילן קעגן ייִדן דווקא (ל. לערער, „ייִדישקייט און אַנדערע פּראָבלעמען" זייט 207).

דאָס איז אַן אַלגעמיינער געפיל ביי מאָדערנעם יידן. און ווי איז ער אויפגעקומען. פריער האָבן מיר שוין פּרובירט אָנמערקן די שטאַפּלען פון דעם געפיל, לאָמיר איצט פּרובירן אָנמערקן זיין געוויזים.

יידישקייט איז קיינמאָל נישט געווען קיין גרינג פּעקל. די נאַטור פון יעדער באַשעפעניש און אויך פון מענטשן איז צו זוכן זיך צו באַ־פרייען, גרינגער מאַכן. דאָס איז דער בראשיתדיקער מקור פון דעם פון יידישקייט דראַנג. כדי אים איינצוצאַמען האָט די טראַדיציע געשאַפן א מאָראַלישן קעגן־כוח, דעם „אתה בחרתנו" געפיל, דעם „שלא עשני גוי" מיט אַלע זיינע פאָרמעס. און דער מיטל איז געווען ווירקזאַם, שטאַרק. ער האָט א סך געהאָלפן. ער האָט דעם רבש"ע אַליין איינגע־שפּאַנט צו שלעפּן דאָס יידיש פּעקל. אין בשותפות מיט גאָט איז שוין דעם יידן געווען גרינג... איז כל זמן גאָט איז יידישקייט און יידישקייט איז גאָט, איז דעם יידן גרינג גובר צו זיין דעם פון־יידישקייט־דראַנג. אין איז אָבער גאָט אָפּגעטיילט פון יידישקייט, אָדער גאָט איז בכלל אוועק, דעמאָלט ווערט יידישקייט א שווערער יאָך נישט צו דערשלעפּן. און פון אים שטאַמען שוין אַרויס ווי תולדות אַלע טעאָריעס, אַלע אַנטי־סעמיטישע קאָנצעפּציעס און אַרויסזאָגונגען. איבערהויפּט ווערן זיי שטאַרק ווען מען וויל אַנטלויפן און עס איז נישטאָ וווהין צו לויפן.

איז דאָך צו דרינגען, אז דער אַנטיסעמיטיזם איז א סך טיפער, א סך אָרגאַנישער אין די נשמות פון יידישע רענעסאַנס און קולטור־שע־פער. אָט האָב איך פריער געפּרוווט אויף דעם ביישפּיל פון „אַראָבאַנ־כע־משל" באַווייזן, אז ער קען קומען פון די רוסישע פּאָזיטיוויסטן דווקא און האָט זיין אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער באַקומען שוין אין די יידישע קרייזן אין יידישן געדאַנק גופא. אָט ווידער האָט דער זעלביקער שרון געכאַפּט פאַרן האַנט דעם באַקעמפער פון „אַנטיסעמיטיזם" יחזקאל קויפמאַן גופא, אז אויך ער איז געגוג אַנטיסעמיטיש אין זיין געדאַנק בעת ער באַמיט זיך נישט באַוווסטזיניק אָט דעם „אַנטיסעמיטישן" גע־דאַנק אויסצוואָרצלען. קויפמאַן דערציילט אין א באַמערקונג צו זיינע אַרטיקלען, אז ביאַליק, וואָס האָט געהאַלטן אָט דעם „נאַציאָנאַלן אַנ־טיסעמיטיזם" פאַר א שעדלעכע דערשיינונג, פלעגט זיך אַליין אַמאָל כאַפּן

ביי אַן ענלעכן פאַרברעכן פון זוכן אויף יידן עבירות, פון אנטיסעמי־טישע אַפּשאַצונגען.

ווי גרינג עס איז צו באַשולדיקן יידן קען מען זען פון אַזאַ מין ביישפּיל. שרון ברענגט ציטאַטן פון אַ סך שרייבער פון אַלערליי ריכ־טונגען פון רבנים ביז צו יחזקאל קויפמאַן גופא, וואָס האַלטן פאַר אַ גרויסע עבירה פון די פּאַרציטיקע יידן, וואָס זיי האָבן עמיגרירט פון ארץ ישראל, וואָס האָבן לגמרי נישט געוואָרט מען זאָל זיי אַרויסטרייבן. „חטא לא יכופר". אָבער עמיגרירט האָבן דאָך בפירוש נישט אַלע, אפילו נאָכן אַרויסטרייבן זענען געבליבן יידן אין ארץ ישראל. איז די היס־טאָרישע פּראָבלעם דאַכט זיך צו זוכן די סיבות פאַרוואָס די יידן פון איינציקע גלות־לענדער האָבן איינגעהאַלטן יידישקייט און אויסגעבילדט דאָס יידיש פאָלק פון היינט און אין אַנדערע לענדער פון גלות און אין ארץ ישראל האָבן יידן יידישקייט נישט איינגעהאַלטן. קען מען דען באַשולדיקן די יידן פון בבל פאַרוואָס די אַלעקסאַנדריער יידישקייט איז אונטערגעגאַנגען? קען מען דען באַשולדיקן די יידן פון פּוילן פאַרוואָס עס איז אונטערגעגאַנגען די יידישקייט פון מערב אייראָפּע? זענען דען די אַשכנזישע יידן שולדיק, וואָס די ספרדישע יידישקייט איז געפאַלן אויפן וועג פון אונטערגאַנג? צי קען מען באַשולדיקן די ראַבאַניטן דערפאַר וואָס די קאַראַימען זענען אונטערגעגאַנגען?

צי קען מען באַשולדיקן די עולי בבל, וואָס זיי האָבן געפונען אין ארץ ישראל קומענדיק — אונטערגאַנג, אַסימילאַציע, גייסטיקן חורבן? איז דאָס יידיש פאָלק תמיד געווען צעגלידערט, צעטיילט. דאָס יידיש פאָלק פון איין דור שטאַמט תמיד בלויז פון איין באַשטימטער ריכטונג פון די פריערדיקע דורות. אַלע איבעריקע ריכטונגען גייען אונטער איי־דער זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ נייע יידישקייט. די יידישע אייביקייט ווערט כסדר געטראָגן דורך קליינע מינדערהייטן. די מערהייטן האָבן תמיד געזוכט און געפונען וועגן צו אויסיידישונג. קענען די יידישע מינ־דערהייטן נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אויסגעיידישטע מער־הייטן.

נאָר בנוגע צו יידן גילט דאָ אַן אַנדער וועג. אַנשטאַט צו קומען צו פאַקטן פון יידישן לעבן היינט און אין עבר און פון זיי זיך לערנען,

קומען יידן מיט פּאַרויסיקע פּאַרטיקע מיינונגען און משפּטן יידן פון היינט, יידן פון אמאָל, צי זיי שטימען מיט דער פאָרמולע, וואָס איז גע־בראַכט געוואָרן פון דער פרעמד, אָדער נישט.

אויב יידישע דענקער קומען היינט און באַשולדיקן די אַמאָליקע יידן, וואָס זיי האָבן געהאַנדלט נישט אַזוי, ווי עס קומט אויס היינט אין די אויגן פון די דענקער, ווייזט עס בלויז, אַז די דענקער האָבן אַ גרינג־שעצונג פון לכתחילה צו דער יידישער געשיכטע. עס איז דאָך נישט קיין פראַגע איצט פון פּאָלעמיק מיט די אָדער יענע פּאַרצייטיקע יידן. די ריכטיקייט אָדער נישט ריכטיקייט פון די היסטאָרישע ריכטונגען ביי יידן האָט דאָך באַשטעטיקט די געשיכטע. די ריכטונג האָט געהאַט אַ המשך — איז זי ריכטיק. יענע האָט נישט קיין המשך — פאַלש. קו־מען ערנסטע און געבילדעטע דענקער און טענהן, — אַט ווען יענע פּאַרצייטיקע יידן וואָלטן אונדז געפאָלגט... אַ גרינגשעצונג, אַן אומאַכ־טונג, אַ שטעלן זיך איבער דעם יידישן פאָלק און זיין געשיכטע, זיי ווילן דיקטירן נישט נאָר היינט, נישט נאָר מאָרגן, נייערט אויך די יידן פון אמאָל. און אויב נישט, אויב די געשיכטע האָט נישט געפאָלגט זייער שכל הישר, איז „לעזאזל", איז תיפּח רוחם!

אַט האָט אין „דבר" פון 16. 8. 38 דער פאָרשטייער פון ארץ ישׂ־ראלדיקן יידנטום י. בן־צבי אָפּגעדרוקט אַ בריוו צו די שומרונים. דאָרטן שרייבט ער, אַז ער האַלט די שומרונים פאַר אמתע יידן לויט זייער אָפּשטאַם, רעליגיע אאז"וו. אין פּרטים שטייען זיי נאָך ביי אים ה ע כ ע ר פון יידן, ווייל זיי האָבן זיך נישט אָפּגעריסן פון לאַנד און פון זייער הייליקן באַרג (גריזים) און נישט געגאַנגען אין גלות... אין פלוג נאַאיוו: י. בן־צבי ווייסט גוט אַז אויך יידן זענען געבליבן אין לאַנד מסתמא נישט אין קיין קלענערער צאָל ווי די שומרונים. און אויך פון די יידן זענען געבליבן עטלעכע צענדליק אַזוינע יידן „שלא הלכו בגולה". אַ ביסל אַראַביזירטע לעבעדיקע מומיעס פון אַמאָליקע יידן, ווי די שומרונים. י. בן־צבי קען זיי גאַנץ גוט אַט די לעצטע „יידן" פון דעם דאָרף פּקיעין. נייז, מיט דעם שכל פאַרשטייט דער שרייבער גאַנץ גוט, אַז דער שומרונישער יידישער שבט איז אָפּגעשטאָרבן דווקא דערפאַר ווייל ער האָט זיך באַגראָבן אין הייליקן באַרג, בעת דאָס לע־

בעדיק און לעבעדיק געבליבענע יידיש פּאָלק להבדיל האָט דעם גייסט פון זיין באַרג סיני געטראָגן אין זיך און קיינמאָל זיך נישט צוגעקלעפּט צום גוף פון באַרג ווי א מושל צום פּעלז: אַלע יידישע שבטים פון דעם מין שטאַרבן אָפּ. דאָס ווייסט זייער גוט דער געשיכטלער און פאָר־שער י. בן־צבי. די „העברקייט" פון די שומרונים אין די אויגן פון שרייבער נעמט זיך פון זיין געפיל־איינשטעלונג, וואָס אָפּן האָט זי ארויסגעזאָגט — שרון: „דער ציוניזם שטעלט אַלץ אויף איין קאָרט" — לאַנד. אָן לאַנד דאַרף מען נישט דעם פּאָלק. ווײַלע דאָס פּאָלק רופט אַרויס ביים שרייבער נישט קיין וואַרעמען, אָנגענעם געפיל פון פריינד־שאַפט, נאָענטקייט, היימישקייט, נאָר א געפיל א פאַרקערטן — פון א טאַטן — א גנב... דאָס איז דאָס געפיל פון שנאת ישראל. און אָט דערפאַר שרייבט מען „ועוד מעלה להם עלינו": זיי די עטלעכע צענדליק אומגליקלעכע לעבעדיקע אַרכעאָלאָגישע רעשטלעך פון דעם נאָך אַמאָל געשטאָרבענעם פּאָלק זענען העבער פון יידישן פּאָלק; — צו וואָס שנאה קען זיך דערערדן!

איז דען נישט קיין שנאת ישראל אין דעם אויסמיידן דאָס וואָרט „יהודי" און ווען זיך און אַנדערע איינרעדן, אז מען איז „עברים" נישט יהודים.

אין שמועסן קומט אויס צו הערן האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט, — אָט זענען דאָך אונטערגעגאַנגען א סך פעלקער, טאָ וואָלטן שוין אויך די יידן צוזאַמען מיט זיי אונטערגעגאַנגען... וואָלט די וועלט פאַר־שפּאָרט צו דרייען זיך א קאָפּ... אַזוינע אַרויסזאָגונגען זענען אינטע־רעסאַנט פאַר דער פּסיכיק פון די זאָגער.

דער זעלביקער א. שרון האָט אַמאָל געשריבן אין א נאָטיץ וועגן ייוואָ, אז די ארץ ישראלדיקע יידן דאַרפן זיך נישט אינטערעסירן מיט דעם ייוואָ, דען פאַר אים מוז זיין דאָס גאַנץ פּאָלק אין ארץ ישראל, אָפּגעשיידט פון יענעם פּאָלק, וואָס איז גלות. עס דאַרף טאַקע טאָן אַלץ, וואָס שרון וויל, אנישט איז עס א פּאָלק פון מנובלים, אָבער העלפן אים עפּעס, טאָן פאַר אים א קולטור־אַרבעט, — חס וחלילה — פאַר שרונען איז עס שוין פרעמד.

אָדער — אין „מאָזנים" האָט איינער געשריבן, אז יידן אין אמע־

ריקע דאַרפֿן זען אַריבערצוגיין צו ערד־אַרבעט. האָט אים אַ יונגער־מאַן געענטפֿערט: וואָס גייען דיר אָן יענע ייִדן? איז דען דיר נישט באַקאַנט, אַז יענע ייִדן דאַרפֿן אונטערגיין. (מאָזנים ג׳ סיון 1938) די רעדאַקציע האָט באַוויליקט נישט מסכּים צו זיין מיט די „דרייסטע און קאָנסעקוועטנע" רייד פֿון דעם יונגן שרייבער.

און דאָ קען נישט זיין קיין גראַדאַציע. אָדער אָדער. אָדער מען האָט צוטרוי צו דער ייִדישקייט, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן דורך אַלע ערן פֿון דער ייִדישער געשיכטע. אָדער מען האָט נישט קיין צוטרוי צו איר. אַ פֿערטל, אַ דריטל צוטרוי, — דאָס איז אוממעגלעך. אָדער איך האַלט, אַז אָט די ייִדישקייט, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך צייטן און דורות, די ייִדישקייט, וואָס נישט אין ביכער האַלט זי זיך. — אין ביכער קען זיין טויטע, באַלזאַמירטע קולטור אויך, — נאָר זי האַלט זיך אין לעבעדיקע מענטשן, זי איז ביי זיי אָרגאַניש ווי אין לעבן, אַזוי אין זייער אייגענער קולטור־ירושה, — אָדער איך האַלט אָט די „תּורה שבעל פּה" פֿאַר דער ריכטיקער ייִדישקייט, דעמאָלט, דע־מאָלט קען איך קיינמאָל נישט אַריינפֿאַלן אין דעם געספּעלע פֿון אַנטי־סמיטיזם. איך זוך צו באַגרייפֿן די טענדענצן פֿון דער געשיכטע, צו פֿאַרשטיין דעם טיפֿן זינען וואָס געשיכטלעכע פּראָצעסן האָבן, זייער שטומע אָבער אייזערנע לאָגיק. דעמאָלט איז מיר אוממעגלעך זיך אויך צו שטעלן אין אַ פּאָזע פֿון יענעם קלוגן קיסר, וואָס האָט געשמיסן דעם ים...

גלויב איך אָבער נישט אין די אָרגאַנישע „תּורה שבעל פּה" פֿון פֿאָלק, באַגרייף איך נישט, אַז דורך די אייזערנע קאַמען פֿון דער ייִדי־שער געשיכטע האָבן געקענט דורכגיין בלויז די שטאַרקסטע אָרגאַני־שע שטריכן, — גלויב איך נישט, — דעמאָלט בין איך אַ „קריטי־קער". און ממה נפשך: ביגדט מיר קיין זאַך נישט עמאָציאָנעל מיט דעם קריטיקירטן ווערק, דעמאָלט קען איך בלייבן גלייכגילטיק, ווי עס איז יעטווידער אַסימילירטער ייִד. בין איך אָבער עמאָציאָנעל פֿאַרבונ־דען מיט אָ דעם פּסטאָלן קריטיקירטן ווערק, ווערט עס „מיין צרה", — טוט עס מיר וויי. דעמאָלט מוז איך ווערן אַן אַנטיסעמיט. מער אָדער ווייניקער, דאָס איז פֿאַר די טענדענצן נישט וויכטיק. קען זיין פּרינ־

ציפּיעל א גראנדיעזער אונטערשייד צווישן דעם אנטיסעמיטיזם פון קויפמאן, וואָס וויל אים באקעמפן און צווישן דעם אנטיסעמיטיזם פון א. שרון, אָדער די ניו יאָרקער פּאראזיטן טעאָרעטיקער, אָבער אין די קולטור־טענדענצן זענען זיי ביידע גלייך, אָן אן אונטערשייד. ביידע האָבן זיי נישט קיין אכטונג צו דעם אינעווייניקסטן גאנג פון דער יידישער קולטור־געשיכטע. ביידע. מער נישט וואָס א. שרון איז גראדליניק, אויסגעהאלטן, בעת קויפמאן איז א האלבירטער: פון איין זייט קען ער נישט פארטראָגן, ווי מען זידלט זיין מאמען, פון דער צווייטער — פארקערט, קען ער אליין צו איר קיין אכט נישט האָבן...

דער שטאָלצסטער ייד איז געווים אחד העם, וואָס קען נישט פאר־טראָגן די קנעכטישקייט פון די „פרייע קנעכט”, וואָס האָט געוואגט זיך איינצושטעלן קעגן קולטורעלן נאָכטאָן אפילו ווען עס האָט גע־שטאמט פון הערצלס ראָמאן גופא, וואָס האָט נישט מסכים געווען לכתחילה צו דער „שלילת הגלות־פּעדאגאָגיק” פון דער העברעאישער גימנאזיע, וואָס רופט ביי אים ארויס „תמהון וצער”. און אָט דער זעלביקער אחד העם איז האלבירט: שטאָלץ מיט י ה ד ו ת , און לגמרי נישט שטאָלץ געווען מיט יידן. האָט דער שטאָלצער ייד געזוכט יידישקייט אין ספרים ערגעץ ווייט פון יידישן מארק; האָט ער געספּקט צי דער „עם כי יחרב” קען אויסגלייזט ווערן. האָט ער, אחד העם — „איינער פון פאָלק” געזוכט וועגן פון א גייסטיקער גאולה, אויסצו־לייזן דאָס פאָלק פון זיין שלעכטן, נישט געהעריקן גייסט, אויסצושיילן דעם ריינעם „רוח היהדות” פון דעם אָנגעזאמלטן אויף אים יידישן שימל. די יידישע פאָלקס־לידער און פאָלקס־מעשיות, האָבן לויט אחד העמען נישט קיין טעם און נישט קיין ריח. האָט ער געזוכט צו שאפן עפּעס „בני משה” — יידן באפרייטע פון יידישן שימל. יידיש־קייט איז גוט, נישט די וואָס ביי יידן. יידישקייט גוט, אָבער יידן טויגן נישט. יידיש פאָלק הויך און העכער; יידישע פ אָ ל ק י ש ק יי ט

*דעמאָלט קען איך בלייבן גלייכגילטיק, ווי עס איז יעטווידער אסימילירטער ייד.

— נידעריק שבנידעריק. תורה שבכתב — יאָ. תורה שבעל פה — נישט.

אין קרייזן, וואָס רעדן כלומרשט פון „ברייטע מאסן”, וועט מען אויסזוכן, אז אָט די שטייגערישע יידישקייט איז מוקצה מחמת רעלי־גיעזקייט, און דער צד השווה שבהם, וואָס אלע ריכטונגען און אלע באוועגונגען ציען זייער יניקה פון ערשטן מקור, פון דראנג צו אנט־לויפן פון יידישקייט. און פון דאנען שטאמט אויך דער נאציאָנאלער אנטיסעמיטיזם. א טיפערער אנאליזירנדיקער אריינקוקן אין יידישן לעבן קען אויפדעקן אָט דעם אנטיסעמיטיזם אין אלע קרייזן, און אויך אלע געביטן כמעט פון יידישן לעבן ביי היינטיקן טאָג. עס דארף זיין קלאָר פאר אלעמען, אז קיין נאציאָנאלע שעפערישקייט קען נישט ליגן אין אים. און אם שעדלעכסטן איז ער אין זיינע נאציאָנאלע, נאָ־ציאָנאליסטישע פאָרמאציעס. פאראן די באקאנטע לעגענדע וועגן דעם אשמדאי וואָס האָט פארנומען דעם טראָן פון דעם אמתן קיסר. פון דרויסן איז אלץ איינס, קיינער קען נישט דערקענען, אָבער פאָרט איז דאָ נישט דער קיסר פון פאָלק, נאָר זיין שונא — דער אשמדאי...

קיין שום שאפן, קיין שום גאולה וועט נישט קומען, קען נישט קו־מען, כל זמן דער אשמדאי — דער „אויטאָ אנטיסעמיטיזם” וועט שלעפן דעם וואָגן פון אזוינע גאולות. קודם כל מוז מען אים פאר־טרייבן. די ערשטע מדרגה פון גאולה וועט זיין דאָס באפרייען זיך פון וועלן באפרייען זיך פון געוויינטלעכער יידישקייט. אָט דאָ איז די נאָ־ציאָנאלע אויפגאבע פון דער יידישער קולטור.

די גראדאציע פון דעם דראנג:

א) אינדיווידועלע מעגלעכקייט אריינצודרינגען אין אן אנדער נישט יידישער סביבה, פארגעסן אין גאנצן און איבערהויפט פאר די קינדער נישט דערמאָנען די יידישקייט. דער שטייגערישער צובונד צו יידישקייט איז שוואך. דעמאָלט זענען קיינע קאָנפליקטן נישטאָ. דער קולטורעלער ארויסגאנג פון יידישקייט גייט דאָ גרינג. דער ארויס־געגאנגענער איז גליקלעך, שטאָלץ, אלץ וואָס פריער איז „געטאָ”. אזוי פילט זיך מסתמא א שטעטלשער שניידער, וואָס אים איז באשערט גע־ווען דאָס גרויסע געווינס. די „גאָלדענע” צייט פון דער ליבעראלער

עמאַנציפּאַציע אין אייראָפּע און פון דער סאָציאַליסטישער — אין רוסלאַנד זענען פול מיט אַזוינע טיפּן .

ב) דער פּערזענלעכער צובונד צו דער שטייגערישער יידישקייט איז שטאַרקער, ער לאָזט זיך נישט מבטל זיין. דעמאָלט ווערט ביים מענטשן געבאָרן א דראַנג קעגן אָט דער יידישקייט, וואָס שטערט, וואָס איז א מכשול, א נעלע לאַטע, א הויקער, א יידישע נאָז. אַלער־ליי דערקלערונגען, אידעאָלאָגיעס, טעאָריעס ווערן געשאַפן כדי צו דער־קלערן די נעגאַציע. זיי קענען פאַרמאָגן אַלע קאָלירן פון אַסימילאַטאָ־רישע ביז העכסט נאַציאָנאַליסטישע, אָפּהענגיק פון צייט און פון גאַנגבאַרע, אָנגענומענע מאָדע־אידעאָלאָגיעס אין דער וועלט. דער פּועל יוצא איז אָבער דער זעלביקער — א דראַנג פּטור צו ווערן פון דעם דריקנדיקן באַלאַסט. דער סימן מובהק — ווי דערציען אַזוינע מענטשן זייערע קינדער.

וואָס גרעסער עס איז דער אָרגאַנישער צובונד צו דער טאָג־טעג־לעכער יידישער שטייגערישקייט, אַלץ שווערער, פאַטאַלער ווערט דער דראַנג צו באַפרייען זיך פון אָט דעם „יידישן הויקער", אַלץ העפטיקער ווערט דער פאַרלאַנג אויסצוואָרצלען אָט די „קראַנקע יידישע אומ־נאָרמאַלקייט". און טעאָריעס, באַגרינדונגען, — זיי שאַפן זיך גרינג מיט דער גאַנצער „וויסנשאַפטלעכער אָביעקטיוויטעט". פאַרשטייט זיך, — דרויסנדיקע סיבות, פּאָליטישע באַדינגונגען קענען פאַרקאָמפּלי־צירן די איבערלעבונגען. עס קענען אויסוואַקסן גאַנצע אידעאָלאָגיעס, באַוועגונגען. זענען פאַראַן האָפענונגען צו קענען אַסימילירן זיך, צו אַנטלויפן פון יידישקייט, דעמאָלט שאַפן זיך באַוועגונגען צו דער־גרייכן „גלייכבאַרעכטיקונג".

פון אָנהויב אָן ביז איצט איז דאָס וואָרט „גלייכע רעכט" א סי־נאָנים פאַרן באַגריף „רעכט זיך צו אַסימילירן". זענען קיין האָפע־נונגען אויף אַסימילאַציע נישטאָ, דעמאָלט שאַפן זיך „נאַציאָנאַלע טעאָריעס", וואָס הייסן באַזייטיקן די שטייגערישע יידישקייט...

ענאָפּאָביע (פאַראַכטונג צו זיך אַליין) ביי יידן

פון איינעם אַ חסידישן רבין ווערט דערציילט:

— עס איז געקומען צו אים אַ יונגערמאַן,
ער וויל פון רבין אַ סגולה צו יראת שמים, מורא פאַר גאָט.

— נאָר יראת שמים! מורא, פחד דאַרפן זיי! ניין, מיין זון, — זאָל האָבן דער רבי געזאָגט, —
נישט יראת שמים דאַרף אַ ייד, נאָר אהבת שמים דאַרף זיין.

— טאָ גיט מיר רבי אַ סגולה צו אהבת שמים, — בעט דער ייד.

און דער רבי האָט געענטפערט:

— די סגולה צו אהבת שמים איז אהבת ישראל.

עד כאן דער רבי.

אהבת ישראל מיינט נישט ליבע צו אַלע יידן אין דער וועלט — דאָס איז אוממעגלעך.

עס מיינט: ליבע צו אַל דעם יידישן,
ליבע צו אַלץ וואָס עס איז יידיש!
ליבע צו דעם ספּעציפיש־יידישן, וואָס שיידט אונדז אָפּ ווי יידן, ווען זיי זענען יידן און נישט קיין קאָפּיר־מאַלפּעס.

א. גאָלאָמב

דער דראַנג צו אַנטלויפן פון יידישקייט

אייביק איז דאָס יידישע פאָלק. רעדט מען זייער פיל פון דעם, מען באַרימט זיך מיט דעם, מען פיינט זיך אויס און מען דעקלאַמירט פאַר־שיידן דעם „נצח ישראל" און מען פאַרדרייט אים אויף „ישראל נצח" און — מען פאַרלאָזט זיך צופיל שוין אויף אָט די כלומרשט „אינטימע כוחות" פון אונדזער נאַציאָנאַלער אייביקייט. און מיר אַליין פאַר־שרייען אין זיך דעם פונקט פאַרקערטן פאַקט, אַז אייביק אַסימילירן מיר זיך, אַז די גאַנצע יידישע געשיכטע איז געגליכן צו אַ לאַנגן, לאַנגן שטראָם וואָס זיינע אָפּצווייגונגען פאַרלירן זיך כסדר אין מדבר־זאַמדן. די אויסיידישונג איז אַ פּראָצעס וואָס האָט נישט אויפגעהערט קיינמאָל; גאַנצע יידישע גרופּעס, שבטים, קיבוצים זענען אונטערגעגאַנגען, פאַר־דאַרט און אָפּגעשטאָרבן אויסגעטריקנט ווי טייכן אין מדבר; לענדער מיט יידן זענען געוואָרן אויס. די עשרת השבטים זענען אונטערגעגאַנ־גען אין גלות; די אין לאַנד געבליבענע זענען געוואָרן שומרונים און וויפל זענען געבליבן יידן אין גלות בבל? וויפל האָבן זיך צוריקגעקערט און וויפל זענען אויסגעמעקט געוואָרן פון יידישן פאָלק אין בבל? און שפּעטער די העלעניסטן, די צדוקים און אַנדערע סעקטעס, דער גאַנ־צער קיבוץ פון אַלעקסאַנדריע וואָס איז אָפּגעווישט געוואָרן אָן אַ זכר, קליינע אַרכאַאישע רעשטלעך פון יידן אין אַפריקע, אַראַביע, סעקטעס פאַרגעסענע, קראַאימער, פאַלשע משיחים, קיבוצים אין איטאַליע, אין מערב אייראָפּעאישע לענדער, — די גרעסערע טיילן פון יידישן פאָלק זענען אַלע מאָל „אויסגעדעמפּט" געוואָרן פון יידישן פאָלק, אָפּגעמעקט געוואָרן און נישטאָ.

היטלער האָט געפונען אין דייטשלאַנד אַרום זעקס מאָל הונדערט טויזנט יידן. דער פאַרבאַנד אָבער פון „נישט־אַרישע דייטשן" האָט גע־ציילט, זאָגט מען, מיליאָנען. מעגלעך, אַז די צאָלן, גענומען פון אַ צייַ־טונגס־אַרטיקל, זענען גוזמאַדיקע, — בלייבט דאָך דאָס באַגלייבטע עדות פון אַרטור רופּין אַז, פון די בערלינער יידן אין מענדעלסאָנס צייטן זענען אין צוואַנציקסטן י"ה קיין יידן נישט געבליבן און די גאַנצע בער־לינער קהילה איז אייגנטלעך אַן אויפגעקומענע פון דאָס ניי. אַזוי אַרום

קומט אויס, אַז דאָס בערלינער יידנטום איז געווען אַ בריק פון יידיש־קייט צו דעם הערשנדיקן פאָלק אַ מין „קאַראַנטין" אַזאַ. דער זעלבי־קער גורל האָט געטראָפן אַלע ישובים נאָך דער עמאַנציפּאַציע. זיי זענען געוואָרן צעפּולווערט און צעשטויבט, אַזוי ווי ביימער וואָס הערן אויף צו וואַקסן ווערן פאַרדאַרט און צעשטויבט, אויף זייער שטאַם.

אמת, עס זענען פאַראַן יידישע ישובים וואָס זענען ווי ביימער, וואָס ווען האַק און זעג האַקן אַרום דעם הויפּט־שטאַם, צעוואַקסן זיי זיך נאָך מערער, נאָך געדיכטער מיט אַ שטאַרקן נאָכוווּקס. אָט די „רעגענעראַציע־פּעאַיקייט" האָט אין 19־טן י"ה נעדעקט מיט אַן עודף אין מזרח־אייראָפּע די פאַרלוסטן פון דעגענעראַציע אין מערב. אָבער נישט אַלע מאָל און נישט אומעטום ווירקט די רעגענעראַציע, און עס זענען געווען יאָרהונדערטער, ווען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט גע־האַלטן אין איין איינדאַרן. די דעגענעראַציע פון יידישן פאָלק איז אַ פּראָצעס אַ שטענדיקער, אַן אייביקער און מיט האָפּערדיקע דעקלאַראַ־ציעס וועגן אונדזער נאַציאָנאַלער אייביקייט קען מען נישט און מען טאָר נישט זיך אַליין פאַרטומלען.

די אַסימילאַציע גייט פאַרויס אומאָפּהענגיק פון אַלע באַגלייט־טעאָריעס און אידעאָלאָגיעס. נישטאָ איצט קיין אידעאָלאָגישע באַווע־גונגען פאַר האָפּערדיקער אַסימילאַציע ווי אין פאַריקן י"ה; מען האָט אונדז פיינט אויך אַסימילירטערהייט; מען ווייכט פון אונדזערע משומ־דים, — און דאָך איז נישט איבערגעריסן דער פּראָצעס פון אויסיידי־שונג. עס איז נישט קיין זאַך פון לאָגיק, — די גאַנצע געשיכטע שרייט „ניין", די דערפאַרונג פון אונדזער צייט אין אַלע ישובים, צווישן אַלע פעלקער שרייט „ניין און ניין", — און דאָך ווערט דער אַסימילאַציע־שטראָם נישט אָפּגעהאַלטן. און ווען דער גראַדער וועג איז פאַרשטעלט מיט פאַרשיידענע פּאָליטישע, סאָציאַלע און אַלערליי „הבה נתחכמה־דיקע" שטערונגען, גראָבט דער אַסימילאַציע־שטראָם זיך אויס פאַר־דרייטע און פאַרבאָרגענע וועגן צו אויסיידישונג.

די יידישע ישובים אין אַלע אַמעריקעס זענען אַלע אויפן וועג פון דעגענעראַציע, אויף דעם זעלביקן אומגליקלעכן וועג פון די יידישע ישו־בים אין מערב־אייראָפּע, וואָס האָבן אין דער עת צרה אפילו אַ רעכטן

שפיי אין פנים נישט נעקאנט דעם שונא דערלאנגען ווייל גייסטיק, מא־ראליש זענען זיי דאך געווען נישט מער ווי א קאפיע פון אים. — מיר שטייען מיט דעם יתר הפליטה אין מיטן פון דעם פולן דעגענעראציע־פראצעס, — אויב — אויב אין קאן וועט נישט אריין א מעכטיקע באוווסטזיניקע באוועגונג אפצוהאלטן די מגפה.

מיר האבן דא צו טאן נישט מיט א דערשיינונג וואס איז א רעזול־טאט פון דרויסנדיקע סיבות, עס אנטפלעקט זיך דא פאר אונדז א טיף־איינגעפלאנצטער פסיכישער דראנג, א כאראקטער־שטריך פון אונדזער פאלק. עס איז א טאפלטער דראנג: א צוצי צו אלץ וואס איז נישט־יידיש און אן אפשטויס פון אלץ וואס איז יידיש. עס איז א דראנג צו אנט־לויפן פון אלץ וואס עס איז היימיש נאענט צו אלץ וואס איז ווייט און נישט היימיש.

די באפרידיקונג פון דעם דראנג ווערט באגלייט מיט צופרידנקייט און אינעווייניקסטער פרייד, מיט א גוטן געמיט און שטימונג. עס איז די צופרידנקייט וואס באגלייט אלע דראנגען און אינסטינקטן. דא ליגט דער מקור פון דעם פריידיקן שטאלץ ביי יידן ווען מען לאזט זיך זיי אסימילירן, דער מאזשאר טאן און די זיכערקייט אין זייערע ארויסזאגונ־גען, די גליקלעכקייט מיט גלייכבארעכטיקונג. אזוינע יידן קוקן תמיד מיט גאווה אויף די אנדערע יידן, וואס האבן וויניקער רעכט זיך צו אסימילירן; זיי באמיען זיך תמיד בולטער צו מאכן דעם אפשטאנד צווישן „אונדז, דערהויבענע" און אלע אנדערע קנאפווערטיקע יידן. אזוי האבן געקוקט אויף אונדז „אסט־יודן" כמעט הונדערט יאר די עמאנ־ציפירטע דייטשישע און בכלל די מערב־אייראפעאישע יידן פון אויבן אראפ, מיט ביטול און רחמנות און דער עיקר — מיט פארפרעמדקייט. אפילו איצט, קוים זיך געראטעוועט אין ארץ ישראל, קענען נאך א סך דייטשישע יידן אין זייער אסימילירטקייט נישט קוקן אויף די „אסט־יודן" ווי אוי גלייכווערטיקע. זיי באמיען זיך צוצופאסן צו דער הערשנ־דיקער קולטור אין אלע לענדער נישט אין פארגלייך מערער און פולקא־מער איידער זיי ווילן דאס טאן אין ארץ־ישראל צו דער יידישער. פון זעלביקן מקור שטאמט אויך די אזוי גערופענע „סאוו־גאווה" פון די סא־וויעטישע יידן בנוגע צו אלע אנדערע יידן ביז דעם אנפאל פון היטלערן

אויף רוסלאַנד. פאַרשטייט זיך, דאָ איז די טערמינאָלאָגיע געווען גאָר אַן אַנדערע, אָבער דער פּסיכאָלאָגישער כאַראַקטער — דער זעלביקער. פון דאַנען נעמט זיך דער ביטול צו די „גרינע" יידן מצד די אַמעריקאַ־ניזירטע, דאָס אָפּשפּאָטן פון די „באַנדריקעוועס" און פון אַלע היימישע שטעטלעך.

פון נאַפּאָלעאָנס „סנהדרין" אָן, ווען די פאַרשטייער פון יידן האָבן פייערלעך און אָפיציעל אָפּגעלייקנט זייער אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, און ביז היינט זענען אַלע יידן וואָס האָבן אַ פרייען וועג אַוועק פון יידישקייט און אַ אינדיווידועלע מעגלעכקייט זיך צו אַסימילירן, מוטיק, פריידיק, שטאָלץ און צופרידן. אַלע אַנדערע וואָס מען לאָזט זיי נישט זיך אַסימילירן, זענען באַשווערט דערדריקט און פאַראומערט: יענע זענען ארויס פון „געטאָ" (לייען — יידיש לעבן) און די זענען, נעבעך, פאַרמשפּט דאָרט צו בלייבן.

דער כלל איז: אַ ייד פילט זיך מוטיקער, פרייער און ענערגישער, אַזוי ער מיינט, אַז ער איז ווייטער פון יידן ווי אַ כלל, ווי אַ קיבוץ און אים דאַכט זיך, אַז ער איז איינגעגלידערט אין אַ נישט־יידישן קיבוץ. דער כלל קען אונדז העלפן צו פאַרשטיין אַ סך דערשיינונגען אין יידישן לעבן.

דער דראַנג אַוועק פון יידישקייט קען ווירקן אַליין, ווען דער צווייטער דראַנג צו נישט־יידן קען נישט באַפרידיקט ווערן: אַ ייד באַמיט זיך צו באַפרייען פון יידישקייט אפילו ווען אַלע נוואַישקייטן לאָזן אים נישט אַריין, ווען דער וועג צו אַסימילאַציע איז פאַרשלאָסן. אפילו דע־מאָלט באַמיען זיך יידן צו פאַרמינערן זייער יידישקייט. אין דעם פאַל איז די שטימונג נישט אַזאַ געהויבענע, נישט קיין פריידיקע, עס „איז שווער צו זיין אַ ייד". עס איז די אָנשטרענגונג פון אַ דראַנג צו געפינען אַן אויסוועג ערגעץ אַרום. עס קען ברענגען אפילו צו נאַציאָנאַלער אַק־טיווקייט. אַזוי קען אַ שטראָם, וואָס זיין וועג איז פאַרשטעלט, אַ שפּאַר טאָן אין אַנדער ריכטונג, מיט ווייניקער ענערגיע, פאַרשטייט זיך, אָפּט איז דער קאַמף פאַר רעכט פאַר גלייכהייט נישט אַ קאַמף פאַר גלייכ־ווערטיקייט פון דעם יידן, נאָר פאַר רעכט צו קענען ווערן אויס ייד. עס קומען אויף קאָמפּענסיר־אידעען, טעאָריעס וואָס דאַרפן פאַרמאַס־

קירן דעם פרימערן דראנג אָדער אים דערשטיקן אין זיך. נאָך דעם ווי עס איז אויסגערונען דער גלויבן אין עמאַנציפּאַציע דורך צונויפגיסן זיך מיטן רוסישן פאָלק, איז געקומען דער אידעאַל פון אויטאָעמאַנצי־פּאַציע. אַ סך יחידים און גרופּעס גאַנצע זענען אָבער אוועק פון יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין דעם מאָמענט ווען זיי האָבן געפונען אַן אָרט אין „אַלגעמיינעם" לעבן.

מיט איין וואָרט — דער דראַנג אַוועק פון יידישקייט קען אָננעמען פאַרשיידענע פאָרמעס לויט די סיטואַציעס, אַזוי ווייט אַפילו, אַז ער קען זיך אויספורעמען אין פאַרקערטע, כלומרשט נאַציאָנאַלע אידעאָ־לאָגיעס. און עס איז אָפט גאָרנישט פון די גרינגע זאַכן אויסצוזוכן אין יידישן לעבן די פּאָזיטיווע און די נעגאַטיווע סטימולן.

ב

פאָרמעס און אַנטפּלעקונגען

לאָמיר פּרובירן אָנווייזן אויף בולטערע אַנטפּלעקונגען פון אָט דעם ענגאַפּאַבישן דראַנג אַוועק פון יידישקייט. אַמקלאָרסטן און גרינגסטן איז עס צו זען ביי קינדער. „קליינע קייען וואָס גרויסע שפּייען", זאָגט אַ קלוג יידיש שפּריכוואָרט. די עלטערן פירן זיך אין געזעלשאַפט ווי עס איז אָנגענומען, ווי זיי איז באַקוועמער, אָבער אין דער דערציִאונג פון זייערע קינדער פּראָיעצירן זיי זייער גאַנצן אידעאַל, איבערהויפּט דאָס וואָס זיי האָבן אויף זיך נישט געקענט דערגרייכן. דאָס התנהגות, די האַנדלונגען און די אַרויסזאָגונגען פון די קינדער דעקן אָפט אויף דאָס, וואָס די עלטערן ווילן באַהאַלטן פון אַנדערע און אויך פון זיך. אָט פאַרוואָס עס איז געווען ריכטיק צו זאָגן: די פּסיכיק פון אַ פאָלק איז לייכטער צו לערנען פון די קינדער, מפּי עוללים ויונקים.

דאָס רעדן מיט קינדער אויף דער שפּראַך פון הערשנדיקן פאָלק איז די פאַרשפּרייטסטע אַנטפּלעקונג פון דער יידישער ענגאַפּאַביע. דער זעלביקער דראַנג אַוועק פון יידן דערפירט צו דער אויסמיידונג פון יידי־שע נעמען, ווייל פרעמדע קלינגען „שענער". די אינטימע שטימונג פון די עלטערן גיט זיך אינטואיטיוו איבער צו די קינדער און זיי גיבן דאָס אַרויס אין אָפענע אַרויסזאָגונגען על פּי רוב קעגן דעם ווילן פון די

עלטערן, צומאל צו זייער פארדרוס, ווייל די קינדער דעקן אויף דאס, וואס זיי, די עלטערן, האבן צוליב סאציאלע סיבות געהאלטן פאר נויטיק צו באהאלטן צו פארדעקן מיט פארקערטע ארויסזאגונגען און אקטיוו־קייטן. לאמיר ברענגען אייניקע ארויסזאגונגען פון קינדער, וואס זענען פארנאטירט געווארן געלעגנהייטלעך:

„עס איז א שאד וואס איך בין געבוירן געווארן ביי גרינע עלטערן און איך דארף גיין אין א יידישע שול, און מען דארף נאך צאלן געלט דערפאר".

„...איך שטעל זיך פאר ווי שיין עס וואלט געקלונגען ווען מיין מאמע גייט ארויס מיך רופן און זי זאל שרייען נישט בערדי! נאר ברוז, ברוזן!"

„...די בייבל איז דאכט זיך נישט אזוי וויכטיק ווי אן ענציק־לאפעדיע..."

„...אוודאי דארפן יידן זיין דאנקבאר פאר דער פרייהייט וואס מען גיט זיי און וואס מען שלאגט זיי נישט. דאס לאנד איז דאך זייערס, נישט אונדזערס". (קינדער פון 9—11 יאר).

„...וואס זאגט איר? אין ארץ־ישראל גייען די קינדער אין דער פרי אין א יידישער שול, טא ווען גייען זיי אין דער אראבישער?"

„...וואס, לערנט מען מאטעמאטיק און פיזיקס אין א יידישער שול? אי דאנט בעליוו איט!" (דער זעלביקער עלטער, אלע עלטערן זענען אימיגראנטן).

„...ווען איך וועל אויסוואקסן, וועל איך זיין אן ענגלענדער, איך וועל ריידן נאר ענגליש און איך וועל אלעמען זאגן אז איך בין אן ענג־לישער. ס'איז א חרפה צו זיין א ייד. עס איז שוין בעסער צו זיין אן אוקראינער גוי („אוקראאיניאן גוי") איידער א ייד. מיין טאטע זאגט אויך אזוי. מער נישט מיין ענגלישער חבר ניקי דענקט אז עס איז נישט אזוי שלעכט צו זיין א ייד..." *)

---

* ווארט ביי ווארט איבערגעזעצט פון ענגליש ווי דאס איז ארויס־געזאגט פון א קינד 8 יאר אלט. דער זיידע א פועלי־ציון, די מאמע גע־לערנט אין א יידישער שול און א טועריו אין „הדסה".

„...אז מען פלעגט מיך פרעגן אין וואָסער שול איך גיי, פלעגט איך נישט אויסזאָגן אז איך גיי אין אַ יידישע שול — די קינדער לאַכן."

„...מיין באָבע האָט מיך גערופן פון דער צווייטער זייט גאַס, האָב איך זיך געמאַכט, אַז איך הער נישט; איך האָב נישט געוואָלט רעדן אין גאַס קיין יידיש, נישט געוואָלט, מען זאָל וויסן אַז מען מיינט עס מיך..."

„...אין וואַגאָן פון סטריט־קאַר רעדט די מאַמע צו מיר שטילער און איך ענטפער איר אין יידיש". (קינדער 11־יאָריקע פון אַ טאָגשול קלאַס אין אַ צופעליקן שמועס.)

אין אָט די און ענלעכע ארויסזאָגונגען איז נישט שווער צו געפינען די עמבריאָנען פון אַ סך דערשיינונגען וואָס אחר־העם האָט אָנגערופן „עבדות בתוך חירות". די ארויסזאָגונגען פון די קינדער האָבן דאָ אָנטפּלעקט דעם ענגאָפּאָבישן דראַנג פון זייערע עלטערן.

פון דערוואַקסענע איז נישט אין פאַרגלייך שווערער ארויסצוקריגן דירעקטע ארויסזאָגונגען פון אָט דעם דראַנג, איבערהויפּט אין ערטער און אין צייטן ווען אידעאַלאָגיש איז אַסימילאַציע נישט אָנגענומען. אָבער דאָך איז עס נישט שווער ארויסצולערנען.

היטלערס נגישות, ווען מען לייענט וועגן זיי, רופן ארויס אַ רעאַקציע ביי די צוהערער. די געלע לאַטע, די געצוווּנגענע יידישע נעמען, די געטאָ ווענט ווי אַזוינע, — און דער רויב און מאָרד. אויף וויפל איך האָב געקאָנט משפּטן, האָבן די ידיעות וועגן די נגישות פון ערשטן מין ארויסגערופן מער אויפרעגונג איידער דער רויב און מאָרד, אפשר אפילו מער ווי די נייעס וועגן דעם טראַגיש־דראַמאַטישן אויפשטאַנד אין געטאָ. די ערשטע צעשטערן די אילוזיע פון „מיט לייטן גלייך". די רויב־ און מאָרד־ידיעות לאָזן יידן קאַלט, ווייל די עמאָציאָנעלע צוגעבונדקייט צווישן יידן איז שוואַך. איך האָב געמאַכט מיט קינדער אַן עקספּערימענט אָנצוטאָן אַ געלן מגן־דוד פון סימפּאַטיע וועגן צו די יידן אין די געטאָס. אין די היימען זענען געוואָרן אַזוינע סקאַנדאַלן, אַז איך האָב נעדאַרפט אויפהערן: דער געלער צייכן לאָזט נישט פאַרגעסן די אייגענע יידישקייט.

פונקט די זעלבע געפילן האָבן געטריבן די ווילנער משכילים אין

מיטן פון פאַריקן י״ה צו שיקן אַן אַנאָנימע בקשה צום קיסר מען זאָל פאַרבאָטן טראַדיציאָנעלע קליידונג פאַר יידן. די זעלביקע געפילן האָט אויסגעדריקט מיכל גאָרדאָן אין זיין באַרימטן משכילישן ליד „שטיי אויף מיין פאָלק".

יידן באַמיען זיך אונטערצושטרייכן כסדר זייער אָנגעהעריקייט צו זייער ווינלאַנד און זיך צעטיילן לויט דעם פּרינציפּ פון לענדער. יידן ווילן אַ סך גערנער זיך פילן ווי אַמעריקאַנער יידן איידער ווי יידן אין אַמעריקע. יונגע יידן ווילן פאַרעקשנט אונטערשטרייכן, אַז זיי זענען קודם־כל אַמעריקאַנער, מעקסיקאַנער, קאַנאַדער, פראַנצויזן, רוסן וכדומה.**

אין דער דאָזיקער דערשיינונג ליגט דער ערשטער עטאַפּ פון צעפאַלונג פון יידישן פאָלק. דער מקור איז דער זעלביקער דראַנג אוועק פון יידישקייט. די מדרגות פון זיין ווירקונג זענען אָבער עטלעכע: איין גאַנץ פאָלק, זיין הויפּט־שטאַם (מזרח־אייראָפּעאישער קיבוץ) מיט אַ שטאַרקער קעגנזייטיקער אחריות און געמיינזאַמקייט צעפאַלט אויף אַ סך שטיקער, שבטים, צעבראָקלטע קיבוצים וואָס באַמיען זיך אַלץ אונטערצושטרייכן דאָס, וואָס טיילט אָפּ, צעשפּליטערט און צעבראָקלט. די צווייטע מדרגה איז דאָס אָפּוואַרפן אַלע עלעמענטן וואָס פאַרבינדן די אינדיווידן אין דעם קיבוץ גופא. איטלעכער יחיד באַזונדער שטרעבט אַריינצוקריכן זיך אין דער געזעלשאַפט פון הערשנדיקן פאָלק. אַזוי ווערן מאָלעקולן פון אַן אויסגעדעמפטער פליסיקייט צוגעצויגן צווישן די פאָרן פון אַ צווייטן שטאָף. די יידישע אַסימילאַציע איז אין תוך אַריין אַ פּראָצעס פון צעלאָזונג, אויסדעמפונג.

דער זעלביקער עגאָפאָביע־דראַנג ווירקט, אַז יידישע אַרבעטס־געבער דיסקרימינירן קעגן יידישע אַרבעטער. יידישע קרעמער זענען שטאָלצער און צופרידענער מיט אַ נישט־יידישער קונדשאַפט. יידישע קונדן גייען גערנער קויפן אין נישט־יידישע קראָמען. 3) האָבן זיך יידן געשאַפן אַ ווערטל: „לעבן זאָל מען צווישן גוים און שטאַרבן צווישן יידן" —

דאָס איז דער גוטמוטיקער אויסדריק פון דער ענגאָפּאַביע. און ווען איר פּרובירט רעדן מיט יידן וועגן אַ פּאַרזיכיקן דורכאויס־יידישן לעבן, קענט איר אַריינבּרענגען אין אויפרעגונג אַפילו רואיקע מענטשן: „ניין, מיר ווילן אין געטאָ נישט גיין!" — און באַלד קומען אָן אַ שיעור באַווייזן, אַז אייגנטלעך קען גאָר די „וועלט" אָן אונדז נישט אויסקומען...

האָבן די משכילים געשטורעמט קעגן אַלץ וואָס עס איז יידיש אין יידישן לעבן, האָבן זיי אָבער אָנגענומען אָן קריטיק אַלץ וואָס ביי דעם הערשנדיקן פאָלק. יידישע אינטעליגענטן האָבן ביי יידן געזען בלויז דעם „באַזאַר" און אין רוסישן לעבן בלויז „באַזאַראָוון" (אַ העלד אין טורגע־נעווס אַ ראָמאַן. זשאַבאָטינסקי שרייבט דעם לעצטן זאַץ). יידישע ימים־טובים זענען באַקעמפט געוואָרן — שבת, ראש־השנה, יום־כיפור. די נישט־יידישע האָט מען מיטגעמאַכט און נאָכגעמאַכט. עפּעס אַ מאָדנער פּסיכאָלאָגישער פענאָמען: וואָס פרעמד איז נאָענט און ליב און וואָס נאָענט איז ווייט און פרעמד.

דער זלעביקער דראַנג האָט געטריבן דעם שטאָלצן יידן משה מענ־דעלסאָן זיך צו בעטן ביי די דייטשן מען זאָל אַריינגעמען יידן אין זייער געזעלשאַפט („ירושלים"). דאָס האָט דער זעלביקער דראַנג געטריבן איי־

*) אין אַ פּריוואַטן שמועס האָבן מיר פופצן־יאָריקע קינדער אָפן דערקלערט אויף מיינער אַ פראַגע, אַז אַפילו אויף אַ טרויער־פאַרזאַמלונג האָבן זיי זיך געדאַרפט אָנשטרענגען צו זיין טרויעריק. אָבער אינעווייניק ־ינען זיי געבליבן קאַלט. און די קינדער זענען דווקא גוטע, יידישע, געהערן אַלע צו נאַציאָנאַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

** „ווי אַ ייד וואָלט איך געוואָלט מען זאָל אַריינלאָזן יידן אין לאַנד, אָבער איך בין דאָך קודם־כל אַ קאַנאַדיער, און איך טאָר נישט וועלן קיינע אימיגראַנטן" — האָט מיר געזאָגט אַ 16־יאָריקער בחור. אַ יונגער דאָקטאָר פון אַ יידישער שטוב און מיט אַ באַשטימטער יידישער דערציאונג האָט זיך דערקלערט: זיין בין איך אַ קאַנאַדער און דאָס איז אַלץ. מען שלאָגט יידן, פיל איך זיי מיט פונקט ווי איך פיל מיט די אינדוסן און די טשעכן".

נעם פון די ערשטע משכּילים אין רוסלאַנד, לייב נעוואַכאָוויטש, צו שרייבן די ערשטע רוסיש־יידישע שריפט קול שועת בת יהודה (1802) און דאָרטן זיך בעטן ביי די „גרויסע מענטשן־ליבנדיקע רוסן" זיי זאָלן טאָן דעם גרויסן חסד און אונדז אריינגעמען צווישן זיך. די „גוטהאַר־ציקע זין פון צפון" האָבן אָבער זיך נישט געאיילט, און דער שטאַרקער באַגער זיך „צונויפגיסן" האָט געפירט דעם מחבר מיט זיין פריינט אברהם פּרץ צו שמד. אויף דעם זעלביקן וועג זענען געגאַנגען גרויסע צאָלן פון די אויפגעקלערטע יידן אין דייטשלאַנד. אַ סך ווייניקער איז דאָס געשען אין רוסלאַנד, ווייל דאָ איז די „צונויפגיסונג" געווען גאָר־נישט לייכט צו דערגרייכן. דער זעלביקער דראַנג צו פרעמדס, ווירקט אין יידישן לעבן ביז היינט, אָבער שוין זעלטן דירעקט און אָפן. על פּי רוב איז שוין דער דראַנג סובלימירט, פאַרשטעלט און פאַרדרענגט.

דאָס ווירקט דער זעלביקער דראַנג, אַז געוויינטלעכע יידן פון אַלע שיכטן און ריכטונגען האָבן מער דרך־ארץ פאַר אַ גוי. ער איז מער אויטאָריטעט אין די אויגן פון אַ יידן; צו אַ נישט־יידישן רעדנער וועלן יידן זיך בעסער צוהערן, מיט מער יראת־הכּבוד און צוטרוי. אָט פאַר־וואָס עס איז שוין אַ מנהג צו ברענגען אויף יידישע פאַרזאַמלונגען גויי־שע גאַסט־רעדנער. ווילט איר אַז יידן זאָלן אויפנעמען אייערן אַ געדאַנק, — פּאַטענטירט אים אויף אַ גויישן נאָמען. די אַכטונג צו מענטשן איז גראַדואירט ביי יידן אין אַזאַ סדר פון אויבן אַראָפּ:

א) אַ גוי,
ב) אַ פאַרגויישטער ייד, חשוב ביי גויים,
ג) אַ ייד וואָס קען גוייש, און גאָר לסוף
ד) אַ יידישער ייד, אַ פּשוטער, אַן „אונדזעריקער, אַ נאַש בראַט".

ענלעך צו דעם איז דער אויפפיר פון יידן אויף פאַרזאַמלונגען:

א') אמגעצאַמסטן האַלטן זיך יידן אויף פאַרזאַמלונגען מיט נישט־יידן צוזאַמען.

ב) עטוואָס פרייער, אָבער דאָך מיט אַכטונג — אויף יידישע פאַר־זאַמלונגען אין נישט־יידישע זאַלן.

ג) אינגאַנצן אומגעצאַמט און פריי, אָפט צו פריי האַלטן זיך יידן

אויף יידישע פאַרזאַמלונגען אין יידישע פּלעצער. אַט ווי ביי זיך „אין בית־מדרש". דאָ איז מען אָפט הפקרדיק, דיסציפּלינלאָז און נישט פּינקט־לעך און דערביי (אויך — דערפאַר) האַלט מען אין איין אָפּלאַכן און קריטיקירן די אָרדענונג „אויף אַ יידישער אסיפה".

צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע געהערט אויך די צופרידנקייט פון אַ סך יידן מיט „נישט־יידישע פריינט".

אויך די סאָציאַלע טעטיקייט פון יידן ווערט באַאיינפלוסט דורך דעם זעלביקן דראַנג:

א) עס איז אומבאַדינגט נייטיק צו האָבן אַ מוסטער אין דער נישט־יידישער וועלט. אָן אַזאַ מוסטער איז שווער איבערצוצייגן יידן אין דער נייטיקייט פון דער זאַך. זי דאַרף אויך האָבן די הסכמה פון אַ חשובן נישט־יידן.

ב) זי דאַרף זיין געווענדט צו העלפן עמיצן ווייט, „אָוועדסים", וואָס ווייטער, — אַלץ איז דער אָפּרוף אַ בעסערער. איינער פון די וואָגיקסטע סטימולן איז, מען דאַרף איינשטילן דעם טומל אַרום יידן; עס איז נישט נעזונט פאַר אונדז דאָ, וואָס מען טומלט מיט אַנדערע יידן דאָרטן. דער־ריבער איז די גאַנצע אַקטיווקייט מער אַ צדקה, איינצושטילן די אַקוטע נויטן; עס טאָר אָבער נישט זיין קיין קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, וואָס קאָן נאָך חלילה פאַרשטאַרקן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון יידן ווי אַ גאַנ־צעס, ווי אַ פאָלק.

דער זעלביקער דראַנג מאַכט אַזוי שווער דאָס פּראָבלעם פון יידישן שולן אין אַמעריקע. לעולם איז דער ייד גערן גרייט צו שיקן זיין קינד אין אַ שול וווּ עס לערנען נישט־יידן, אויב אַפילו דאָס קינד דאַרף דאָרטן ליידן פון אָפענעם און פאַרשטעלטן אַנטיסעמיטיזם. פון דער נישט־יידישער שול נעמען יידן אויף אַלץ אָן טענות; שטרענגע שטראָפן, באַ־ליידיקונגען, שווערע אַרבעט, צוואַנג צו זאָגן און צו זינגען קריסטלעכע תפילות — אַלץ. גאָר אַנדערש איז די באַציאונג צו דער יידישער שול, ווען מען שיקט שוין יאָ אַ קינד אַהין: דער לערער מוז זיין פּאָזיטיוו ווי מיט גלאָז: אין אַלץ איז שולדיק די יידישע שול. זי און אירע לערערס זענען כסדר די טעמע פון וויבערשע שמועסן, און גוטע מאַמעס באַ־דויערן וויפל זייערע מאַריסלעך און סאָלאָמאָנטשיקעס מוזן דאָס נע־

בעך אויסשטיין פֿון דעם „דזשואיש חדר". קענטיק, אַז אַפֿילו די וואָס שיקן זייערע קינדער אין אַ יידישע שול, מוזן אין אַ גרויסן צאָל פֿאַלן גובר זיין אַן אינעווייניקסטן מאָראַלישן ווידערשטאַנד. און ווי נאָר מען קען געפֿינען אַ שטיקל תירוץ, נעמט מען טאַקע צו די קינדער פֿון דער שול, — און עס מוז מסתמא גרינגער ווערן אויפֿן האַרצן, כאָטש אין שמועסן וועט מען אַלץ טענהן, אַז „די שול איז שולדיק וואָס מיין דזשויקעלע קען נישט קיין יידישקייט"... זאָל אָבער די עלטערן זיך אויסדאַכטן אַז זייער קינד נעמט צו ערנסט די יידישע לימודים, — איז ווייטער שלעכט: „ער וועט דאָך קיין רב סיי ווי נישט זיין, צו וואָס מאַטערן?" אָפֿיציעל פֿאַרענטפֿערט מען זיך: מען מוז צופּאַסן דאָס קינד צו לעבן צווישן נישט־יידן, — און עס איז נאָר אַ תירוץ. וואָרום די יידישע שול גיט אַפֿילו אין דער ריכטונג אָפֿט בעסערע רעזולטאַטן. מען זוכט זיך אויס שולן אַפֿילו ווו דער מאָטיוו פֿון צופּאַסן זיך צו דער סביבה קען נישט גילטן, ווי, למשל, רוסישע און דייטשישע שולן אין דעמאָקראַטישן לעטלאַנד, אַ פּוילישע שול אין תל־אביב (ש. ראָזענפֿעלד אין דער טאָג, 26־טן יוני, 1941). עס איז פּשוט בכבודיקער צו האַלטן דאָס קינד צווישן נישט־יידן, פּונקט ווי עס איז אָנשטענדיקער צו וווינען צווישן גויים און זיך מאַכן נישט ווויסנדיק וועגן די באַליידיקונגען און פֿאַרדרוסן וואָס די קינדער האָבן אויסצושטיין פֿון זייערע נישט־יידישע חברים.

דער זעלביקער דראַנג ברענגט אונדזערע שרייבער און דענקער צו זוכן תמיד אַנאַלאָגיעס ביי נישט־יידן. שלום־עליכם איז דערמיט באַגרינדעט, ווייל ער איז ענלעך צו מאַרק טווען; יידיש וועט זיין אַ שפּראַך, ווען זי וועט האָבן אַ גראַמאַטיק אאַז"וו. אונדזערע יידישע צייטונגען זענען אין איטלעכן לאַנד ענלעך צו די צייטונגען פֿון הויפּט־פֿאָלק. דער יידישער לייענער־עולם איז כמעט דער זעלביקער, אָבער נישט זיין געשמאַק דיקטירט דאָ, נאָר די ענלעכקייט צום הויפּט־פֿאָלק.

אָט האָבן גאָרנישט לאַנג נאָך אַ טייל יידישע לערערס אין פּוילן געוואָלט איינרעדן זיך און אַנדערע, אַז פֿון דער גאַנצער יידישער געשיכטע דאַרף מען אין יידישע שולן אין פּוילן לערנען נאָר דעם קאַפּיטל יידן אין פּוילן; די גאַנצע איבעריקע יידישע געשיכטע איז שוין נישט

וויכטיק. ווערט דאָ אויך דאָס אייגן פאָלק באטראכט נאָר ווי א טייל פון דעם וווינלאַנד, קיין פאַרזיכיקן ווערט האָט דאָס פאָלק נישט. אָט איז געקומען א דעלעגאציע פון סאָוועטישע יידן; וואָלטן זיי געוועזן בלויז פאָרשטייער פון דעם יידישן פאָלק, וואָלטן זיי זיכער נישט געהאט אזא קבלת־פנים, — מען זעט אָבער אין זיי דעם יחוס פון לאַנד: זע, אָן אונדזעריקער, דאַכט זיך, — און א פאָלקאָוויניק! ... פלעגן דען יידישע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד און אין פוילן, וואָס פלעגן פאַרלאַנגען הילף פון יידן (נישט דווקא פראָלעטאַריער), נישט אונטערשטרייכן אז קיין יידיש פאָלק אָנערקענען זיי נישט, אז „כל ישראל" איז הוילע רעאַקציע, אז דער פוילישער פראָלעטאַריאַט איז זיי נאָענטער איידער אנדערע יידן? אָט די באַציאונג צום אייגענעם פאָלק דורך די אינטערעסן פון הויפּט־פאָלק, דאָס איז דער דראַנג צו פרעמדע, דער דראַנג אוועק פון אייגענע, דאָס איז די יידישע עגאָפאָביע, אָן איינגעוואָרצלטע פסיכיק פון סובאָר־דינירטקייט. די סובאָרדינירטע פּסיכאָלאָגיע איז שוין געוואָרן א שטריך אין אונדזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

יידן האָבן א תירוץ — מען איז אין גלות, מען איז א מינדערהייט, וכדומה. אָבער אין דער אייגענער היים זענען יידן נישט קיין מינדער־הייט. ווער זשע, אויסער אָן אינעווייניקסטן דראַנג, צווינגט די יידן צו מאַכן זייערע היימען, זייערע שטוביקע זיטן ענלעך צו די נישט־יידישע? און יידן צווינגען דאָך זיך אליין צו רעדן מיט די אייגענע קינדער א שפּראַך וואָס איז זיי פרעמד, איינפירן מנהגים איבערגענומענע, נאָכגע־מאַכטע. דאָ ווירקט דער זעלביקער דראַנג אין זיין ערשטער מדרגה — ענלעכקייט צו נישט־יידן — כדי צו קומען צו די ווייטערדיקע — מיט נישט־יידן און אויס־יידן. דאָס וואָס אויף זיך קענען די יידן שוין נישט דערגרייכן, דערגרייכט מען מיט די קינדער, און מען איז צופרידן מיט זייערע „דערגרייכונגען". כאָטש, ווי מענטשן, ווי עלטערן קומט זיי אָפט אויס צו ליידן פון די קינדער, וואָס זענען נישט קולטורעל און חוצפּהדיק גראָב צו די „אַלטע גרינהאָרנס", זענען די עלטערן דאָך צופרידן ווי יידן — מען האָט די קינדער געמאַכט „פאַר מענטשן".

די אַלע דערשיינונגען און האַנדלונגען קען מען פאַראַלגעמיינערן

אין אַ כלל: די צוזי־קראַפט פון יידישע מענטשן צו די מענטשן פון הערשנדיקן פאָלק איז שטאַרקער פון דער צוזי־קראַפט פון יידן צווישן זיך.

ג

סיבות און רעזולטאַטן

איך האָב די דאָזיקע נייגונג אָנגערופן „דראַנג", כדי אָפּצושיידן פון אינסטינקט, דער לעצטער איז דאָך אַן איינגעבוירענער און איז אבליגאַטאָריש פאַר אַלע אינדיווידן פון דעם געגעבענעם אַרט. איך האַלט אָבער, אַז די יידישע עגאָפּאָביע איז אַ פּראָדוקט פון סאָציאַלער ירושה און נישט פון אַ ביאָלאָגישער. דאָך איז די עגאָפּאָביע זייער טיף איינגעדרונגען און גיט זיך איבער דורך דורות. עס איז אַ געוווינהייט וואָס איז געוואָרן די צווייטע נאַטור, און דאָס איז גורלדיק פאַר אונדזער געשיכטע און ווייטערדיקן לעבן.

ווען איך פּרוביר זוכן אָט די בראשיתדיקע שפּראָצן פון דעם דראַנג אין דער געשיכטע, מוז איך בלעטערן אַלץ פריערדיקע תקופות. איך געפין דעם דראַנג נישט בלויז אין דער נייעסטער געשיכטע, ווי אַ פּראָדוקט פון דער עמאַנציפּאַציע, נאָר מיר געפינען באַשטימטע פאָרמען פון דעם דראַנג שוין אין אונדזער אוראַלטער געשיכטע. עס איז דער דראַנג וואָס האָט געשאַפן די רעוואָלטן קעגן משהן, וואָס איז געווען די סיבה פון די כסדרדיקע אָפּווייכונגען פון דער אייגענער יידישער טראַדיציע צו די „פרעמדע געטער" פון די שכנישע פעלקער און דער דראַנג ציט זיך ווייטער און ווייטער דורך דער גאַנצער געשיכטע פון ישראל און יהודה. די נייגונג צו אַלץ וואָס איז פרעמד, איז געווען דאָס וואָס עס האָבן באַקעמפט די נביאים און אַזוי גייט דער דאָזיקער דראַנג און ווירקט אין אונדזער לעבן ביז צום היינטיקן טאָג. אונדזער געשיכטע איז אין תוך אריין מער אַ פּראָדוקט פון אָט דעם דראַנג וואָס באַהערשט די מערהייט פון פאָלק אין אַלע דורות און דעם קאַמף קעגן אים מצד אַ מינדערהייט (תמיד אַ מינדערהייט!) איידער אַ רעזולטאַט פון דרויסנדיקע פאַקטאָרן, וואָס האָבן פון אַרום, פון דרויסן, געווירקט אויף אונדזער לעבן.

א. גאָלאָמב

דער זעלביקער דראַנג האָט עס נישט דערלאָזן יידן זאָלן זיך אין פאַרלויף פון לאַנגן גלות אויסבויען פאַרזיכיקע סאָציאַל־פּאָליטישע טעריטאָריעלע איינסן. דורך דער גאַנצער געשיכטע זענען יידן געטריבן געוואָרן פון צווישן אַנדערע פעלקער מיט פייערדיקע, בלוטיקע בייטשן. אַ סך מאָל זענען געווען געלעגנהייטן און מעגלעכקייטן אַזוינע היימען זיך צו שאַפן. איבערהויפּט זענען די מעגלעכקייטן געוואָרן גרעסער נאָך דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, און באַזונדערס אין דעם יאָרהונדערט פון פרייער אימיגראַציע. אויב דאָס איז נישט געשען, איז דאָס דערפאַר, וואָס עס ציט יידן מער אַריינצודרינגען צווישן אַנדערע איידער צו זיין צוזאַמען קאָמפּאַקט. די וועלט האָט אונדז געטריבן פון זיך, האָט אונדז געהייסן זיך קאָנצענטרירן, און מיר האָבן נישט געוואָלט. די פּסיכאָלאָגיע האָט דאָ גובר געווען די סאָציאָלאָגיע. דאָס פּראָבלעם פון טעריטאָריאַליזם באַשטייט נישט אין דעם צי מען וועט אונדז געבן אַ לאַנד — מיר האָבן געהאַט געלעגנהייטן צו נעמען לענדער גלייך מיט אַנדערע און פריער פון אַנדערע. וואָלטן מיר געווען געבענטשט, מיט אַ דראַנג צו זיך, צו אייגנס און צו אייגענע, וואָלטן מיר איצט שוין געהאַט אויפגעבויט נישט איין טעריטאָריע, מיר וואָלטן געהאַט אין אַמעריקע אַליין עטלעכע „ארץ־ישראלס". האָבן מענאַניטן, דוכאָבאָרן, סובאָטניקעס געקאָנט אויסבויען ווינקעלעך פאַר זיך. מיר האָבן עס אויך געקאָנט האָבן. מפּני חטאינו האָבן מיר עס ניט געשאַפן, מיר האָבן עס פאַרזינדיקט. און אַ גאַנצע געשיכטע האָט דאָס פאָלק געבענקט נאָך גאולה, און זי געזוכט נישט אין זיך און נישט אין זיינס.

דאָס יידנטום אין רוסלאַנד איז געווען דער לעבעדיקסטער און אַקטיווסטער קיבוץ אין משך פון די לעצטע הונדערט יאָר. אַלץ וואָס עס איז געבוירן געוואָרן ביי יידן, אַלץ וואָס יווירט און ברוויזט, שטאַמט פון דאַנען. און אַט איז געקומען די רעוואָלוציע. אַלע באַריערן זענען צוגענומען געוואָרן. עס שטייען אָפענע וועגן: ווילט איר זיך אַסימילירן — קענט איר; ווילט איר בויען אַ פאַרזיכיקע וועלט — קענט איר אויך. אַלע מעגלעכקייטן און הילף זענען געגעבן געוואָרן. איך גלייב דווקא אַז די ראַטן־רעגירונג האָט דאָ אויפריכטיק געוואָלט העלפן די יידן צו ווערן פאַר זיך. זי האָט געגעבן אַזאַ מעגלעכקייט אַלע פעלקער און פעל־

קערלעך — די יאקוטן, טשואוואשן, זיריאַנער, ציגיינער, — האָט זי געוואָלט העלפן אויך די יידן. אויב עס האָט זיך פון דעם גאַרנישט אויסגעלאָזט, איז אין דעם שולדיק בלויז דער פאַקט, וואָס יידן ווילן נישט זיין פאַר זיך; עס ציט זיי מערער צו זיין מיט דעם הערשנדיקן פאָלק איידער אליין צו הערשן ביי זיך. דער אַלטער דראַנג זיך צונויפגיסן איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען. דאָס האָט סטימולירט די יונגע השכלה, דאָס איז געווען דער זינען פון אַלע „דערגרייכונג"־פּראָגראַמען. ווען מען האָט נישט דערלאָזט צו זיין צוזאַמען מיט די רוסן (עס איז געווען אַ „תחום המושב"), האָט מען זיך געמוזט באַנוגענען מיט זיין ווי די רוסן, ענלעך צו זיי. דאָ איז דער מקור פון דעם אַזוי גערופענעם רענעסאַנס פון יידן אין רוסלאַנד.

אַלע מאָדערנע יידישע באַוועגונגען האָבן אָבער געהאַט אין זיך אַ נעגאַציע צו דער פאָלקסטימלעכער, פּשוטער יידישקייט. דערקלערונגען און מאָטיוון האָבן דאָ געקענט זיין פאַרשיידענע, אָבער נעגירט האָבן אַלע. דער דראַנג צו נישט־יידן איז געווען פאַרשטעלט, פאַרשפּאַרט. דער דראַנג אַוועק פון יידן איז געווען אַן אָפענער. איז אין אַלע פּראָגראַמען פון רענעסאַנס געווען אַ סובלימירטער עלעמענט פון דער עגאָפאָביע.

דער ציוניזם — די נאַציאָנאַלסטע באַוועגונג ביי יידן — האָט אַרויסגעשטעלט אין פראָנט זיין שלילת הגלות: די סאָציאַליסטן האָבן געלייקנט בכלל דעם עצם־באַגריף „יידיש פאָלק". די אָרטאָדאָקסיע האָט געלייקנט אַלץ וואָס עס איז נישטאָ אין שולחן־ערוך, וועלטלעכקייט האָט געלייקנט אַלץ וואָס עס שמעקט מיט רעליגיע, ד"ה די גאַנצע טראַדיציע, העברעאיזם האָט געלייקנט דאָס פאָלקסטימלעכע, יידישיזם האָט געלייקנט אַלץ וואָס שמעקט מיט העברעאיש. דער הצד השווה — אַלע באַוועגונגען און ריכטונגען האָבן געלייקנט און געזוכט צו אַנטלויפן פון שטיקער יידישער טראַדיציע ערגעץ אין נייע יידישקייטן, וואָס זענען ספּעציעל צוגעטראַכט געוואָרן לויט „נאָרמאַלע" (געבאָרגטע) מוסטערן. קיין שום באַוועגונג האָט נישט אָנגענומען, נישט אָנערקענט אַלדאָס געשאַפענע אין יידישקייט, דאָס ליב האָבן ווי אייגנס.

א. גאָלאָמב

דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון וועלן אַנטלויפן פון יידישקייט איז פאַרבונדן מיט אַ דערשיינונג פון גלויבן און אומגלויבן: יידן גלויבן אין פעלקער און זיי גלויבן נישט אין זייער אייגענעם פאָלק. יידן זענען געווען זיכער מיט פראַנקרייך, זיי זענען זיכער מיט ענגלאַנד. אין אַמע־ריקע זענען יידן מן־הסתם די געטרייסטע פּאַטריאָטן. נאָך ביז איצט זענען פאַראַן דייטשע יידן, אַרויסגעטריבענע, באַשפּיגענע, וואָס זאָרגן זיך פאַר זייער דייטשלאַנד מער ווי פאַר דעם יידישן פאָלק. און די פאַרליבטקייט אין רוסלאַנד שרייט דאָך אין די גאַסן. יידן זענען אַ גלויביק פאָלק און זיי גלויבן תמיד אין עמעצן אויסער זיך.

פון די נביאים אָן ווערן יידן געוואָרנט נישט צו זיין פאַרגלויבט אין אַנדערע פעלקער, און אומזיסט! אין דער ערשטער מלחמה זענען כמעט אַלע רוסישע יידן געווען גערמאַנאָפּיליש געשטימט. אויף וואָסער פאָלק האָבן שוין יידן נישט געהאָפט און — געבליבן אָפּגענאַרט. דער גלויבן איז בכן, נישט באַרעכטיקט סאָציאַל, פּאָליטיש, — עס איז אַ פּסי־כישער שטריך פון אונדזער פאָלקס־כאַראַקטער, יידן גלויבן אין זייער הערשער*). אַזוי אַרום ווערט דער דראַנג פון יידישקייט צו נישט גענעם פאָלק און דאָס אַלץ צוזאַמען ווערט אַ גרויסער, ווירקזאַמער יידישקייט באַגלייט מיט אַן אומגלויבן, אומצוטרוי, און אומאַכטונג צום פאַקטאָר אין יידישן לעבן בכלל.

לאָמיר פּרובירן זען דעם געגעזים פון אָט דעם „גלויבן אין הער־שער".

---

*) אין רוסלאַנד האָבן יידן נישט געגלויבט אין צאַר, אָבער זיי האָבן שטאַרק געגלויבט אין רוסלאַנד, אין רוסישן פאָלק. דער אומ־צוטרוי צום צאַר איז אויך געווען נישט קיין זעלבסטשטענדיקער, נאָר אויף וויפל מען האָט געקענט מיטגיין מיט דעם צווייטן רוסלאַנד, וואָס מען האָט אַזוי שטאַרק געגלויבט אין אים. אגב, האָט דאָ אָט דאָס צווייטע רוסלאַנד געגעבן מער האָפענונגען — זיך צו קענען אַסימילירן.

אמאָליקע יידן פלעגן אָפט זיין שטארק פארגלויבט אין זייערע פּריצים. פּויערים פלעגן זיין פארגלויבט אין זייערע הערשער. מען קען אויך געפינען אזא גלויבן ביי ווייבער פון שטארקע, הערשערישע מאנען. דאָס איז א סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער שטריך ביי מענטשן און גרופּעס, וואָס האָבן זיך איינגעלעבט אין אָפּהענגיקייט און אונטערטעניקייט. צוערשט קומט קנאה, האַס, רעוואָלט, אומצופרידנקייט. ביסלעכווייז ווערט עס אונטערטעניקייט, הכנעה, איינגעגלויבטקייט און נאָכטאָן. דאָ קומט אָפּשוואַכונג פון אייגענעם כאראקטער און ווילן. א קליין קינד, וואָס האָט נישט קיין צוטרוי צו זיך אליין, באמיט זיך צו זיין אין שוץ־געביט פון זיין טאטן אפילו ווען ער איז שטרענג און דאָס קינד האָט מורא פאר אים. מאָראַליש־שוואַכע מענטשן זענען אין דעם זינען ווי קינדער: זיי איז אומהיימלעך צו בלייבן אליין.

דאָ ליגט א שליסל צו דער פּסיכיק פון דעם מאָדערנעם יידן. אויך ער פילט זיך זיכערער אין זיינע געדאנקען און טואונגען ווען ער פילט הינטער זיך א נישט־יידישן אויטאָריטעט. ער וועט גיכער און דרייסטער טראכטן וועגן פּראָבלעמען, וואָס אנדערע באהאנדלען זיי. ריין־יידישע פּראָבלעמען זענען דאָך „סוף כל סוף נאָר יידישע" — געמיינט, גאָרנישט אזוי וויכטיק. שרייבערס, דענקערס, קינסטלערס, מוזיקערס — עס איז זיי „ענג אין דעם קליינעם יידישן וועלטל". אין דער אמתן איז דאָ א טראנספאָרמירונג פון דעם קינדערשן פּחד פאר איינזאמקייט. דאָ ביים מאָדערנעם יידן איז דאָס געוואָרן א שרעק פאר פארזיכיקייט. זיינע מיינונגען און געדאנקען וועט ער גאָרנישט וואגן ארויסצוזאָגן כל־זמן ער האָט נישט פאר זיך קיין מוסטער, קיין אויטאָריטעט, קיין הכשר.

די סובאָרדינירטע איינגעגלויבטקייט פון יידן אין די נישט־יידישע הערשער דריקט זיך אויס אין:

1. איגנאָרירן אלץ וואָס איז יידיש און האָט נישט קיין שייכות צום הויפּט־פאָלק.

2. נאָכמאכן גויים אין אלע געביטן פון לעבן.

3. זוכן נישט ייִדישע פריינט, באַקאַנטע, שכנים, נישט־ייִדישע געזעלשאַפט.
אַקטיווע נאַטורן, וואָס געפינען נישט גענוג פּלאַץ פאַר אַקטיוויקייט ביי נישט ייִדן, בלייבן צווישן ייִדן און דערבײַ באַמיט מען זיך:
א) צו פירן אַזאַ אַקטיוויקייט וואָס זאָל זיין ענלעך צו די נישט־ייִדישע פאָרמעס.
ב) צו ווייזן ווי ענלעך מיר זענען, ווי געטריי און גינציק מיר זענען, ווי נוציק מיר קענען זיין פאַר די הערשער.
ג) מיט איינענער אַרבעט דאַרף מען זיך נישט וואַרפן אין די אויגן.
ד) באַמיען זיך אין אַלע לעבנספאָרמען ענלעך צו זיין צום הויפּט פאָלק. קאַרטן־שפּילן, בראָנפן טרינקען, אַלערליי מנהגים און זיטן — אַבי צו זיין ענלעך. דאָס איז אַ מין נעגאַטיווער עגאָצענטריזם.
דאָס אַלץ צוזאַמען שאַפט אַ כאַראַקטערלאָזיקייט. די דאָזיקע ייִדן האָבן פאַרלוירן זייער אייגענעם „איך". זיי אַליין האָבן נישט קיין אייגענע מיינונג, קיין געפיל, קיין זיכערקייט אין עפּעס. אין אַלץ וואַרט מען צוערשט וואָס דער הערשער וועט זאָגן. נישט אומזיסט פלעגט מען זאָגן אין פּוילן, אַז אַ גוישער סטרוזש (קעירטטייקער) איז ביי זיך שטאָלצער איידער זיין ייִדישער באַלעבאָס. אַזוינע ייִדן זענען נישט פריי אין די פריסטע לענדער. זיי זענען אָבער צופרידן מיט די רעכט נאָכצומאַכן און נאָכצוטאָן. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט אַ ייִד צו־ליב דעם זיך געדאַרפט שמדן; דאָ האָט ער רעכט צו ווערן אויס ייִד און דאַרף זיך אפילו נישט שמדן. אין פרייע לענדער זענען ייִדן פריי דאָס צו דערגרייכן אָן בקשות און תחנונים. דערפאַר זענען ייִדן אַזוי באַגייסטערט מיט אַמעריקע, אַז זיי פאַרגעסן די צו אָפטע דיסקרימינאַציעס, שטילע פּראַצענט־נאָרמעס, אָפטע כוליגאַנישע אַרויסטרעטונגען קעגן ייִדישע שולן, אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס און וואָס איר ווילט אַליין.
כל־זמן אַ ייִד האָט נאָך די רעכט נאָכצוגיין דעם הערשער־פאָלק, וועט ער זיך נישט וואַגן צו באַקלאָגן. ער דערשפּירט דעם אַנטיסעמי־טיזם, ווען מען צווינגט אים צו אָפענער ייִדישקייט. דער דראַנג אַוועק

פון יידישקייט שוואַכט אָפּ אין יעדן יידן די אַקטיוויקייטן וואָס שטאַמען פון זיין נאַציאָנאַלן „איך". דער דראַנג שוואַכט אָפּ דעם כאַראַקטער פון יידן.

דאָס אַלץ קען זיין פאָרמולירט ווי אַ ספּעציפישע פאָרמע פון נאַציאָנאַלן שיפלות־קאָמפּלעקס. אָבער פון דער דעפיניציע ענדערט זיך גאָרנישט פון דעם, וואָס איז ביז איצט דאָ געזאָגט געוואָרן.

אַ ספּעציעלן אָרט אין דעם קאָמפּלעקס פאַרנעמט די יידישע רע־ליגיע. עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז אין אונדזער אייביקייט ווי אַ פאָלק, איז „שולדיק" אונדזער רעליגיע. זי איז באַשטאַנען דאָך נישט אין דאָגמעס, אין קרעדאָס, זי האָט זיך אָפּגעגעבן גאָר ווייניק מיט די פּראָבלעמען וועגן מהות און עקזיסטענץ פון גאָט און מיט זיינע אַטריבוטן. דער עיקר איז דאָ געווען די דיסציפּלין פון געבאָטן און פאַרבאָטן, די נאָרמעס פון לעבנס־פאָרמעס. דאָס האָבן זיי, די מצוות מעשיות פאַראייניהייטלעכט דאָס יידישע פאָלק און צונויפצעמענטירט עס אין איין גאַנצעס איבער לענדער, איבער דער גאָרער וועלט און דורך אַזוי פיל דורות. דאָס איז נישט געווען קיין רעליגיע פאַר גאָט, עס איז דער סכום אַטריבוטן נישט פון גאָט, נאָר פון יידישן פאָלק; עס איז נישט קיין רעליגיע, נאָר יידישקייט. אויב עס איז געווען אַ כוח וואָס האָט געקענט גובר זיין דעם דראַנג אַוועק פון יידישקייט, איז עס געווען די יידישע רעליגיע און קיין שום אַנדער כוח האָט דאָ נישט געקענט ווירקן; נישט די קונסט און נישט די פילאָזאָפיע פון שפּאַניע, נאָר די נאָרמעס און געזעצן האָבן גובר געווען ביי אַ טייל יידן זייער דראַנג און דאָס האָט געטראָגן דאָס פאָלק און דערטראָגן ביז צו אונדז. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט די יידישע רעלי־גיע „באַרויבט" דאָס יידישע פאָלק און עס אַוועקגעגעבן צו גאָט. אַלע שאַפונגען פון פאָלק זיינען ניט זיינע, נאָר גאָט האָט עס זיי אים געגעבן צו היטן. איז דער גאָט גרויס און מעכטיק, ריכטיק און גערעכט און דאָס פאָלק איז קליין און נאַריש און שלעכט; פאַר דעם יידישן גאָט דאַרפן אַלע האָבן דרך־ארץ, פאַר דעם יידישן פאָלק — נישט. גאָט איז גוט, יידן זענען שלעכט. דאָס פאָלק אַליין איז אַ „ווערעמל יעקב" און מער נישט.

נאָר צוויי באַוועגונגען האָבן געפּרובירט איינפּלאַנצן א דירעקטע ליבע צום פאָלק, אַן אכטונג צו אַלץ וואָס עס געהערט צום פאָלק, ווייל אַלץ וואָס איז פאָלקס־שאַפן איז ווי געגעבן למשה מסיני. דאָס זע־נען געווען די פּרושים בשעתם און די חסידים אין דער נייער צייט. און טאַקע זיי האָבן אַקומולירט לעבנס־ענערגיע פאַרן פאָלק אויף דור־דורות. און דאָס — א דאַנק זייער פּשוטער אהבת ישראל — ליבע און געטרייקייט צו פּשוטער יידישקייט, צו יידישער טראַדיציע. „אהבת ישראל" מיינט נישט סתם ליב האָבן יידן, אַלע יידן. עס איז נישטאָ קיין ליבע אָן דעם קענגנזאַץ. די פּרושים בשעתם האָבן אויס אהבת ישראל פאַרהייליקט אַלץ וואָס איז געווען פאָלקסטימלעך. אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי אָבער שטאַרק פיינט געהאַט אַלץ וואָס איז נאָכמאַכעריש ביי יידן און אַלעמען וואָס זענען נאָכמאַכעריש. האָבן זיי די צדוקים אויסגעמעקט פון כלל ישראל, אָפּגעשיידט זיך פון זיי ווי פון נישט־יידן. אַזוי אויך די חסידים פון דער נייער צייט. און דאָך איז עס געווען נישט גענוג. דאָך האָט די יידישע רעליגיע מער גע־לערנט אהבת שמים איידער אהבת ישראל *). יידן טאָרן גאָר פון זיך, פון אייגענעם קאָלעקטיוו נישט האַלטן. טאָ וואָס פאַר א ווערט האָט אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן? אַלץ וואָס זיי זענען און וואָס זיי לעבן דורך אויב עס איז נישט גאָטס און נישט פאַר גאָט? אונטערשטרייכנדיק די גרויסקייט פון גאָט, האָט די יידישע רעליגיע געמאַכט צו גאָרנישט דאָס יידישע פאָלק. האָט די רעליגיע נישט געשטאַרקט דעם פאָלקס גלויבן אין זיך. און ווי נאָר עס פאַלט אַראָפּ פון א יידן זיין מורא פאַר גאָט, האַלט ער שוין געוויס נישט פון יידישקייט וואָס איז נישט גאָטס; קיין דירעקטער דרך־ארץ און ליבע צו דער פאָלקסטימלעכער

---

*) לאָמיר ברענגען איין אָרט פון טויזנטער. איך נעם דווקא פון דעם „תניא", פון דעם שעפער פון חב"ד „לאחוז במידותיו של יעקב שאר עמו ושארית ישראל שמשים את עצמו כשיריים ומותרות ממש שאין בהם צורך" (אגרת הקודש ב').

יידישקייט, צו דער תורה־שבבעל פה פון היינט איז דאָך נישמאָ, — איז דער וועג צו אויס׳יידישונג אָפן און פריי.

די וועלטלעכקייט וואָס האָט געדאַרפט אויפוועקן אַט די אַכטונג צו יידישקייט, צום פאָלק און צו אַלץ וואָס איז זיינס, האָט ביז היינט פול־שטענדיק באַנקראָטירט. ווייל זי האָט בוגד געווען אין איר שליחות. אנשטאָט צו מאַכן טייער פאַר די וועלטלעכע יידן דעם גאַנצן קולטור־שטייגער פון פאָלק און זיינע מנהגים און נאָמען פון דעם פאָלק און פון דער ריינער אהבת ישראל, האָט די וועלטלעכקייט נאָר די טראַ־דיציע געפסלט ווי מוקצה מחמת רעליגיע און געפריידיקט דיסציפּלינ־לאָזיקייט און הפקרדיקע פרייהייט נאָכצומאַכן די גויים וואָס ביי זיי איז אַלץ כלומרשט וועלטלעך.

ד
שפּיל און פאָרשטעל אין כאַראַקטער פון מאָדערנעם יידן

דער אויפפיר פון א מענטשן קען זיין פון צוויי אופנים: אַן אָר־גאַנישער, ווען ער איז געפורעמט דורך דער דורות־לאַנגער טראַדיציע אין דער סביבה וואָס פון איר שטאַמט דער מענטש אָפּ; א נאָכגע־מאַכטער אויפפיר, א געשפּילטער אויפפיר, ווען ער שטאַמט פון א פרעמדער טראַדיציע.

ווען מיר קוקן זיך צו צום אויפפיר און שטייגער לעבן פון מאָדער־נעם יידן, זעען מיר, אז זיינע עלעמענטן — האַנדלונגען, טואונגען און פירונגען — זענען אין דער גרעסטער מאָס דיקטירט נישט דורך דער קאָלעקטיווער געוווינהייט פון דורות, נישט דורך דער טראַדיציע, נאָר דורך דעם דראַנג פון יידישקייט צו נישט־יידישקייט. אין דעם אויפ־פיר און שטייגער זעט מען נישט דעם יידן ווי ער איז אויסגעפורעמט דורך זיין אייגענער געשיכטע און דורך דורות איינגעפונדעוועטע זיטן, נייערט מען זעט דעם דראַנג נאָכצומאַכן און ענלעך צו זיין צום גע־נאַרטן מוסטער. דער אויפפיר פון דעם מאָדערנעם יידן איז א שפּיגל, וואָס אין אים שפּיגלט זיך אָפּ דער שטייגער פון דעם געגאַרטן מוסטער. און דער מוסטער איז תמיד דער הערשנדיקער קלאַס פון דעם פאָלק

וואָס הערשט אין געגעבענעם לאַנד. „אויף וועמעס וואָגן דו זיצסט — אזא לידל זאָלסטו זינגען" — האָבן יידן זיך געשאפן א טעאָריע. דערביי איז כדאי אָנצומערקן צוויי באזונדערע פאלן: א מאָדערן־רעלי־גיעזער ייד (נוסח פראנקפורט וכדומה) באמיט זיך איינצוהיטן די עלעמענטן פון שטייגער וואָס דער שולחן־ערוך זעט פאָרויס. בנוגע צו אנדערע עלעמענטן פון שטייגער איז ער אויך נישט אנדערש פון די אנדערע יידן, וואָס מאכן נאָך אָדער „שפּילן" דעם פרעמדן שטייגער.

שפּיל איז אן אקטיוויקייט וואָס כאראקטעריזירט נישט בלויז דאָס קינדערשע שפּילן זיך, דאָס טעאטער־שפּיל און דאָס געוויינטלעכע פארוויילונג־שפּיל פון דערוואקסענע. מיר שפּילן א סך מער אין לעבן אומאָפּהענגיק צי מיר טוען עס באוווסטזיניק אָדער נישט. לכתחילה טוען מיר עס מיט כוונה, שפּעטער לעבן מיר זיך אליין אזוי איין, אז מיר קענען זיך אליין פארגעסן אז מיר פירן זיך נישט אָרגאניש, אז מיר שפּילן דאָ אָ ראָלע, מיר מאכן נאָך עמעצן א צווייטן. ווי אן אר־טיסט אויף דער בימה פארגעסט זיין אייגענעם „איך" און איז דורך און דורך אריינגעטאָן אין א פרעמדן כאראקטער, אין דער „ראָלע" וואָס ער שפּילט; — אזוי אויך אין לעבן, זענען פאראן מענטשן וואָס זענען א גאנץ לעבן אזוינע „ראָלע־שפּילערס". אויף זיי קען מען זאָגן: נישט „וואָס מיר זענען, זענען מיר, נאָר „וואָס מיר ווילן זיין זע־נען מיר".

ביי די מאָדערנע יידן איז דער פּראָצענט ראָלע־שפּילער א סך א גרעסערער איידער ביי אנדערע פעלקער, איידער ביי טראדיציאָנעלע יידן.

וועגן שפּיל ביי חיות און מענטשן איז א סך געשריבן געוואָרן. פאר אונדז דאָ וועט זיין גענוג אָנצומערקן אייניקע פונקטן:

1. שפּיל איז תמיד פארבונדן מיט א דראנג (א חוץ ביי פּראָ־פעסיאָנעלע שפּילער). דער דראנג האָט א ביאָלאָגישן אָדער א סאָציאַלן ציל. וועגן דעם ציל ווייסט נישט דער שפּילער. דאָס קינד ווייסט נישט צוליב וואָס עס שפּילט זיך אין לאַלקעס.

2. איטלעכעס שפּיל איז אן אקטיוו־אויסגעדריקטער טרוים. אין שפּיל פארגעסן מיר וואָס מיר זענען און מיר ווערן וואָס מיר ווילן זיין,

צו וואָס מיר שטרעבן, מיר פּרובירן אַריבערטראָגן זיך אין אַ וועלט, ווו עס הערשט אונדזער טרוים. איטלעכעס שפּיל האָט אַ פּאַבולע, מיר שפּילן אין עפּעס; די שפּיל־אָביעקטן ווערן סימבאָלן און זיי העלפן אויך די שפּילער סימבאָליש צו ווערן דאָס, וואָס זיי ווילן זיין. שפּיל העלפט אונדז אַריבערצוגיין פון דער רעאַלער וועלט, ווו עס זענען פאַראַן אַזוי פיל שטערונגען אין דער פאַנטאַזיע־וועלט, ווו אונדזערע טרוימען האָבן נישט קיין שום ווידערשטאַנד. אין די שפּילן זענען מיר בולט די באַגערן פון די שפּילער. דערצו דינט די פאַבולע וואָס איטלעכס שפּיל פאַרמאָגט.

3. אין איטלעכן שפּיל איז דאָ אַן עלעמענט פון נאָכמאַכן און קאָפּירן; מיר זענען נישט וואָס מיר זענען, נאָר וואָס אונדזער געטרוימטער העלד דאַרף זיין. דערביי איז דער „איך" פון שפּיל שטאַרקער פון דעם ווירקלעכן „איך". דער ווירקלעכער „איך" איז הונגעריק און מיד און די מאַמע שיקט שלאָפן, — דער „איך" פון שפּיל איז אָבער פאַרנומען, האָט נישט קיין צייט צו עסן און צו שלאָפן. און דאָס שפּיל איז גובר.

4. ווען אַ דראַנג ווערט פאַרווירקלעכט, הערן אויף די שפּילן וואָס דער דראַנג האָט אַרויסגערופן. ווען ליבע ווערט פאַרווירקלעכט, הערט אויף די שפּיל אין ליבע. די שפּיל ווערט אָן איר רייץ, זי ווערט אין אונדזערע אויגן „קינדיש־נאַאיוו".

5. מיר דאַרפן אונטערשיידן צוויי מינים שפּיל: שעפערישע און קאָמפּענסירנדיקע. דאָס שעפערישע שפּיל איז אַ תולדה פון אַ נאַטירלעכן אינסטינקטיוון, אורשפּרינגלעכן דראַנג.ווען קליינע מיידלעך שפּילן זיך מיט לאַלקעס, שפּילן זיי מיט דער גאַנצער נאַטור זייערער, אָן רעזערוו, דרייסט און אָפן. זיי דאַרפן גאָרנישט פאַרדעקן, גאָרנישט פאַרבאָרגן, גאָרנישט פאַרדרענגען. זיי דאַרפן דאָ מיט זיך אַליין אין שפּיל נישט קעמפן, נישטאָ אין זייער נשמה קיינע קאָליזיעס, קאָמפּלעקסן. דאָ איז דאָס שפּיל שעפעריש.

ווען די מיידלעך ווערן אָבער עלטער, וואַרפן זיי אַוועק די לאַלקעס. נישט ווייל דער דראַנג איז שוואַכער געוואָרן. פאַרקערט, דאָס שפּיל אין לאַלקעס קען אים קוים באַפרידיקן, און דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל דערלאָזט נישט דער דראַנג זאָל געפינען אַן אויסדרוק פאַר זיין איצטיקער סטאַדיע. די מיידלעך זוכן אויס איצט שפּילן צו פאַרבאַהאַלטן דעם אינסטינקטיוון, פּרימערן דראַנג, אים פאַרדרענגען, פאַרמאַסקירן. אָט דאָס איז שוין אַ שפּיל מיט קאָמפּליקאַציעס און עס זוכט אויס פאַרשידענע קאָמפּענסירונגען. דאָס שפּיל קאָסט געזונט.

6. ווען דאָס קאָמפּענסירנדיקע שפּיל רייסט זיך איבער, שפּרינגט אַרויס דער פאַרבאַהאַלטענער דראַנג אין זיין גאַנצן כּוח, מיט זיין פאַרשטיקטער ענערגיע. דאָס קאָמפּענסיר־שפּיל קען זיך איבעררייסן אויף צוויי וועגן: גליקלעך — דאָס מיידל, לאָמיר זאָגן, האָט געפונען לעגאַלע מעגלעכקייטן צו באַפרידיקן איר דראַנג און זי דאַרף מער נישט קיינע קאָמפּענסאַציעס פאַר אים. דאַן הערן אויף אַלע שפּילן פון דעם דראַנג. זי איז באַפרידיקט.

אומגליקלעך — נישטאָ קיין האָפענונג מער צו דערגרייכן דעם אידעאַל, דאָס קאָמפּענסיר־שפּיל האָט דערעסן. סיי ווי וועט שוין דאָך גאָרנישט ווערן. אַזאַ אומגליקלעכע עקספּלאָזיע קען אָפט פירן צו פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע קאָמפּליקאַציעס אַפילו.

7. דאָס שעפערישע שפּיל קען באַהערשן הונגער און אַנדערע שוואַכערע פאַרלאַנגען. דאָס קאָמפּענסירנדיקע שפּיל איז פיל שוואַכער. עס קומט דאָך נישט כּדי צו באַפרידיקן אַ דראַנג, נאָר כּדי אים צו פאַרטויבן. זענען אַנדערע דראַנגען שטאַרקער. דאָס קאָמפּענסיר־שפּיל אַנטפּלעקט זיך ווען דער הונגער איז געשטילט.

יידן שפּילן. אין דעם מאָמענט ווען יידן הערן אויף צו לעבן לויט דער טראַדיציע, הייבט אָן אַ שפּיל־לעבן. קינדער שפּילן אין לאַלקעס, אין פערדלעך און יידן שפּילן כּסדר אין גויים. אין דעם גאַנצן התנהגות אין שטוב און אין געזעלשאַפט איז נישטאָ קיין געירשנטע, דורך דורות־איינגעלעבטע איינגנטימלעכקייט. עס איז אַ שפּיל וואָס מיר שפּילן. אויף די באַן־סטאַנציעס פון אַלע זומער־פּלעצער, אין רוסלאַנד, אין פּוילן, צי אין אַמעריקע געפינט מען דאָס זעלביקע יידישע בילד.

שפּראַכן זענען אַנדערע, אַנדערע אַקצענטן און דאָך דאָס אַלגעמיינע— דער נאָכמאַך־כאַראַקטער פון דעם געזעמל. און אַזוי אונדזער גאַנץ געזעלשאַפטלעך לעבן, דער שטייגער אין שטוב און אין גאַס, די שפּראַך און די נעמען, די זיטן און פירונגען אין די אָרדנס און גע־זעלשאַפטן, די אַסאָציאַציעס פון יונגעלייט, די „וויסנשאַפט דעם יו־דענטומס" — אַלץ איז דאָך איין שטיק נאָכמאַכעריי און שפּיל — שפּיל אין גויים". און דער דראַנג וואָס רופט אַרויס דאָס שפּיל איז דער דראַנג אַוועק פון ייִדישקייט. דער ווייטסטער זינען פון דעם דראַנג, דער ציל וואָס צו אים דאַרף עס פירן איז — אַסימילאַציע און אויס׳יידישונג.

ווי איטלעך שפּיל האָט אויך דאָס גרויסע שפּיל וואָס ייִדן שפּילן אין אַלע לענדער זיין פּאַבולע, זיינע דערקלערונגען. דאָס פּולסטע און דאָס פּאָפּולערסטע צווישן זיי איז די השכלה מיט אַלע ביי־טעאָריעס ווי קאָסמאָפּאָליטיזם, מיסיאָן, וועלט־בירגעריי און וואָס נישט.

מיט דעם מאָמענט ווען דער דראַנג ווערט באַפרידיקט, ווען א ייִדן געלינגט זיך אויסצווייִדישן אָדער אויסיידישן די קינדער, אין דעם מאָמענט הערט איוף דאָס שפּיל; עס הערן אויף צו זיין וויכטיק אַלע פּאַבולעס, זיי זענען איצט איבעריק אינגאַנצן. מען דאַרף דאָך נישט זיך שפּילן אין גויים, ווען מען איז שוין געוואָרן גויים. אַט פאַרוואָס דער צווייטער דור פון די משכילים (זעלטן דער דריטער, אָפטער שוין דער ערשטער) רייסט איבער אינגאַנצן מיט ייִדישקייט און אויך מיט דער השכלה, מיט די טעאָריעס פון מענטשהייט, וועלט־בירגעריי, וועלט־לעכקייט אאז"וו. דאָס זענען אַלע נאַאיווע שפּיל־פּאַבולעס צו דעם שפּיל אין גויים און זייער סאָציאַל־געשיכטלעכער ציל איז — צו מאַכן מעגלעך און גרינג דעם איבערגאַנג צו גוייִשקייט פולשטענדיק — מיט שמד צי אָן שמד.

דאָס שפּיל אין גויים און דער דראַנג אַוועק פון ייִדישקייט קענען דערפירן צו צוויי קעגנגעזעצטע אויסוועגן: א) גליקלעך — עס געלינגט אינגאַנצן אריינצודרינגען אין דער נישט־ייִדישער געזעלשאַפט און פאַרגעסן לגמרי דעם ייִדישן אָפּשטאַם; מיט שמד צי אָן שמד איז דאָ נישט וויכטיק. אָן שמד איז בלויז גרינגער, עס פאָדערט נישט קיין אָנ־

שטרענגונג פון ווילן. קיין אמתער שטער קען אָבער דער שמד נישט זיין. די שמד־מגפה פון דער יידישער יוגנט אין דייטשלאַנד אין אַנ־הייב פון 19־טן י"ה און אין רוסלאַנד אין צווישנצייט צווישן דער ערשטער רעוואָלוציע און דער מלחמה, קען עס באווייזן. אזוינע „גליק־לעכע" יידן, וואָס דרינגען אריין אין דער נישט־יידישער געזעלשאַפט, בארואיקן זיך, זיי הערן אויף צו רעדן פון קאָסמאָפּאָליטיזם, גלייכהייט וכדומה. רעוואָלוציאָנערע געמיטן ווערן שטילער, קעמפערישער ברען קעגן טראַדיציע ווערט אָפּגעקילט. מען ווערט פארבירגערלעכט. מען איז צופרידן און בארואיקט. ב) אומגליקלעך קען זיך דאָס שפּיל אין גויים ענדיקן דורך אנטוישונג אין דער אסימילאַציע. עס קומט דעמאָלט אַן עקספּלאָזיע פון יידישקייט. א סך אזוינע ביישפּילן האָבן געגעבן די פּאָגראָמען אין די זיבעציקער און אכציקער יאָרן אין רוסלאַנד. פּינס־קערס „אויטאָעמאַנציפּאַציע", די בילויים, הערצלס „יידנשטאַט", אלע זענען זיי א תולדה פון אזא עקספּלאָזיע. אין זיין בוך יידן און פעלקער פּסיכאָלאָגיע האַלט פּראָפ. פּ. שניאורסאָן אזא עקספּלאָזיע־יידישקייט פאר א פּאָזיטיווע דערשיינונג. איך מיין פארקערט, אז אזא יידיש־קייט איז נישט קיין געזונטע. דער צולהכעיס גייט פארביי און די איינגעוואָרצלטע געוווינהייטן בלייבן. אין איניקע פאַלן האָט דער אויפּרייס פון שפּיל געפירט ביז פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען און אויך צו זעלבסטמאָרד.

דאָס נאָרמאַלע, נאַטירלעכע שפּיל פאר יידן איז דאָס שפּיל אין גויים. ווען דרויסנדיקע מניעות דערלאָזן נישט דערפירן דאָס שפּיל ביז צום געגאַרטן סוף, ווען עס קומט צו אן אויפרייס, הייבט זיך זייער אָפּט אָן א שפּיל אין יידישקייט, א שפּיל צו פארמאַסקירן דעם ערשטיקן דראַנג פון יידישקייט. דאָס איז א קאָמפּענסאַציע־שפּיל. אָט דאָס שפּיל אין יידישקייט האָט פארשידענע וואַריאַציעס. אָבער אלע האָבן זיי געמיינזאַמע שטריכן: עס איז שרייאיק, א סך שרייאיקער און טומל־דיקער איידער דאָס ערשטיקע און טיפערע שפּיל אין גויים. דאָס שפּיל אין גויים איז מער כלפּי פנים, אין זיך, אין דער היים; דאָס שפּיל אין יידן איז איבערהויפּט כלפּי חוץ — צו ווייזן אנדערע און איינרעדן זיך אויך, מען דאַרף זיך צוגעבן מוט. אלע פאָרמען פון שפּיל אין

יידן זענען שטארק נעגאַטאַריש. אַלע מוזן זיי לייקענען און אָפּוואַרפן זייער אַ סך עלעמענטן פון יידישקייט. קיינע פון די „געשפּילטע יידישקייטן" נעמט נישט אָן אַלץ וואָס עס איז יידיש. מיר זענען טאַקע יידן, אָבער נישט קיין „פשוטע", מיר האָבן אַ סך פונקטן, וואָס טיילן אונדז אָפּ פון אַלע יידן. מיר זענען ציוניסטישע, יידישיסטישע, העברעאיסטישע, וועלטלעכע, רעפאָרמירטע אאַז"וו אאַז"וו אָן אַ סוף. און אַלע די יידישקייטן באַשטייען אָפּט אויף זייער נעגאַציע מערער איידער אויף זייער פּאָזיטיוון אינהאַלט. אין דער נעגאַציע פון טיילן יידישקייט ליגט די קאָמפּענסאַציע. עס הייסט: נישטאָ וווהין צו לויפן פון יידישקייט בכלל, בלייב איך אין יידנטום און איך אַנטלויף פון די אומגעוווּנטשענע טיילן. די נעגאַציע איז אַן אמתע, אַ שטאַרקע, אָבער שרייאיק איז די פאַרקערטע זייט, דאָס פּאָזיטיווע, דאָס אָנערקענטע. דאָס איז די פּאָן וואָס מען טראָגט פאָרויס און וואָס עס גיט די באַרעכטיקונג צו נעגירן און אָפּצוּוואַרפן.

אַלע געשפּילטע יידישקייטן האָבן אַ סך עפנטלעכע צערעמאָניעס, טעאַטראַלישקייט, ווייל די געשפּילטע יידישקייטן זענען דאָך בפרהסיא־זאַכן.

אַזוי אַרום האָבן מיר אין לעבן פון היינטיקע יידן, וואָס זענען אַוועק פון דער טראַדיציע אַ טאָפּל שפּיל: מען לעבט מיטן דראַנג צו נישט־יידישקייט און מען לעבט זיך אויס אין רייד און שפּיל מיט יידישקייט, כדי צו קאָמפּענסירן דעם הויפּט־דראַנג. די יידישקייט איז אַ קלוב פון פאַרוויילונג־יידישקייט. אין דערציאונג קען מען זיך צוליב דער דאָזיקער קלוב יידישקייט פאַרגינען אַ ביסל צוגאָב לערנען וועגן יידן כל־זמן מען האַלט נאָך אין שפּילן זיך אין זיי. ווען די קינדער וואַקסן אונטער און מען נעמט שוין די זאַכן ערנסטער, פאַרוואַרפט מען די יידישע דערציאונג. בכן איז יידישקייט אַ שפּיל פאַר קליינע קינדער און אַ קלוב־זאַך פאַר אַלטע.

דאָס שפּיל אין יידישקייט איז אין אַמעריקע מער פאַרשפּרייט ווי ערגעץ אַנדערשוואו. אַלע מאָל איז דאָס קאָמפּענסיר־שפּיל פאַרשפּרייטער דאָרט, וווּ די פיזישע נויטן זענען מערער באַפרידיקט.

א. גאַלאָמב

בכן האָבן מיר פאַר זיך אין יידישן לעבן עטלעכע גראַדאַציעס יידישקייטן:

1. נאַטירלעכע, געירשנטע פאָרמען אין גאַנג מיט דער טראַדיציע;

2. געיאָגט פון דראַנג צו נישט־יידישקייט מיט א „גליקלעכן" סוף — עס געלינגט אוועקצוגיין פון יידן און מען באַרואיקט זיך;

3. כל־זמן דער ענד־ציל פון דראַנג איז נאָך נישט דערגרייכט — עס איז נאָך באַשערט צו בלייבן א ייד, גייט אָן די שפּיל אין גויים;

4. איז אויך די שפּיל געזעלשאַפטלעך דיסקרעדיטירט, נישט געוויינטלעך אָנשטענדיק אין דעם געגעבענעם סעקטאָר פון פאָלק, נעמט מען דאָן אָן דאָס שפּיל אין יידן, וואָס סוף־כל־סוף שטערט עס נישט דעם ערשטיקן דראַנג, עס פאַרשטעלט אים נאָר, עס קאָמפּענסירט אים מען זאָל אים נישט אַזוי אַרויסזען, ער זאָל נישט אַזוי שטעכן די אויגן.

אָט דאָס דאַזיקע שפּיל, וואָס יידן שפּילן, איז פאַטאַל פאַר דעם כאַראַקטער פון יחידים און במילא פאַר די מאַסן יידן. א מענטש, וואָס לעבט א געשפּילט לעבן, האָט נישט קיין אייגענע פעסטע מיינונג, קיין אייגענעם גערויאַנק און בכלל נישט קיין „איך". אַזאַ מענטש רעדט תמיד נאָר דאָס, וואָס ער מיינט, אַז דאָס דאַרף „קליידן", דאָס פּאַסט פאַר די וועמען ער וויל שפּילן, צו וועמען ער וויל זיך צופּאַסן. פאַראַן צווישן זיי אַזוינע ווירטואָזן, וואָס דערשפּירן פאַרויס וואָס עס וועט היינט היינט פּאַסן צו רעדן, אין וואָסערע גערדאַנקען מען דאַרף זיך היינט אויספּוצן. דאָס זענען „די נביאים פון היינט". און קיין פּאַטאָס פעלט נישט. אָבער די דאַזיקע מענטשן האָבן דאָך נישט קיין „איך", קיין נשמה פאַרמאָגן זיי דאָך נישט! קיין שום שעפערישקייט, קיין שום זעלבסטשטענדיקייט איז שוין דאָ נישט מעגלעך. זיי קענען זיין זייער אַקטיוו, דערפינדעריש אפילו, אָבער נאָר אין די געביטן ווו אַנדערע זענען די איניציאַטאָרן. זיי קענען אַרויסגעבן די גרעסטע צאָל פּרייזנעמערס, אָבער אַלץ נאָר ווי אויספירער, ווי אויסטייטשער, נישט ווי שעפער. זיי קענען אויסבויען שטעט און לענדער, אָבער נאָר דאָרטן, ווו אַנדערע האָבן אָנגעהויבן, געוויזן א וועג. זיי קענען זיין די בעסטע פּאָלינלאָטן, זיי קענען אַריינלעבן זיך אין אַלע פעלקער און סיטואַציעס.

אלץ דערפאר, ווייל זייער אייגענער „איך" שטערט זיי נישט אריינצו־דרינגען אין אלע פרעמדע „איכן". זיי קענען שפילן אלעמענס ראָלן, ווייל אין זיך פארמאָגן זיי גאָרנישט, — א גייסטיקן וואקום*) ווען אזוי־נע מענטשן בלייבן אליין, אָן דעם סטימולירנדיקן מוסטער, פארלירן זיי דעם מוט און ענערגיע, זיי ווערן אפאטיש, די שטימונג — געדריקט. זיי רייסן זיך אָפט צו עפּעס א געזעלשאפט, אפילו ווען מען האָט זיי נישט גערן. נאָך מערער, אפילו ווען זיי זענען נישט שטארק באגייס־טערט פאר דער געזעלשאפט — זיי קענען נישט זיין אליין. זיי האָבן קיין שטענדיקייט און אויסגעהאלטנקייט אין קיין זאַך. זיי רעדן נישט דאָס, וואָס זיי רעדן, נאָר לויט דעם צו וועמען זיי רעדן. טיף אין הארצן האָבן זיי נישט קיין דרך־ארץ פאר זיך אליין. און טאקע דערפאר קעמ־פען זיי מיט אזא אימפעט פאר א ברעקעלע כבוד און פאר א פּיצעלע אנערקענונג.

אזוינע מענטשן זענען פאראַן אין אלע געזעלשאפטן. ביי יידן איז זייער צאָל א סך גרעסער און ספּעציעל זענען זיי צאָלרייך צווישן די מאָדערנע יידן, אזוי אזא זיי כאראקטעריזירן דעם גאנצן כלל. (5)

דאָס מוז אונדז פירן צו:

1) א לעבן אין אָפּהענגיקייט אויף אלע געביטן; 2) צו א פאר־טושונג פון אייגענעם גייסטיקן פּרצוף; במילא מוז פון דעם ארויסקו־מען א נעגאטיווע באציאונג פון אלע אנדערע צו אונדז.

אזוי ארום איז דער גורל פון יידישן פאָלק דורך זיין גאנצער גע־שיכטע דיקטירט, קודם־כל, פון אינעווייניקסטע נאציאָנאל־פּסיכאָלאָגי־שע פאקטאָרן, וואָס זענען איינגעפלאָנצט אין נאטור פון יידישן מענטשן, אָדער וואָס זענען געקומען אלס רעזולטאט פון זייער מצב. די דרויסנדיקע מאָמענטאנע סאָציאל־פּאָליטישע באדינגונגען און סי־טואציעם זענען אלע מאָל געווען פאקטאָרן פון סעקונדערן כאראקטער.

---

*) אונדזער וואונדערבארער משלים־שרייבער א. שטיינבארג האָט עס געשריבן וועגן שפּיל: „דו ביסט דער און יענער און יעדער איינער, ווייל אליין ביסטו נישט קיינער".

פונקט ווי אין ביאָלאָגיע זענען מאָסגיביק נישט די פענאָלאָגישע השפּעות פון דער סביבה, נאָר די גענאָלאָגישע געירשנטע אייגנשאַפטן פון אָרגאַניזם. די געשיכטע פון א פאָלק און זיין כאַראַקטער זענען צוויי זייטן פון איין מטבע. און אויך ענדערונגען אין דעם גורל פון פאָלק אויף ווייטער קענען געלינגען בלויז ביי געהעריקע ווירקונגען אויף די „גענאָטיפּישע" פאַקטאָרן אין פאָלקס־כאַראַקטער.

עס שטעלט זיך א פראַגע: אויב יידן ליידן א גאַנץ לעבן פון א דראַנג צו אַנטלויפן פון יידישקייט, טאָ ווי קומט עס וואָס פון אַלע פעלקער פון אַלטערטום איז דווקא דאָס יידישע פאָלק געבליבן דאָס אייביקע פאָלק און מער נישט?

ערשטנס, — אייביק איז נישט דאָס גאַנץ פאָלק, נאָר קלענערע טיילן זיינע. בלויז מינדערהייטן צווישן יידן זענען דאָס יידישע פאָלק. און אָט די מינדערהייטן קענען דערגרייכן די אייביקייט בלויז א דאַנק שטאַרקער אָנשטרענגונג פון באַוווסטזיין און ווילן. דעם כּוח פאַר דער אָנשטרענגונג האָט תּמיד געגעבן אַן אידעאַל — א גלויבן. צום באַ־דויערן איז געווען דער גלויבן נישט אין זיך, אין פאָלק, נאָר אין גאָט, וואָס איז איבער דעם פאָלק. און אויך ער מוז „כּפה עליהם הר כּגיגית" זיין. יידישקייט איז אַן עול, א דיקטירטע דיסציפּלין אין לעבן. און בלויז אָט די קליינע מינדערהייטן, די ל״ו, וואָס האָבן זוכה געווען איבערצוגעמען די פּשוטע ליבע און געטרייקייט צו פּשוטער פאָלקסטימלעכער שטייגערישקייט, בלויז זיי זענען די טרעגער פון דער אייביקער יידישקייט, נאָר זיי זענען דאָס דער „נצח ישראל" און דאָס יידיש פאָלק.

די גאַנצע יידישע געשיכטע איז דער אייביקער קאַמף אינעווייניק אין פאָלק צווישן דעם דראַנג צו אַנטלויפן פון יידישקייט ביי די מער־הייטן און דעם פאַרעקשנטן ווילן צו היטן יידישקייט ביי די מינדער־הייטן. אַזוי איז דאָס געווען ביז איצט און מן־הסתם וועט אויך ווי־טער זיין אַזוי.

באַמערקונגען

(1) זע „אַסימילאַציע כוואַליעס ביי יידן אין אַלטערטום"

(2) „היהודים האמידים שבברלין עברו במשך שני דורות מדתיות אדוקה ביותר לחירות גמורה מדת ישראל ומכל דת בכלל... אילו היו מוציאים מן הכלל את יהודי פוזנא ואת יהודי אירופה המזרחית שהר־בה מהם נתאזרחו בגרמניה לא היו נשארים בגרמניה אלא יהודים מעטים"... א. רופין, הסוציולוניה של היהודים, ב' 2, תל־אביב, תרצ"ג), ז"ז 138־139.

(5) ל. לערער, יידישקייט און אנדערע פּראָבלעמען, (ניו־יאָרק, 1940), ז"ז 157־208.

(4) אנטוישונג־עקספּלאָזיע פון אסימילאַציע קען פירן צו פּאָזיטי־ווער נאַציאָנאַלער אַקטיווקייט, בלויז ווען אין דער סביבה איז פאַראַן אַזאַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס זאָל קענען צוציען טיילן פון די אַנ־טוישטע אסימילאַטאָרן. פּינסקער, הערצל א"א האָבן די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען נישט געשאַפן קיין יש מאין.

עס איז בפירוש נישט געדרונגען, אַז אַזאַ נאַציאָנאַלע עקספּלאָזיע־יידישקייט קען זיין אַ מאַסן־דערשיינונג. פאַרקערט, איז גיכער אָנצו־נעמען אַז צו אַזאַ עקספּלאָזיע־יידישקייט זענען מסוגל געציילטע יחידים מיט אַ העכערן גייסט. אנטוישטע מאַסן בלייבן פּאַסיוו. בכל אופן איז דאָס צו זען פון דעם לעצטן צענדליק יאָר אין אונדזער געשיכטע.

(5) דער עלעמענט פון שפּיל און פאַרשטעל איז פאַראַן אויך ביי אַנדערע פעלקער. מיר דאַכט זיך, אַז ביי די קאַטוילן איז ער מערער: דאָ איז אָבער דער הויפּט־דראַנג: קאַמף־אינסטינקט. ער אַנטפּלעקט זיך אין אַלע שפּילייעריען, וועט־קאַמפן, פאַרוויילונגען, קאָנטעסטן, געיעגן, צירקן; דער גרעסטער טייל פון זייער קולטור איז סובלימאַציע פון הערש־ און קאַמף־אינסטינקטן. דאָס קריסטנטום האָט אַריינגעטראָגן אַ סך סימבאָלן כדי צו מאַכן שלום צווישן דעם שלאָג־אינסטינקט און טראַדיציע פון בלוטדאָרשטיקן רוים מיט דער יידישער טעקטע און דער טענדענץ פון הכנעה און נאָכגעביקייט. די סימבאָלן מאַכן דאָס גאָר גלאַט. דאָ איז אָבער דאָס שפּיל אָרגאַניש, ביי אונדז איז דער

אָרגאַנישער דראַנג — נאָכצומאַכן, צו זיין נישט־אָרגאַניש, און דאָ איז די טראַגישקייט פון אונדזער לעבן.

סך־הכלען און אויספירן

1. אין זיין לאַנגן לעבן דורך אומצאָליקע דורות האָט דאָס יידישע פאָלק נישט באַגליקט אָנצוואַמלען קיין נאַציאָנאַלע גיטער אין וואָסערע עס זאָלן נישט זיין פאַרטיקע פאָרמעס און זיי היטן און אָפּהיטן אין זייער גאַנצקייט. האָט דאָס פאָלק געזוען דעם זינען פון קאָלעקטיוון לעבן אין איינהאַלטן דעם אייגענעם קולטורעל־מאָראַלישן קאָלקטיוון „איך". די נאַציאָנאַלע קולטור איז ביי יידן בכן תמיד געווען בעיקר דאָס, וואָס אין לעבעדיקע מענטשן, אין די נשמות, אין די מוחות, אין שטייגער. תמיד — דער מנהג, די זיטן, געוווינהייטן פון לעבעדיקע יידן. תמיד איז וויכטיק די שאַפונגס־קראַפט און נישט דאָס געשאַפענע, וויכטיק איז דער פּראָצעס פון שאַפן, נישט די געשאַפענע אָביעקטן, וויכטיק איז דאָס, וואָס איז נאָך אומגעפורעמט, אומבאַוווסט און אייגנאַרטיק, אייגנטימלעך אין די לעבעדיקע יידן, איידער די פּראָדוקטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פריער און זענען געבליבן אין זייער פאַרטיקער געשטאַלט.

יידישקייט איז תמיד אָט דאָס, וואָס שיידט אָפּ די לעבעדיקע יידן פון געגעבענעם דור פון נישט יידן פון זייער צייט. אָט דאָס ספּעציפישעס, באַזונדערע אין דעם געוויינלעכן לעבן פון יחיד און פון כלל, אָט דער סכום אַנדערשקייטן אין זיטן, שטריכן, פירן זיך אין שטוב און אין גאַס, אין דער וואָכן און יום־טוב, פון געבאָרן ווערן ביז דער קבורה, אין גאַנצן שטייגער — דאָס איז יידישקייט. וואָלטן יידן געגעסן חזיר, לאָמיר זאָגן, מיט דער כוונה אָפּצושיידן זיך פון אַנדערע, וואָלט דאָס געווען יידישקייט. וואָס מער אָפּזונדערונגען א ייד היט אָפּ אין לעבן, אַלץ מער ייד איז ער. וואָס מער א ייד באַמיט זיך צו באַווייזן זיין נישט אַנדערשקייט, זיין ענלעכקייט צו נישט־יידן, אַלץ ווייניקער ייד איז ער, מעג ער אידעאיש, דעקלאַראַטיוו זיך האַלטן פאַר דעם בעסטן יידן. דער ספּעציפישער שטייגער איז דער באָדן. קולטור־

רייכער אָדער אָרעמער — דאָס איז די פּרוכט. אָן שטייגער, ווי אָן באָדן, קענען קיין פּרוכט לאַנג זיך נישט האַלטן; וואַקסן און אַנטוויקלען זיך—געוויס נישט. ווער עס וויל יידישע קולטור, דער מוז זאָרגן פאַר א יידישן לעבן, פאַר א יידישן שטייגער. אַמאָל האָט אָט די ספּעציפיש־שטייגערישע יידישקייט געהייסן „תורה שבעל פה". שפּעטער האָט מען דאָס א פאַלשן נאָמען געגעבן „רעליגיע" בשעת אין תוך אריין זענען — נאַציאָנאַלע קולטור־שטייגערישע אייגנטימלעכקייט און רעליגיע לגמרי נישט אידענטיש. היינט וואָלט מען עס געקענט רופן „תורה שבפאָלק". דער יסוד פון דער גאַנצער יידישקייט אין יעטווידער דור איז דאָס פאָלקסטימלעכע אין לעבן פון די פאָלקישע מאַסן, המונים. יעטווידער אַנדער צוגאַנג צו יידישקייט האָט ביז היינט תמיד אָוועקגעפירט פון יידישקייט און במילא אויך פון יידישן פאָלק.

דען אָן אייגנטימלעכער שטייגערישער יידישקייט איז קיינמאָל נישט געווען און עס וועט מסתמא נישט זיין קיין יידיש פאָלק. אָט אויף דעם באַזיס פון פאָלקישער שטייגערישקייט דאַרף יעטווידער דור בויען פון דאָס ניי, איבערבויען אייגנטלעך, זיין קולטור און שטייגער (הלכה און אגדה). און היינט ווי אַלעמאָל איז די מערהייט פון פאָלק גענייגט צו אַנטלויפן פון יידישקייט. היינט ווי אַלע מאָל איז דאָס „יידיש פאָלק" א מינדערהייט צווישן יידן־ערב רב.

2. דער סימן מובהק פון אָרגאַנישקייט אין קולטור־לעבן איז תמיד דאָס, אַז אין דער קולטור און אין לעבן פון היינט זאָל מען שפּירן און זען בחוש דעם דורכגעליטערטן דירעקטן נעכטן אָן שפּרונגען און איבערהיפּן. יעטווידער דור איז מקבל זיין תורה (קולטור און שטייגער, פון דעם פריערדיקן און גיט זי איבער דעם ווייטערדיקן דור אין דער פאָרמע, ווי זי, די קולטור, האָט זיך אויסגעפורעמט אין זיין לעבן. דער גאַנג איז: פון לעבעדיקע יידן צו לעבעדיקער ביי זיי יידישקייט און ערשט פון דאַנען צו דער ווייטערדיקער „תורה שבכתב", צו קולטור וואָס אין ביכער און וואָס איז שוין, נישט דירעקט פאַרבונדן מיט דעם לעבן פון די לעבעדיקע יידן. אָן דעם באַזיס פון לעבעדיקער שטייגערישקייט איז אָט די קולטור שבכתב מער נישט ווי

א צירונג, מיט וואָס מען קען זיך אויספּוצן, אָבער נישט לעבן אין איר זכות.

3. דער ווייטיקסטער גייסטיקער יסוד פאַרן קיום פון פאָלק און זיין קולטור־מאָראַלישן פּרצוף איז דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־אַכטונג. עס קען נישט זיין קיין יידיש פאָלק, קיין שבט, קיין קיבוץ יידן, וואָס זאָל קענען האָבן א קיום אָן דעם ער זאָל אַכטן און שעצן זיין נאַציאָנאַלן קולטור־מאָראַלישן „איך". זינט דער השכלה און דער ליי־בעראַלער אסימילאַציע אין אייראָפּע האָבן יידן אין דראַנג צו אַנט־לויפן פון יידישקייט און פון יידן, פון יידישער שטייגערישקייט און פון געזעלשאַפטלעכקייט, גענומען מיט אַלע כוחות לויפן פון דעם אייגענעם „איך". ווילנדיק זיך באַפרייען פון יידישע צרות, האָט מען קודם כל געדאַרפט זיך באַפרייען פון יידישקייט. צוליב דעם האָט מען דאָס נעדאַרפט אויסוואָרצלען ביי יידן דאָס געפיל פון אַכטונג צו יידן. מיט אַמאָל איז „אתה בחרתנו" געוואָרן די גרעסטע קראַנקהייט. ווייל דער אידעאַל איז געוואָרן אויסיידישן זיך, אסימילירן זיך, האָט מען קודם כל געמוזט ביי יידן באַטויבן דאָס געפיל פון אייגענעם „איך", וואָס קען שטערן דעם כסדרדיקן נאָכטאָן און נאָכמאַכן. אָט דאָס איז די געשיכטלעכע כוונה פון דער גאַנצער משכילישער קריטיק פון יידישן לעבן, דער ציל פון דער גאַנצער מלחמה פאַר „דער הימלס טאָכטער", בילדונג.

אָט דאָס געפיל פון נאַציאָנאַל־מענטשלעכער זעלבסטאַכטונג פעלט ביי מאָדערנע יידן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג. אמת, אין ווערטער קען מען הערן דאָס פאַרקערטע, אָבער דאָס געפיל דריקט זיך אויס נישט אין דעקלאַראַציעס, נישט אין מעלדונגען, נישט אין פאַטעטישע אויסרופן און רעדעס. דאָס געפיל ליגט בלויז אין מעשים, אין דעם פיר. דאָס אַכטונג־געפיל איז תמיד פּראָפּאָרציאָנעל צו דער גייסטיק־מאָראַלישער זעלבסטשטענדיקייט. דאָס געפיל ליגט אין דער ווידער־שטאַנדיקייט צו פרעמדע קולטור־השפּעות, אין דעם עקשנותדיקן האַלטן זיך אָן דער אייגענער טראַדיציע. וואָס מער זעלבשטענדיקייט, מער אַכטונג צו זיך און פאַרקערט. פראַזעס און דעקלאַראַציעס פאַר־

פלאַנטערן בלויז די אמתע פאַרהעלטעניש. איז דער פּאַקטישער זינ־גער פון „מה יפית" געווען אינערלעך מאָראַליש מער שטאָלצער מענטש איידער זיין געבילדעטער אור־אייניקל, וואָס קריצט מיט די ציין ווען „מה יפית־ייִד" און האַלט אין איין מורא האָבן טאָמער וועט מען דערקענען אין אים זיין יידישקייט. („קנעכטשאַפט אין פרייהייט" — אחד העם).

4. אַט דאָס געפיל מוז תמיד און איבערהויפּט איצט, ווען די קורצע תקופה פון טאָלעראַנץ און אסימילאַציע־גליקן איז פאַרענדיקט כמעט אומעטום, ווערן א יסוד פון דער גאַנצער קולטור־ און דערציִ־אונג־טעטיקייט, דאָס דאַרף זיין איינער פון די תכליתים פון דער סאָ־ציאַל־פּאָליטישער טעטיקייט. בלויז שטאָלצע און פעסטע אין זייער יידישקייט י י ד ן וועלן קענען האָבן א קיום ווי מ ע נ ט ש ן. אַלע אַנדערע וועגן פאַר א מענטשלעכן קיום זענען באַנקראָט אָדער וועלן מאָרגן זיין באַנקראָט. בלויז פעסטע און שטאָלצע יידן וועלן קענען שאַפן זיך מעגלעכקייטן פון מענטשלעכן לעבן, אָדער זיי וועלן זיין מאָראַליש מענטשן אויך אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען פון דער אייראָפּעאישער „קולטור". צום באַדויערן פעלט נאָך היינט אָט דאָס מענטשלעכע געפיל פון שטאָלץ און נאַציאָנאַלע זעלבסטאַכטונג. קיין איין יידישע ריכטונג פאַרמאָגט זי נישט. דער גאַנצער מענטשן־מאַטעריאַל פאַר די ריכטונגען טראָגט אין זיך דעם דראַנג צו אינדיווי־דואַליסטישער צעשטויבונג, ווי מאָלעקולן פון איין גאַז דיפונדירן אין א צווייטן.

5. דער „בונד" איז א יידישע פּאַרטיי אָן א פּראָגראַם פון א יידישן מאָרגן. אויף וויפל עס איז היינט צו טאָג פאַראַן א יידישקייט, איז דאָס דערלויבט אויסצונוצן אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי־טעטי־קייט. דער יידישער אידעאַל איז „גלייכע רעכט", אין תוך אריין דאָס זעלביקע וואָס די בורזשואַזע עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג. ווי אַלע אַנדע־רע שטרעבונגען צו „גלייכע רעכט" פון בורזשואַזן אָדער פּראָלעטאַ־רישן כאַראַקטער, איז אויך די אין תוך א שטרעבונג צו געבן דעם יחיד א מעגלעכקייט צו לעבן אויסער די ראַמען פון יידישן קאָלעקטיוו.

„גלייכע רעכט" פאַרן יחיד אָן צו באַזאָרגן די רעכט פון יידישן קאָלעקטיוו איבער דעם יחיד איז תמיד געווען און געבליבן די פאָרמול פון אסימילאַציע. קיין אידעאַל פון יידישקייט, פון א יידישן פאָלק, פון א יידישן פראָלעטאַרישן פאָלק איבער די גרעניצן פון איין מלוכה — דאָס פאַרמאָגט דער „בונד" ביז צו היינטיקן טאָג נישט. איז במילא נישטאָ קיין מזל ברכה אין די אויפטועז פון „בונד".

6. א) דער גרויסער און שטאַרקער ציוניזם ווייל פאַרבינדן דעם מאָרגן פון פאָלק מיט זיין אייערנעכטן, איבערהיפנדיק דעם דירעקטן נעכטן. אין דעם איבערהיפּן שטעקט א גרויסע סכנה. דורך דעם ווערט איבערגעריסן די אָרגאַנישע המשכדיקייט צווישן דורות און דאָס ווידער שטעלט אין סכנה דעם קיום פון פאָלק ווי אזא. יעטווידער ריס פאַרהיילט זיך נישט ביי יידן.

ב) דאָס איבערהיפּן דעם קולטור־נעכטן איז פאַרבונדן מיט א געפיל פון אומאַכטונג צו דעם פאָלק פון דעם נעכטן. דאָס ווידער שאפט א סכנה אז אויך ווייטער וועט זיין אכטונג צו אלץ וואָס איז נ י י ביי יידן און ווי נאָר דאָס נייע הערט אויף צו זיין ניי, ווי נאָר דאָס ווערט היימיש־יידיש, אזוי באַלד פאַרלירט מען די אכטונג אויך צו דעם, ווייל עס איז שוין יידישלעך. דאָס שטעלט אין סכנה אויך די נייע יידישקייט, וואָס דער ציוניזם שאפט. איז דער ציוניזם די גרעסטע, די אַלגעמיינסטע און די בולטסטע יידישע באַוועגונג צו זיך, ווי צו יידן. אָן דער מאָראַלישער גאולה פון אומאַכטונג צום פּראָסטן לעבעדיקן גלותדיקן יידן, קען נישט קומען די גאולה פון גלות.

ג) און ווייטער, — שטעלט דער ציוניזם זיין גלויבן אויף א י י ן צענטראַלן פונקט. איינער און מער קיינער. אָדער דאָ אָדער אין ערגעץ נישט. אלץ מוז זיין קאָנצענטרירט אין אָט דעם פונקט און אלץ אויסער דעם איז במילא גאָרנישט. די געשיכטע פון פעלקער, און איבערהויפּט די גאַנצע יידישע געשיכטע, דער זינען פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע איז קאַטעגאָריש קעגן אזא צוגאַנג. מען דאַרף לגמרי נישט זיין קיין פאַרביסענער ניין־זאָגער צו זען באַשיינפּערלעך, אז אָן א שטאַרקן און א נאַציאָנאַל־מאָראַליש פעסטן פאָלק אין דער וועלט, וועט זיך נישט קענען האַלטן א יידיש ל א נ ד .

קיין אנדערע ריכטונגען קומען בכלל נישט אין באטראכט.

7. אויך די ריכטונגען זענען אין תוך אריין נישט שולדיק: זיי זענען אזוינע, ווי יידישע מענטשן זענען. וואס עס איז נישטא אין די נשמות פון יידישע מענטשן קען מען נים פארלאנגען פון די פארטייען.

און מחאי טעמא איז קלאר: עס איז געקומען אויף אונדז דער שרע־קעוודיקער נביאישער „יום יי״ — גאטס טאג, און מיר זענען צו זיך נישט געקומען. גרויסע צייטן האבן נישט אויפגעוועקט קיין גרויסע געדאנקען, נישט געבארן קיין גרויסע אידעען. א וועלט איז אויפגע־שטאנען אויף אונדז להשמיד ולהרוג און דווקא די, וואס בלייבן אין אט דער וועלט, זענען געבליבן זיך האלטן מיט דעם צעבראכענעם מול־טער.

8. און צום שוואכסטן האט זיך דא ארויסגעוויזן די אזוי גערו־פענע „יידיש־וועלטלעכע״ ריכטונג. זי איז אייגנטלעך געווען באשטימט צו ברענגען אט די מאראלישע גאולה פון וועלן אנטלויפן פון דער יידישער היימישקייט. זי איז דאך יידיש — ד״ה היימיש, פאלקיש, פאלקסטימלעך, זי נעמט בכן אריין די גאנצע שטייגערישע טראדיציע און פארוועלטלעכט זי. דאס איז דאך די היסטארישע אויפגאבע פון אט דעם נאמען. ארויסגעוויזן האט זיך, אז די גאנצע באוועגונג אין אייגנטלעך געווען א קאנגלאמעראט פון אלערליי ריכטונגען און יעט־ווידער איינע האט געצויגן צו זיך. עס איז אבער נישט געווען קיין עפעס אלגעמיינס וואס זאל די אלע ריכטונגען ברענגען צו איין שטראם, ווי דאס איז געווען למשל אין ציוניזם. פאר א גרויסן טייל פון די ריכטונגען איז דער נאמען „יידיש־וועלטלעך״ געווען בלויז א נאמען אן אן אינהאלט, אן א „ריכטונג״, אן א אידעע אויף ווייטער. פאר א גרויסן טייל פון די אנהענגער איז דער באגריף —„יידיש־וועלט־לעכקייט געווען איבערהויפט א נעגאטיווער. בכלל זענען אלע יידישע מאדערנע באוועגונגען שטארקער אין זייער נעגאציע: ארץ־ישראל — ווייל גלות איז פארמיאוסט און פארהאסט, נייער ייד, — ווייל די אל־טע טראדיציאנעלע יידישקייט איז נישט ליב, נייע שפראך ווייל יידיש איז שלעכט דערמיט ווייל עס איז יידיש. אלע מאדערנע באוועגונגען ביי יידן שטאמען פון אט דער נעגאציע צו יידישקייט. אלע מאדערנע

באַוועגונגען פון דער השכלה אָן האָבן פון איר גערירשנט אָט די נישט אַכטונג און שנאה צו יידישער טראַדיציע. אויך די יידיש־וועלטלעכע באַוועגונגען. וועלטלעכקייט באַטייט נישט רעליגיעזקייט. היות אָבער דאָס גאַנץ יידיש לעבן, דער גאַנצער שטייגער איז ביי יידן פאַרהייליקט געוואָרן, איז וועלטלעכקייט געוואָרן אַ מאָטיוו אָפּצוּוואַרפן אַלץ, וואָס שטאַמט פון יידישן שטייגער. וואָס אָבער יאָ? וואָס איז דער פּאָזיטיווער אינהאַלט פון וועלטלעכער יידישקייט, — דאָס איז ביז היינט נישט פאָרמולירט, פּאַקטיש ווערט עס פון קיינעם נישט געזוכט. איז מען יוצא מיט איבערזעצן עפּעס אויף יידיש און גענוג.

„יידיש" מיינט קודם כל נעגאַציע צו אַלץ, וואָס שטאַמט פון העברעאיש. און בנוגע צו יידיש איז קען מען יוצא זיין מיט יידיש אויף אַ פאַרזאַמלונג און גענוג. וועלטלעכע יידישקייט האָט קודם־כל באַרעכטיקט דאָס באַפרייען זיך פון אַלערליי מצוות, פון התחייבותן בכלל צו יידישקייט, באַפרייען זיך פון „יאָך" פון יידישקייט. „פריי" מיינט קודם כל פריי פון חובות צו יידישקייט. האָט פאַר די אַקטיווע יידיש וועלטלעכע יידישיסטן יידישקייט באַטייט דאָס, וואָס עס איז פאַראַן ביי אַנדערע, דאַרפן מיר עס האָבן אין יידיש. קיין פּאָזיטיווע יידיש־וועלטלעכע פּראָגראַמען ווי צו בויען אַ יידיש לעבן אויף דער וועלט זענען ביז היינט נישט געשאַפן געוואָרן. ווערט גענומען געשאַפן, אַרבעט מען, שטרענגט מען זיך אָן, גייען אַרויס ביכער, האַלט מען שולן, — אַלץ אָבער אין די ראַמען פון די פאַראַנענע פאַקטן, אין די נאָרמען פון דעם פאַראַנענעם. אָבער פּראָגראַם, ריכטונג, אידעאַל, שטרעבונג, באַגריף וווּהין די אַרבעט דאַרף פירן, צו וואָס די וועלטלעכע יידישקייט דאַרף פירן — דאָס אַלץ פעלט. גייט אַ שיף איבער צעברויזטע, צעיושעטע ימים אָן אַ קלאָרן וועג, אָן אַ קאָמפּאַס, אָן אַ זויסן וווּהין. שיפן בלאָנדזשען איבער ימים.

9. און דאָס נעמט זיך נישט דערפון, וואָס צווישן די ריכטונגען, צווישן די טרעגער פון די ריכטונגען האָט אויסגעפעלט פאַרשטאַנד, באַגריפן, וועלט־באַנעם? ניין. אויסגעפעלט האָט בסך הכל עפּעס אַנדערש — אַ ביסעלע יידישער אימפּעט, אַ ביסל אָרגאַניש שטאַרקע

פאָלקיש־יידישע זעלבסטאַכטונג, א ביסל אמתע אָרגאַנישע ליבע צום פּראָסטן יידן און צו זיין פּראָסטער יידישקייט.

האָבן אַלע באַוועגונגען ביי יידן, וואָס ציען פ ו ן אָט דעם פּראָסטן פאָלקישן יידן געהאַט מוט, און אימפּעט, און שווונג. האָט דווקא די באַוועגונג וואָס דאַרף אָט דאָס פאָלקישע אין יידן דערהויבן צו גאַציאָנאַלע, וואָס דאַרף (איר זינען איז דאָ!) אָט פון דעם המונישן פּראָסטן יידן און פון זיין יידישקייט בויען די גאַנצע פּראָגראַם פון לעבן און קיום, — האָט דער באַוועגונג פאַרפעלט כוח און מוט, פאַר־פעלט נשמהדיקע פּאָטענץ.

איז דער יידישיזם אָפּט געוואָרן דער היפּוך פון דעם, וואָס ער האָט געזאָלט זיין — אסימילאַציע מיט א ביסל יידיש רעדן אויף פאַרזאַמלונגען. רעדערייען וואָס זענען אָפּט יידישע ווערטער אָבער נישט קיין יידישער אינהאַלט. רייד געבאָרגטע, אויסגעליענע, איבער־געזעצטע געדאַנקען, רייד וואָס האָבן נישט קיין וואָרצלען נישט אין יידישן לעבן, נישט אין יידישע ווערק. רייד אין יידישן לשון, וואָס אפילו דער זאַץ־בוי קלינגט נישט יידיש, פון דער פרעמד פאַרשלעפּט, אָבער יידיש וואָס איז נישט געשעפּט אין יידישע ברונעמער, רייד צו די מאַסן, אויף וויפל זיי, נעבעך, רעדן נאָך אויף יידיש, אָבער נישט רייד, וואָס וואַקסן פון נשמה פון פאָלק... א אידעע, וואָס האָט זיך אליין פאַרלאָרן.

די אַלטע טראַגעדיע: א סך פּאָטענציעלע כוחות אין לעבן פון פאָלק און די עלעמענטן פון פאָלק, וואָס זיי זענען מחויב אָט די כוחות אין שעפערישער קינעטיק פאַרוואַנדלען, — די עלעמענטן האָבן נישט דעם געהעריקן געפיל צו אָט די כוחות אין פּאָטענץ און זיי שטייען און זוכן מוסטערן ערגעץ ווו און ערגעץ פון וועמען. און אז קיין מוס־טערן פון אזא באַוועגונג זענען ביי אומות העולם נישטאָ, דאַרף מען אליין ברעכן א וועג, איז נישטאָ ווער. כצאן בלי רועה.

פעלן אין אָט דער וועלטלעכער יידישקייט צוויי יסודות: א) עס פעלט דער מאָרגנדיקער אידעאַל. דאָ גייט נישט אין עפּעס פאָרמולעס, פאָרמולירונגען. דאָ גייט אין דער עצם אידעע, פאָרשטעלונגען ווי דאַרף אויסזען, ווי ווילן מיר עס זאָל אויסזען דער יידישער מאָרגן,

נאָך דעם ווי מען וועט שוין, לאָמיר זאָגן, אויפהערן שלאָגן יידן; ווי דארפן די יידן גופא בויען און אָרגאַניזירן זייער מאָרגן; וואָס דארפן יידן טאָן כדי מען זאָל זיי נישט שלאָגן. — נישטאָ אזוינע פאָרשטע־לונגען, אידעען ביי יידיש־וועלטלעכע קרייזן. ב) און צווייטנס פעלן דאָ „מצוות מעשיות". יעטווידער באוועגונג האָט איר „שלחן ערוך", וואָס איז מחייב די אידעען־טרעגער אין זייער גאנצן לעבן, אין שטוב און אין געזעלשאפט. מיט סתם „האלטן פון איר" קען מען נישט יוצא זיין לגבי א ריכטונג. און דווקא די יידיש־וועלטלעכע ריכטונג, וואָס פרעטענדירט אייגנטלעך אויף איינצוהאלטן א יידיש ספּעציפיש־קייט, א יידישע אייגנטימלעכקייט, דווקא פאר אָט דער ריכטונג זענען „מצוות מעשיות" וויכטיקער. דען זיי דארפן דאָך עס שאפן דאָס יידישע ביי די יידן, וואָס לעבן צעשפּרייט צווישן נישט יידן. עס פעלט דאָ אין די קרייזן ווי די „תורה", אזוי אויך די „עבודה".

ווען מען קוקט זיך גוט צו צו די טואונגען, צו די אויפטוען און אונטערנעמונגען פון די יידיש־וועלטלעכע גרופּירונגען, דוכט זיך אָפּט, אז די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע סטימולן זענען דאָ נישט קיין אָרגאַני־שע. ד"ה נישט זיי שטאמען פון דער יידישקייט וואָס איז טראַדיציאָנעל טיף ארייננגעלעבט אין די טוער און זי, אָט די איינגעוואָרצלטע יידישקייט, זוכט פאָרמען פון אויסדרוק, פון שאפן, נאָר עס ברענגט צו דער אקטיווקייט דער פארלאנג צו שאפן זיך, דאָס, וואָס עס פארמאָגן אנדערע... דורך דעם וואָס יידן ווילן זיך איינשאפן ביכער אויף די אלע געביטן נישט באזאָרגנדיק פון פריער אזא שטייגער לעבן, וואָס פון אים זאָלן ארויסוואקסן דער באדארף צו די ביכער, — אזוינע ביכער זענען בלויז פּאָליציי־ביכער און נישט קיין קולטור פון א פאָלק, נישט קיין יידיש־וועלטלעכע קולטור. און אין אָט דעם צוגאנג צו פּראָ־בלעמען פון יידישן לעבן אין קולטור ליגט א סכנה פון באנקראָט פון גאנצן יידיש־וועלטלעכן געדאנק. דער געדאנק וואָס האָט באדארפט שעפּן דעם גייסטיקן מהות פון יידישע יידן, פון אל דאָס יידישעס און דאָס פורעמען אין וועלטלעכע פורעמס, — דער געדאנק האָט פאר־לאָרן זיינע נאטירלעכע קולטור־קוואלן און איז אוועק אין די וועגן פון דער השכלה „צו ברענגען קולטור אין די געצעלטן פון ישראל".

אזוי ארום קומען מיר צו גאר נישט קיין פריילעכע אויספירן: אלע יידישע באוועגונגען זיינען נישט קיין ריינע. זיי זיינען איבערפולט מיט נעגאציע און מיט פרעמדע מיסט־גראזן, וואס פארמינערן די פרוכטבאר־קייט פון די באוועגונגען. פארמינערן שרעקלעך, אפט ביז צו לײדיקע שייערן און שפייכלערס. די באוועגונגען אלע זיינען צונויפגעפלאכטן מיט פרעמדע פעדים פון נאכטאן, פארמינערן דאס אייגנטימלעכע. אבער לעבן מיט א פרעמדן שכל איז אוממעגלעך און דעריבער האבן מיר א קנאפן מזל ברכה אין אונדזער גאנצער פאליטיש־קולטורעלער אקטיווי־קייט. מיר האבן נישט קיין דרייסטקייט צו זאגן וואס מיר זאגן מיטן פולן מויל, קיין מוט נישט — צו טראכטן וואס מיר טראכטן מיטן גאנצן הארצן. אונדזערע אידעעס זיינען קיינמאל נישט בבחינת „כל עצמותי תאמרנה" און אין אונדזערע געדאנקען דערגרייכן מיר קיינמאל נישט צו דער מדרגה פון א „און איך לוי יצחק בן שרה זאג..." דען מיר האבן מורא צו דענקען אליין, צו לעבן אליין, אויסצוהאדעווען אליין אונדזער אייגענעם וועלט־באנעם. און אט האט גאט פארשלאסן פאר אונדז דעם מדבר פון דער וועלט דער גארער. מצרים בייזע פון הינטן, א מדבר ארום און א ים מיט קלוגע און גוטע און זיסע רייד פון פארנט... קלויב אויס. און א פאלק שטייט, טובלט זיך אין צרות און אין רעזאלוציעס, זוכט אין אלע ווינקעלעך ארום א גוט ווארט, א בלומרשטן טרייסט, א פאלשן קרעכץ און עס איז נישטא קיין משה, וואס זאל זאגן: גייט, און אז איר וועט גיין, אז איר וועט וועלן גיין, וועלן אויך ימים אייך נישט אפהאלטן...

נישטא קיין איין יידישער קיבוץ אויף דער וועלט, וואס זאל לעבן א נארמאלן גייסטיק זיכערן און פעסטן לעבן, וואס ווייסט וואס ער וויל און לעבט מיט א ווילן צו לעבן, צו לעבן און לעבן. גרויסע טיילן פון פאלק, פון פארשיידענע ריכטונגען און פארטייען, גרויסע מאסן גארן פטור צו ווערן פון יידישקייט, בענקען נאך רעכט צו ווערן אויס יידן, איבערצוריייסן יעטווידער פאדעם. און זיי לייקענען דאס, און זיי קליגן זיך אויסצוטראכטן אלערליי טעאריעס, אלערליי פראזעס, אלער־ליי אידעאלאגיעס כדי צו פארבארגן, אט דעם אינעווייניקסטן אינטימען

דראנג. אין אלץ באהערשט פון א גרויסן ליגן, דאָס מויל זאָגט איינס און דאָס הארץ — עפּעס אנדערש און ליגן פארבאָרגענער ווערט — כאראַקטער, ווערט מאַראַלישער פּרצוף... און זינגענדיק מיטן מויל צו אלערליי מינים געטער פון אויפשוווּנג, גייט מען לויט די באַנערן פון הארצן — צום אומקום. און אויפן וועג פארלירן יידישע מאסן זייער יידישע קולטור און צוזאמען מיט איר פארלירן זיי קולטור בכלל. ווערן גרויסע יידישע קבוצים, גרויסע יידישע מאסן פארוואנדלט אין אמאָרפן מענטשן־שטאָף אָן דער פּאָטענציעלער ענערגיע, וואָס א לעבן פון א פאָלק אין טויזנטער יאָרן האָט געשאפן. ווערט דאָס פאָלק אויס פאָלק עפּעס צו שאפן. בלייבט עס אָבער פאָלק צו ווערן פארפאָלגט און גע־שלאָגן. א פאָלק געשלאָגן צו ווערן — יאָ, אָבער צו שאפן א לעבן — דאָס נישט. ווערט א פאָלק פון א דיסציפּלינירטער מחנה מיט א געמיינ־זאמען ציל צו א צעשראָקענער מאסע יחידים, וואָס איטלעכער זוכט זיך בעסער צו באהאלטן, צו אנטלויפן, ארויסדרייען זיך און מער גאָר־נישט.

אָבער עס מוז זיך סוף כל סוף אויספורעמען די באוועגונג וואָס וועט טראָגן אין זיך די גאנצע קולטור־ענערגיע, דעם גאנצן פּאָטענציעלן כוח פון יידישן לעבן אין אלע דורות. עס מוז קומען די אקטיוויקייט פון פּאָזיטיווער סינטעטישער יידישקייט, נישט נעגאציע, אָפּוואַרפן, אָפּקלייבן, נישט קיין סעלעקטיווע אויסגעשניטענע יידישקייט, נאָר די גאנצע, אינטעגראלע. עס מוז קומען די באוועגונג וואָס ירשנט גאָר די קולטור־ירושה פון לעבעדיקע יידן, די קולטור־ירושה פון יידישן לעבן, נישט קיין אויסגעטראכטע, צוגעשניטענע „יידישקייטן".

די קומענדיקע באוועגונג וועט נעמען ווידער דאָס, וואָס לעבט אין פאָלק, דעם גייסט, דעם שטייגער, די זיטן, די נשמה, די טרוימען, די הייל־ליקייטן און די עברות, די פאַרשטעלונגען, — אָט דאָס אינטים יידישע ביי די שיכטן פון פאָלק, וואָס האָבן נאָך אין זיך טראדיציע, און דאָס אלץ דערהויבן צו דער מדרגה פון תורה, — און אָט די תורה צוריק ארייננטראָגן אין לעבן פון פאָלק, עס זאָל לעבן און יווירן, ווייל תורה פון פאָלק און לעבן פון פאָלק דארפן זיין איינס, ווייל תורה און פאָלק

זיינען נשמה און גוף. דאָס האָבן מיר אויך זיך אויסגעלערנט פון עמיצן אַז תורות און לעבן זיינען באַזונדערע זאַכן. ביי אַנדערע, וואָס האָבן גענומען אַ פּרעמדע תורה און זי צעמזיקט, צעבלוטיקט און צעקלאַפּט אין די געצנדינערישע פעלזן פון די אייגענע הערצער... וועט די נייע באַוועגונג וויסן און פילן מיטן גאַנצן הארצן אַז „ישראל ואוריתא חד".

דאָס וועט זיין די באַוועגונג פון מאַניסטישער יידישקייט, גאַנצקייט אין געדאַנק און אין לעבן. לעבן לויטן גלויבן, און גלויבן אין לעבן. מאַניסטישע יידישקייט וואָס פאַרבינדט קיבוצים יידישע איבער דער גאַנצער וועלט נישט מיט צדקה און מיט צרות, נאָר מיט קולטור, מיט קולטור־שטייגער, מיט גלויבן, מיט אַ יידישן היינט און אַ מאָרגן. דאָס וועט זיין אַ באַוועגונג פון גאַנצער מאַניסטישער יידישקייט איבער אַלע דורות אין אַ צאָל אין פאַרגאַנגענהייט און אין אַ צאָל אין אייביקייט. דאָס איז דער מאָדערנער, דער נייסטער פּירוש פון „ד' אלהינו ד' אחד" — איין פאָלק, איין קולטור.

אַט די באַוועגונג איז שוין פאַראַן, זי לעבט אין אונדזערע נשמות. עס פעלט איר נאָר דער שם המפורש זי זאָל אַנהויבן ווירקן אין לעבן ביי אונדז.

די באַוועגונג האַלט נישט פון „וועלטלעכקייט" ווייל באַוועגונג, יעטווידער באַוועגונג איז גלויבן, איז דער היפוך פון וועלטלעכקייט. באַוועגונג איז נשמהדיקע געטרייקייט, תורה און מצוות, באַוועגונג איז אויך אַ שולחן־ערוך. אַ נייע אויפלאַגע פון אַ שולחן־ערוך אָבער אין אַ שולחן־ערוך וועלן מיר שטאַרבן. יאָ, מיר ווילן ווייטער לעבן מיט אַ „שמע ישראל" און מיט אַ „לשם יחוד" און מיט „הריני מוכן ומזומן לקיים מצוות" מיט אַ „קידוש השם" און אפשר וועט נאָך קומען אויך נישט איינמאָל צו אַ „יהרג ולא יעבור"... מיר שאַפן אונדזער פּירוש אויף יידישקייט און אונדזערע מצוות און עברות. עס קענען זיין אַנדערע מצוות און אַנדערע עברות, מצוות און עברות וואָס שטאַמען פון אונדזער לעבן. אַ וועלטלעכע יידישקייט — אין אַ „מען מוז" און „מען טאָר נישט" איז אַ תרתי דסתרי, אַ קעגנזאַץ, וואָס קען נישט געמאָלט זיין. ווייל יידישקייט להיפוך פון אַלע גוישקייטן איז נישט גוף, נישט

גשמיות, נישט לאַנד, נישט ביקס, נישט שטעט, נישט מוזיי. — רוחניות איז יידישקייט וואָס לעבט אין מצוות מעשיות, אין „עשהעס" און „לא תעשהעס". וועלטלעכקייט האָבן מיר צוגעטראַכט כדי זיך גרינגער צו מאַכן דאָס אַנטלויפן פון זיך.

אַט די נייע באַוועגונג, וואָס דאַרף איצט געבאָרן ווערן איז אויך נישט „יידישיזם". דען יידישיזם איז יידיש, יידיש איז לבוש, און לבוש איז נאָך נישט אינהאַלט. יידיש איז נאָך נישט יידישקייט. פון יידישיזם ביז יידישקייט איז נאָך א גרויסער מרחק. יידיש איז א גוף. אמת אָן דעם גוף קען קיין נשמה נישט עקסיסטירן, אָבער לגמרי נישט יעטווידער גוף פאַרמאָגט א נשמה. אַרויסגעריסן דאָס יידישע לשון פון מויל, — פאַרדאַרט אויך די יידישע נשמה אין האַרץ. אָבער פאַרקערט נישט. קען דאָס יידישע לשון זיין באַהעפט מיט א פרעמדן, נישט יידישן אינ־האַלט. עס קען זיין א יידיש, וואָס איז דורכויס איבערגעזעצט, א יידיש רעדן אָבער נישט יידיש דענקען, נישט קיין יידיש טראַכטן, נישט קיין יידיש איבערלעבן. אַזא יידיש איז א „דיבוק"־יידיש. א פרעמדע נשמה רעדט מיט יידישע ווערטער. מיט קיין דיבוקים קען קיין פאָלק נישט לעבן. יידישקייט מיינט א יידיש לעבן אין שטוב און אין גאַס, אין היים און אין געזעלשאַפט. עס מיינט יידיש דענקען, מיט יידישקייט אָטעמען, נישט זוכן ביי יעטווידער באַוועגונג אַרום ערגעץ ביי גויים א מוסטער, נישט וואַרטן אויף א הכשר פון קיין גויישן רב. טאָן און פירן זיך, ווי די אייגענע יידישע נשמה, די טאָכטער פון יידישע דורות וויל דאָס. אין זיך, אין די אייגענע יידישע נשמות פאַרטיפט זיך, זוכט דאָרטן דעם מענטש, דעם גאָט. און אַז מיר וועלן באמת זוכן, וועלן מיר געפינען אי זיך אי די וועלט, אי דאָס לעבן אונדזערס. וועט וועל־טישקייט פול ווערן מיט יידישקייט און מיט וועלטישקייט, ווייל בלויז די וועלט איז אַן אמתע, וואָס מיר געפינען אין זיך. יענע וועלט וואָס מיר קאָפּירן פון פרעמדע, — איז א מיראַזש, אַן אויסדרוקטעניש. איז די וועלט פון א יידישן קאַפּיטל תהילים, פון אנ—סקים „דיבוק" א וועלט א ממשותדיקע. אָבער די כלומרשטע „וועלט" וואָס די משכילים פון אלע דורות און אלע פאַרמאַציעס האָבן אונדז מיט די לעצטע שוויסן

געשלעפט אהין, — די איז מער נישט א מיראזש, פאטאמארגאנע און מער גארנישט. אויב יידישקייט, — איז אלץ, אומעטום אנטפלעקונג פון יידישער נשמה, גלוי שכינה זאלן זיין. און אויב דאס וועט נישט זיין, אויב אונדזערע נשמות זיינען צופיל זינדיק, וועלן מיר אמאל זיך מוזן שאפן א „סיג לתורה", און באנייען דעם דין: „ובחוקותיהם לא תלכו".

די נייע יידישע קולטור־באוועגונג באזירט זיך אינגאנצן אויף דער יידישער אייגנארטיקייט, זי זוכט צו אנטפלעקן און איבערצופורעמען דעם אייגענעם איך, דעם אייביקן „אנוכי". דער נאציאנאלער „איך" איז דער גאט פון פאלק, און טאקע נאכאמאל און נאך אמאל, „לא תעשה לך" — זוך זיך נישט קיין געטער: אדער ער איז ביי אונדז אין די הערצער, — אדער מיר האבן לגמרי נישט קיין גאט. און פון דאנען, פון דעם ערשטן געבאט שטאמט ארויס דער צווייטער געבאט:

די נייע באוועגונג שטרעבט צו קאנצעטרירטקייט און צו קאנצענט־ראציע. קודם כל קומט גייסטיקע און מאראלישע קאנצענטראציע און פון דאנען שטאמט קולטור־קאנצענטראציע פון יעטווידער יידישן קיבוץ אין זיך און צווישן זיך און א קאנצענטראציע צווישן יידישע קיבוצים, א פארבינדונג איבער ימים און לענדער, איבער גארער וועלט, א פאר־בינדונג פון אייגהייטלעכן שטייגער און פון אייגהייטלעכן גייסט.

אט די נייע באוועגונג נעמט אן דאס פאזיטיווע, דאס ארגאנישע שעפערישע פון אלע ריכטונגען, אלץ וואס איז אויסגעוואקסן אין קא־לעקטיוון יידישן לעבן, אלץ וואס דארף און קען אט די יידישע אייגנטימ־לעכקייט שטארקן און פלאנצן, אל דאס איז גוט, איז שעפעריש. די נייע באוועגונג ל י י ק נ ט בלויז דאס ל י י ק ע נ ע ן, ווארפט אפ דאס אפווארפן יידישקייט. נישט פרעגט ארץ ישראל צי נישט ארץ ישראל, יידיש צי העברעיש, — אל דאס פאזיטיוו ־יידישעס, אל דאס, וואס העלפט דערצו — אלע גלידער פון ארגאניזם זיינען גלידער לעבע־דיקע. דערוויטערט איינעם, — וויטאקט דער גאנצער ארגאניזם.

בראש וראשונה וויל די נייע באוועגונג זען פאר זיך א מאראליש גאנצן, פעסטן און שטאלצן אין זיך זיכערן יידישן מענטשן. ווי א

תולדה פון דעם פאַרלאַנג קומט דער דראַנג צו קולטור־קאָנצענטראַציע, צו א גאַנצן און פולשטענדיקן אויסלעבן זיך אין יידישקייט און פון דאַנען אין דער דריטער מדרגה קומט דער דראַנג צו סאָציאַלער קאָנצענטראַציע — צו לעבן אין יידישקייט א גאַנצן סאָציאַלן לעבן.

די נייע יידישקייט־באַוועגונג זעט איר תורה אין דער יידישער ליטעראַטור. זי, די ליטעראַטור, איז דער גאָלדענער באַנד, וואָס פאַרבינדט, וואָס קען פאַרבינדן יידישע קיבוצים איבער אַלע לענדער און איבער אַלע דורות. שלום עליכם און פרץ און די בעסערע פון זייערע יורשים זיינען דאָס די נייע צעמענטירער פון פאָלק. נאָך ריכטיקער — נישט די שרייבער. זיי זענען שטאַרביקע מענטשן, נאָר זייערע שאַפונגען. נישט משה האָט געשאַפן דאָס פאָלק, נאָר משהס תורה. בכן נישט די שרייבער; נאָר די שאַפונגען זייערע. געפירט פון די פּראָסטע יידישע טביהס און מנחם־מענדלס, מיט דער „מגילה פון פייער" אין האַרצן קען א גאַנץ פאָלק, זאָל עס זיין צעזייט און צעשפּרייט, לעבן צוזאַמען, גיין גאַנצערהייט שבתדיקע יידן, יום־טובדיקע יידן גיין און גרייכן צו די „צווויי בערג" און „אויב נישט נאָך העכער". מיט דער ליטעראַטור קען דאָס פאָלק־גולם, הונדערטער יאָרן אויף בוידעמער געלעגן, קען, ער גולם־פאָלק, נעמען חלומען פון גאולה, זוכן זיינע גואלים און ווערן אליין דער גואל צדק פאַר זיך און אפשר נישט בלויז פאַר זיך. אָט איז דער כוח פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער תורה.

קלאָר, נישט אַלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יידיש געהער צו יידישער ליטעראַטור. נישט אַלץ, וואָס איז אַמאָל געשריבן געוואָרן אין העברעיש איז אריין אין תנ"ך. נישט אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אַראַמיש איז אריין אין ש"ס. גאָרנישט וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אַראַביש און אַנדערע שפּראַכן, איז אריין אין יידישקייט. און נישט אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יידיש וועט זוכה זיין אריינצוגיין אין אונדזער יידישער תורה. בלויז דאָס וואָס טראָגט אין זיך טענער פון יידישער נשמה קען זוכה זיין צו דעם. אַל דאָס איבעריקע קען מען שוין איצט „דן זיין לגניזה". קיינער וועט נאָך דעם נישט בענקען. מיר דאַרפן נישט קיין ליטעראַטור פאַר מוזייען, פאַר ביבליאָטעקן. מיר

דאַרפֿן ספרים, ספרים דאַרפֿן מיר פֿאַר לעבעדיקע מענטשן. לעבעדיקע מענטשן זאָלן טראָגן די ספרים אין די הערצער זייערע. דאָס איז די יידישע ליטעראַטור און איר כוח. און פּונקט ווי אַמאָל, איז אויך איצט דאָס וויכטיקסטע צום לערנען נישט דאָס הייליקסטע, נאָר דאָס לעצטע, די נייסטע, די נייסטע פֿאָרמאַציע פֿון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס האָבן גוט געוווּסט די שעפֿער און פֿורעמער פֿון דער אייביקער יידישקייט, דאָס האָט גוט געוווּסט די טראַדיציע אונדזערע, וואָס האָט געקוקט אויף דעם לערנען תנ״ך ווי אויף אַן אַפּיקורסות. יעטווידער דור — און זיין תורה און מיר דאַרפֿן אויך געדענקען: פֿאָרויס קומט די תורה פֿון אונדזער דור — די ליטעראַטור.

אָבער במה דברים אמורים, ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, — ווען מיר וועלן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל גרונטיק אויסמעקן פֿון אונדזערע מוחות דעם נישט־יידישן כלל, אַז ליטעראַטור איז צום פֿאַרווײַלן מענטשען. זיי די אומות העולם, זיי לעבן מיט לענדער, מיט מדינות, מיט מלחמות, מיט אַרמייען, „על חרבך תחיה״ זיינען זיי. דאַרפֿן זיי ליטעראַטורן זיך צו פֿאַרווײַלן, צו פֿאַרברענגען: ווײַן, ווייב, ציגאַרעט, טאַנץ, ליטעראַטור. מיר יידן מוזן אָבער לעבן מיט דעם „קול קול יעקב״ פֿאַר אונדז איז ליטעראַטור — לעבן, ליטעראַטור איז „במקום־טעריטאָריע״ (ב. ריווקין) אָבער נישט במקום־רעליגיע. ווייל עס איז רעליגיע, אַ נייע מאָדיפֿיקאַציע פֿון רעליגיע, ליטעראַטור דאַרף זיין פֿאַר אונדז „בשבתך ובקומך״; „והגית בה יומם ולילה״, ווער עס מיינט, אַז ליטעראַטור דאַרף אונדז בלויז פֿאַרווײַלן, העלפֿן פֿאַרברענגען אַנגענעם אַ שעה — דער קאָן נישט זיין קיין ייד.

ווי אַמאָל אַזוי היינט שטייט די יידישע וועלט אויף דריי יסודות: על התורה, און על העבודה. אונדזער עבודה איז שטייגער, איז יידיש לעבן, יידישע היימען און יידישער פּיר. אונדזער עבודה איז קונסט. ווידער אַמאָל קונסט נישט לשם פֿאַרווײַלן אונדז. קונסט ווערט דאָ געמיינט מיט אַ לשם יחוד צו אַנטפּלעקן אין פּלאַסטישע פֿאָרמען די יידישע נשמה מיט אירע איבערלעבונגען, כדי זיי, די אויסקריסטאַליזירטע פֿאָרמעס, זאָלן צוריק גיין אין יידישן לעבן אריין און דורך דעם לעבן —

אין יידישע הערצער. יידישע קונסט — אלע מאָדערנע פאָרמען פון קונסט — דארפן איינגעשפּאנט ווערן כדי צו געפינען א תיקון פאר די יידישע נשמות „דאזלין ערטילאין”, פאר די אָנגעהויפטע „תלי תלים” יידישע געדאנקען, רעיונות, געפילן, איבערלעבונגען וואָס זיינען פאָרמלאָז, וואָס האָבן נישט קיין גוף. און קונסט איז פארקערפּערונג, און קונסט איז אויסלייזונג פון גאנצע וועלטן פון אמאָל און ביז היינט, פון אמאָליקע בליציקע מאמרות ביז אזוינע גראנדיעזע ציקלען ווי א לוי־יצחק (נישט דער היסטאָרישער מענטש, נאָר דער טיפּ אין פאָלק) ביז א שייקע פייפער און מאָטקע כאבאד (ווידער אמאָל, נאָר נישט קיין „היסטאָרישע ווירקלעכקייט”).

דער דריטער יסוד פון יידישקייט איז די סאָציאַלע פארבונדקייט. אָבער פון וואנען קען קומען אָט די נייע באוועגונג? — בלויז אין און איינציקן מקור זע איך פאר איר, דאָס זיינען די יידישע קרייזן, וואָס לײדן נישט פון יידישער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס. אָדער דאָס וועלן זיין די, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זינגען; „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר, אָבער יידן זיינען מיר”. די וואָס האָבן קיינמאָל נישט פארקוקט זיך מיט קנאה אויף פרעמדע געטער. אויף גאָלדענע קעלבער, קיינמאָל נישט געבענקט נאָך פרעמדע קולטורן. אָדער די, א ד ע ר ד אָ ס וועלן זיין אמתער בעלי תשובה, וואָס האָבן זיך אינגאנצן אויסגעהיילט פון דעם מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס.

ווו זיינען זיי? זיי זיינען דאָ. איך גליוב אין זיי, אין יידישע המונים. זיי — דער גולם־פאָלק וואַרט אויף דעם אמתן שופר של משיח פון יידישן וואָרט. די צרה איז די וואָס אָט דאָס וואָרט מוז געזאָגט ווערן פון א יידישער אינטעליגענץ, און די איז צופיל טמא, צופיל האָט זי געזינדיקט מיט פרעמדע קולטור־געצן. עס געדויערט לאנג, עס מוז געדויערן לאנג ביז וואנען די יידישע אינטעליגענץ (די אמת יידישע מיין איך) וועט זיך אויסלייטערן אין יסורים און וועט קענען ארויסזאָגן דעם שם המפורש, וואָס וועט וועקן מאסן צו א יידישן לעבן.

מיר האָבן צוליב אונדזערע גרויסע זינד צוליב אונדזער אינטעליגענטיש בלאָנדזשען אויף די וועגן פון פרעמדן לעבן — נישט זוכה

געוועזן דאס ווארט זאל קומען בשעתו. צוליב אונדזער זינדיקייט איז פרץ צו פרי געשטארבן. דוד המלך האט נישט געקענט בויען דעם בית המקדש, ווייל ער האט געזינדיקט מיט בלוט פארגיסונג. פרץ האט נישט זוכה געווען אויסצובויען דעם נייעם בית המקדש, ווייל ער האט געזינדיקט מיט השכלה, האט זי טמא געמאכט זיינע לעפצן, האט דער „שם המפורש" געלעבט אין אים, אבער ארויסזאגן אים האט ער נישט געקאנט. איז פרץ ווי זיין מקובל געשטארבן עטוואס פריער איידער ער איז דערגאנגען צו דער העכסטער מדרגה פון „כל עצמותי תאמרנה".

האט ביאליק נישט געקענט זוכה זיין צום „שם המפורש" ווייל ער האט קוקנדיק צו די אויסגעטרוימטע גרויסע פארשטיינערטע „מתי מדבר" פארזען און נישט באמערקט דעם לעבעדיקן קליינעם למדוואָוו־ניק.... דאס פאלק ווייסט, אז דער כוח פון לעבן לעבט נישט ביי גרויסע געשטארבענע גבורים, נייערט ביי פראסטע, פארבארגענע און שטילע למד וואָוו, וואס קיינער דערקענט זיי נישט. ביאליק האט זיי אויך נישט דערזען, נישט דערזען און נישט דערשאצט. זיינען מיר צוליב אונדזערע זינד נישט זוכה געווען ביז איצט צו דער ערשטער גאולה, צו דער גייסטיק־מאראלישער אויסלייזונג, צו דער אינעווייניקסטער ריין מענטשלעכער באפרייאונג פון דענקען און טראכטן ווי קנעכט, פון זוכן גאולות פון פרעמדע הענט און לויט פרעמדע מוסטערן.

און ווי פריער אזוי איצט שרייט די יידישע נשמה פון פאריאושטן תנחומען — „ווער וועט ראטעווען?" „ווער קען ראטעווען?" (לייוויק).

און דאך! כאשט ער זאמלט זיך, גלייב איך פארט, ווארט איך פארט אז ער וועט קומען. דאס איז די נייע יידישקייט־באוועגונג, וואס מוז קומען, וואס וועט קומען. ווייל איז דעם, וואס וועט צו איר זוכה זיין.

אינהאַלט פון דריטן באַנד

די אויפגאַבן פון יידישן געדאַנק .... זייט 7
שמועסן וועגן יידישער געשיכטע .... „ 17
וואָס איז געשיכטע? .... „ 18
היסטאָריזאַציע אָדער אַקטואַליזאַציע .... „ 19
דער קולטור־קאַמף אין פאָלק איז די אַקס פון יידישער
געשיכטע .... „ 29
משה וויל צונויפצעמענטירן אַ פאָלק .... „ 34
יידן אַסימילירן זיך אויך ביי זיך אין לאַנד .... „ 39
די שריפט נביאים .... „ 47
די גאולה וואַקסט אַרויס פון גלות .... „ 55
שיבת ציון — דער גלות בויט אָפּ ארץ ישראל ...... „ 62
אַ תקופה אין געשיכטע .... „ 66
דער חשמונאים־קאַמף .... „ 70
די פאַרטייען אין פאָלק .... „ 74
דריי יידישקייטן, דריי לענדער, דריי גורלות .... „ 82
אַסימילאַציע־כוואַליעס ביי יידן אין אַלטערטום .... „ 92
די וועגן פון דער יידישער טראַדיציע .... „ 111
יידן און בלוט־פאַרגיסונג .... „ 147
כעס אין אונזער געשיכטע, רויער כעס .... „ 163
מענטשלעכער כעס .... „ 172
רציחה און דירעקטן כעס .... „ 180
כעס אין יידישער קולטור געשיכטע .... „ 184
יידישער כעס .... „ 189
יידישער אַנטיסעמיטיזם .... „ 208
עגאָפּאַביע ביי יידן .... „ 233
סך הכלען און אויספירן .... „ 266